STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00474

LIDER

Aaron Kurtz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אַרן קורץ

רעדאַקטאָר : אַווראָם ביק
ביבליאָגראַפיע : יעפים ישורין
שלוסוואָרט : אָלגע קאַבראַל־קורץ
הילע : מוישע קיש
פען־פּאָרטרעט : מאָרים קאַלעם
אויל־בילדער : וויליאַם גראָפּער
טעכנישע פּלאַנירונג : בעניאָמין קאַץ
קאָרעקטאָר : י. לייזעראָוויטש

אַרן קורץ
לידער

AARON KURTZ

POEMS

Copyright, 1966
by OLGA KURTZ

Library of Congress Catalog Card
Number: HE 66-150

Published by
Aaron Kurtz Book Committee
New York, 1966
Printed in U.S.A.

363

אַרן קורץ בוך־קאָמיטעט:

שין לעוו־לאַנדאַו, פאָרזיצער

איציק פרידמאַן, סעקרעטאַר־קאַסירער

ראָוז אַראָנאָף
ש. בודין
אַווראָם ביק
מאַרטין בירנבוים
ש. דאַווידסאָן
ל. דינסקי
יורי סול
אָלגע קאַבראַל־קורץ
בעניאָמין קאַץ
נ. ד. קאָרמאַן
מאָרישע קיש
י. ראָזענבאום

זיין ליד איז געבליבן

די צייט איז דער איינציקער אָביעקטיווער פּרואוושטיין פאַר דעם באַגריף, וואָס מיר רופן אומשטערבלעכקייט. דער וועג פון דעם וואָרט־קינסטלער אין זיין געראַנגל מיט די פּראָבלעמען פון זיין דאָר און זיין עפּאָכע, זיין ווילן זיך אַרויסצורייסן פון געווינלעכן, שאַבלאָנעם אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער קונסט, און זיין אַוועקשטעלן זיך אַף דער פראָנט־ליניע אין אַ פאַרמעסט צווישן אַלטן און נייעם—דאָס אַלץ מאַכט, אַז זיין שאַפן זאָל בלייבן ניט נאָר פאַר זיין צייט, נאָר אויך פאַר דער אייביקייט.

אַרן קורץ איז געווען אַ יידישער דיכטער, וואָס האָט, ווי אַסאַך פון זיינע מיטצייטלער, אָנגעהייבן שאַפן אין צווייטן צענדליק פון דעם יאָרהונדערט, אָבער אַנדערש ווי זיינע כאַווערים־פּאָעטן האָט זיך זיין שאַפונגס־קייעך ניט איבערגעריסן. ער האָט געשאַפן אַלע יאָרן, מאַמעש ביז זיין לעצטן טאָג, ווען דער טויט האָט אַרויסגעריסן די פען פון זיינע הענט און איבערגעריסן זיין געזאַנג. געבליבן איז פון אים אַ שעפע מיט ליד, געדרוקטע אין בוכפאָרם, אין צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס פאַרבלייבן אַ לירישער אָפּרוף אַף די פּראָבלעמען פון זיין צייט און בלייבן אויך פאַר דער אייביקייט.

אַרן קורצעס ליד איז געוואַקסן מיט דער צייט. אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, באַם אויפקום פון „פּראָלעטפּען", האָט ער געשאַפן זיינע לידער און פּאָעמעס וועגן צייט־קאַמפן („סאַקאָ און וואַנזעטי", „סקאָטסבאָראָ"), אין די דרייסיקער יאָרן—די איינציקע אין דעם מין „נאָ פּאַסאַראַן" לידער און באַלאַדעס וועגן שפּאַנישן בירגערקריג, און שפּעטער, וועגן נאַצישן גרויל און די אַליאירטע, דער איקער סאָוועטישע, אַנטי־נאַצישע שלאַכטן און דעם גרויסן יידישן כורבן. יעדער ליד איז געווען אַ קינסטלעריש־אידייאישער אויסדרוק פון זיין צייט.

ווי אַ נאָוואַטאָר, אַ באַנייער פון פאָרם איז קורץ דאָך ניט געווען פריי פון השפּעה. אַ דירעקטן איינפלוס האָבן אַף זיין ליד געהאַט די צוויי פּאָעטישע ריזן: וואָלט וויטמאַן און וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי. אין זיינע ברייטע, דעקלאַמאַטאָרישע שורעס איז קאָנטיק סיי דער ברייטאַקסלדיקער וויטמאַנישער נוסעך, וואָס איז מיט הונדערט יאָר צוריק אויפגעגאַנגען אין די ברייטע פּרעריס פון לאָנג איילאַנד און אין די לאַבירינטן פון דער ריזן־שטאָט (נויאָרק), און אויך דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט און פּלאַקאַטן־נוסעך פון דעם „אָקטאָבער־זינגער" מאַיאַקאָווסקי. אַרן קורצעס פּאָעטישע נאָוואַטאָרישקייט, זיין אָריענטאַציע אַף אָראַטאָרישקייט און געשפּרעכמעסיקייט אין דער דיכטונג האָט צום

ערשטן מאָל אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פאָעזיע דעם וויטמאַן-מאַיאַקאָווסקי טאָן און דאָס איז זיין אויפטו פאַרן יידישן ליד.

נאָך וויכטיקער איז, וואָס ווי די צוויי דערמאָנטע פאָעטן-גיגאַנטן, וואָלט פון לאָנג-איילאַנד און וולאַדימיר פון קאַווקאַז און לענינגראַד — האָט אויך ק ו ר ץ גערופן די פאָעזיע זי זאָל זיין פ אָ ע ט י ש אין פאָליטישן זין און פ אָ ל י ט י ש אין פאָעטישן, און דערפאַר זיינען זיינע לידער, וואָס זיינען, דאַכט זיך, בלויז אַקטועל-פאָעטישע אימפראָוויזאַציעס, געבליבן ניט נאָר פאַר זייער צייט, נאָר אויך פאַר שפעטערדיקע צייטן. געבליבן זיינען זיי ווייל אין דער רייכער גאַמע פון זיין צייט-ליריק האָבן וויברירט די קאַמפן און טרוימען פון זיין קלאַס, זיין לאַנד אַמעריקע און זיין יידיש פאָלק, וואָס לעבט אין טעל-אַוויוו און בוענאָס-איירעס, אין מאָסקווע און ירושלאַאים, אין וואַרשע און נויאָרק.

ווי אַן עכטער דיכטער איז אַרן קורץ געווען פאָלקסטימלעך ניט נאָר אין אינהאַלט, אין זינען פון אויסדריקן די געפילן פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס-מאַסן, נאָר אויך אין סטיל, אַריינגעמענדיק אין זיין ליד און פאָעמע דעם פאָלקישן אויסדרוק און אידיאָם.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַרן קורץ האָט געהאַט אַ אָנזעעוודיקע האַשפאָע אַף דער דיכטערישער אָריענטאַציע פון יינגערע קאָלעגן-פאָעטן אין פאָרמעלן און אינהאַלטלעכן זין.

באַם לעבן האָט דער דיכטער ניט זויכע געווען אַליין אָפצוקלייבן און אַרויסגעבן זיינע לידער. אָבער זיין ליד איז געבליבן! דער רעדאַקציע-קאָמיטעט פון זיינע כאַווײרים און פריינט, וואָס האָט דעם באַנד צונויפגעשטעלט פון פאַרגעלטע צייטונגען און זשורנאַלן, פון פאַרבליבענע קסאַוו-יאַדן און אויך אָפגעקליבן לידער פון זיינע געדרוקטע ביכער — ברענגט איצט זיין ליד פאַרן לייענער — סיי פאַר די וואָס קענען זיי פון פריער, סיי פאַר די וואָס האָבן זיי נאָך פריער ניט געלייענט.

באַם צונויפקלייבן דעם דיכטערס לידער און פאָעמעס האָבן מיר איינגעטיילט דאָס בוך לויט אַ כראָנאָלאָגישן סיידער, גלייבנדיק, אַז אַזאַ מין אויסוואַל גיט דעם לייענער אַ באַגריף פון דעם פאָעטס גאַנג און אַנטוויקלונג און אויך פון זיין אייגנאַרטיקן בייטראָג פאַר דער יידישער פאָעזיע. עס זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן די גרעסערע ווערק „פיגאַראָ”, און „מאַרק שאַגאַל”, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איין פאָעטישע גאַנצקייט, יעדע באַזונדער, ווי אויך זיינע קריטישע עסייען וועגן דיכטונג און ליטעראַטור בעכלאַל.

עס איז צו האָפן אַז דאָס ליד פון דעם דיכטערס שוין אַף אייביק-פאַרשוויגענע ליפן וועט אויפלעבן אַפסניי, און בלייבן ווי אַ קרנ׳דיק (קערנדיק) געזאַנג, און אַ קערנדיקער פאָעטישער אויפטו אין דער יידישער ליטעראַטור.

נאָר אַף אַזאַ אייפן וועט אַרן קורץ בלייבן לעבן אין זיין ליד.

אַווראָם ביק

באַנד
איינס

לאָמיר זיך צונויפֿנעמען און זינגען.
לאָמיר אויסזינגען, דערציילן און באַרימען אַמעריקע.
מיר זײַנען דאָס געזאַנג פֿון דער מיסיסיפּי און לייק האַנטינגטאָן,
פֿונעם האָדסאָן, ניאַגאַראַ און לייק מישיגען.
ווי די פֿעלדער ברייטע טײַכן
זײַנען מיר די פֿאַרבן פֿון דעם רײַפֿן ליד אַמעריקע.
ווי די הויכע, רײַפֿע וועלדער
זײַנען מיר דער יונגער כּוח פֿון אונדזער גילדענער געשיכטע.
מיר זײַנען דאָס פּנים
אין וועלכן ס'קוקט זיך שטענדיק אײַן דאָס לאַנד
און שפּיגלט זיך, און פֿרייט זיך
פֿרייט זיך אויס און גרייט זיך, גרייט זיך גרויסאַרטיק
אונדז אַלעמען פֿאַרכאַפּן
צו דער גרויסער ברייטער וועלט־תּקופֿה
אויף אַלע ברייטע און בלויען אויסגעצויגטע פֿעלדער.

לאָמיר זיך צונויפֿנעמען און זינגען.
און זינגען לאָמיר ניט וועגן אַנדערש ווי דאָס פֿרייענדיקע תּקופֿהדיק
ווי די וועלט די גרויס, ווי דאָס לעבן טאָל,
ווי קינדער פֿריילעך
און ווי ליבע ליב
צווישן גוט־דערוואַרעמדיקער זון און שוואַרצשטאָלענער לבֿנה
אַלע פֿרײַער פֿרישער גרינער צוזאַמענפֿלעכטונג.

לאָמיר זינגען אונדזער תּקופֿהדיק פֿון כּוחער רײַפֿקייט פֿון
פֿון שטאָל און קויל, פֿון גערעדער און ווייץ, גרעזלעך,
פֿון הימל־באַוויגן און מענטש־מאַשינעס,
פֿון וויסן און געוויסן.

פֿאַקסימיליע פֿון קורצס האַנטשריפֿט



צוויי
שטעט

(פונעם בוך „כאַאָס“, 1920)

דרעמלענדיק, האָב איך דערהערט אַ קאָל: נ ו - י אָ - ר ק ! —
האָט מיין כאָלעם זיך דערשראָקן
און אַנטלאָפן
דורכן רויכיקן טונעל —
זיינען אַלע זיינע שיפן
באַלד אַראָפּ צום גרונט,
די מאַסטן אין דער העלפט צעבראָכן
און קיינעם פון די פּאַסאַזשירן
ניט געבראַכט צום ברעג — — —

אין דער גערעמקייט פון איר וואָקזאַל
האָב איך דערקענט די פרייהייט פון אַ וועלט
וואָס לעבט אַף יענער זייט פון אונדזער בליק —
בין איך שוין דאָרט געווען
נאָך איידער ס'איז די באַן אַהין געקומען — — —

אין די געשליפענע אויגן פון די הויכע ווענט
בליט דער וואַיאַזש-פיבער פון דער וועלט —
צינדט ער אָן האַלב-אויסגעלאָשענע פייערן
אין אויגן אונטער שוואַרצע גלעזער — — —

אַף דיינע גאָלדענע קופּאָלן טאַנצט די זון
מיט באָרוועסע פיס
און באָדט זיי אין דיין בראַנד —
אַף דיינע גאָלדענע קופּאָלן טאַנצט די זון
און אין דיינע גרויסע אויגן טאַנצט דער גלאַנץ
פון הונגעריקן שווערד!

וואו וועט זיין מיין ערשטער אָפּשטעל?
וועמענס טיר — צו ערשט?
וועמען וועל איך געבן שאָלעם
צו קריגן עס צוריק
מיט פולער האַרץ?

גיי איך איבער גאַסן —
ביז איך כאַפּ זיך אַז דער טאָג
האָט זיך פאַרבייגערוקט.
מיין אויג —
און קיינער וויים נאָך ניט
אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער —
וואָס זוכט וועמען צו געבן שאָלעם.

ראָטגערס סקווער

אַף ראָטגערס סקווער בין איך געזעסן און געטראַכט
געטראַכט, ווי גוט עס איז צו וואוינען אין ניו־יאָרק :
גייסט אַרויס אַף איסט בראָדוויי באַגעגנסטו אַזוי פיל יידן.
און ווערן איינגעמאַטערט דיינע פיס, זעצסטו זיך אַף ראָטגערס סקווער
און רוסט :
קוקסט אַריין אין טיפע אויגן און אין שאַרפע פּענימער.
הערסט זיך צו צו רייד פון פלאַמיקע נעשאָמעס
וואָס קאָנען אומברענגען און אויפבויען אַ וועלט.

ס'איז נאָך גאָר אַ פריע שאָ, ווייט פון האַלבן טאָג,
נאָר די אַסיפעס הייבן זיך שוין אָן ;
מע רעדט באַנאַנד, באַצענט און מער און מער.
יעדערער איז ערנסט.
יעדערער גערעכט.

ווייסע קעפּ ציען זיך צום הימל.
אויגן גראָבן זיך אין שטויב פון באָדן.
ווערן דאָ מעגאַלע די סוידעס פון אַלע זונען און פלאַנעטן
שפּאַרעוודיקע טריט און שמייכלס.
איזאָלירונג און גלויבן.

אַף ראָטגערס סקווער —
אַף ראָטגערס סקווער לייכט אויף צוריק די שכינע פון שאַדאַי, —
וואָס מיינע ווייטיקן האָבן פאַרטונקלט,
און געשטאַלטן פון געטער וועמעס לערן
איך וועל עפשער ווען ניט איז נאָך אָננעמען.

אַף ראָטגערס סקווער,
צווישן די אַלטע און יונגע יידן, וואָס יעדערער פון זיי
איז עפשער אַ פאַרבאָרגענער מאָשיעך.

די לעוואַיע

(פונעם בוך „פּלאַקאַטן״, 1927)

מיר גייען נאָך אַלע אַרום מיט ניט-געשלאָפענע אויגן פון
אייער לעצטער,
מעסערדיקער נאַכט, ברידער.
נאָר אונדזערע אויגן זיינען
קלאָר,
ווי די שטימען פון אונדזער מיליאָניקן כאָר
וואָס באַזינגט אייער טויט אַף
די גאַסן
פון טורעמדיקן ניו-יאָרק.
אונדזערע רויטע טעג און זייערע שוואַרצע נעכט האָבן אייך געבראַכט
אַף אונדזער סקווער
צום לעצטן מאָל.
וואַנזעטי, וואו איז דיין פישוואָגן?
סאַקאָ,
וואו איז דיין אָל?
מיר האָבן, אָט זיינען זיי ביידע. מיר וועלן די שאָטנס פון לעצטע נעכט
אָניאָגן, —
צעלעכערן זייערע בלעכענע ברוסטן, טאַנצנדיק באַ אונדזערע לעוואַיעס,
לויט די טענער פון פאַסטאָראַלער זיסקייט פון זייער שלעפערדיקן פיאָל.
פאַרנאַכט.
אָנגעצונדענע הימלען איבערן סקווער.
פופצן טויזנט קעפ-שפּאַלטערס היטן אונדז מיט שטעקנס.
דער הימל איז אונדז היינט ניט שווער. מיר פירן אַ
לעוואַיע
מיט מוט און
מיט געזאַנג.
שווער איז נאָר אָנקוקן די אָנגעברענטע שטאַנג וואָס צאַמט די
טריט פון
אַ מיליאָן ניו-יאָרקער ברידער.

שוואַרצע אורנע,
רויטער אַש.
פּאַטריאָטישער קאַמופלאַזש
צאַמט דעם וועג אַ פֿאָלק נויאָרקער אַרבעטער אין טרויער,
העי, דורך וויטיק און טרויער,
דורך געשפּאָלטענע קעפּ איז
דער וועג.
געזאַנג ווערט פון אונדזער טרויער, רויט —
דער שוואַרצער קרעפּ.
דורך גאַסן, דורך אייערע גאַסן
גייען מיר זינגענדיק : באַזינגען דעם טויט פון
צוויי העלדישע ברידער.
דורך גאַסן פאַרשטעלט מיט מילכאָמע-האַרמידער, באַווירעט
מיט סינע אין בלאָע גאַרניטערס, אונטער די פּיס פון
די שלאַכט-גרייטע פערד,
זינגען מיר לידער פון פרייד צום מאַרטירערשן טויט.
שרעקט ניט ! —
מיר ווילן, מיר קענען
באַצאָלן.
מיר שטאַמען פון גרונטיקע סטוואָלן, נאַר
מיר וואַקסן אין ליים און אין רויך און אין זון, צו
דער רייפקייט
פון פולע, געזונטע געוויקסן.
פייפט מיט די שטעקנס, צילט מיט
די ביקסן,
שטריקט און
קניפּלט די
פעטליעס,
באַוואַרפט אונדז די העלדזער מיט שטאָלענע רינגען :
מיר גייען דורך קוילן, דורך סינע און טרויער, גייען און
זינגען
לידער פון פרייד,
פון זיג און פון ליבע
צו אונדזער טויט.

די לעוואַנע

אין מיין הויזנקעשענע

(קעמאַט אויטאָביאָגראַפיש)

אין אַ שטעטל,
ענג,
ווי אין אַוראַהאַם רייזענס אַן אָרעם בעטל,
איז
געבאָרן אַט דער יאַט
וואָס זינגט אַ נייעם, פּאָליטישן טראַקטאַט אין פערזן און אין גראַמען.

געוואַקסן באַ די באַגינענדיקע פלאַמען פון
אַ דאָרפישן בעקער-אייוון,
בין איך צו צען יאָר געוועזן אַ מייוון אַף שלעכט-געמישטן מעל און
אַלטן הייוון,
אַף האָלץ וואָס פלאַמט און פלאַקערט, און,
וואָס ברענט מיט שטילן, פרידנדיקן פייער.
און אַז אין שטעטל האָט זיך אָנגעכאַפּט אינמיטן נאַכט אַ שייער, האָב איך
געמאַכט

פון פייער-ליד
אַ יאָנטעוו אין דער נאַכט.

און אַט,
האָט זיך צו אונדז אין שטעטל געקליבן אַ גאַסט : אַ קאָמעט.
ווייבער האָבן געוויינט, מענער האָבן גערעדט. מיין מאַמע האָט געשפּינט
וואָל, אָדער אַ קאָלדרע אויסגענייט
פאַר דער גווירטע פון שטעטל און —
געשוויגן.
דער טאַטע האָט געהובלט נייע פענצטער פאַרן קאָסטיאָל און זיך אויסגעהיט
פון קריגן זיך

דער מאַמען
איבער דעם פייערדיקן גאַסט.

אַז אַ סרייפע אין שייער איז אַ יאָנטעוו,
טאָ וואָס איז אַ
קאָמעט
מיט אַ פייערדיקן עק ?

בין איך געווען פֿאַרטאָג דער ערשטער אױפֿן העכסטן באַרג באַם שטעטל.
און אַזוי ווי ס׳איז נאָר אָנגעקומען דער קאָמעטל, אָנגעקומען און
אַוועק, —
אָן אַניספּעלדם אָדער באַקסטס דעקאָראַציעס, —
אַפֿילו ניט אַ לייכט געטאָן מיטן עק,
האָט דאָס שטעטל מײַנס געמאַכט אַזאַ אָוואַציע
אַז איך בין בײַז געוואָרן
און אַנטלאָפֿן.
אָבער אַ יאָנטעוו האָב איך געמוזט מאַכן יענעם טאָג, האָט אין אַ שאָ אַרום
געבערענט
דער וואַלד
אױף באַראַוואַוכער באַרג.

און איצט,
נאָך די אויטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן,
ווײַל איך אײַך דערציילן אַז די לעוואָנע האָט שפּיצן. דערפֿאַר
טראָג איך זי קיינמאָל ניט אין האַרצן, נאָר —
אין מײַן טיפֿער הויזנקעשענע.
כאָטש זי איז גראָד אַ זילבערנע, ניט קיין מעשענע, ווי עס ווילן האָבן
אייניקע מאָדערניסטן,
ווײַל איך פֿאָרט ניט פֿאַרלירן די זון און טוי פֿון אַ באַגינען
צוליב אירם אָן אוונטל אַ פֿאַרזיסטן
פֿון פֿאַרכאַלעשטער בלאָקייט דורך
פֿאַרשלאָפֿענע צווייגן. (זיפֿצן — שווייגן, —
דערמאָנען איר נאָמען און —
לאַיגן)
טאָקע דורך דעם האָט זי
אַזוי פֿיל מוט
אומצורוקן זיך צווישן אַזוינע פֿײַן געמאַכטע, פֿייערדיקע פּלאַנעטן און
צו שטופּן זיך
צו הייסע כופּע־בעטן.
אָבער מיר
וואוינען אין דער שטאָל־סקעלעטן־שטאָט נויאָרק.
אונדזערע יאַטן היטן אױף זייער געבאָט: זיי קלעטערן
הויך, און
העכער,
שווינגען, צעלייגן
געצונדענע, שטאָלענע שטאַבעס
איבער די קעפּ און
די דעכער

פון היסטאָרישע פאַררעטער. יענע, נעבעך, ליגן
באַ די פאַרכיילעוועטע פּאָלעס פון זייערע פאַרזעסענע געטער, — די דינער,
מיט זשאַבעס אין
ברוסט
אָנשטאָט הערצער, —
ווײל איך אומטראָגן די לעוואָנע זייערע אין מײַן הויזנקעשענע.
וועט זי ווײניקער ווירקן אַף די סענטימענטאַלע נעכט. דער,
וואָס טוט וואָס
איז רעכט,
טוט דאָס מיט דער הילף פון זון און פלאַמענדיקע וועלדער.
דערפאַר איז די זון אַלעמאָל מיט די
וואָס ווייסן ווי זיך
צו כאַווערן מיט דער לעוואָנע, צו ברענען פּאָרוויז
ווי די זון
אין דער לעוואָנעס מילדקייט.
און
דערפאַר —
ווײל אָפט ווערן אונדזערע אינטימסטע טואונגען געשפּילט פאַר אירע
גוטע אויגן,
מיין איך אַז מען מעג דאָ
אַפן היפּעריסטישן בויגן
פאַרצייכענען
אַז אירע העלע שפּיצן זײַנען גליד-שוועסטער
צו די פולע,
פרישע ציצן
וואָס אַנטבלויזן זיך באַנאַכט אין וואַלד און פעלד, די קילע
נאַקעטקייט וואָס פיבערט
פון ליבשאַפט צו
דעם העלד, דעם דאָן קיכאָט, דעם
דאָן זשואַן.
ווײל אונטער אַ לויטערער לעוואָנע איז
פון פאָר-שפּיל, צום ווענוס-בערגל, פון בלאַ-באַלויכטענע אָרעמס
צו זון,
צו רעוואָלוציע (צו אַלץ וואָס שפּינאָזע רופט : גאָט)
אַ מינדסטער שפּאַן.
און אַז די זון אַליין
בליצט און בלאַנקט איבער אַלע שווערדן פון
די רויבערישע לענדער,
דאַרף איך,

איר באַוואוסטזיניקער ברודער, זיין
איר שענדער?
צוליב אַטדי אַלע (קאָנקרעטע) אַבסטראַקציעס
דאַרף אַן אָרנטלעכער מענטש טראָגן די לעוואָנע אין
זיין הויזנקעשענע,
די זון אין האַרצן און
זיין האַרץ —
אין קאָפּ.
וואָרום — אַך, ווי גרויס
עס איז
צווישן קרעמער־פעלקער די קינע. נאָר, גרעסער איז
זייער ליבע צו
דער גילאָטינע.
אין פלאַקערדיקע נעכט פון אַנטשיידונג
זאָלן זיי פּאַסעווען די הויזן מיינע, מיינע פּיס און
די לעוואָנע.
זאָלן זיי לעכערן מיין קאָפּ, מיין האַרץ פאַרשפּיזן אַף
אַ ברעג פון זייער טעהאָם,
אָבער לעכערן די זון
וועלן די שאַרפסטע פירער פון דער גרעסטער קראָם ניט קענען.
ווען די שוואַרצע וועלט וועט ברענען
וועט די זון זיין
מיין קאָפּ.
און ווען די שטאַרבנדיקע פרינצן וועלן זיך רייסן אַרום דעם
מינץ־און־האָניק טאָפּ
אונטער דעם געל־אָדלערדיקן באַנער,
וועל איך שרייבן פּאָעזיע אונטער אַ רויטער פאָן, אין אַט דעם אַ זשאַנר.

אַזוי צילט און טוט דער יאַט וואָס וויל דאַווקע ז י נ ג ג ע ן
אַ נייעם, פּאָליטישן טראַקטאַט אין פּערזן.

צו דיר, מיין שטאָט

(פון בוך „די גאָלדענע שטאָט", 1935)

שטאָט פון דורכגעהעלטע קובן. שטאָט פון
ליטערדיקע ווענט. זון־צעגליטע טשובן — דיינע טורעמס,
קופּערדיק געבלענדט.

אימפּעט, ווי די זון — אויף גלאָז,
אויף דעכער,
מויערן און גאַסן.
וואונדער פון
אורבאַנישן אַפּאָטעאָז,
וואָס צינדט אָן אַלץ, וואָס איז געלאָזן.

שטאָט פון שטייגנדיקע עטאַזשן: אָנהייב,
נאָך גאָטישער אַרכיטעקטור —
נאָך רואיק־באַלאַנסירטער פּאַזע, אומרו פון
קוביסטישער סטרוקטור.

שטאָט פון שטאָל און שטיין און שונד,
שטאָט פון מוירעדיקן גאָלד.
ניישטאָט פון
דעם אַלטן בונד —
פון הערשער, קירך און יאָלד.

שטאָט פון שטאָלענע עקספּרעסן. שטאָט פון וואָל סטריט
און קאַנאַל. — גאָלדשווערדיקע
עקסצעסן
אין דיין אַזאַרט־שפּיל: שטייג־און־פאַל.

שטאָט פון וואוילטיק און פון הונגער.
שטאָט פון טאָרבע און פון גליק.
וואו דאָס גערעכטע ווערט
פאַרשלונגען
אונטער גאָלדנמייסטערס בריק.

שטאָט פון טראַגישע קאָנטראַסטן, שטאָט פון גרויס־מאַרק
און געלאַף — פון קרעמערשע,
פּאָליטישע באַמבאַסטן,
אַפן כעזשבן פון
דעם הונגעריקן שקלאַף.

צו דיר, מיין שטאָט
פון העלנדיקן וואונדער,
און צו דיין הימלדיקן דראַנג,
צו מיינע ברידערס מעסערדיקע וואונדן — מיין ווייטיקדיק
און ליב געזאַנג.

הונגער אין גאָלדענע צעבערס

ס'איז אַ הונגער אין לאַנד פון גאָלדענע צעבערס, —
ניט ווייל די ערד האָט דעם ווייץ ניט געגערט,
ניט ווייל די זון האָט פרוכט ניט געזאַפטיקט,
נאָר ווייל פרוכט און ברויט האָט אין לאַנד זיך געמערט.

קאָרידאָרן מיט פראָסט זיינען איצט געלעגערס,
ניט ווייל אין לאַנד אַ געלעגער עס פעלט, —
אַ גאָלדגרוב, אַ פלאַפּשטוב, אַמעריקע,
דיינע באַפּראַקטע כאַזיירים אין רייכסטן האָטעל!

אַט זעט, אַף אַלע ברייטע סקווערן פון די שטעט
האָט מען אויפגעשטעלט יאָלקעס, באַצאַצקעט און אילומינירט;
און אַף אַלע ברייטע סקווערן פון נויאָרק
זיינען אַפּטריטן — נאַכטיקע דירעס.

אַ ווינטערלאַנגער שניישטורעם
ראַיאָטעוועט איבער נויאָרק,
ברענגט מען הונגעריק-דערפראָרענע
יעדן טאָג אין מאָרג.

מיט קעץ און מייז אין קעלערס,
אין קאַלטע קאָרידאָרן,
ווי די מיסט-זעק, ווי דער אָפּפאַל —
מענטשן קנוילן-איין די יאָרן.

קנוילן-איין דעם פריער
מיטן איצט פון וואַגלעניש און מאָרן;
וויקלען-איין דעם קאָפּ אין קאָלנער,
צו אַנטלויפן פון זיקאָרן.

פירהונדערט-טויזנט
צעבראָכענע בעטלעך און געמיטער.
אי דאָס הויז-רוך, אי די היטער
ווערן צוגעדעקט פון שניי-געוויטער,
און ווייסע ווינטן קלאַפּן
מיט די בלעכענע דעקלעך
פון ליידיקע ברויט-קעסטלעך
אין דער נאַכט אַריין.

עלנט
אַף אַלע טראָטוארן
עלנט
אין פערציקמיליאָן טריט.
דער,
וואָס האָט אַ היים נאָך
קאָן זיך לאַנג מיט האָפענונג ניט נאַרן:
עס קומט געזעץ
עס קומען שלעגער,
און די „היים", מיט ביטער לעבן,
איבער ברודנע שטיגן פליט.

ווינטער האָט קיין ווענט ניט, —
און דאָס איז איצט די „היים" איבערן לאַנד.
די פּיס פון פראָסט געפענטעט, —
גיי — און שלינג קעלט נאָכאַנאַנד.

האַרלעם

האַרלעם — האַרץ
פון אורבאַנישן וואונדער
נויאָרק:
זומפּיק ליגסטו — אָפּגעזונדערט,
טאַליק.
דיין געוויין איז טויזנטקאַליק, —
ווי נאָך אַ פאַבריק-סרייפע אין שטאַטישן מאַרג.

האַרלעם — האַרץ
פון מעטראָפּאָל, — פון איר געסאַמט;
הונגער-אינדזל אין סומנעם האַרבסט
אינמיטן גאָלדענעם יאַם.

האַרלעם — האַרץ
פון דער ברוטאַלער שטאַט:
קראַנק און הונגעריק —און וואַרטסט,
און זינגסט און טאַנצסט צו גאָט.

„גאָט״ האָט הימלען און האָט היילן,
„גאָט״ האָט דירעס, קוילן, ברויט און ביר;
דיין הויט לאָזט ער פון נויט זיך שיילן
און דו טאַנצסט — ביז דו קראַפּירסט.

דערמאָן זיך די בעלגישע קאָנגאָ
און דעם ברוט לעאָפּאָלד:
מען הענגט ניט די פופצן מיליאָן דאָ,
ווייל „ציוויליזאַציע״ שטייט דאָס ניט אָן.

ס'ברענט נאָך, בורעט דער דזשאָנגל, —
פון דיר ביז די הייסע פּלאַנטאַציעס, —
ס'הוליעט נויאָרקישע קאָנגאָ,
און מאַכט דיינע טענצער אָוואַציעס.

האַרלעם, הער:
דיין סקאַטסבאָראָ ברענט איבערן לאַנד די-ברייט,
און דו שפּילסט-צו דעם לינטש-קלאָן אַף אַ פּליוט.

האַרלעם, הער:
דיין אייגענעם געוויין אין דיין פּליית און קאָל דערהער.
נאָר ניט דיין ספּיריטועל, ניט דיין טרער, —
דיין מאַכט, דיין מוסקול ברענג אַהער:
לעגענדעס איבער וועלט קורסירן
אַז מיט הוילע הענט פּלעגסטו אין וועלדער קאַמפן פירן
מיט לעמפּערטן און לייבן:
ווי לאָזטו איצטער הינט
זיך איבער דיר דערהייבן?

האַרלעם — האַרץ
פון דזשאָרדזשיע און אַלאַבאַמע:
ווי ווערסטו, — אין דיין בלוט פון שמיץ, — פאַרנאַרט
פאַר אַ מאָדעל פון ווייסן רויב־רעקלאַמע?

האַרלעם — האַרץ
פון שוואַרצסטער אַרבעט.
מיט דיין געדולד האָסט זיך דערוואַרט
צו שפּאָרן זיך אַ בעט באַם שטאַרבן:
אַף יעדן טראָט
טרעטסטו אַף אַ שטריק,
און די „שאַפּער" פון דיין „גאָט"
היטן הייסע קעסלען פעך אונטער האַרלעמער בריק.

האַרלעם, הער
די ראַיאָטן
אונטער דיין טיר.
הער, **האַרלעם**, הער:
גלויב אונדזער וואָרט,
ווען מיר קומען צו דיר.

שטיי־אויף, מיין ברודער, —
מיין צאַרפולער בער.
שטיי־אויף, און טו מיט זיך
איבער **האַרלעם** אַ קער, —
וועט די ברידער איבערן לאַנד
אויך שוין ניט זיין אַזוי שווער.
ש ט י י ־ א ו י ף.

איך—דיין קלאַס און דו—מיין שטאַט

נויאָרק.
ניט לויבן, ניט דערהויבן דיך;
פון דיינע הייסע שטויבן וויל איך זיך
צו דיין זון־טורעם
דערקלייבן
און די געשיכטע פון דיין פינצטער אונטערגאַנג
איבער אַלע הונדערט שטאָק פאַרשרייבן.

נויאָרק.
איך וויל זיין דו — אין דיין פאַרנעם,
און דו זאָלסט ווערן — איך
און מיין פּראָבלעם.

נויאָרק.
איך וויל דיין עמפּייר־אָבעליסק
זאָל די געשטאַלטע ווירע זיין
פון מיין זינגענדיקער שורע
און דער ערשטער ציל־פּונקט פאַר די הענג־שטריק
פאַר די וואָס גאַנווענען און סאַמען אונדזער האַרץ,
און שטיקן אונדזער לעבן
אין קאַרצער און קאַנורע.

נויאָרק: איך בין דו — אין דיין שיינקייט,
איך בין דו — אין דיין גוואורע.

סאָבוויי

שאָט. שאָט.
באַ יעדן אַריינגאַנג — פּערציקטויזנטיקער טראָט.
עס פאָרט די שטאָט.
שטעט און שטעטלעך פאָרן דורך דער שטאָט.
פון אַלע שטעט און שטאַטן — אין איין שאָט.

ווי ביימער אין אַ שטורעם
מענטשן פלאָנטערן זיך גייענדיק:
ניט געגאַנגען — נאָר געפלויגן, ניט געאָטעמט — נאָר געיאָגט.
טראָטוּאַרן שטייען ניט,
טראָטוּאַרן טראָגן, טראָגן, טראָגן, —
ווי ס'זאָל די ערד אַליין דאָ
די טראָטוּאַרן און פּלאַטפאָרמעס ווי קאָנווייערס יאָגן:
געדיכטער, רוישנדיקער וואַלד אין ראַשיק-יאָגנדיקן פילם.
קיינער לאָזט דעם אימפּעט דאָ ניט שטילן.
אַלע, אַלע האָבן ווער ווייס וואָס פאַר צילן.

ווער פאָרט דאָ, ווער?
צי פאָרט דאָ, פאָרט דאָ דער —
וואָס פאָרט אַף זיכער צו געווינען?
זעלטן. זעלטן. ניין-ניין-ניין!
דאָ פאָרן נאָר די פיר מאָל פערציק-טויזנט,
וואָס וועלן צוליב איינעם אים, צו איינעם אים — פאַרשפּילן.
קאָנען קאָן מען יאָ
זיינע אַלערליי פאַרמיטלער דאָ געפינען.

רעדער-קלאַפּ
און ניקל-כאַפּ.
כאַפּ און כאַפּ און כאַפּ:
דרעי-מאַשינקעס, דרעי-מאַשינקעס
קלאַפּן-קלאַפּן-קלאַפּן:
שפּיגל-ווענטלעך, שפּיגל-ווענטלעך
כאַפּן-כאַפּן-כאַפּן:
פאַר וועכטער-אויג צעשפּיגלען יעדן איינגעשלינגטן ניקל:
באַטאַפּ, באַקוק דיין פאַר-געלט אין פאַרוים,
אויב ניט — איז דיר דיין לעבן דאָ פאַרזיגלט.

אַ באַן אַהער, אַ באַן אַהין,
יעדער, דאַכט זיך, ווייס וואוהין;
נאָר וואו איז, וואו — פֿון אַלע יאָרן פֿאָרן דאָ דער זין? —
טרייבסט דאָס לעבן דורך טונעלן,
און דאָס לעבן — געל און גרין.
פֿאָרן-פֿאָרן-פֿאָרן, נאָר געפֿאָרן:
די ערד פֿון שטאָט שטייט אַף מאָטאָרן.

אַראָפּ
　　אַראָפּ.
　　　אַראָפּ.
אַלע טראָגן פּעק מיט קייכעם:
ווער אין אַקסלען, ווער אין קאָפּ:
עפּעס, עפּעס, עפּעס צו דערגרייכן.
אַראָפּ
　　אַראָפּ.
　　　אַראָפּ.
　　　　אַראָפּ.
מענטשן. מענטשן. מענטשן. מענטשן. מענטש!
מיט אַלעם גוטן איז די שטאָט געבענטשט, נאָר ניט פֿאַר אונדזער מענטש:
איז געלאָפֿן, נאָר געלאָפֿן, —
אויגן רויט און מיילער אָפֿן, —
נאַכט לויפֿט-נאָך און מאָנט: „**דערשלאָפֿן! ניט דערשלאָפֿן!**"
ס'ברענען פּיס, עס קראַצן גומענס:
אויסגעהויכט דעם אָטעם — ביז צום סאָבוויי צוגעקומען.
— „העי! העי! העי!
פּעני טשונגאָם! פּעני טשיקלעטס!"
— „העי! העי! העי!
דזשילעטעלעך און שירעמס!"
— „דזשוירנעל, ניוס און גרעפּיק!" —
(בלאָטע, בלוט און ביבל — און פּאַשיזם!)
— „שיידימלעך, טייוואָלימלעך,
וואָס טאַנצן אַף אַ שטריקל!" („קויפֿט אַ שטיקל!" „קייט אַ שטיקל!")
ווער פֿון דער היים, ווער צו דערהיים:
אַ טאָג פּאַקט אָן אַ פֿולן יאָר מיט פּיין אַ קלומעק.
— אַן עפּל קויף! אַ פּרעצל קויף!
— „אַ היימיש-זויער אוגערקע — אָפּכאַפּן דאָס האַרץ!"
— „אַ דאַים אַ טוצן פֿרישע רויזן" — „וואַרט נאָר, וואַרט:
קויפֿן פֿאָרן צימער אַ פּאָר בלומען".
— — — — — — — — — —

העי־העי : האַלט־אָן, האַלט־אָן
דעם טעמפּאָ פון געלאַף !
האַלט־אָן, האַלט־אָן : אָט־אָט —
וועט גרויזאַם־גייענדיקע שטאָט
אַף דיר אַרויף.

מענטשן צעטראָגענע,
געמיטער צעשלאָגענע,
געפּענטעט אין איילעניש,
פאַלן אין יאָגעניש ;
פּרויען פּאַרמאַטערטע,
לעבנס צעפּאַטערטע, —
מאַסקעס פּאַרפּודערטע, —
אַלע, אַלע — **צערודערטע.**

אַראָפּ
אַראָפּ.
אַראָפּ.

וויגט די מאַסע זיך אַף טרעפּ,
און דאָס לעבן שלעפּט און שלעפּט.
זון און לופט און הימל
הערט ניט אויף צו ציען.
עראָפּלאַנען פּליען :
פּינקלען אויגן, אויגן גליען, —
לויפנדיק אַראָפּ : אין איילעניש אַן אויג אַרויף, אַרויף —
דורכגעפלויגן, דורכגעזונגען :
די פינקלדיקע אויגן איינגעשלונגען
פון די טויבע, טונקעלע טונעלן, **—אין געיעג פון טעג און טרוימען**
פּאַרן לעבן איינצושטעלן.

אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
— העי, האַלט די טיר צו, לאָז ניט אָפּ.
— האָרי — האָרי — האָרי אָפּ.
— גיכער — דער עקספּרעס !
— נישקאָשע, ניין : אַ שוואַכער קלאַפּ.
אַבי געכאַפּט. אַבי געכאַפּט.
(איינגעשטיקט און איינגעפּרעסט):
— אַך ! — ס'איז גאָר ניט מיין עקספּרעס.

סאָב און סאָב און סאָבוויי, —
צעצונדענע ענערגיע פון ברוקלין
בראָיטן, בראָנקס און פּעלעם בעי.

בראָנקס
פּאַרט באַלעבאַטיש. האַרלעם —
הויל און באַרוועס.
לאָנג איילענד — האַלב־אַריסטאָקראַטיש.
בראָנזוויל — אָרעם. די בויערי — אין לאַטעס.
נאָר פּאַרט מען, איז אַ סימען
אַז איבער דער פּאַרצווייפלונג פּלאַטערט עפּעס, פּלאַטערט
אין יעדן וויסטן קאָרבן:
יאָגן־מיט און פּאָרן־מיט, —
דורך באַן־געדרענג — אַ ליד און טרערן־שניט, —
די בעטלער מיט די טאָרבעס.

וואַגאָן צו וואַגאָן, וואַגאָן נאָך וואַגאָן,
פּאַק־אָן און קלינג־אָן,
פאַרמאַך און יאָג־אָן
דעם טייוולשן אימפּעט, וואָס שטראָמט דורך די רעלסן
און שלעפּט פולע באַנען צו צילן געפּעלשטע:
באַנען וואָס פירן צום ליידיקן צוזאָג, צום ליגן
פון געלער, באַנדיטישער, גאָלדענער פאָן.

פּערצנטויזנט באַנען — שטרעקעס שטאָלענע געשפּאַנען:
לאַנגע שלאַנגען — פעט און פול,
מיט ראַסטיק־גרינע שופּן:
געלאָף — געלאָף —
ווי טויזנט שיידים זאָלן שטופּן:
שנעלער — שנעלער:
צו אויסזיכטן טייוולאַנישע, הייסינקע און העלע:
העל איז גאָלד, און היים איז בלוט.
איז יאָג און יאָג און ווער צעמאַלט
אין יאָג נאָך ברויט דורך אונטערערדישן מאַרשרוט.

טויב און טונקל,
טויב און טונקל:
שווייגן די טונעלן.
ווערט אַ לעבן דאָ צעריבן — איז טייקעף קונקל־מונקל:
ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין צייט
די באַן אַ רעגע אָפּצושטעלן.

מינוטן, רעגעס — ווי די בליצנדיקע לעמפלעך —
אין שטענדיקן געשלעג: מאַכט פריי דעם וועג,
מאַכט פריי דעם וועג.
אויסזיכט — זיכער.
אויסזיכט — ווינט.
— „היינט מוז איך ׳פאַרגלעטן׳ די כעזשביינעס אין די ביכער!״
— „אַ פולער יאָר שוין אַז אַ פּעני ניט פאַרדינט!״
אַלציינס געלאָף, אַלציינס געיעג
צו צוויי עקסטרעמע שוועלן:
שוועל פון גאָלד און שוועל פון דאַלעס.
— „האַ? שאַ! — ווער האָט דאָ געכאַלעשט?״
ניטאָ, ניטאָ קיין צייט זיך אָפּצושטעלן.

טירן, טירן, דיל און דאַך.
וויפיל טויזנט איז אַ סאַך?
ניטאָ קיין דאַך, ניטאָ קיין דיל:
ס׳האָבן כוואַליעס זיך צעשפּילט,
שווימט אַן איבלדיקער יאַם-געפיל.

ווענט?
ניטאָ קיין ווענט: שטיקער שויבן—שויבן-שויבן.
קעפּ. קעפּ: קויבן איבער קויבן,
און אויפגעשטרעקטע, אומרואיקע הענט:
אַ מענגע אין אַן ענגן אויסגאַנג פון אַן איינגעשפּאַרטן פייער:
אַ געבעט, אַ ריטואַל פון הענט און אויגן
צו די גאָלד-קעלבער פון פאַרביקע אַנאָנסן:
ווי ס׳וואָלטן טרוימען זיך דאָ אויסגעלעבט
אויף די ליגנעריש-צעמאַליעוועטע שאַנסן.
אויגן. אויגן. — פאַרשלאָפענע, צעטומלטע און גייציקע.
אויסזיכטן צעפינקלט,
אויסזיכטן פאַרפלויגן, —
ווי אין געיעג די רויט און גרינע לעמפלעך
מיט פאַרצאַמטן, גאַז-געסאַמטן ווינט דורך די טונעלן.

אַט פיבערט פרייד,
אַט פרירט עס —
אין קעפּ און הערצער — שווערע, פולע קאַסטנס —
פיין און צאָרן:
פאָרן, פאָרן, פאָרן, נאָר געפאָרן;
פאָרן, פאָרן, פאָרן, — ניט דערפאָרן:
ניט צו איינגערעדטער פרייד פון גאָלד-גרוב,
ניט צו פרייד פון קליינער קראָם און קליינעם שעוראַלעי,

ניט צו מאַזלדיקן נומער פון דער גרויסער לאָטערעי,
ניט צו פרייד פון אַרבעט,
ניט צו פרייד פון זיכער ברויט,
ניט צו אויפריכטיקן פאָרן ;
פאָרן, פאָרן, פאָרן, — **שלעכט פאַרפאָרן** !
פאָרן, — פאָרן, — פאָרן, — אַ וועלט פון טרוימערישע אַמאַטאָרן.

קליינקרעמער, קליינטרוימער.
שוואַרץ־טרוימער. שוואַרץ־צוימער.
אָוועראָלס און דערבים. אַרבעטער און סטערוועס.
פאַרשטויבטע איטאַליענער, און שטייף־פאַרפוצטע מענער.
ליימיקע אוקראַינער, פאַרסאַזשעטע פּאָליאַקן.
דרייסיקדאָלערדיקע יונגעלייטלעך, וואָס ווילן דאַווקע שיינען
ווי די בורזשואַזיע — אין שטייפהעמדער און פראַקן.
(זיי פּאַסט דאָ, עפּשער, ניט צו פאָרן,
נאָר דער „פּעקאַרד" איז צו זייער טיר „דערוויל" נאָך ניט דערפאָרן).
יידן — מיט אָנבליק פון גאַסן צעטומלטע. יידישע שניידער —
מיט סטרייקן און קאַמפן פאַרנומענע. נעגערס —
פאַרוואַפנעט, פאַרמעלט. אַלע,
אַלע פאַררויכערט,
אַלע פאַרגעלט.
באַ וועמען אין קאָפּ ווייב און קינדער,
באַ וועמען — זיין לאַנד און זיין פאָלק,
באַ וועמען די „מענטשהייט", די „וועלט",
באַ וועמען דאָס אַלץ איז — **זיין קלאַס**.
באַ וועמען „איל דוס" און באַ וועמען וואַנזעטי,
באַ וועמען לינקאָלן, באַ וועמען סקאַטסבאָראָ, הוירנדאָן,
באַ וועמען עס זשיפּעט אין האַרץ נאָך ראָמאַנאָוו,
באַ וועמען אין מאַרך עס בראָדיעט נאָך קערענסקי.
באַ וועמען דער פויגל דער בלאָער נאָך טאַנצט,
באַ וועמען עס קריצן זיך ווערטער פון קאַמף — פון קלעפּערל דאָ אַף דער וואַנט.
באַ וועמען דער אינהאַלט פון פאַשיסטישע פּאַמפלעטן,
באַ וועמען דער גורל פון כינעזישע סאָוועטן.
באַ וועמען דאָס לענדל פון יידיש־פאַשיסטישן קלאַן,
באַ וועמען סאָוועטישער בירא־בידזשאַן.
באַ וועמען עס וואַקסן רויכיקע האַקנקרייץ־פּלענער — דאָס אָרימע לעבן
נאָך מער צו פאַרקלעמען
און באַ וועמען, וועמען און וועמען
עס זוניקט די לערע פון לענין.
אינמיטן וואַגאָן — אַ נעגער אַף קוליעס :
יעדער זיין ווינקל שפּאָרט : ניטאָ קיין אָרט. ניטאָ קיין אָרט.

יעדערנס „געווינסן" — צו אַן אויסריד צוגעטוליעט:
— „אַ נעגער איז אַלצײנס וואָס אין דער קאָרט". —
ניטאָ קיין אָרט. ניטאָ קיין אָרט:
שטייט אַ ברענענדיקער מענטש מיט ווייטיקן —
ווי ערשט פון פלאַמענדיקן בוים אַראָפּגעשניטן.
קעפּ — פול מיט שווערן פלייש — פּאַרקילטע טעפּ, און קעפּ און קעפּ
און קעפּ
מיט הונגער און צייכנס פון שטאָטישע קלעפּ.
קעפּ מיט ווייטיקן און העלקייט.
קעפּ וואָס יאָגן־נאָך די שנעלקייט מיט אָפענע מיילער.
קעפּ — מיט לידלעך
פון פרימיטיווע יוקעליילעס.

אַ שיקערע כאָפּטע זינגט זיך אויס אין זידל און אין טרערן.
דעם באַן־לאַנגן געדרענג רייסט־דורך
געזאַנג פון גרופּעס פיאָנערן.
עס בעטלט גאַיווערדיק „ספּענגלד בענער".
עס בעטלט וויינענדיק „איילי־איילי".
און איבער אַלע טענער:
— . . . The only truth is in the Daily ! . . . —

קעפּ: קאַסטנס
פּרעזערווירטע פישן. קאַסטנס קעז.
קעפּ מיט קרעמלעך און באַנקראָטלעך.
קעפּ מיט דריידלעך. קעפּ מיט קנידלעך — אויב מען האָט נאָך.
קעפּ מיט שווידערלעכע קאָפּיעס
פון דאַווקע ראַפּאַעל און וועלאַסקעז.
קעפּ מיט קאָרטן, דזשין און דזשעז.
קעפּ מיט זייגערס, קעפּ מיט הערינג און מיט קרעלן.
קעפּ מיט בלופרינטס און געשטעלן,
וואָס מוזן דאָס מאָל די עקספּערטן שוין געפעלן.
קעפּ — פּאַרסאַמטע פון גאָלדענעם אָר:
קעפּ פון אַ פּאַרפירטן דאָר,
וואָס כאַלעמט ביזן שפּיץ פון הונדערטשטאָקיקער אורבאַניק,
און יאָגט אין סאָבוויי־דרויש —
צו זיין דער קאָרבן פון אַ פּאַניק.

(מאָסקווער ערשטע סאָבוויי לויפט דערווייל
בלויז פערצן קילאָמעטער.
נאָר דאָרט, יאָ, דאָרט איז פרייד דער אימפּעט פון גאַאייל
און סאָבוויי, רעלס און באַן און לעבן
העכער, העכער זינגענדיק דערקלעטערט).

פאָרן, פאָרן קעפּ מיט פלענער —
דריט-קלאַסיקע גאָרילעס און פאַרקויפטע מיטלמענער —
פאַר רויב און בלוט און מאָרד.
(רואיק פאָרן
ווער מען דאָ ניט קענען,
ביז זאָגן וועלן מיר דאָס לעצטע וואָרט).

סאַפּעט, סאַפּעט, סאַפּעט סאָבוויי.
קלאַפּט און בראַזגעט, יאָגט און פּירט.
ווער עס פּיבערט, ווער עס פּרירט.
סאַפּעט, סאַפּעט סאָבוויי —
אָנגעפּאַקט מיט צאַר און זאָרג און קאָפּ-ווייי.

מאָטאָרלייט
און קאָנדוקטאָרן:
איר ווייסט, איר ווייסט ווי ווייט
מיר ווילן פאָרן?
פאָרט און פאָרט און פאָרט און פאָרט
ביז צום סקווער פון אונדזער וואָרט,
וואו מיר שפּאַנען-איין דעם צאָרן —
ווי אין באַנען די מאָטאָרן —
צו באַרואיקן די מענטשן אין די פינצטערע טונעלן,
דאָס לעבן צעטרייסלטע
אויף די פיס צו שטעלן:
מיר פאָרן. האַסטיק פאָרן
און דערפאָרן, יאָ — דערפאָרן, מאָטאָרלייט:
שפּאַנט איין אַלע מאָטאָרן.



אַווטאָמאַט

ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־ניק !
ניקל־ניקל־ניקל און אַ דריק !
פלייש אַ שטיק און קעז אַ שטיק,
פלייש אַ שטיק און קעז.
טעלער בראַזגען, גאָפּל טאַנצן, גלעזער, גלעזער — ד ז ש ע ז !
עסן־עסן־עסן־עס :
ניטאָ קיין נעם ! ניטאָ קיין נעם ! —
ניקל־ניקל־ניקל־ניק.
אין הונגעריקע לייבער קלאַפּן הערצער מיטן פיבערדיקן ריטם
פון ניקל־ניקל־ניק.
נעם איז אַרבעט ! ברויט איז גליק !
קוכערס קאָכן אינדערוואָכן יאָנטעוודיקע עסנס.
נאָר די ברידער פון די קוכערס
וואָגלען הונגעריק, פאַרפראָרן און פאַרגעסן
אַרום די שפּיגלדיקע אַווטאָמאַטן
און פאַרגייען אין דער בענקעניש נאָך ברויט
באַקוקנדיק דעם „זאַטן",
וואָס קומט און קומט און קומט און קומט
אַ וואַרעמער אַרוים פון אַווטאָמאַט.
אַווטאָ־אַווטאָ־אַווטאָ־אַווטאָמאַט !
מאַט דער הימל,
מאַט דער באָדן,
האַרץ און אויגן מאַט,
מאַט און אָנגעלאָדן
מיט שטייגנדיקן הויך פון הייסע טעפּ און פאַנען,
מיט ניקלדיקן בליאַסק פון קראַנען
פון שאָקאָלאַד און קאַווע,
מיט קינע
צום יאָגן זיך און האַווען
פון די פולע
קופּעס מענטשן
מיט פולע
הויפּנס ניקל, מיט „פולע"
טעלער שפּייז.

ווי יאָגנדיקע זייגערס
שלאָגן דאָ די אָנגעשטעלטע רעגעס:
ניקל-ניקל-ניקל: **העכער, העכער, העכער**
די ניקל-בערג פאַרמעגנס: ניקל-ניקל-ניק:
אַפּאַראַט נאָך אַפּאַראַט.
טירלעך אָפֿן,
טירלעך צו.
רעגעס האָבן ניט קיין רו.
אַרבעטלאָזע ברידער קוקן צו,
און אין די לייבער שטעפּן גיכע, ברייטע שטעך
הונדערט אָנגעברענטע נאָדלען
מיט אייז-געפּעכטע פעדים.
אַפּאַראַטן, אווטאָמאַטן, —
„מיילער" גלאַנציקע און גייציקע,
קליינע, פֿלינקע שיידים:
טירלעך אָפֿן,
טירלעך צו —
ניקל-ניקל-ניקל-ניק!
— „עסערס מיט די ניקלס רוקט זיך צו!"

דריי קרייז-טירן — דריי ווינטמילן:
אַריין, אַרויס,
אַרויס, אַריין.
— „הונגעריק קאָן קיינער דאָ ניט זיין!"

דריי קרייז-טירן — דריי ווינטמילן:
— „לאָז הערן ניקלדיקן קלונג.
לאָז זען ניקלדיקן שיין.
לאָז זיך וואוילגיין פֿאַר דיין גומען.
גיב-נאָך דיין אויפֿגערייצטער צונג".

דריי קרייז-טירן — דריי ווינטמילן: אַריין. אַריין. אַריין. אַריין.
(עך, הונגעריקע ברידער,
וואָס וועט זיין?)

שטול אױף שטול
און קאָפּ אױף קאָפּ.
אויסגעליידיקט טאָפּ נאָך טאָפּ. (ברידער,
וואָס וועט זיין?)

זיצנדיק, גייענדיק, לויפנדיק, שטייענדיק — עסערם:
קלאַפּן מיט די לעפל,
קלינגען מיט די מעסערס.
שמירן ברויט מיט פּוטער,
שמירן ברויט מיט האָניק,
(ברידער, וואָס וועט זיין?)
נו, כאַפּט מען זיך פאַרגאַנוועטע אַריין — נאָך פרייער ווארעמקייט
און האָדסאָן־„טאָניק״.
אין די אויערן — ניקלדיקע פּייקלעך:
ניקל־ניקל־ניקל־ניק!
יעדער טיש איז פול מיט „גליק״:
ברויט מיט זופּ און ברויט מיט קעז,
קאַווע, טיי, ביסקוויט און מאַיאָנעז. גלעזער, גלעזער, גלעזער — דזשעז!
הענט אין פּיבערדיקן בוזעם,
קעפּ אין קאַלטע קאַלנערס,
גייט מען מוטלאָזע אַרוים צוריק.
אין יעדער אָפּגענאַרטער ברוסט
שלאָגט און קלאַפּט אַן אַוטאָמאַט: ניקל־ניקל־ניקל־ניק!

— „ברודער. האָסט אַן איבעריקן ניקל?
געפאָרן קיין פראַנקרייך, געווען אַ סאָלדאַט!״
— „גיי נאָר, דערצייל עס
די האָרנס — די האַרן
פון שפּיגלדיקן ניקל־אַפּאַראַט״.

Horn & Hardart!
גיי זע ווי עס וואַרט דאָרט
אַ צען־מיליאָניקע ריי
בײַ דיינע פּוילע קלויסטערלעך איבערן גאַנצן לאַנד,
צו קריגן טעפּלעך בלאָטע,
וואָס פּריסטער רופן טיי.
איר האָרנס — איר האַרן
פון אונדזער לעבן, אונדזער ברויט.
הערט נאָר, הערט:
אין טעמפּן קלונג פון ניקל־שאָט
רוישט זיך שוין דער אויפרייס
פון בערג מיט געצונדענעם שראָט.

מיר, די סאַרוועררס; מיר, די קוכערס,
סערווירן דיר
און באַקן דיר
די קוכנס.
מיט שוויס און בלוט פאַרפרעגלען מיר דיין גליק: ניקל-ניקל-ניק!

אַ ניקל נאַר,
איין ניקל בלויז — טאָג-טעגלעך פולע וועגעלעך.
גליקן! — גליקן! — גלעקעלעך
אַף דיינע גרויסע, שטייפע אויערן: ניקל-ניקל-ניקל-ניקל-ניקל-ניק.
— „ס׳געפעלט אייך ניט אַמעריקע?
איז כאַפּט און פאָרט צוריק!״

יאָגן טראַמס און יאָגן באַנען.
בא האָרנען פייפט דער אויל אין פאַנען.
מילך און זויער־מילך אין טויזנט קאַנען.
אַכט און צוועלף און ווידער אַכט:
פרימאָרגן, מיטיק און פאַרנאַכט —
פון יאָגן בלייך, פון אַרבעט מאַט —
געלויף, געלאַף צום אַוטאָמאַט.
ווער זשומט אַהער?
ווער קומט אַהער?
מאַסע. מאַסע. מאַסע.
צו פולער, פולער ניקלדיקער קאַסע —
אַרבעטער, נאַר אַרבעטער
וואָס קאָנען זיך עסן ניט פאַרגינען
מער ווי האַלב צו זאַט.

— „אַ ניקל נאַר,
איין ניקל בלויז —״

הונגעריקע הערצער
האָבן פאַרשאַרפטן געהער:
ווערט שוין קלאָר דאָ
ווער איז ווער.
איז געגרייט זיך, ברידער, צו געווער.
צעקלינגט דאָס קאָל פון זיגן
איבערן טומלדיקן שאָט פון ניקלס
וואָס קלאַפּן־אויס האַרנס ליגן
פון לאַנדיקער שעפּע.

ווייל עס גילט, עס גילט דערווייל
זיין מאכט, זיין רויב, זיין מעסער
שפּילט דערווייל
אַף אונדזערע הענט און הונגעריקע העלדזער.

אַט שאָטענען זיך אום פּאַרמאָרעטע,
אין קרייז פון שווינדלדיקע טירן,
אין טויבנדיקן גרילץ פון ניקל־און־געשיר האַרמידער
פון האָרנס שפּיגלדיקע אווטאָמאַטן,
פול מיט פּרוכט, מיט פיש און מיט סאַלאַטן.
ברידער,
וואו זיינען די טאַטן?)

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן:
אַריין, אַרויס,
אַרויס, אַריין.
יאָ — הונגעריק קאָן קיינער דאָ ניט זיין!

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן:
מעסערס שניידן, גאָפּלען שפּילן. (ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־ניק!)
עסן! עסן! עסן! עסן! — עס!
ניטאָ קיין נעם! ניטאָ קיין נעם!
מילך אַ גלאָז און טיי אַ גלאָז! גלעזער, גלעזער — דזשעז!
ברויט אַ שטיק און פליישׁ אַ שטיק,
ברויט אַ שטיק און קעז. (אַריין! אַריין! אַריין!)
זאָגט נאָר: ו ו ע ר ן ז אָ ל!
ו ו ע ט ו ו ע ר ן ש ו י ן!
ו ו ע ט ז י י ן!

טישן

ווייז מיר דיין טיש פונדערווייטן,
און איך וועל שוין וויסן צי האָסטו
אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן צו בייטן, —
כ'וועל האָבן דיין לעבן צעמאָסטן.

טישן
זיינען די שילדן
פון לעבן.

אַ טיש
ווייזט
ווי ס'איז דאָס לעבן פאַרטיילט.
אין אים
האָסטו
אַ פּראַקטישן רעבן, —
יעדער טיש
פון זיין הויז
די געשיכטע דערציילט.

בראָדווייער טישן ברענען
פון פלעשער, פרויען און פלייטן.
בראָנזווילער טישן פרירן ווי בראָנקסער און האַרלעמער,
כאָטש בלויז אַ טישטוך, קאַרטאָפל און ברויטן
קאָן אונדזערע באַשיידענע טישן דערוואַרעמען.

כ'האָב געזען אַ טיש מיט גאָלדענע פליגלען
אין אַ מאַיאָנטעק,
וואו כ'האָב מעבל פּאָלירט.
אין זיין פּאָליטור — דער שפּיגל פון פּריצישן יאָנטעוו —
האָט זיך געדאַרפט קאָנען שפּיגלען
דער קאָליר און דער גלאַנץ פון רייכן געשיר.

פון פוכאָווע געפּודערטע פלייצעס,
דעקאָלטירטע,
דאַרף מען אין טיש קאָנען ציילן יעדן בריליאַנט,
און פון די קעפּ, די צאַצקעדיק־פריזירטע,
דאַרפן די דאַמען באַוואונדערן פריזירערס טאַלאַנט.

אזאַ טיש
רייסט די אויגן
מיט זיין שרייענדיקן יאַנטעוו,
ווען ס׳וואַקסט אַריין אין אים דיין האַנט מיט פּאַליטור.
באַ ברויט מיט גרויפּנזופּ,
דערהיים,
דערמאָנט עס
אַז עס שפּילט דיין בלוט דאָרט
אונטער גרינעם אַבאַזשור.

מיין טאַטנס טיש
האָט אויך געהאַט צוויי פליגלען
אָף קליינע, בלעכענע זאַוויעסעס,
נאָר שטענדיק פלעגן זיי זיך קווייקלען
באַם אויפהייבן צום עסן.

אונדזער טיש איז אַלעמאָל געווען אַן אַנגעכמורעטער,
אַ ברויגעזער,
ווי אונדזער הונגעריקער, אומעטיקער פערד,
ווי דער פאַרזאָרגטער טאַטע.
דאָס טישקעסטל, ווי ס׳האָבער-זעקל —
פול
מיט פוסטער האָפענונג,
ווי די ייִעשדיקע אויגן פון איינגעזעסענער קאַץ באַם אויוון,
ווי די ציג, כאַליעוואַטע.

זינט מיין טאַטעם אַרבעט אָף די פּריצים,
באַ גלעזעריי און פאַרבעריי,
זע איך צעטיילט די וועלט זיצן
באַ טישן באַ צוויי.

פון יענע קייזערלעכע פּריצים
ביז די היגע
איז נאָר איין
לאַנגע
טיש-געשיכטע —
פּאַלירט מיט אונדזער בלוט.
איבער יענע
זיינען מיר שוין
איצט
די זיגער;

דאָ —
פרעסט מען אונדזער לעבן
און מען פּאַרטרינקט מיט ווערמוט.

היימישע,
שטוביקע טישלעך־וואַרשטאַטלעך
אין ענגע, פאַרטשאַדעטע קיכן,
אין שטעטלעך איבערגעלאָפן מיט דאַכקעס, מיט אומעט און בלאָטע,
באַזעצט מיט פאַרמאַרעטע יאַטלעך,
וואָס קריכן
ווי קעצלעך דורך סטרוזשקעס און פּלאָנטערן דראָטוועס.
דער טאַטע־באַלמעלאָכע פּאַרקעט זיך און בייזערט.
די מאַמע באַם אויוון
באַקט וואַסערדיקע רעטשענע לאַטקעס.

דאָ האָב איך
אין פריייטיק־צו־נאַכטסן
איינבינדער, שוסטער, שניידער און גאַרבער
זינגען געהערט
ערשטע לידער פון קאַמף און פון אַרבעט.

איך האָב געפונען באַ אַ פראַסטן, אויפגעלייגטן טיש
מיין קליינשטעטלדיקן, איצט גרויסשטאָטישן פעטער,
אין זיין נייער היים: גריבאָיעדאָוו קאַנאַל,
לענינגראַד.
איבערן וואַרעמען, היימישן טיש
טייטשט ער מיר און דער מומען
נייעס
פון סאָוועטישע בלעטער, —
אַנשטאָט די אַמאָליקע מייסעס פון מאַטקע כאַבאַד.
איך האָב געזען אַ טיש פון ווייסן פּאָרצעליי
אין אַ נויאָרקער רעסטאָראַן,
אַנטקעגן דעם פּאַלאַץ פון לאַנדיקער יוסטיץ.
אינדרויסן ריידן פערד און האָטאָוועי וועגן דער כוואַליע לינטשעריי,
און באַם ווייסן פאָרצעליי־טיש האָט אַ נעגער־פּאָרל זיך באַזעצט,
געבעטן קאַווע מיט אַן עפּל־פּאַי
און געקראָגן — שמייכלענדיקע האַלדזונאַקן־רייד
וואָס האָבן געברענט ווי טשעין־גענג שמיץ.
און ס'האָט די ציוויליזאַציע
באַם פרישטיק אין נויאָרקער רעסטאָראַן
געפילט געשמאַק
פון בלוט דעם טאַם

אין איר בייקאָן און געבאַקטן גריץ,
אין געשמאַנטן הייסן שאָקאָלאַד.
נאָר דער טיש געדענקט
ווי זיין ווייסער פּאַרצעליי געוואָרן איז פון בלוט פאַרשוועכט,
און ווי די פיסלעך האָבן זיך בא אים
דורך שאַרפסטע קוכער־הענט געריסן
צו פאַרקראַמפן אַלע לאַכנדיקע, פרעסנדיקע העלדזער,
און דערוורגן יעדן מיט זיין ביסן.

בא טישן
אין גלעזערנע
ווייסע סאָוועטישע
קיך־פאַבריקן
האָב איך געגעסן קרויט מיט פרישן שוואַרצברויט און געפּוטערטע מאַקאַראָנעס.

טישן גרייט
מיט הונדערטטויזנט מיטיקס
פינקלען מיט געלעכטער און לעבעדיקע בליקן.
פאַרן עסן
זוכט קיינער אָף די ווענט ניט קיין איקאָנעס.
דאָ זיינען טישן בא דער אַרבעט
מיט סאָוועטישן געמיט.
כ׳בין געוואָרן זאַט
בלויז פון דעם טאַם
פון גוטן אַפּעטיט.
דאָ האָט אַרבעט זיך אַליין פאַרגיטיקט
דעם פּיין פון איינגעלעבטן הונגער
און אַנגעהאַנגענע זאַבאַבאָנעס.

אין פאַרטראַנטעוועטע שטיקער פון גאָלדענע שטעט
האָב איך געזען טישן אין אָרעמע הייזער,
האַרט און פאַרפראָרן,
ווי הונגער־טויטע אַפן פראָסט.
ס׳האָט דאָ ניט פאַרצייכנט דעם אַלטן זייגערס ווייזער,
איבערן טיש,
קיין איין יאַנטעוודיקן טאָסט.

אַזוינע טישן זיינען ניט געדעקטע.
אַ טישטוך,
ווי אַ הייסער מאַלצייט,
איז זיי פרעמד

ווי דער אויוון,
פֿון לאַנג שוין ניט פֿאַרפֿלעקטער,
שטייען זיי הילפֿלאָז און פֿאַרקלעמט.

אַזוינע טישן שטייען ווי בעטלער וואָס קאָנען נאָך ניט בעטלען,
און פֿאַררוקן זיך אַליין צוריק אין זייער קיך, —
געדולדיק וואַרטן ביז קעלט און טריקעניש וועט זיי צעברעטלען,
און ביז דער לעצטער טראָפּן ווידערשטאַנד צעקריכט.

פֿאַראַן טישן
מיט אָפּגעריבענער סאַראַטע,
קליין,
קרום און לאָם,
צעשאָקלט.
אַף זיי ליגט דער צאַר
פֿון נעגערישע כאַטעס, —
פֿון די איינוואוינער און סטעליע
פֿון נידעריקן שטאָקל.

פֿאַראַן פּראָסטע טישן, וואָס זיינען דעגענערירטע הוליאַקעס,
און טישן טרעמפּישע, מיט צודעקל, ווי דאַשעק אַפֿן זייט.
אַף די ערשטע וואַקסט זאָאָלאָגישער יאָנטעוו פֿון כאַמסקע קולאַקעס,
אַף די צווייטע — קראַנקע בויערי־טרערן הילפֿלאָז און פֿאַרשייט.

טישן
אין נויאָרק
וואָס פּראַווען נאָך
ליבאַוויטשער שטיק.
פֿעטע פּאַראַזיטן האַווען דאָ,
פֿלעכטן זיך — פֿון דאָלערס —
צום גאַניידן אַ בריק.
דער רעבע מאַכט קידעש,
טרינקען יידישע דיאַקאָנעס הייליקן „לעכייאים".
פֿאַרגלאָצטע גאַבאָאים כאַפּן שירייאים.
עס כאָרכלען געטלעכע נעזער פּאַטרוכע
מיט זידל, קלאָלעס און גיפֿט
אַף דער אַרבעטער־מעלוכע.
די גאַנצע שירייאים צעכאַפּט, —
לאָזט מען זיך ווידער אַרויס איבער הייזער, צו טישן, פֿון אָרעמען פֿאָלק,

און מע צאַפּט.
און מע צאַפּט.

טישן אין קינדער־אַנשטאַלטן,
אָנגעזאַפּט מיט אומעט פון אַ דאָר —
פּאַריאָסעמט, צעקריפּלט
פון וועלטס קאַלטבלוטיקע גוואַלטן.
קינדער קאָנען זייער צאַר,
ווי זייער שפּיל,
פון דער וועלט ניט באַהאַלטן.
קאָנען די טישן די קינדער
בעסער
ווי די פּאַררעסענע פּאַרוואַלטער.
דאָ אָטעמט מיט הונגער נאָך היים און נאָך מאַמען.
בלייכע קינדער זיינען אומעטיקע אילוסטראַציעס
פון וואַקסן אױף ברויט און מושטירונג
פון קאַרגע, צעפרעסענע, וואוילטעטיקע דאַמען.
די טישן קוקן פרעמד,
ווען מען ברענגט צילינדערדיקע געסט צופירן.
די טישן ווערן לעבעדיק און ליכטיק,
ווען די קינדער רעוואָלטירן
קעגן קאַרגער, שלעכטער נאַרונג.
די טישן
זיינען זאַט מיט ביטערער דערפאַרונג —
ווי פון די יעסוימים די אָרעמע מאַמעס.

קליינע, ווייסע טישלעך
אין שפּיטאָלן,
מיט שאָקאָלאַדן און בוקעטן,
אין איינצל־קאַמערן, באַ זייד־געבעטע בעטן —
פאַר פּאַציענטן
פון רויבערישן וואוילטיק אויפגעדראָלן,
און טישלעך,
מיט ווייסער, ליידיקער דערוואַרטונג,
אין גרויסן וואָרד, באַ אַלט־געווייסטע בעטלעך, —
אױף געסט וואָס קומען
מיטן גאַנצן צאַר פון היימען און אָן בלומען.
באַ די טישלעך,
וואו בלומען שמעקן שטאַרקער ווי די מעדיצינען,
וועט איר די וואַכזאַמקייט פון פּראָפעסאָרן אַלעמאָל געפינען;
מיט שמייכעלעך פון מאָנאַ ליזאַ־צנועס
פאַרזיסן די באַרמהאַרציקע שוועסטער
פאַר די געהייבענע פּאַציענטן די רעפועס.
ווי אַ גוטער האָפענונגפולער פּראָפעסאָר

וואַכט פּול די זון אין יעדער איינצל־קאַמער;
איז יעדער קראַנקנצימער
אַ זוניקע הייל־ און וואווילטיק־פּאַנאָראַמע.
די טישעלעך
אין גרויסן, וואָלקנדיקן וואַרד
הערן זיך צו צו יעדן קראַנקן וואָרט
פון פּאַציענט און זיינע באַשיידענע באַזוכער
געהאָרכזאַמער
פון די „באַרמהאַרציקע", מיט דער „הויפּט" — וואָס ניוכעט
יעדן ריר און יעדן שפּאַן
פון יעדן דערשלאָגענעם, מאַטאָנעלאָזן אָרעמאַן.
די אָרעמע טישעלעך
באַ די אָרעמע בעטן פּאַר אָרעמעלייט
אין שטאָטישע שפּיטאָלן
טראָגן אַ בייז הארץ אָף די „שוועסטער", וואָס האַלטן זיך ווייט
פון די קראַנקע
וואָס האָבן ניט מיט וואָס צו צאָלן.

טישן אין פּעלד־לאַזאַרעטן,
ווי די פּאַרוואונדעטע, —
בלוטיקע,
בעטן
פּאַר דריי־פערטל־כאַרעווע זעלנער דעם טויט.
זיי ציטערן־אויף,
ווען ס'צעפּאַכען זיך איבערן וואַלד שראַפּנעלן.
זיי קוקן זיך צו און דערקענען
געפּאַנגענע — אין פרעמד־אַרמייאישע שינעלן.
די טישן ווייסן:
דאָס לעבן איז דאָ זיכערער,
נאָר יעדער לעבן קומט אַהער שוין אַ צעריסענער.
די טישן זיינען זאַט
מיט בעסערע עסנס,
נאָר די טישן לעבן בעטן האַלטן כעזשבן
פּאַר יעדן סאָלדאַט —
פון די נאָך פּאַרבליבענע מעסלעסן.

טישן אין טראַנשייען,
פון דיקע קוואַדראַטן
גראָזיקע ערד־פּלאַסטן.
רויכיקע הימלען פייערדיקע האָגלען זייען.
איבער ביימער טאַנצן פולווערדיקע טויטן,

נאָר לעבעדיקע קאַנדידאַטן
ווילט זיך פאַרט ניט פאַסטן, —
בלייבן ליגן טויטע הענט
צווישן אַלטע, שוואַרצע לעבעדיקע ברויטן.

טישן — פאַרמורזעט, —
טישן אין טורמעס,
קאַזעמאַטן, —
פול מיט איבעררייד- און אונטעררייד-געמורמל
פון פינצטערע
און ליכטיקע טאַטן.
טישן מיט אַפּאַטיע אָנגעפּראָפּט,
ווי מיט קאַלטן, בלייענעם מאַרך דער אומגעלומפּערטער קאָפּ
פון אייביק-פאַרמישפּעטן מערדער-אידיאָט,
וואָס קריצט מיט זיינע נעגל
אונטער יעדנס בלעכן טעלער אַפן טיש
אַן עשאַפאָט —
טישן מיט טעמפּקייט פון לעבעדיקן טויט.
און דיזעלביקע טישן —
מיט רייד,
ווי מיט ציין איינגעביסן:
פאַרשלאָסענע פּלענער
פון גראַטעס אַף אייביק צעזעגטע,
פון פאָנען צעשטרעקטע
אַף באַריקאַדן פון טורמישע טישן,
באַריקאַדן — מיט פייער און בלוט צו פאַרווישן
די טורמעס פון טויזנטער טרויערס און טויטן,
די טויטן און טרויערס, וואָס האָבן געדויערט
פון ערשטן פעאָדאַל און קנעכט אין עגיפּטן און אַלטן באַוול,
ביזן לעצטן נויאָרקער פאַשיסט —
דעם לעצטן אָוול
איבער וועלטישן רויב- און טויטן-טיש.

טישן אין טונקל
פון אונטערערדישע קעמערלעך,
פאַרוואָרפן מיט אַרבעט פון אַרבעטער-קלאַס.
טישן מיט פעקריידנדיקע דאָקומענטן —
פון קלאַסנקאַמף אַף אַלע קאָנטינענטן.
לעבן די פעק — טעפּלעך שוואַרצער טיי,
שוואַרצער ברויט און ביליקער ביר.
קומען-אָן מענטשן — קוקן די טישן פאַרשנדיק אַף זיי:
טישן,
וואָס היטן די טיר

פון אַ הונט פון דער גאַס.
טישן
וואָס קאָנען דעם אורטייל, די טעזיסן
פון לענין און מאַרקס.
טישן וואָס ווייסן
ווער מיר אַלע זיינען.
טישן געשיכטע
פון לעצטער עפּאָכע פון פיינען.

טישן אַף באַנקעטן אין האָטעלן
פון פירנדיקע אַרבעטער־פּאַרעטער. —
דאָ ווערט פאַרשווענדט פון רויבער־הענט און אונטערוועלט־גזזעלן
אַרבעטערס טאָג לעבן, בלוט און אַרבעט
אַף יעדן אויפגעפּוצטן צענטימעטער.

טישן אין אַרבעטער־צענטערס און קלובן, גרייטע, געדעקטע,
מיט פּאַפּירענע סערוועטקעס, בלעכן גאָפּל־מעסער, —
שטייען ווי אַרמייער — באַגינען אויפגעוועקטע, —
גרייט צו דינען:
טישן געשיכטע
פון קאַרטאָפל און הערינג באַנקעטן
פאַר דער רויטער פּרעסע.
טישן היים פון הייסע הענט און הייסע רעדעס
לעקאָוועד נייע פּרעס־מאַשינעס.

טישן סערוווירטע מיט קילע געריכטן,
אייזקרים און זיסע געטראַנקען,
אין אָפענע, זומערדיקע פּאַנעל־רעסטאַראַנען.
יונגע, הונגעריקע אַרבעטער
קערן איבער די געריכטן מיט די ווייטיקדיקע ברויט־פּאַבענקטע אויגן,
נאָר אַ סאַך טראָגן נאָך די געדאַנקען
אָן אַ זייט, — צו מיסטיקע קאַנען.

זילבער־טישלעך
מיט האָניק־לאַטקעס און מאַראַנצנזאַפט,
אַף גומי־רעדלעך צוגעפירט
צו לייטזעליקע דאַמען אין מירמלנע וואַנעס.

טישן אין יעזוסעס שטאַטישע קיכן,
מיט בלינדע, ברודיקע פלעקן
פון באַד־יויך און קאַווע — ביטער און טוכלע.
צווישן זאַמדיקן ברויט און קאַלטע, קראַמפּנדיקע פינגער
טאַראַקאַנעס קריכן:

מיט דעם זוכט שטאָט דורך גאָט
שרייענדיקן הונגער דעם גאָרגל פֿאַרשטעקן.

פֿאַראַן טישן —
פון ליידיקע קאַסטנס — פֿון רייפֿן פרוכט און גרינס.
באַ דידאָזיקע טישן
אַרבעטער פון אַלע ראַסן
אין לעכער, אין הינטערשטעט געפינסט.
אַזאַ טיש האָט צו קיינעם ניט קיין טאַינעס,
ווי זיין פאַסיווער באַלעבאָס,
וואָס טראַכט ניט, אַז פון זיין בלוט מאַכט מען ווייַנען,
אַז מען באַרויבט אים אונטער דער נאָז.

אין מיין אייגענעם טיש
דערקענט מען דעם יוירעש פון מיין טאַטנס:
באַ דעם מינדסטן ריר און וויש
נעמט ער זיך וואַקלען.

זיינע שמאָלע פליגלען האַלטן זיך
אויך אַף בלעכענע זאַוויעסעם.
די דינע פיסלעך שפאַלטן זיך,
נאָר זיי זיינען רויט געפאַרבט און גלאַט.
אַ דאַרינקער, אַ פרייליכער, — ער ווייסט:
ס'דערוואַרט אים בעסערס.
אויב ניט ברויט,
איז ער מיט קאַמף- און אַרבעט-לידער זאַט.
און ער ווייסט פונוואַנען ס'שטאַמט זיין רויט.
ער איז אינטים מיט די כאַווייריִם פירער, שרייבער
און פראָבלעמען
פון קלאַסנקאַמף און קונסט.
אים איז וואַרעם. ער פילט זיך אינדערהיים.
ער הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און ליד.
ער סקריפעט לעבעדיק
סיי באַ קינסטלערישער דערגרייכונג, סיי באַ קינסטלערישע טאַנדעטן.
מיין טיש —
מיט פוטערברויט, פאָעזיע און פרעצלס —
איז אַן איינגעלעבטער גליד
אינמיטן קרייז פון פראָלעטאַרישע פאָעטן.
איצט מייסטרעווע איך און מיין זון אַ נייעם טיש,
פון געזונטע, פראָסטע ברעטער.
מיר שטעלן איין פעסטע פיס — ווי ס'שטייט אַ קלאַסנקלאָרער סטאָליער —
ווי דער טיש,
וואָס שטייט אין לענינגראַד, באַם פעטער, —
וואָס ס'האָט געמאַכט זיין זון — דער קאָמסאָמאָלעץ.

פאַראַן טישן וואָס טראָגן נאָך,
אין אָרעמקייט,
אַ טישטוך,
און זעען ניט אויס בּאַ זיך אַזוי געפאַלן.
אַף אַזאַ טיש זעסטו
ווי דערנידערונג און האָפענונג מישן זיך:
„איך וואַרט,
איך ווייס, —
ס'איז אַלץ נאָך ניט פאַרפאַלן".

אַרויסגעשטעלטע
טישן
אַף בלאַטיקע פאַנעלן,
שטייען רירעוודיקע, בייזע, —
צו באַפאַלן גרייט, —
פאַרן דאָלעם דרייסט זיך איינצושטעלן,
צעפראַרענע,
און הונגעריקערהייט.

נויאָרק האָט פיר מיליאָן טישן,
אָנגעטאָנט מיט טראַגישער מוזיק,
ווען האָבן זאָלן זיי קלאַוויר־קלאַוויש, —
אוי! — וואָלט דאָס אויפגעשפּילט אַ שטיק.

דיין טיש איז
דער ריכטיקער זייגער פון צייטן.
דיין טיש איז
די אָפענע בלאַט
פון דיין אייביקן פאַרמעגן.
דיין באַגאַזלטער טיש וועט דיין געדאַנקענגאַנג בייטן.
די טישן, די טיר
פון אונטערערדישן קעמערל
וועלן קומען דיר אַנטקעגן.

ווייז מיר
דיין טיש
פונדערווייטן,
און איך וועל שוין וויסן צי האָסטו
אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן צו בייטן, —
כ'וועל האָבן
דיין לעבן
צעמאָסטן.

גרויסער טאָג

(מאַי־ליד)

וויפיל זומערס זון
ווערן פאַר־דער־צייט פון הארבסט־האָגלען באַגראָבן.
וויפיל העלע שטיקער לעבן
ווערן פון ברוטאַלער צייט
ווי לעבעדיקע גאָלדפיש אָפּגעשאָבן.

עס טרעפן זיך אין לעבן
זוניקע צייטן.
נאָר צייט קאָן פאַררעטעריש פאַרבייטן
א זוניקן פעריאָד
אַף א טייך מיט ברודנע קריעס.

דער מענטש איז מאַיאיק פון נאַטור,
נאָר ס'האָט די וועלט אים אָנגעפּאַמפּעט מיט סעפּטעמבער־שטימונג:
די רויבער־וועלט וויל אויסראָטן פון זון אין אים דעם מינדסטן שפור:
אָן אייביק פינצטער גורל אים באַשטימען.

נאָר ס'איז א טאָג פאַראַן, —
וואָס אַלע וואָלקנס גייען אים פאַרביי, —
דער טאָג פון וועלטס מיליאָנען־שפּאַן:
דער ערשטער מאַי.

דער קלאַס וואָס טראָגט אַף זיך פון וועלט און לעבן אַלע אָקסן —
דער קלאַס וואָס טראָגט פון לעבן די מאָטאָרן —
האָט געלאָזט אין זיך די גליענדיקע זון צעוואַקסן:
די דערלייזנדיקע זון פון מאַי — פאַר אַלע קומענדיקע יאָרן.

מעג יעדן ערשטן מאַי אויסזען דער הימל ווי אַן אָנגעזופּטער כּמאַרעס־פּאַראַשוט,
וואָס וואָלט איבערן טאָג געזונקען:
אַלציינס לעבט שטענדיק אין זיקאָרן פון מיין קלאַס דער טאָג פון
פריי און פרייד און בלוט —
דער מאַי־טאָג — אַ צעזונטער.

פאַראַן אַזוינע טעג,
וואָס לייכטן זיך אַליין ווי זונען.
דורך שוואַרצע טעג האָט זיך דעם וועג מיין קלאַס צו אַזאַ טאָג געפונען:
נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, —
און מיר וועלן דורך אים
די וועלט האָבן געוואונען.

מעגן רעגנס אַלע יאָר דעם ערשטן מאַי דערטרינקען,
מעגן פייער־בייטשן — פון הימל און ערד — איבער דער שטאָט אונדז שמייסן:
אונדזער בונד מיט ערשטן מאַי קאָן שוין קיינער ניט צערייסן:
סיוויסיי און סיוויסיי
געדענקען מיר מיט זון דעם ערשטן מאַי.

מיין ווינטערמאַנטל אַפן שלאַכטפעלד

(פונעם בוך „נאָ פּאַסאַראַן", 1938)

טייערע ברידער פון שפּאַניע:
כ'האָב היינט פאַרטאָג דורך ראַדיאָ
געהערט אייער אַפּיל:
— „די שלאַכט ברענט — און טעג ווערן קיל".

שיק איך אייך מיין מאַנטל,
און וויקל איין אין אים מיין האַרץ,
אַן אָנגעצונדענע,
מיינע ברענענדיקע אָדערן אַריינגעוועבט
אין דעם פעדים פון געוואַנט —
ווי הייסע דראָטן מיטן שלאַכטפעלד-טעלעפאָן
פאַרבונדענע.

פאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
דיין יעדעס פעדימל וועט זאַפּן
פייערלעכן מוט,
און אויב אַף יעדן פעדימל
וועט זיין
אַ פלעק פון בלוט — וועט דאָס אַ זיגל זיין
אַף אונדזער אָנגעלאָדן האַרץ,
וועט דאָס אַ צייכן זיין
פון יענע טעג,
אַף וועלכע מיר האָבן אַ לעבן לאַנג געוואַרט.

פאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
וועסט וואַרעמען אַ מענטשן — וויכטיקער פון מיר.
איך קען קעמפן דאָ
דערווייל
אין טראַנטעס,
איך קען דעם ווינטער דורכשלאָפן אין פּאַרק,
פאַרשטריקלט
אין אַלטע צייטונגען און פּאַק-פּאַפּיר.

וועסט וואַרעמען
דעם גרויסן מענטש פֿון אונדזער צייט,
וואָס וואַרפֿט זיך מיטן לעבן
אױף דער סינע פֿון דער וועלט.
אױף דיין אונטערשלאַק
מיט בלוט
נעם איך און פֿאַרשרייב:
צו אַ קעמפֿער, אַ באַפֿרייער,
צו אַ העלד.

זאָלסט ברודערלעך אַרומנעמען
דאָס לעבן פֿון בראַוון קעמפֿער,
און ווען זיין זודיק האַרץ וועט צו דיר רעדן,
זאָלסטו געבן אים
פֿאַר מיר
אַ ברודערלעכן ענטפֿער.
זאָלסט בויגזאַם זיין
באַם שליידערן גראַנאַטן,
לייכט — אױף זיינע אַקסלען,
באַם קערעווען האַרמאַטן.

זאָלסט העלפֿן,
ווי איך וואָלט דערביי געווען
אַליין.
כ׳וועל דיר נאָכגיין
מיט מיין אויג און קאָל
ווען דו וועסט אין אַטאַקע גיין.

דערדין זיך גיך
צום ראַנג פֿון גענעראַל און קאָמאַנדיר,
ווי ס׳פּאַסט
פֿאַר אַ פֿאָלקספּראַנט מאַנטל,
וואָס שלאָגט זיך פֿאַר דער ערד — קעגן דער פֿינצטערניש
אױף איר.

ביסט נאָענט צו מיין לייב געווען
צוויי ווינטערס,
געפילט פון קאַמף און לייבאונלעבן
דעם פייערדיקן דראַנג,
האָט צווישן אונדז זיך איינגעלעבט אַ ווארעמע אינטימקייט,
שיק איך דיך
מיט הארצוואַרעמקייט, מיט ליבשאַפט און געזאַנג.

זאָלסט מיט מיין הארץ זיך טוליען
צום כאַווערס ברוסט, אין הייסע שלאַכטן,
מיט מיין בלוט אים וואַרעמען
אין קאַלטע אָפּדערנאַכטן.

און ווען ס׳וועט אָניאָגן דעם סוינעם פייער־טויט
באַ די טויערן פון מאדריד,
זאָלסטו קאַלטער שטאָל זיין פאַרן כאַווערס הויט.
און ברענסטו,
ברען זינגענדיק מיין שפּאַניש ליד.

אַ שטאָט מיט נאַכט

(פון אַ בריוו)

...האָסט ווען געשלאָפן אין אַ שטאָט מיט נאַכט,
וואו ס׳דונערט טויט — און ווייסט ניט וואו ס׳וועט טרעפן?
איך האָב מיין אורלויב אין אַ מאַדרידער קאַבאַרעט פאַרבראַכט,
נאָר ס׳האָט פרימאָרגנדיקע שטאָט מיין האַרץ געעפנט.

צווישן כורוועס
הערסט אַ קרעכץ,
דערזעסט אַ טרער,
נאָר ווערסט אַן אייגענער די נעכט:
דעקענסט דעם מוט פון לעבעדיקן פאָלק,
שרעקסטו זיך ניט מער.

שלאָף איך אין אַ שטאָט מיט נאַכט,
און זאָרג ניט, צי ס׳וועט דער טויט מיך טרעפן:
איך האָב מיט שפּאַניע אַ בונד געמאַכט,
אינמיטן געהענעם האָב איך מיין האַרץ פאַר איר געעפנט.

מאַדריד

(פון אַ דיכטערס אַ בריוו)

איבערן זילבערנעם דאַך
פון אַ מאַדרידער נאַכט
פליען שוואַרצע שיידים,
און דיר דאַכט: דער גאַנצער הימל שטערן
ברילט,
ווי אַ ים מיט יאַם-לייבן אונטער דער אייבערפלאַך,
און די לעוואַנע איז שוין טויט
און אָפּגעקילט, —
ווי פון טויטשרעק אַ שוואַכן מענטשנס האַרץ.
נאַר מאַדריד,
מאַדריד איז אַף די פּיס:
מאַדריד פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימלדיקן בריל:
מיט פולסן ווי פּראָפּעלערס
פאַלגט זי נאָך די שלאַכט צווישן מענטשן און פאַשיסט
און זעט,
און ווייסט
וועך בעסער צילט.
און אינדערפרי
זעסטו ניט מאַדריד באַ כורוועס וויינען אַף די קני.
קינדער גאַרניזאָנען,
מיט ביקסן הילצערנע, מיט פלעקלעך אין די גאַרטלען —
אָנשטאָט קוילן-פּאַסן —
מיט בלעכענע פאַנען פאַר טאַצן, רויטע פאַרטוכער
פאַר פאָנען
מאַרשירן אַף די אויפגעפּוצטע גאַסן.

אַרום די טויערן פון שטאָט שוואַרצע שאָטנס רייטן,
אַ פעכיקער שטורקאַץ אין יעדער גריווע ברענט.
טשאַרלי טשאַפּלינס בילד „מאָדערנע צייטן”
האָב איך אין מאַדריד געזען.
מיט ווירדע
און אַ בלום באַצירט
גייט דאָס לעבן אַף טאָג-טעגלעכן שפּאַציר.
גראָבקייט —
ווי אין די „גוטע אַלטע צייטן” אין אַ קריג-שטאָט —
האָט זיך די ברודנע לאַפּעס ניט צעפירט.
דאָ בורעט ניט אין מענטשנס בלוט קיין כאַאָס.

מאַדרידער גאַסן, ווי באַרצעלאָנער און בילבאַאָס
זיינען מענטשלעך טרויעריק און פריילעך.
שולן פירן סיסטעמאַטיש די סעמעסטערס.
דאָס פאָלק פייערט זיינע פאַרביקע פיעסטאַס.
זקיינים שיטן קלאָלעס
אױף בערלין און רוים.
קינדער שפּילן זיך
אין יוגנטס טרוים
צו באַפרייען שפּאַניע פון קירך און קאַרדינאַלן.
דעם טרוים
הערסטו זינגען, הערסטו שטראָמען
אין שטאָט, אין וואַלד, אין וואַסערפאַלן.
מאַדריד — דעם מענטשנס שול.
מאַדריד — דער זאַמלפונקט
פון מענטשנס איבערמענטשלעכן געדולד.
מאַדריד — פּראָמעטעאוס דער גיגאַנט,
אױף העכסטן הייסן פּאַליוס פון דער ערד, לייכט און רופט :
„נאָ פּאַסאַראַן!"
און אַלע וועלדער פון די פּירענייען
ענטפערן : „נאָ פּאַסאַראַן. נאָ פּאַסאַראַן!"
די כוואַליעס פון מיטללענדישן און דעם אַטלאַנטיק
שטורעמען : „נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!"
און אַלע אויסגוסן און טייכן פליסן
מיט פליעסק : „נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!"
אַלע אָזערעס און סאַזשלקעס
וויגן זיך
אין לירישן „נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!"
אַלע פליסטערנדיקע קוואַלן,
מעכטיק־שלאַנגנדיקע וואַסערפאַלן,
אַלע לעבעדיקע שטראָמען — שטאַרקערע און שטילע,
אַלע הייסע זונווינטן,
אַלע קאַלטע פראָסטווינטן,
אַלע ווינטעלעך — וואַרעמע און קילע, אַלע האָגלען,
אַלע פייגלען —
אין טענער לירישע און עפּישע,
אין טענער
וואַלדיק־יאַמיק־שטאָטיש־סטעפּישע —
ענטפערן דעם ליכטיקן גיגאַנט : „נאָ פּאַסאַראַן!"
„נאָ ——— פּאַסאַראַן!"

שפאַניש וויגליד

ס'פייפט דער ווינט,
דורך אונדזער דאַך,
הימל צינדט
זיך אָפּדערנאַכט.

קינד מיינס, קינד,
אַנטשלאָף איין.
זאָל דער ווינט
דיר זיין ווי ווייַן.

וואַלד און פעלד
דער טויט פאַרהילכט.
מאַמען קוועלט
ניט מער קיין מילך.

טאַטע איז
אין שלאַכט אַוועק.
מאַמע וויגט
אַ וויג מיט שרעק.

קאָרן, ווייץ
וואַרט אויפן שניט.
טאַטע שטייט
הינטער מאַדריד.

שרעק זיך ניט,
מיין טייער קינד:
טאַטע היט
מאַדריד פון הינט.

טאַטע היט
דיין ליבע שטאָט
פון פאַשיסטנס
פאַרסאַמטן טראָט.

קינד מיינס, קינד,
אַנטשלאָף איין.
זאָל דער ווינט
דיר זיין ווי ווייַן.

מאַדעסטאַ

מאַדעסטאַ — די פּויערשע מויד,
קען ניט לייענען, ניט שרייבן.

מאַדעסטאַ — אַף אַן אייזל צום שלאַכטפעלד
געקומען צו רייטן.

— וועך ביסטו, מאַדעסטאַ?
— **אַ פעלד־פּויערטע אַ פּראָסטע.**

—וואו ביסטו געבאָרן, מאַדעסטאַ?
— **אין אַן ערד־שטיבל, מיט אַכט ברידער און שוועסטער.**

— וואו — טאַטע־מאַמע, מאַדעסטאַ?
— **באַגראָבן אין כורזועס, צווישן די ערשטע.**

— און וואו — דיינע ברידער, מאַדעסטאַ?
— **אַפן פראָנט — צווישן די בעסטע.**

— וואו איז דיין מאַן, מאַדעסטאַ?
— **מיין כאָסן איז געפאַלן באַ הועסקאַ.**

— וואָס טוסטו דאָ, מאַדעסטאַ?
— **כ'בין געקומען מיט פראַנקאָן זיך פאַרמעסטן.**

מאַדעסטאַ, די פּויערשע מויד,
קען ניט שרייבן, ניט לייענען.
מאַדעסטאַ, אַ קינד פון דער נויט,
וואָס קען ניט וויינען.

מאַדעסטאַ
די פּויערשע מויד
איז זיך געקומען פאַרמעסטן
מיטן טויט.

דער אַמבולאַנס־טרייבער

(די שאָפערן פון מעדיציניש אָפטייל פון דעם לינקאָלן־באַטאַליאָן)

באַגינען. זומער־פעלדער זינגען
מיט וואַרעמהאַרציקייט פון מאַמע ערד און ברויט.
אין יאָג, באַהאַלטנדיק זיך צווישן פעלדער זאַנגען,
אַנטלויפט אַן אַמבולאַנס פון טויט.

דער אַמבולאַנס קומט אָן פון ערשטער ליניע.
אינעווייניק — לעבן בלייכט, און טויט איז רויט.
צווישן ראָד און טרייבערס האַנט צווי סאָנים מינען:
גיכער! — בעט דאָס לעבן; פּאַוואָליע — גרילצט דער טויט.

ווער גייט אויס, ווער קומט צו זיך, ווער פיבערט
אין גווירלדיקן קריזיס אונטער ברענענדיקער הויט.
דער טרייבער איז דאָ אָנפירער פון לעבן,
יאָגט שטאַרקער זיך נאָך אים דער טויט.

הויך איבערן שליאַך געיעג־הינט ווילדע יאָגן:
צילן שטראָמען פייער אָפן רויטן קרייץ.
ס'קאָן דער אַמבולאַנס שנעלער זיך ניט טראָגן,
כאָטש דאָס לעבן פלינקער איז פון טויט.

זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס.
דעם טרייבערס ברוסט ברענט סאַמענדיקער שרויט.
נאָר ס'מוז זיין אַמבולאַנס צום פעלד־שפּיטאָל קומען! —
און — שטאַרבנדיק — יאָגט ער אַריבער דעם טויט.

זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס:
אין שפּיטאָל־הויף דער טרייבער — ווי אַ מאַדרידער טאָג פאַרגייט.
זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס:
דער אַמבולאַנס האָט אָנגעיאָגט דאָס לעבן — צווישן טויט און טויט!

אַ בריוו פון אַ כירורג

(דאָקטאָר באַרסקין, דעם אָנפירער פון די אַמעריקאַנער שפּיטאָלן אין שפּאַניע, און די דאָקטוירים וואָס אַרבעטן מיט אים.)

...מענטשן. מענטשן. מענטשן — ווייטיקן
הילפלאָזע פּעק.
אַ ווינקעלע ניטאָ אַ ליידיקער,
דאָס לעבן — מיט די געדערים אויפגעדעקט.

כ׳בין פּערציק שאָ אָן רו
אין דריטן פעלד־שפּיטאָל,
נאָר וואָס בין איך, און וואָס ביסטו,
ווען צווישן בערג פון טויט
דו דינסט אין לעבנס־טאָל.

אין דעם טאָל פון איילבירטן
דאָס גאַנצע לעבן קערט צוריק — אַ האַלבס,
נאָר יעדער אָפּעריִרטער
וויל צוריקגיין באַלד.

אַ האַרץ קען דאָ זיין אַ יאָס טויט,
נאָר די כוואַליעס זיינען שווינגענדיקער מוט:
ווען פון שטעכיק דראָט דער העכסטער פלויט
ניט שטערן שפּאַניעס מאַרשרוט.

אַ נאַכט
איז אַ וואַלד שלאָפלאָזיקייט,
נאָר ווען דו באַנדאַזשירסט אַ קאָפּ,
איז ווי דו וואָלסט מיטן באַנדאַזש די גאַנצע ערד אַרומגענומען,
די ערד, די וועלט —
וואָס איז מיט לעצטן טויט און פרייהייט אָפּדערצייט.

וואָס איז רו און שלאָף,
זוען לייכט־פאַרוואונדעטע, אין פעלד,
אַליין זיך באַנדאַזשירן,
צו קענען ווידער באַלד דעם סוינע אַטאַקירן.

טאָג און נאַכט ווערט דאָ
ניט פון דער נאַטור געביטן:
טאָג און נאַכט איז דאָ —
נאָכן צושטאַנד פון געמיטן.

דאָ היילן מיר דעם אָפּשטאַם
פון אור־קאָרבאָנעס,
זע איך אָף יעדער וואונד אַ זון,
אָף יעדן פּאָנעם — אַ לעוואָנע.

איז יעדער שניט פון מיין לאַנצעט
אַ לעבנס־שטראַל פאַר מענטשנס וואונד,
און אין אַ וועלט פון שניידנדיקע ווייטיקן איך זע
ווי ס׳ווערט דער מענטש געזונט.

וואַלענציע

דאָס לעבן אַף פּלאַץ קאַסטיליאַר,
אין בלי און בלענד פון פּאַלמעס און פאָנטאַנען,
אין אַ רעגע — ווערט אין קעלערן פאַרשפּאַרט:
טויט פּליט איבער דער שטאָט אַף הונדערט עראָפּלאַנען.

די ליכטיקע וואַלענציע ווערט פינצטער:
לאָדנס שליסן־אָפּ דאָס ליכט פון לעבן — פונעם סוינע.
דערוואַרטונג פון אומדערוואַרטן טויט פּיבערט אין די פינגער:
שטוב און שול און גאָרטן ווערן אַ בוינע.

ווי אַ מיראַזש, וואָס פאַלט אַריין אין יאַם, —
פאַלט אַריין די פּאַלמען־שטאָט אין נאַכט.
הימל, וואָס ברענגט ליבן טאָג, ברענגט טויטן־סאַם,
פאַראַפּעלערס הירזשען — ווי אַ סקאַדראָן טייוואַלים לאַכט.

וואַלענציע, אינמיטן טויט, רעדט הילכיק
צום „יוישער" פון דער וועלט, וואָס באַהאַלט זיך אין זשענעווע.
די „לעגענדאַרע" שטאָט ענטפערט — ניט פאַרעוו און ניט מילכיק,
איריקע, אין מיזרעך און אין מאַירעוו, האַלטן די טראַדיציע פון סאַראַיעוואָ.

עס שמעקן אין וואַלענציע מיט רויך און טויט די פּאַלמען,
נאָר מיט שטימונג פון לעבן שמעקט — אינמיטן פּאַניק.
וואַלענציעס גאָרטנס, וואָס שמעקן מיט ביים־אַלמין,
וועלן בליען בלענדיקער ווי זון — אין פרייער שפּאַניע.

כל־נדרי

• **פון קאָל־נידריי ביז נאָ פּאַסאַראַן**

(אַף איינעם פון די פראָנטן אין שפּאַניע האָט אַ יידישער בריגאַדיר,
צווישן אַנדערעס, געזונגען קאָל־נידריי. דער נאָמען איז ניט אָנגעגעבן.
דאָ ווערט ער באַצייכנט ווי דאַוויד ראָם.)

. . . אַלע נידאָרים
און אַלע איסורים
וואָס מיר האָבן גענומען אַף זיך — זיינען באָטל.
מירן זיצן אַף אונדזערע קוואָרים,
מירן אויסשטיין אַלע יעסורים
און היטן יעהאָוואָס געבאָטן.

הערסט די עלטערזיידעס רייד
פון 1481,
רייד — צופּנדיקע שטיקער האַרץ —
פון שפּאַניעס מיטלאַלטער־קעלערס, —
געשיכטעס אַ לאַנגע נאַכט מיט לעבן,
וואָס טאָרקוועמאַדאָ באַוואַכט זי,
און פון שייטערהויפן שיינט
דאָס קיניגלעכע פּאָנעם איזאַבעלאָס.

די שייטערהויפנס לייכטן
מיט דער זוניקייט פון אַנדאַלוזיע,
נאָר ציילסטו אַנדאַלוזיעס טויטע יידן,
איז די זוניקייט
מער ניט ווי אילוזיע.

אין די גאַניידן־פּייערן
שטייגט־אויף אַ הימלדיקע מישפּאָכע־אידיליע:
די קאַרדינאַלן, די קיניגלעכע קורווע
פון הייליקן קאַסטיליע,
דער ריטער הערנאַנדעז — דער פּראָטאָטיפּ
פון געניאַלן מיגועל סערוואַנטעס —
באַ הייסן וויין פון אַליקאַנטע.

וויין איז בלוט
און בלוט איז וויין
פון אוראַלטן יאַרדן
ביזן מאָדערנעם רהיין.

כ'דערמאַן זיך אין מיין זיידעס גזאַר,
ווען כ'זע שפּאַניעס לעבן שווימען
אַפן בלוטיקן מאַנזאַנאַר.

פראַנקאָ — אַן אייניקל פון איזאַבעל, —
קרוינקאָפּ פון גאָטפּאַרכטיקן טיראַן;
דאַוויד ראַם — אַן אייניקל
פון דאָן אַבאַרבאַנעל, —
אַן ערלעכער מאַראַן.
פיר אַ האַלב יאָרהונדערט אין פייערדיקן שפּאַן —
פון קאָל־נידריי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

זיצט דאַוויד אין טראַנשיי
אונטער קאָרדאָווע
און זינגט אוים זיין זיידנס מיטלאַלטערלעכן וויי,
אין אַ רעגנדיקן אָוונט.

און פּעדראָ פון מאַדריד,
און יאָהאַנעס פון האַמבורג,
העלפן זינגען די טפילע פון שפּאַנישן ייד,
געזונגען פון אייניקל דאַוויד
פון לעמבערג.

יאָהאַנעס און פּעדראָ
פילן אין טייטש און אין טאָן פון קאָל־נידריי
די אייגענע בלוטיקע סעדרע,
די גוטסקייט פון גאָט און פון שטאַט
און ביידנס זיך ברידערן.

יאָרן, ווי טייכן האָבן געשטראָמט,
און דורך זיי — דער וויין פון אַליקאַנטע,
און דאָס וואָרט און דאָס ליד פון שפּאַניעס טראַנשיי
שפּרינגט ניט אַרויס פון אַ רעגעס עקספּראָמפּט:
יאָהאַנעס און דאָוויד און פּעדראָ
האָבן דערוואַקסן
צו נאָ פּאַסאַראַן און אַדעלאַנטע.

יאָהאַנעס און דאָוויד און פּעדראָ
אַף שפּאַנישן שלאַכטפעלד
זינגען דאָס ליד פון געברידערטן שטאָם.
יאָהאַנעס און דאָוויד און פּעדראָ
פון שפּאַנישן שאַכטפעלד
באַוואָרפן מיט פייער דעם פינצטערן וועג —
פון קאָל-נידריי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

מיגועל סערוואַנטעס

אַ פֿויער — אַ מאָדעל
פֿאַר אַ ראָדען סקולפּטור
דאָס איז סערוואַנטעס, מיגועל,
דער באַרוועסער פֿויער פֿון אַסטוריע.

פֿיר זין האָט מיגועל.
קעמפֿן צוויי אונטער מאַדריד
און צוויי — בײַ טערועל.

רואיק פּיפּקעט זיין ליולקע מיגועל,
און שמועסט מיט באַדויער צו די שכיינים
וואָס זין אים פֿעלן
פֿאַר בילבאַאָ און קאַראַבאַנטשעל.

דער פֿויער מיגועל איז
שטאַם פֿון שפּאַניעס אַנאַלפֿאַבעטן:
יערושע פֿון דינאַסטיעס אַלפֿאָנזן
און צאַצקעדיקע איזאַבעלאַס:
אונטער שלעסער — פֿונעם אַלעף-בייס ביז די פּאָעטן.

אַ גליק: געווען אַ דינסט די מאַמע,
אַף סראָרעס קינדער אויפֿגעפּאַסט,
האָט זי אַהיים געבראַכט אַ ביכל — פֿאַרוואָרפֿן
פֿון איר דאַמע,
פֿון די קינדער — דעם אַלעפֿביים געגנאַשט.

אַזוי האָט מיגועל
צו ברעקלעך וויסן זיך דערקליבן.
איצט איז אים זיין האָפֿענונג אַף פֿרייער שפּאַניע,
זיין אַלטער הונט „אַלפֿאָנז"
און ביסל קענטשאַפֿט נאָר פֿאַרבליבן.

מיט זיינע קלוגע פֿריינט
געבליבן ז'ער אַליין אין שטיבל:
זיין „אַלפֿאָנז" און „דאָן קיכאָט" —
מיגועלס מישפּאָכע-ביבל.

לייענט ער אין אָוונט
זייט נאָך זייט,
יאָרהונדערטער ווערן אים נאָענט,

און די מיל —
די מיל איז דאָ ניט ווייט.

פֿאַנטשאָ קען ער אויסגעבונדן,
גלויבט: דער קליגערער איז ער, ניט דאָן קיכאָט.
די ריטערלעכע העלדן זיינען שוין פֿאַרשוואונדן,
און פֿאַנטשאָ איז אוים אידיאָט.

רעדט ער, און „אַלפֿאָנז" הערט אוים פֿאַרטרוילעך
סערוואַנטעס' טייטש
פֿון דאָן קיכאָטס נעסיע, פֿון פֿאָלקס היילעך,
פֿון שפּאַניעס יאָך אונטער דער קירכעס בייטש.

„אַלפֿאָנז" איז נאָך די זין פֿאַרבענקט,
שאָקלט ער אומעטיק זיין קאָפּ — דעם אַלטן ווי אַ טרייסט.
און מיגועל: „געדולדיק, נאַר: באַלד גיי איך, און דו דאָך אויך —
ווי דו שטייסט און גייסט".

זיינען נעכט געקראָכן
ווי צעפּלאַצטע טאַנקעס,
זיינען טעג געפֿלויגן
ווי צעפּלאַמטע עראָפּלאַנען,
און צווישן אירון און קאַזאַבלאַנקע
זיינען אָפּ סערוואַנטעס פֿיר זין — פֿיר ברעטלעך געשטאַנען.

אין אַ באַגינען,
זיין הוט באַ דער זייט,
מיט אַ זאַק און אַ ביקס, —
פֿון זיין ליימענער שוועל
האָט געקוקט אין דער ווייט
מיגועל.

אָפּן זיבעטן טאָג איז סערוואַנטעס
געשטאַנען אין גרובנס באַ אַליקאַנטע.
זיין אויג האָט געצילט און זיין האַנט האָט געטראָפֿן:
רוימער „מאַלאַכים" זיינען אַנגעפֿלויגן,
אַפֿריקאַנער מורן זיינען אַנגעלאָפֿן, —
מיגועל האָט דאָס בלוט פֿון שפּאַניע און זיינע זין
אין פֿייער אָפּ פֿעלדער געפֿונען צעגאָסן,
האָט ער מיטן אימפּעט פֿון זיינע העלדישע פֿיר זין
די „געטלעכע שילוכים" — די דעמאַנישע
„דערלייזער" באַשאָסן.

באַסקישע לאַנדשאַפט

(פון אַ דיכטערס אַ בריוו)

דער הימל איז צעשפּאָלטן.
פון יעדן שפּאַלט — זעצט אַ הייסער וואָלקן.
דורך יעדן וואָלקן פליען
טאָנען טויט.
דער טויט
ציטיקט אוים דאָ יעדן טאָג
פרישע פעלד-ביים-אַלמענס,
וואָס וואַקסן אין דער זון ווי פעלדער ברויט.
איבער באַלאַגערטע וועגן
שלעפּן ראַטעווען אַ שטעטל לעבן
איינגעמידטע אָקסן,
ביינערדיקע אייזלען,
און דאָס לעבן אַף די קרומע וועגענער
האָט דעם מינדסטן אָנבליק ניט
פון געניאַלסטן, שענסטן
גיבער —
דער שטאָלץ פון הימל און ערד — **דער מענטש.**
איבער די וועגן פליט
דער אָדלער,
פליט דער שפּאַרבער,
פליט שוואַלב און לאַרכע,
און צווישן זיי,
און איבער זיי —
פליט מאָטאָריזירטער טויט.

יעדע רעגע איז — אַ פייערדיקער ריז,
צום גוטן, צי צום בייזן.
איינס — ווייס איך אַף געווים:
איינע פון די רעגעס וועט
אונדז אַלעמען דערלייזן.

„נאָ פּאַסאַראַן!"

(דאָס שפּאַניש ליד)

דאָס ליד זינגט אַף אַלע ראַדיאָס.
דאָס ליד זינגט דורך דיינע דינסטע אָדערן
און לייכט-אויף אין דיר
הערלעכער פון אַלע פיינסטע אַריעס.

דאָס ליד איז די ליבשאַפט פון גוטן מענטש,
דאָס ליד שמעקט מיט בלומען-זון פון אַנדאַלוזיע,
מעלאָדיע — פון לעבנס צעוויטיקט האַרץ
אַף טויזנטיאָריקע אילוזיעס.

דאָס ליד איז דער טאַם פון מאַלאַגער ווײַן
פון סעווילער גאָלדענע אָראַנזשערייען,
דאָס ליד איז שפּאַניעס פלאַטערדיקע פרייד,
וואָס זינגט איר טרוים דורך אומעט פון טליענדיקע ווייען.

דאָס ליד זינגט מיטן שווייגן פון מאַדרידס אַלמאָנעס,
דאָס ליד זינגט מיט צער פון ליבע אין אַ וועלט פון סינע,
דאָס ליד זינגט מיט איינגעהאַלטענעם געוויין
פון זוכנדיקע הענט און אויגן אין אַשיקע רואינעס.

דאָס ליד איז
די טיף פון טיפעניש
פון דוירעס ראָמאַנצעראָס,
דאָס ליד איז דער דראַנג
צו די מענטשלעכסטע באַגערן.

דאָס ליד, דאָס ליד: „נאָ פּאַסאַראַן!" —
זינגט איבער דער וועלט דער גאָרער.
ווי גליענדיקער מאַירעוו-הימל גליט דיין גלויבן אין דעם טאָן.
יעדעס פאָלק האָט אַזאַ ליד.
אַזאַ פאָלק — קען ניט אייביק זיין פאַרלאָרן.

מוישע אָלגין

(פונעם בוך: „מוישע אָלגין")

עס ברעכט דאָס האַרץ צו ריידן וועגן דיר אַ טויטן.
ווען טייכן ווערן לעבעדיקע קוואָרים און ס׳ווערן טליעס פון די גאָרטנפּלויטן,
ווען די סינע פון דער וועלט טראָגט אין יעדן אויסגעפּוצטן וואָרט אַ דאָרן
איז אָן דיר די ליבע פון דער וועלט אָרעמער געוואָרן.

נויאָרק שפּילט דעם טרויער-מאַרש
און די וועלט הערט אַ פאָלקס געוויין.
געשטאָרבן איז אַ גרויס האַרץ,
נאָר ס׳לאָזט דאָס פאָלק איר ניט פאַרגיין.

נויאָרק פירט אַ לעוואיע אין אַ בלומען-וואַלד,
וואָס די גאַנצע ליידנדיקע וועלט באַגלייט.
דאָס האַרץ אין אָרן איז ווי דעם מענטשנס ליידן אַלט —
האָט דאָס אויסגעברענט ליידנדיקערהייט.

נויאָרק באַגלייט זיין פאָלקס-מאַרטירער,
זיין זון, זיין קעמפער און זיין העלד.
זיין מוט, זיין וואָרט וועט אייביק בלייבן פירער —
וויינט און זינגט מיט דער פראָצעסיע די וועלט.

ס׳געוויין איז ניט דער האַרצרייסנדיקער יאָמער
פון אַלטע קלאָגמוטערס איבער אַן אָרן, —
ס׳געוויין איז דער יאַם טרערן פון פאָגראָמען,
ס׳געוויין איז מיט מוט און גלויבן, צאַר און צאָרן.

און דאָס געזאַנג איז פייערלעכע זיכערקייט
פון דעם העלדס יינגל-יאָרן ביז זיין לעצטן בלומען-וועג, —
אַז דער יאַם טרערן אינעם ליד — פון דעמאָלט ביז היינט —
וועט אויסטריקענען פון ברעג צו ברעג.

:: :: ::

עס וויינט אין מיר דער טרויער-מאַרש,
עס וויינט אין גאַנצן פאָלק
עס שלאָגט ניט מער דאָס גרויסע האַרץ,
עס הילכט ניט מער זיין קאָל.

זיין הארץ געווען איז פייער-קוואל,
זיין קאָל געווען איז יאַנטעוו:
ער איז געגאַנגען און געשטראַלט
אינמיטן מיטוואָכנדיקן מאָנטיק.

ווייל מאָנטיק איז געווען אַן ארבעטס-טאָג,
ווי ס׳איז געווען אים זונטיק,
און זיין אימפּעט האָט די שווערע צייט געיאָגט
און זיין גלויבן — אַלעמען געמונטערט.

שאָלעם-אַלייכעם ט׳אונדז געלערנט הארציק לאַכן,
און ער — זיך פרייען דורך זיין גלויבן:
זיי ביידע וואָרצלען טיפער פון ביים-אוילעם פלאַכן
און גרייכן העכער פון הימלדיקסטן אויבן.

אין וויינענדיקן ווינט-געפלאַטער
זינגט די פאָן זיינע די רויטע,
ער איז ניט געשטאָרבן, ער איז בלויז פאַרמאַטערט:
אין קוואָרים אונטער אונדזער פאָן רוען ניט קיין טויטע.

און זיין קייווער איז קיין קייווער ניט,
נידעריק באַ דער ערד, אין גראָזיקן געווימל:
זיין קייווער איז אַ בלומען-באַרג וואָס בליט
און וואַקסט און גרייכט צום ברענענדיקן הימל.

ביז אָנצאָליקע מיליאָנען ציילן זיך די בלומען,
און אַרום יעדער בלום שפּראָצט יונגער רויטער צווייט,
און מיט יעדן צווייט דער וועלט איז אַ נעשאָמע צוגעקומען,
ווייל אין יעדער בלום זיין גרויס הארץ מיט ליבע בליט.

מיט זיין טויט גייט די זון ניט אונטער,
ווען זי זאָל — וואָלט ער שטאָרבן ניט געקענט.
מיט זיין טויט ווערט זיין פאָן נאָך בונטער
און די זון אין פאָלקס-פאַרוויינטע אויגן נאָך העלער בלענדט.

עס שלאָגט, עס שלאָגט דאָס הארץ פון פאָלק,
און קיינער קען ניט אָפּשטעלן דאָס הארץ:
דאָס פאָלק רעדט מיט זיין קאָל
און מיט זיינע טריט גייט ער אין דעם מאַרש.

⁘ ⁘ ⁘

ס'האָבן פֿעלקער אָנגעשריבן
אייצרעס העלדן־קאַלעוואַלעס,
און ווען יידן זאָלן שרייבן אַ מיליאָן זיבן מאָל זיבן —
איז דאָס נאָך אַלץ ניט אַלעס.

ס'האָבן פֿעלקער אָנגעשריבן אייצרעס רונעס
פֿון פֿאַלקסמוט און מאַרטירער.
דיינע אָדערן זיינען געווען ברענענדיקע סטרונעס
פֿון דעם אייביק זינגענדיקן פֿירער.

אָרעם, קליין געווען די שטעטלעך,
אָרעם, קליין נאָך דו אַליין,
און דיינע פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך
האָבן געקענט אויפֿוועקן אַ שטיין.

האָסטו געוועקט, געשטורעמט
צו ברעכן אַלע אַלטע גראַטעס,
און צווישן עטאַפּן און טורמעס
האָט דיין פֿייערדיקע פֿאָן געפֿלאַטערט.

און אַף דער גרויסער וועלט ביזטו אַרויס
און מיט דיין גליענדיקן רוף געלאָזט זיך שפּרייזן,
און ביזט אויסגעוואָקסן גרויס —
ווי ס'קען דאָס פֿאָלק דערווייזן.

און דאָס פֿאָלק האָט דיך דערהערט,
און דאָס פֿאָלק האָט זיך דערפֿרייט
און זיך אויפֿגעהייבן פֿון דער ערד
און די אָרעמס ווי פֿליגלען אויסגעשפּרייט.

אַלע, אַלע האָבן פֿליגלען,
נאָר מען צעברעכט זיי פֿאַר דער צייט,
האָסטו געמאָלן בילדער קלאָר ווי שפּיגלען
אונדז געוויזן פֿון דער ווייט דעם לעצטן שטרייט.

אַלע, אַלע האָבן אויגן,
נאָר מען האָט זיי בעקיוון אויסגעקרימט,
נאָר ווי מען האָט געקענט, נאָר מען איז ניט געפֿלויגן —
האָט מען אויך צום קרומען צוגעשטימט.

און דאָס לעבן פון דיין פאָלק געווען איז
קרום און לאָם,
פאַרקלעמט אין קוילערס בלוטיקער זשמעניע —
און דורך לענדער האָט געשטראָמט אַ רויטער שטראָם.

און דאָס פאָלק האָט דיך דעהערט,
און דאָס פאָלק האָט זיך דערפרייט
און זיך אויפגעהייבן פון דער ערד
און די אָרעמס — זיינע מעכטיקע פליגלען — צעשפּרייט.

:: :: ::

שפילט נויאָרק דעם טרויער-מאַרש
און די וועלט הערט אַ פאָלקס געוויין.
געשטאָרבן איז אַ גרויס האַרץ,
נאָר ס'לאָזט דאָס פאָלק איר ניט פאַרגיין.

נויאָרק באַגלייט זיין פאָלקס-מאַרטירער,
זיין זון, זיין קעמפער און זיין העלד.
זיין מוט, זיין וואָרט וועט אייביק בלייבן פירער —
וויינט און זינגט מיט דער פּראַצעסיע די וועלט.

עס שלאָגט, עס שלאָגט דאָס האַרץ פון פאָלק,
און קיינער קען ניט אָפּשטעלן דאָס האַרץ:
דאָס פאָלק רעדט מיט זיין קאָל
און מיט זיינע טריט גייט ער אין דעם מאַרש.

און דאָס געוויין-געזאַנג איז פייערלעכע זיכערקייט
פון דעם העלדס יינגל-יאָרן ביז זיין לעצטן בלומען-וועג, —
אַז דער יאָם טרערן אינעם ליד — פון דעמאָלט ביז היינט —
וועט אויסטריקענען פון ברעג ביז ברעג.

איז זיין קייווער גאָר קיין קייווער ניט,
נידעריק, בא דער ערד, אין גראָזיקן געווימל:
זיין קייווער איז אַ בלומען-באַרג וואָס בליט
און וואַקסט און גרייכט צום ברענענדיקן הימל.

ווייל זיין האַרץ געווען איז פייער-קוואַל,
זיין קאָל געווען איז יאַנטעוו:
ער איז געגאַנגען און געשטראַלט
אינמיטן מיטוואָכדיקן מאַנטיק.

הייסע טושן

הייסע טושן
האָבן ערשט געזונגען
איבער דיין לייב.
דיינע אַכצן יאָר און רייפע, שאַרפע מיידל-גלידער
האָבן געשפּילט ווי טאַנצנדיקער קוועקזילבער
אין די זינגענדיקע טושן.
די וואַרעמע,
זילבערסטרונעדיקע וואַסערן
האָבן דיך ליב, ווי מיינע שפּילעוודיקע פינגער, וואָס
גלעטן,
ברענען און
קושן
דיין אָפּגעפרישטן קוועקזילבער-לייב.

איצט איז שוין טאָג,
זיץ איך אויף דיין בעט און
שרייב.
איצט בין איך דער זינגער
פון די זינגענדיקע טושן איבער דיר.
איצט בין איך דער ליריקער פון לייב,
דער זינגער פון לירישן רוישן
פון וואַרעמע וואַסערן איבער מיידלשער פריש-בוימיקייט.
דער גליענדיקער אומרו פון דיין זוניק לייב איז
הייסער
פון מיין בעסטן ליד.
מיין פאַרטאָגיק געזאַנג
אויף די ברעגן פון דיין בעט
וויל גליען מיטן רויטן ריטעם פון
דיין יונג-האַריקן גליד.
אינדרויסן פייפן
פאַבריקן און
באַנען.
מילכלייט שפּילן אויף
ליידיקע קאַנען.

און דאָ שפּילט
דער יאָנטעוו
פון לייבער באַפרייטע און וואַרעמע
טושיקע קראַנען.
איצט שפּילן אולטראַ-קאָלירן אַף טויזנט רויטע עקראַנען
אַרום אונדזער בעט.
דער קליינער פאָרהאַנג אַפן פענצטער איז
אַ דינער
צעפלאַקערטער טוניק.
טאָג-טעגלעכע נויטן,
דער טומל אינדרויסן,
דער אויסגאַנג פון שווערן, שווערדיקן קאַמף
ווערט לייכט, לויטער און
זוניק —
ווי דיין פרייער לייב אונטער די זילבער-סטרונעס פון די וואַרעמע טושן.
ווי דיין נאָענטע, נאַקעטע, אָפענע גאַנצקייט, וואָס ציט זיך
צום טראָפּישן פּאַליום פון מיינע קושן.

ווייסע ליילעכער און רויטער מאָן

זע דעם אָפענעם
גרינעם
געבלעטערטן לעבן
פון פעלדער קרויט און פולע
אויפגעפראַלטע קנאָספּן.
די וואָרצלען, שטאַמען און
די אויפגעבליטע קרוינען זיינען פריידיק, מיידלדיק
פאַרטרויט
צו פרייער
ברוסטיקער ערד,
צו קושנדיקע, זומערדיקע רעגנס און
צו רייפע, מענלעכע זונען.
זינגענדיקע וואַסערן, ליילעכדיקע יוני־ווינטן
קושן אָפּ
די ליפּן יונגע היאַצינטן און צעפלאַמטע
פעלדער מאָן.
און ווען עס זינגט אין דאָרף, פאַרטאָג,
דער גרויסער, רויטער האָן,
איז דאָס אַ ליד צו די אָפענע פעלדער, — ווי ווייסע
ברייטע ביידלדיקע בעטן, —
אַ ליד צו די קופּערנע שטראַלן פון הימל און קוזניע,
וואָס גלעטן
דורך די דורכזיכטיקע טויען
די אָפענע פעלדער קרויט און אויפגעפראַלטע קנאָספּן.
די פריידיק־גליענדיקע בייטן מאָן,
וואָס פלאַמען לאַכנדיק און זוניק,
ווי קלוגע, יונגע פרויען אין פרימאָרגנס
אָפּ ווייסע ליילעכער אין פעלד אונטער דער זון

צווײ לידער פֿון אַ שמיד

1

ייִנגלווייז בין איך
אַ פּאַסטוך געווען,
מיט שעפּסן און בעהיימעס געוואַקסן.
איצט שמיד איך
רעדער,
איצט שמיד איך פֿערד,
איצט האַמער איך אייזערנע אַקסן.
געשלאָפֿן אויף
לאָנקעס, געברענט זיך
אויף פֿעלדז.
איצט ברענט, איצטער פֿייערט,
איצט שייערט די קוזניע
מײַן לעבן מיר אויס.
מײַן אַרבעט קלינגט איבערן פֿעלד.
מײַן אַרבעט האָט אַ נאָמען אין
די דערפֿער. מײַן אַרבעט און —
מײַן מויד.
זי זינגט אויף די זוניקע וועגן וואָס פֿירן צו מײַן קוזניע.
איך מיט די העלפֿער
קלינגען איר צו מיט די האַמערס.
אין די אַרומיקע דערפֿער קען מען איר קאָל, אירע באָרוועסע פֿיס, איר הייסן,
רייפֿן לײַב אין דעם רויטן, בלומענדיקן קלייד.
זײַנען מײַנע פֿרייד-ברייטע נעכט אונטערן דאָרף —
זײַנען מײַנע זינגענדיקע טעג אין קוזניע — שפּליטערדיקע, שפּילנדיקע
פֿײַערווערק.
ריידן וועגן מיר
פּויערים אויפֿן קאָל און מיידלעך שטילערהייט —
מײַן ליד און מײַן האַמער
האָבן פֿאַרשלאָפֿענע דערפֿער דערפֿרייט.

2

אינדערפרי איז דיין ליבע אַ רואיקער, רייפער אָראַנזש־בוים
צווישן אונדזער שטיבל און
מיין קוזניע.
אינדערפרי
איז מיין ליבע צו דיר
דער שעפּעדיקער בוים מיט מאַראַנצן לעבן שטיבל, אונטער זון.
גייענדיק צו דער אַרבעט
כאַלעם איך פון פלאַנצן
גאַנצע נאַכלעם אָראַנזש־ביימער אַרום דאָרף.
נאָר ווען עס הייבן אָן זינגען די פייערן, די האַמערס
איבער דער קאָוואַדלע
ווערט מיין ליבע צו דיר דער אָנגעבערענטער שמיד־אייזן,
וואָס לאָזט זיך ניט אָפּקילן.
ווערן מיינע געדאַנקען ווען דיר ערשט־געשמידטע, ברייטע,
הייסע שינעס
וואָס קייקלען זיך באַרג אַרויף און
באַרג אַראָפּ — צו דיר.
איז מיין ליבע צו דיר — די קוזניע, אינמיטן באַטאַגיקן אימפּעט,
אינמיטן די
פריילעכע פייערן, דאָס קלאַנגיקע האַמערן
פון מיר און מיינע העלפער.
ווען איך קליב צונויף מיין געצייג, פייפנדיק אַ ליד
פון אַ ליבן טאָג אַרבעט און אָפּרו,
לויפן פאָרויס פון מיר רונדע, רויטע רעדער איבער די בערג —
פון מיר צו דיר.
באַנאַכט איז אונדזער ליבע אַ קוזניע אין פלאַמען.

שטיקער שטאָט

איבער דער שטאָט ברענען
הויכע רישטאָוואַניעס — אין די אײַליקע, בוינדיקע פֿײַערן
פֿון אונדזער גרויסן טאָג,
וואָס מוז זײַן כּײַלעק אויפֿטאָן
אין דער וועלט וואָס איז נאָך בלינד אַף אַלע ברייטע טירן.
אַלטע הענט פֿירן נאָך צוריק
צו גאָטישע קאַרניזן,
נאָר דאָס דרייסטע פּײַפֿן פֿון
די קוימענס
רייסט די שוואַכע דריזן פֿון שאַרבנדיקע בוידער
מיט פּאַרצייטיקע דעוויזן.
איבער אָפּגעבערענטע פֿאַבריקן הענגען
פֿאַרוויכערטע גליקן פֿון פֿאַרהאַרעוועטע מענטשן.
פֿון די קוימענס שפּאַרן
קנוילן שוואַרצער צאַר
און צעפּונקטע זאָרגן.

פּאָעט פון שוסטער־שטאָם

כ׳בין רייף אין יאָרן,
רייף אין וואוקס,
און מענטשן זאָגן — רייף אין סייכל.
ס׳איז רייף מיין ליבע,
רייף מיין צאָרן,
מיין לעבן איז
אַ רייפער, רייכער בוך,
נאָר פּאָשעט — ניט דעלוקס.

כ׳האָב ליב אַ ברייטע האַנט
און האָס קאַמצאָנעס, —
ניט בלויז
ווען עס קומט צום טייסטער.
כ׳האָב ליב
ווען ס׳לויפט דאָס לעבן דינאַמיש און געשפּאַנט:
איך לעב
מיט דער ברייטער האַרץ פון מאַסעס מאָנונג:
איך לעב אין איר פאַרנעם פון ווערן
לעבנס גרעסטער מייסטער.

כ׳האָב פיינט דעם טויטן
מיטאָלאָגישן פּעגאַז:
איך שפּאַן דאָס לעבן איין — מיין פליגלדיקער פערד:
אַלץ וואָס זינגט אין לעבן — איז מיין קלאַס:
פון ערשטער לעבנספרייד ביז לעצטער ליבע־טרער.

כ׳האָב ליב די כאָכמע פון רייפן זיין, —
ווען דאָס פליגעלע — דער מענטש —
קען זיין אַ שעפערישער ריז;
מיין שמייכל זאָל זיין
ליבשאַפט,
ניט ציניזם פון אַלטן וויין;
טרויער, קענען אויפנעמען מיט לענינס כאָכמע, פרייד —
מיט קלאַסנפרייד:
כ׳בין ניט קעהעלעס,
ניט האָפיז,
ניט אַ פילאָזאָפן־קינד פון דעם פּאָעט אָמאַר קאַיאַם, —
כ׳בין אָרקע — דער שניידער־פּאָעט
פון שוסטער־שטאַם.

פערפעקציע

איך מעסט
דעם ריטם פון
מיין שורע,
ווי דער אַרכיטעקט
פון בלוי־פּלאַן יעדן צענטל צענטימעטער,
ווייל ס'איז ניטאָ קיין גאַנצע גוואורע
דאָרט — וואו אַלץ איז ניט פּערפעקט.
ריטם איז
ניט כאַאָס
פון צופעליקן וועטער,
ליד — דאָס איז דער צייטס סענסיטיווער באַראָמעטער.

צופאַל פאַלט, צעפאַלט זיך אין די לעצטע פאַלדן
פון פאַרגייענדיקער צייט,
וואָס שלינגען דאָס שטיק טויטע לעבן איין.
דאָס ליד מעג ליריצירן,
דאָס ליד מעג מאַכן געוואַלדן, —
דאָס ליד מוז פאַלן מיט די פאַלדן
אַף יענער זייט פון צייט
אויב דאָס קאָן דעם טאָן ניט פירן
פון גרויסן טאָג, פון ערשטן קייעך וואָס באַפרייט.

איך מעסט דעם מעטער,
מעסט — דיסטאַנץ
צווישן וואָרט און אָפקלאַנג פון געדאַנק —
ווי דעם דינסטן שאָרך פון פרילינג־גראָז און יונגע בלעטער—
צווישן גראַם און אַסאָנאַנס,
סימיל
און
מעטאַפאָר:
פון מיין ליד דער סטיל

מוז ווי מיין וועלט-בליק
אויסהאַלטן אַף מינדסטער האָר:
רעגנדיק האַרמאָנישע מוזיק
וואָס העלפט
אין לעבן אין צעשאָקלטן
איינשטעלן באַלאַנס.

מיין מאָס מעסט
מינדסטן מינד
פון זילבן-אינטימיטעט:
אינהאַלט און פאָרעם שאַץ איך ווי אַ מאַרקסיסט,
גאַנצקייט אין קונסט — ווי אַ רעוואָלוציאָנערער עסטעט.

מיין מאָס איז אויסגעשליפט
ביז דינסטער דין.
פאַלשע קלאַנגען קומען זעלטן,
ווייל מיין כוש איז אַף קולטור פון וויטיקן געגרייפט
פון צוויי בלוטיק-קעגנערישע וועלטן.

איך היט
פון ליד דעם ריטם
ווי פון גאַנג אין מאַרש — מיין טראָט,
ווי אין גוטע קליידער דער שניידער
היט זיין נאָט.

ווען דאָס לעבן איבערבויט זיך אַנדערש
מוז מיין ליד זיין
נייער מוסטער.
טאָגאָרע זינגט
לעגענדאַריש ווי דער גאַנגעס,
טאָגאָרע דאַוונט
פון איין סידער מיט די גאַנדיס,
א י ך
זינג
וועלט-באַפרייאונג
מיט די שוסטער.

טאָגאַרעס היינטיק ליד קען זיך ווי געהעריק
בלויז מיט בלומענדיקן נעכטן,
מ י י ן ליד איז
שוין היינט באַהאַוונט
אין דעם, וואָס ס׳וועט דער מאָרגן אונדז געבערן.

מ י י ס ט ע ר ן — די וועלט, דאָס ליד
איז מיין געביט.
מיין ליד מוז וועלט באַגייסטערן
זי זאָל נאָכגיין נאָך איר שניט.
איז סיי איך ווער פון אומגעדולד געבײסן,
סיי פון זיגן אָנגערעגט, —
כ׳בין אַ קעמפער — מוז איך וויסן:
ווי מאַרקס איז וואָר אין יעדער שורע,
ווי לעניגס וואָרט איז
גאַנצע גוואורע, —
מוז זיין מיין ליד
פּערפעקט.

מיין מאַמע די קושינירקע

אַרטשאַרד סטריט —
מיין ליבע קושינירקע —
מאַמע מיינע,
כאָטש אַ מאַמע — אַ פּאַרפירערקע.

כ'האָב ליב מיין מאַמען,
מיט איר פּאַרטעך און טאָרבע, — אַליין אַ טאָרבע —
פּישיק־פּאַרשלומפּערט,
אין שליאַפּנדיקע שקראַבעס;
נאָר שווער איז מיר, שווער, —
ליבע מיט בלאָטע צו גראַמען:
מיין ליבע ווערט סינע — צעבייזערטע און שטומפּע —
ווען איך זע מיין מאַמעס לעבן זויער זינגען
מיטן שטינקענדיקן שטראָם
פון אַרטשאַרד סטריט קאַנאַוועס.

גוטשאַבעס דיר, מאַמע, גוטשאַבעס.
אין שאַבעסדיקן טענעמענט
זינגען פּולע, וואָכעדיקע זעק — זאַלציקע, נאַסע —
מיט זשאַבעס!
גוטשאַבעס דיר, מאַמע, גוטשאַבעס.

גוטיאָנטעוו דיר, מאַמע, גוטיאָנטעוו.
מיט וואָס איז דיין יאָנטעוו, דיין שאַבעס דאָ, קאָנטיק? —
פון יאָנטעוו דער אוינעג? —
פון שאַבעס די שכינע? —
אַ וואָך אַ געפּאַקטע — אַ רויכיקער קעלער מיט טראַנטעס —
מיט דאַלעס און קינע.
אַ וואָך און אַ יאָנטעוו — וואָס האָט ניט
קיין זינען.
פאַרשאָלטן דער יאָנטעוו, — ווען מען קען אים
אין זיך ניט —
און דער יאָנטעוו קען דיך ניט
געפינען.
אָן האַרץ אים באַגעגנט,
אָן ליבע דערמאָנט אים:
די בלאָטיקע וואָך טרעט ניט אָפּ אַף אַ רעגע:

ניט אוינעג,
ניט שכינע, —
אַ פֿאַרד אַפּן שאַבעס
דער גנידע — דער מיטוואָך!
דער לויזיקער מאָנטיק!
גוטיאָנטעוו דיר, מאַמע, גוטיאָנטעוו.

מאַמע:
האָב ניט פֿאַריבל:
כ׳בין אין קריג מיט יעדן יאָנטעוו וואָס האָט אונדז פֿאַרראַטן
און מיט דער פֿאַררעטערין — די מאַרקיק-איפּעשדיקע וואָך —
אַ רועך אין איר טאַטן.
אַז פֿון מאַרק-טאָם פֿונעם יאָנטעוו-לעקעך איבלט,
און די שאַבעס-קיכלעך און בענזאָכער-צוויבל
זיינען „באַצוקערט" מיט פּייכטן שימל!
האָב ניט, מאַמע, קיין פֿאַריבל.
ביסט דאָך וואויל
און קנאָפּ מיך ארט
דער בעסוילעם-שאַבעס און אָוולדיקער יאָנטעוו! —
ער האָט פֿון אונדז דעם מענטש אַרויסגענאַרט,
און דו אונדזער וועלט-גאָס — **אָרטשאָרד** —
האָסט פֿאַרוואַנדלט אונדזער לעבן
אין אַ צעטראַמפּלטער כאָנטע.
גוטיאָנטעוו דיר, מאַמע, גוטיאָנטעוו.

גלויבסט ניט דיין זון
אַז עס גייט אים אין רייף זיין, אין ריין זיין
און ניט — „איבער דער אָרעמער מאַמען זיך גרויסן!"
דערפֿאַר קוקסטו אַף מיר אַזאַ בייזע.
האָסט פּיינט
ווען מען דינגט זיך,
און דינגסט זיך אַליין אַזוי לויזיק.
אַ זשאַווערדיקע זיפּ מיט קלאָלעס אין מאַרק-הימל צעשפּרינגט זיך
ווי קוויטשיקע, גייציקע מייז,
וואָס זיינען באַ אונדז אַזוי היימיש און הויזיק.
און מיך האָסטו אויך
אַף דעם געגערט!
נאָר איך האָב דעם מאַרק-טיש מיטן „גאָלדענעם כאָלעם" —די גרויס ווי די קלאָלעס —

אין צייט איבערגעקערט.
איז צו וואָס
נאָך איצט דיין שטירדעס?

אַ קינד איז ניט אַ צוגעפוילטער קירבעס!
און איך בין ניט קיין קונד דיר:
כ׳בין אַ זון דיר,
מאַמע!
איז הער מיך אויס, ווי איך הער דיך — מיט ווירדע:
ס׳איז דער מאַרק־טיש דיין אָמעד,
בימע
און באַלעמער.
איך רייד, ווייל ס׳ווערט טיפער מיין ליבע
צום לעבן און סינע — צום כאַזערשן כאַמעט —
פון דיר און די ברידער — די אָרעמע קרעמער.
מיין ליבע איז
בלוטיק,
מיין ליבע איז
הייס.
מיין ליבע איז מוטיק און בייז!
ווייל מיין ליבע איז רייף — פון דעם, וואָס איך ווייס.

אַ מאַמע מיר
ביסטו,
און איך בין אַ זון אַ געטרייער.
ס׳האָט מיין קלאַס מיך געלערנט
ווען די מאַמע לעבט אָף מיסטן,
מוזטו ראַטעווען די ליבע — דורך פייער.

דער פייער ברענט אויס דעם פאַרך פון דער וואָך,
לייטערט די גנידיקע מיטוואָכס און מאַנטיקס.
(זאָגסט דאָך אַליין, אַז אַ שיינעם קאַפּטן קיינער צעדריבלט ניט!)
איז האָב קיין פאַריבל ניט,
וואָס איך קער איבער די טעפּ טוכלע פּאַטראַוועס.
כ׳וועל דיר מאַכן אַ ריינע, אַ פריילעכע וואָך,
וועסטו זיין דאַנקבאַר און קאָנטענט.
גוטשאַבעס דיר, מאַמע, גוטשאַבעס.
גוטשאַבעס, גוטוואָך און גוטיאָנטעוו.

מאַמע

(צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג, מערץ דעם אַכטן)

מאַמע!
קום —ראַטעווען די וועלט.
ס'האָט מיין לעבן זיך געוויקלט
ניט אין וויקעלעך פון וואַרעם וואָל און מולטע,
נאָר אין כאָליערעס און אין פיבערס.
מאַגייפעס און סרייפעס — ווי פאַגראַמען צעהוליעטע
האָבן אונטערגעצונדן דאָס לעבן אין צעפאָרענע וויגעלעך
אין טויט־קאַלטע שטיבער.
און דו מיט דיין וואַרעמקייט,
דו מיט דיין לעבן,
דו מיט דיין מאַמעדיק בלוט — האָסט געראַטעוועט.
מאַמע!
אַך, דאָס לעבן — נאַקעט, בלייך און באָרוועס, —
ווערט פון דעם מאַלאַריע־מאַלעך אין זיידן העמד און גאָלדן שפּענצער
מיט הייסע פעך־פאָקן פאַרקאַטעוועט.
מאַמע! מאַמע — ראַטעווע!
מיר, אַ דאַנק דיר, פעלט שוין גאָרנישט:
איך האָב מיט זיך
מיין גאַנצן קלאַס,
איך האָב — **מיט אים** —
מיין גאַנצע וועלט,
און — נאָר דער גרויסער שליסל פעלט.
נאָר ער גליט שוין גאַנץ אין פלאַמענדיקע גיטער.
דאָס נאַקעטע שטיק לעבן, מאַמע,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן און געראַטעוועט,
איז אויסגעוואַקסן גרויס,
און ס'איז מיר גוט,
ווייל כ'ווייס שוין וואָס מיט דעם צו טאָן.
ניט גענוג איז, מאַמע,
מיך אַליין, דיין קינד,
בלויז פון קינדער־פּלאָג באַפרייען:
דאָס גאַנצע לעבן — קליין און גרויס —
רויכערט זיך אין קאָן.
דיין ליבע איז מיר ליב, ווייל דאָס לעבן איז דיר ליב,
איז ניט נאָר מיר, — דער וועלט
קום, ליבע, לעבן גיב.
זע — מיין פאָנעם — אַף רויטע, פריילעכע פאָנען.
הער — מיין קאָל — זינגט איבער לענדער מיט סאָנים.
מאַמע!
דאָס שווער פאַרהאָרעוועט,

מיט אַלע קייכעס פון דוירעס אָפּגעבאַרעוועטע שטיקל לעבן
איז אין ביטערער סאַקאָנע.
מאַמע מיין האַרץ,
מאַמע מיין שוועסטער,
מאַמע מיין ווייב,
מאַמע מיין צאַרטסטער, לייבלעכסטער פריינט.
קום מיט מיר, מאַמע.
מיט דיר גייט זיך העלדישער
קעגן דעם פיינט.
און דו מוזט אַליין זיין אַ העלד
אין דער דערלייזנדיקער דראַמע.
זע ווי די שוועסטער
זיצן אין פוילן אַף אויפגעהודזשעטע רעלסן !
און זיי מיט די קינדער
לעשן מיט מוט און מיט סינע
פון מערדערישע ביקסן דעם פייער דעם העלישן,
און לאָזן די באַנען מיט קוילן פון אָרט זיך ניט רירן.
זע ווי די שוועסטער אין שלעזיע, שפּאַניע, עסטרייך, קאַנאַדע,
באַהיטן דאָס לעבן הינטער צעשפּאַלטענע, הילצערנע טירן.
הער ווי דאָס לעבן זינגט פריילעכע אַריעס
אין געוועזענעם לאַנד פון פאַרשאָלטענער פרייד, פון געצוואונגענע קלאַלעס
אין ברויט און אין בעטן,
אין לאַנד, וואו דו שלעפסט זיך ניט נאָך נאָכן לעבן, —
אין לאַנד וואו דו לעבסט, וואו דו ליבסט, וואו דו פירסט —
אין לאַנד פון סאָוועטן.
און דאָ איז די בלור,
און דאָ איז די וויגינס,
אָט — שוין אַ טאָכטער, און אָט
שוין אַ שנור,
און אָט — טויזנט אייניקלעך, —
פיר יאָר ערשט פון וויגן.
זיגער איז דער נאַר, וואָס קעמפט פאַר די זיגן.
מאַמע !
עס רופט דיך דאָס לעבן, וואָס קען נאָך אינטים ניט די זון.
עס רופט דיך אַ טאָג פון היסטאָרישן מערץ.
עס רופט דיך דאָס לעבן — דיין איינציקער זון.
עס רופט דיך די אָרעמע וועלט —
צו שאַפן פון לעבן אַ גרויס, געניאַל מאַמעדיק ווערק.
עס רופט דיך דיין האַרץ — פונמיטן פאַשיסטישע פייערן.
קום, קום,
מאַמע טייערע.

מיין יערושע

(צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג)

די ערד איז באַזעצט
מיט שטעט,
מיט וועלדער און סעדער און יאַמען. נאָר וואָס איז
די ערד פאַר
מיין מאַמען?
פאַר מיין מאַמען איז
די ערד באַזעצט
מיט קוקורוזע,
מיט בולבעס און מיט באָב. פאַר מיין מאַמען איז
די ערד
אַ ריזיקער
קופערנער טאָפּ אַלדאַסגוטס
פאַר אַלע אַפּעטיטן. מער ניט הונדערט איבער הונדערט
העלדישע אַרמייען
פון הונדערט גאָטגעזאַלבטע, געגנעדיקע,
דערלייזנדיקע לענדער
רינגלען אים אַרום מיט קאַנאָנען — און היטן. היטן דעם טאָפּ.

דער הימל איז באַזעצט מיט
פּלאַנעטן,
מיט רעגנבויגנס און מיט שטערן. נאָר וואָס איז
דער הימל פאַר
מיין מאַמען?
פאַר מיין מאַמען איז
דער הימל
אַ ריזיקער טיש
מיט אַלע גוטע זאַכן — אַ יאָנטעוודיקער טיש קיבעד
צו וועלכן זי
וואָלט וועלן אַלעמען
פאַרבעטן. מער ניט דער אייבערשטער
וויל פון דעם ניט הערן:
דער מאַמעס גוטסקייט
קען נאָך, כּאָלילע,
די וועלט איבערקערן.

די לעוואָנע איז
אַ זילבערנע שיסל סמעטענע וואָס קוועלט־אָן
מיט דערזעלביקער לויטערער

מאַמעדיקער גוטסקייט: קום און נעם,
קום און שעפּ. מער ניט די מאַמע
שטייט און וויינט איבער דעם: די מאַמע ווייס:
דירט מען אַן דעם טיש — פאַלן קעפּ.

די זון איז אַ גרויסע, הייסע
פרייטיקדיקע
פרישע בולקע
אַ באַגילדעטע מיט געלכל
ערשט פון אייוון —
וואָס שמעקט מיט טאָם פון קולע יאַנטעוו און בלאַנקט
מיט בריליאַנטענעם האָניק פון קולע גליק
און לויטער מאַזל
און גאַלע טאָם. מער ניט די מאַמע ווייס,
אַז אַפן הימל — ווי אַף דער ערד — האָט זי ניט
קיין קאַנטע און אַז אַלע
וואָס זי קען, איז —
זעטיקן איר בליק — ווי די לעוואַנע זעטיקט זיך
אין יאַם.

און איך, דער קלוגער זון,
האָב צו דער מאַמען גערעדט איבער אַלע יאַמען
אין לאַנגע, קלוגע בריוו. מער ניט זי
האָט בלויז געקענט די גוטסקייט
פון בלייבן נאַאיוו. איז זי אַוועק — ווי אַ קאַלע וואָלט אַוועק
אַ הונגעריקע
פון איר אייגענעם כופּע-טיש,
און אונדז איבערגעלאָזט די גרויסע,
געבענטשטע יערושע: דעם קופּערנעם
טאָפּ,
די זילבערנע
שיסל,
די גילדענע בולקע,
דעם גאַנצן
הימל-געדעקטן טיש קיבעד און אַלע,
אַלע נייע רעגנבויגנס — וואָס איך
און מיין שוועסטער
און ברודער צעשניידן
אַף גלייכע, גליקלעכע כאַלאַקים
און קארבן און שניצן זיך פון די רעגנבויגנס
לויכטנדיקע לעפל
פאַר דעם וועלט-געגרייטן טיש פון דער ברודערלעכער סודע.

„די וועלט פון מאָרגן"

די טויערן זיינען ברייט צעעפנט,
פון אַלע עקן וועלט די מענטשן שטראָמען,
די וואָס גלויבן ניט דערווייל אין אונדזער וועלט פון מאָרגן,
קומען זוכן זייער אייגענע אילוזיע — אין קלינגענדיקן נאָמען.

דאָס האַרץ וואָס נאָכן מאָרגן בענקט — גרעסער פון דער ערד איז:
אַלע בענקען, אַלע כאַלעמען און טרוימען.
נאָר דער נעכטן איז געווען אַ טאָג אַ שלעכטער,
האָבן זיי געשלעפּט צו זיך די זון — דורכן רויכערדיקן קוימען.

די וועלט פון נעכטן איז אַפן לעצטן שוועל פון אָווער,
די היינטיקע — איז אַליין די שוועל,
מיר זיינען צו דער שוועל מיט מאַטערניש געקומען,
אין דער מאָרגנדיקער וועלט די רעכטע פוס אַריינגעשטעלט.

מיט האַרצווייטיק פון קיילעכדיקן אייביק
האָבן מיר זיך דערשלאָגן ביז אַהער,
איז אין הימל יעדער פינקלדיקער שטערן
אונדזערס אַ פאַרגליווערטע טרער.

די זעאונג פון פערציק טויזנט דייערס האָט געשטאַלט זיך
אין דעם ווילן פון יעהוישוע בען נון,
פאַר מוישעס מאָרגן — דער רויטער יאַם צעשפּאָלט זיך,
פאַר יעהוישועס — שטעלט זיך אָפּ די זון.

דורך וויזיע איז קופּערניק אויפגעקומען,
און דערגאַנצט די זעאונג פון געניאַלן גאַלילעי,
ניוטאָן, עדיסאָן, דאַרווין און מאַרקאָני, —
נאָר נאָך איינער האָט געפעלט צו זיי.

מיר פליען אין די הימלען פון דאַ-ווינטשין אָן,
מיר שווימען אונטער וואַסער — זינט זשול ווערן.
בעלאַמיס וועלט „אין הונדערט יאָר אַרום", אָוען, פוריע און סאַן סימאָן,
נאָר צו די אוטאָפּיעס האָט נאָך געפעלט — דער קאָמינטערן.

שפּינאָזע, איינשטיין, בערנאַרד שאָו,
קאַנט און העגל, פייערבאַך און וועלס.
נאָר איצט איז לאַנג שוין מיט אונדז דאָ
יענער איינער — וואָס האָט צו זיי געפעלט.

די מאָרגנדיקע וועלט בויט זיך לאַנג שוין אַף אַלע פֿאַבריקן,
און אַפֿן פֿאָליום פֿון דער ערד פֿלאַטערט שוין איר פֿאָן,
מען דאַרף בלויז בייטן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל מענטשנס בליקן
אַף דעם וואָס גייט אונטער, און אַף דעם וואָס קומט אָן.

די וועלט איז פֿאַרטיק. מען דאַרף בלויז דעם נאָמען בייטן.
די מאָרגנדיקע וועלט געפֿעלט אונדז ביז גאָר.
נאָר מען דאַרף צום היינט אַ יאָג טאָן די מאָרגנדיקע צייטן,
ס׳זאָל פֿונעם היינט ביזן מאָרגן ניט זיין קיין אונטערשייד אַ האָר.

ניט דאָס ערשטע מאָל אַז מען באַווייזט אונדז וואונדער —
פֿון אַמאָל, אַמאָל און פֿון אַ מאָרגן — אַ ווייט-ווייטן,
שלינגסט די „נייע וועלט” — ווי ס׳זאָל פֿון דיר זיין אַ סעקונדע —
און באַנאַכט, אין בעט, מאַטערן קאָשמאַרן און ס׳ברעכן די זייטן.

וואו איז, אָ, וואו איז צווישן נעכטן און מאָרגן
דער גאָלדענער מיטן —
דער ליבער, דער טייערער היינט?
וואָס טויג מיר אַ שניי-וועג אַ גלאַטער,
וואָס טויג מיר אַ לייכטער, זילבערנער שליטן,
אַז די פֿערד זיינען נאָך אַלץ ניט מיינע,
און איך האָב מיינע פֿליגל אַף לאַסטוואָגנס צעפּאַטערט.

נ ע כ ט ן איז קיווער, און מ אָ ר ג ן
איז הימל — אָן אַ לייטער,
היינט איז די געשמאַקע, בליענדיקע ערד —
און ס׳איז ניטאָ צו איר קיין צווייטע.

מיר האָבן שוין גענוג געמאָרגנט,
מיר האָבן שוין גענוג גענעכטנט,
מיר ווילן מ אָ ר ג נ ד י ק ן ה י י נ ט — היינט, אַף אייביק:
אונדזער גומען, אונדזער טרוים האָבן גענוג געפּעכניעט.

אָ, וועלט פֿון נעכטן, היינט און מאָרגן,
דורך דיינע שווערדן, פֿייערן און פּלאָגן
האָבן מיר זיך קוים אַהער דערשלאָגן.
ס׳איז אונדזער אייגענער יאָנטעוו, און אונדז איז שווער.
יעדער שטערן אין הימל איז אונדזערס אַ פֿאַרגליווערטע טרער.

פרילינג

ס'איז פרילינג, פרילינג ווידער.
בין איך אַרויס הינטערן שטאָט, האָבן אַלע טאַמים פון בליענדיקן לעבן
זיך אַ שפּאַר געטאָן פון פייכטע ווינטער-גריבער.

פון אונטער דינעם אייז, פון זוניקן,
האָב איך אַרויסגעשלעפּט אַ צווייגל,
האָבן קליינע, גרינע קנאָספּן אין מיינע פרילינג-פינגער זיך צעפלאַטערט,
ווי קאַנאַריקלעך אין זון פון זייער שטייגל.

ס'איז פרילינג ווידער. מענטשן זיצן שוין אינדרויסן אַף די שוועלן.
און ציניקער און פאַטאַליסטן, וואָס טייטשן-אויס דאָס לעבן
ווי אַ מידבער ווי אַ וויסטן — הייבט ווידער אָן דאָס לעבן צו געפעלן.

ס'איז פרילינג ווידער. אַנדערש הייבן אָן צו קלינגען לידער.
אין פרילינג ווילן אַלע זינגען. אין פרילינג ווילן אַלע בליען.
באַ קליינע שטיבער גראָבט-מען-אויף די קליינע בייטן.
מען צירקלט אויס און מען באַפּוצט — אויפצונעמען נייעם לעבן,
און מענטשן, ווי די ערד, נעמען זיך גרייטן
מיט פולער האַרץ צו נעמען און צו געבן.

ס'איז פרילינג. און מיין פרילינג צענעמט זיך ניט אַף העלפט
און ווערט פון גאָרנישט ניט פאַרשטערט:
אין ווינטערדיקן וואַלד האָב איך קיין מוירע ניט פאַר וועלף
און אין מאַי דערשרעקט מיך ניט דעם סוינעס שווערד.
איך ווייס געוויס אַז פון דעם „צווילינג"
וועט זיגן ניט די שכיטע — נאָר דער פרילינג.*)
ס'איז פרילינג אין קאַרעליע,
ס'איז פרילינג באַ מיין לעמבערגער קאַפּעליע.

יאָ, ס'איז פרילינג ווידער.
שאָקל איך אָפּ פון זיך דעם לעצטן ווינטערדיקן ציטער

---

*) גאָט האָט אונדז באַשערט אַ צווילינג:
אַ שכיטע מיט אַ פרילינג.—ח. נ. ביאַליק.

און גיי אַרום אַף אַ שפּאַציר — פון בראָנקס ביז בוענאָס איירעס —
פון מיין שמאָלער טיר —
ביז מיין ברייטער, באַפרייטער אוקראַינע —
ס'איז פרילינג אומעטום.
און דער רייער פון אוקראַינישער ערד פון דער היגער ערד אויך קומט.
און ווייסרוסישן פרילינג האָב איך געשמעקט פון אַ געקויפּטער בלום
אַף וועלטישער גאַנײדן גאַס — בראָדוועי —
האָב איך עס היינט איבערן יאַם אַוועקגעשיקט צו זיי.
און זייער פרילינג קומט אַהער אין בריוו-פּאַקעטן.
און זייער פרילינג ווערט באַזונגען פון אייגענע פרילינג-פּאָעטן.
און איך באַזינג יעדן קאַנאַן
וואָס טראָגט אַף זיך די פרילינג-פאַן.
און איך באַזינג יעדן האַרמאַט,
וואָס האָט באַפרייט דעם פרילינג פון פוילנס קאַזעמאַט.
און איך באַזינג יעדן פולעמיאַט,
וואָס האָט געבראַכט דעם פרילינג צו מיין מאַמען אין שטאָט.

ס'איז פרילינג — די צייט, די געגאַרטע.
ווײנט ניט, איר, פון פריערדיקע פרילינגן גענאַרטע.
דאָס מינדסטע ווערן, ס'קלענסטע גרעזל רופט זיך ווידער אַף גרייט און גערן.
פון דער שעפערישער ערד קען גאָרנישט וואַקסן —
ווען מען נערט עס מיט טרערן.

פרילינג איז דאָ — כאָטש עס יאָגן אים נאָך ווינטן.
נאָר הימל איז שוין מאַיאיק רויט, בעז איז באַלד שוין בלאָ
און די גאַנצע ערד שוין אַ צעגרינטע.

פרילינג איז דאָ — וויל איך אויך זיין.
מיין ליד וועט פאַרטרייבן די קראַקנדיקע קראָ —
וועל איך אַף אייביק אין פרילינג אַריין.

גיי איך מיר, זינגענדיק, דורכן זוניקן בלענד פון פרילינג-קאָלירן:
גיי איך מיר, זינגענדיק, מיטן פרילינג שפּאַצירן.

אַ ליד

פון אַ פּאַסטוך

(ציקל „דאָרף און שטאָט")

פּיז־פּיז מיין זאַפּטיק
פייפל,
זאַמל איין דאָס קליינע הייפל
שאָף.
פיינער און טיפער ווי אין אַלע גליאיקע פאַרנאַכטן
שפּיל דעם
פינאַל פון
מיין פּאַסטאָראַלער ראַפּסאָדיע.
איך וויל איינפּאַקן אַלע פּרימיטיווע עמאָציעס אין די
לעצטע טרעלן פון מיין לעצטער מעלאַנכאָלישער
מעלאָדיע. פייף, מיין
פייכטער קאָרע־פייפל: איך מוז איינזאַמלען
דאָס גאַנצע הייפל
שאָף:
עס וועקן מיך שטעט פון מיין דאָרפישן שלאָף.
מיין פייפל גייט איבער צום
יינגערן ברודער.
די יינגערע שוועסטער נעמט איבער דעם רודער
פון נאַכטיקער פישער־שיף.
אַך, דאָרפישער לעבן. העי, שטאָטישער טיף.
עס פינקלט דער
שטאָטבראַנד, עס שפּליטערט זיך שטאָל־שטויב אין
אונדזער באַגריף.
אַף מיין בלוט בליען דיירעסדיקע, פריצישע פּאַסאַדן, —
איצט רופן מיך שטאָט־ברידער, גיי איך
באַפאַרבן
די שטייגנדיקע באַריקאַדן
מיט מיין הייסן, זונגעברוינטן בלוט.

געליימטע גוילעמס

(צום סטרייק פון די עלעוויטאָר־אָפּערעיטאָרס)

שטומע
שטייען שטאָקן
איינגעשטילטע אין געפלי,
שטייט אַ בייזער אינדערוואָכן
מיט קאָלבעם קעגן מי.

געליימטע
ליגן ליפטן
אין קעלערס איינגעקלעמט,
הענגען הימלקראַצערס אינדערלופטן —
פאַרגווילעמט, פאַרטעמפּט.

אַרויף־אַראָפּ,
אַראָפּ־אַרויף.
לויפנדיקער ליפט איז דאָס פּולסירנדיקע האַרץ
פון גוילעמדיקן גוף.
ליפט איז קוואַל.
ליפט איז לעבן,
שטאָקן יאָגן־נאָך און שעפּן,
שעפּן, שעפּן, שעפּן־אויס
פון מאַרך דאָס בלוט, פון ביין דעם קליאַק,
דעם צעפּיבערטן געדולד פון צו־געדולדיקער זיך פּרעסנדיקער גאַל:
אַ יאָג אַ שטאָק,
אַן עפן און אַ שעפּ,
קייכעם שוימען־אויף אַף יעדן ראָג,
ליפט לויפט־אָן
און טוט אַ שלעפּ,
ענג אין ליפטן, ענג אין לייבער, ענג אין קעפּ,
נאָר געשעפּט און נאָר געשלעפּט,
יעדער מויער — אַ קאַדאַכעס־קאַרוזעל! — דאָס הייסט געלעבט.
און די ליפט־אָפּערעיטאָרס פירן
זייער אייגן לעבן מיט:
דער ליפט איז זייער דירע,
פליט הענגענדיק דאָס לעבן צווישן קעלערס און
הונדערטסטן סופיט.

אינמיטן גאַנג מיט טויטן פּאַנעם
שטייט אַ סקעב און ציטערט,
ווי אין זיין האַנט דער ליפט.
ער האַלט דעם טויט איינגעפּעסטיקט אין זיין דלאָניע
און ער אָטעמט — גיפט.
זיינע אָדערן זיינען דערשראָקן
ווי די וואַקלדיקע ליפט-קאַבעלן,
ס׳באַפאַלן אים די שטאָקן,
טירן, טויערן און שוועלן.

ווען דאָס לעבן איז
קיין לעבן ניט,
איז שרעק — אַ שוואַכע קאָרט.
די ליפטן,
יאָ, די ליפטן שלעפן ניט! —
ווי די ליפט-אָפּערעיטאָרס לעבן פון די קעלערס — רירט זיך ניט דער ליפט
פון קעלערדיקן אָרט.

פליען ניט
די הימלקראַצערס
הענגען — טויטע גוילעמס:
געליימט אין לופטן דער פאַרנעם.
דאָס לעבן לעבט נאָר אין אָרעמס פון פּראַצע:
ווי לאַנג מען וועט שאָען און ברויטן נאָך זוכן צו קוילען,
ב ל י י ב ן
די הערצער פון מויערן
אין פינצטערן קלעם.

אַ גרוס

צו מײַנע גרויסע ברידער איבערן גרויסן לאַנד
שיק איך דאָ איבער אַ ליבלעכן גרוס:
איר זײַט אַלע אַזוי נאָענט — צו דערלאַנגען מיטן האַנט,
איר זײַט אַלע אַזוי ווײַט — נאָר איך קען גיין צו אײַך צופֿוס.

אין מײַן קליינעם צימער, בײַ דער אַרבעט,
זײַט איר אַלע אַרום מיר מיט אײַער נײַגיר,
איר רעדט און איר פֿאַרענטפֿערט בערג מיט פֿראַגעס האַרבע,
און קעגן אײַער פֿאַשעטן באַשייד — ווער איך אַ שווײַגער.

אײַער ייִדיש אָפּטמאָל איז צעבראָכן,
נאָר ווי געזונט איז אײַער כּוש און לאָגיק;
אײַער לעבן איז אין וואָכעדיקע אָוועראָלס געזונטער באַלמעלאָכע,
אַן אָפּן האַרץ, און רייד — זיכערע און וואָגיק.

אין מײַן צימער שטעלן לײַכט זיך אויס
אַלע שטעט, די זאַלן און די היימען,
שטיי איך אויף און פֿאָר איבער אַמעריקע אַרויס
יעדן אינדערפֿרי — מיט מײַן כאַלעם און מיט אײַך אינײַנעם.

אין וויפֿיל הײַזער אײַערע געשלאָפֿן,
בײַ וויפֿיל טישן אײַערע געגעסן,
וויפֿיל פֿרייד און ווייטיק אין אײַן ווינקעלע געטראָפֿן:
מײַן האָב און גוטס — וואָס מען קען מיט גאָלד ניט מעסטן.

וויפֿיל פֿראָסטן ווײַן מיט אײַך געטרונקען,
וויפֿיל שנײַיִקע און זוניקע שפּאַצירן,
וויפֿיל לידער מיט אײַך אויסגעזונגען.
און שנײַיִקע, צי זוניקע — די וועגן וועלן ווידער צו אײַך פֿירן.

ווידער, ווידער וועל איך צו אײַך קומען,
ברענגען אײַך באַשייד און גוטע בסורעס,
איר וועט ווידער מיך באַגעגענען מיט אָפֿן האַרץ און בלומען,
נאָכפֿרעגן אַף אַלע פֿירער און ציטירן מײַנע שורעס.

ווידער, ווידער וועל איך גיין מיט אייך שפּאַצירן
דורך טאָג, דורך נאַכט, דורך שטעטל, וואַלד און פעלד:
עס לויכט אין מיר מיין האַרץ, ווען איר נעמט די הענט צעפירן
איבער די רייכטימער און גרענעצן פון וועלט.

אין קליינעם קלוב, מיט שמאָלע פענצטער און ציצענע גאַרדינען,
וואו ס׳ווערט די וועלט אַרומגערעדט בײַ טישן אָן אַ טישטוך,
קרייזן מיר אַרום די ערד — פון אָוונט ביז באַגינען:
דאָ רייפט זיך אוים די לייזונג, וואָס די מענטשהייט ווינטש זיך.

און פאָר איך אַף די באַנען — פאָרט איר אַלע מיט מיר,
און דער וואַגאָן, באַנאַכט, אין שלאָף — איז אייער דירע,
אייערע רייד אַקאָמפּאַנירט דער רעדער־בראַזג דער ריטמישער,
און איך? — וואָס קען זיין גליקלעכער ווי זיין דערוויילט פון אייך ווי פירער.

כ׳וואָלט וועלן אַלעמען אייך שרייבן גוטע בריוולעך,
אויסשטרעקן איבער אַמעריקע מיין האַנט — אייך געבן שאָלעם,
און אַז איך קען צו אַלעמען מיין גרוס נ׳ט שיקן שריפטלעך:
צעזינג איך אַפן קאָל אים:

צו מיינע גרויסע ברידער איבערן גרויסן לאַנד
שיק איך דאָ איבער מיין לייבלעכן גרוס:
איר זייט אַלע אַזוי נאָענט — צו דערלאַנגען מיטן האַנט,
איר זייט אַלע אַזוי ווייט — נאָר איך קען גיין צו אייך צופוס.

דער מענטש

איך גיי —
און לענדער — נייע, נייע לענדער
קומען מיר אנטקעגן.
איך גיי —
מיינע טעג זיינען — אַטאָמיש־לייכטנדיקע מײַלשטיינער.
מיינע יאָרן — לענינישע וועגן.
איך גיי.

כ'האָב אָנגעהויבן גיין — פון קאַלטן, קייוועדיקן קעלער,
און בין שוין פעסט און זיכער
אַף דער וועלט־צעגרינטער אייבערפלאַך.
כ'האָב אָנגעהויבן גיין — פון נידעריקסטן, ליימיק־זינקענדיקן שוועל,
און בין שוין אַפן העכסטן, הימישן דאַך.
כ'האָב אָנגעהויבן גיין — מיט דער פייערלעכער שוואוע פון ברודערלעכן,
גווירלדיקן אונטערערד,
און בין שוין — אין די היימישע הימלען פון העכסטן דערגרייך.
כ'האָב אָנגעהויבן גיין פון ענגן קאַרצער אין פינצטערער טפיסע —
הענט און פיס געשמידט:

פאַרשמיסן, געהאַנגען,
דערשאָסן — איך גיי.
איך האָב פאַרזיכערט אייראָפּע, און בין שוין פעסט
אין מיין אַזיאַטישן געביט.

טריבונאַלן, טפיסע־ווענט,
טעראָר, און טויטנקאַמערן און טראַנען איבערגעקלעטערט
אין קייטן געשמידט.
פערציק דיירעס קייטן שוין צעשמעטערט —
און ס'איז מיין וועג שוין העט פון אָנהייב — ס'איז מיין וועג שוין אינדערמיט!—
און געקלאַנג פון נאַכאַנאַנדיקן שמעטערן צעקלינגט פאַרשטאַרקטן בסורע־שרעק
צווישן די וואָס פאַראומרייניקן די ערד.
קוקט־אַן מיינע מיירעדיקע בערג מיט קייטן — העכער,
העכער זיינען זיי פון אַלע העכסטע בערג.

ווער קאָן גיין אין קייטן
און אַזוי דערגיין ווי איך?
ניט וואונדערט זיך: אייניגעם מיט די וואונדן
טראָג איך די צוקונפט אין מיינע שיך.

קוקט מיך אָן, דרייצן־פּענימדיקע פּאָרטרעטער: כ׳בין געשטיגן
צו דער הייך וואו ס׳פּלאַטערט העט־העט איבער אייערע קאַניבאַלישע קעפּ
מיין פאָן.
דערקענט? דאָס בין איך —
דער אומפאַרמיידלעכער ג ע ש פ ע נ ס ט.

איך בין דער רייפערהייט איבערגעבאָרענער מענטש.
— דערוואַקסענערהייט איבערגעבאָרענער ייִד.
איך בין גאָרקיס און מענדעלעס גליקלעכער פאַקנטרעגער.
איך בין אַף טליעס־דערצויגענער סקאַטסבאָראָ נעגער.
איך בין דער וועלטס ערשטער גלייכער שפּיגל.
איך בין דער נייסטער, גערעכטסטער און לעצטער געזעצלעכער זיגל:
דער מענטש

מיטן האַמער און סערפּ.
איך בין דער זינגער פון פּיקסקיל קאָנצערט.
וויין פון פרייהייט
איז מיין איינציקער געטראַנק: מיין לייב און לעבן
טרינקט דער וועלט ל ע כ אַ י ם
מיט דעם איינציקן געדאַנק. איך גיי.

כ׳בין אַרוים פון דאָרפישער כאַטע. כ׳בין אַרוים
פון גרויליקער געטאָ: כ׳בין אַרוים
מיט אַ געלן פאַס און אַ געלער לאַטע — — — און איך קום
מיט פּאַרטיזאַנישן זיג, מיט הערש גליקס אייביק ליד
און אַ קאָשער פאַרדינטער וועטאָ.

געווען בין איך דאָס בלוטנדיקע האַרץ פון צילברעט
פאַר דער וועלטס אַרסענאַלן געווער. איצט בין איך
דאָס פריילעכע האַרץ פון זייגער אַפן רויטן סקווער.

כ׳האָב אָנגעהייבן גיין — פון דער וועלטס באַשולדיקונג־באַנק —
נאָך אין אָנהייב פון געשיכטע.
איצט זיץ א י ך שוין אין דער ריכטער־שטול: א י ך
בין איצט דער ריכטער.

און די וואָס זיצן נאָך — ווי אין דער „גאָלדענער" מעדינע —
און מישפּאָטים איבער מיר אַלץ ווידערהאָלן: —
מעגן גאַיוועדיק אָנשטעלן די אַלט־הערשערישע מינע: איך קום,
איך קום אויך דאָרט זיך בייטן מיט די ראָלן.
איך גיי.

אַט בין איך אין מאָסקווע, און אַט —
אין מוקדען.
און עס ווייס גאַנץ לאָנדאָן, ס׳ווייס דאָס פאָלק אין רוים,
פּאַריז, נויאָרק און טאָקיאָ —
ווי ס׳ווייס יעדער דיפּלאָמאַטיש-דיכטערישער דעמאַגאָג —
אַז זיין וועט עס ניט אַנדערש
ווי איך זאָג.
איך גיי.

מיינע אויגן זיינען דער וועלטס טעלעוויזיע.
זעט — אַ באַרג — טיאַשאַן —
אין די באַפרייטע זוניקע הייכן פון קירגיזיע.
אַפן באַרג שטייט אַ באַגייסטערטער בראָנזענער **מאַן**.
זעט ווי ער פרייט זיך. הערט ווי ער זינגט. דאָס קאָל
פון דער וועלטס באַפרייאונג אין זיין זינגען קלינגט.
בראָנז איז זיין קאָפּ.
בראָנז איז זיין דיך.
און זינגען וועט ער אייביק. אייביק איז ער: **דאָס בין איך.**
מען רופט מיך פאָל:
איך בין אַלע מיטאַמאָל.

איך גיי.
כ׳בין אַ גרויסער באַל-כּייוו — גיי איך און צאָל —
וועמען וואָס עס קומט — מיט פולער מאָס.
און ווען דער לעצטער כּייוו וועט זיין געדעקט —
וועט דער ערשטער, ערשטער פרייער טאָג פון גאַנצן לעבן
זיין אַנטפּלעקט.
איך גיי.

מיינע כושים דרינגען-דורך די גאַנצע צוקונפט
מיט בליציקן ראַדאַר.
מיינע פיס נעמען אַרום די ערד ווי אַן אייגענע.
די ערד האָט מיך ליב דערפאַר.
איך גיי.

מיט מאַרקס׳ לויטערן שמייכל פון אייביקן ליידן,
מיט מאַאָס פּאַשעטן שטאָלץ און פּאַעטישער פאַרטראַכטקייט,
מיט לענינס פאַרזיכערנדיקן, זשוואַוועדיקן ריר — — — איך גיי —
און דער גאַנצער אוניווערז מיט אייביק-איינשטיינישער כּאָכמע,
און דער גאַנצער דראַנג צום סאָד פון איינציקן איינס וואָס פירט אַלץ,
און דער גאַנצער זין פון גליק און גליק פון זיין —
גייט מיט מיר.

גוט מאָרגן דיר, וועלט

(דער זיגרייכער רויטער אַרמיי)

גוטמאָרגן דיר, וועלט, שיינע וועלט —
ס'האָט אַ שטורעם דורך דער נאַכט דיך שוין ווידער פּאַרוויקלט אין שניי.
ס'איז מיר אַ שטער אין דער אַרבעט אַף דיר אָט די קעלט,
נאָר אַף מיין פּאָסטן אַף פּראָסטיקן פּאָליוס אומבאַזיגבאַר איך שטיי.

גוטמאָרגן דיר, וועלט, שיינע וועלט —
ס'האָט דער שטורעם דערהייבן די בערג און די טאָלן מיט שניי,
נאָר אַף הויכפּונקט פון פּאָליוס האָב איך זיך אַף אייביק געשטעלט,
באַזינג איך מיין יעטווידן בלוט-פלעק אַף זיי.

מיין יעטווידער בלוט-פלעק אין שנייאיקן טאָל,
מיין יעטווידער בלוט-פלעק אַף שנייאיקן באַרג —
דאָס איז דאָך דער פּרייז וואָס פון אייביק איך צאָל:
דאָס איז אַף שנייען פּאַרפליייצט דער דראַנג פון מיין האַרץ.

מיט יעטווידן בלוט-פלעק אַף שנייאיקן טאָל,
מיט יעטווידן בלוט-פלעק אַף שנייאיקן באַרג,
האָב איך די זון פון דער צוקונפט פּאַר דיר אויסגעמאָלט,
שיינע וועלט — וואָס דו ביסט אַף זון אַזוי קאַרג.

אָ, ווי טייער איז מיר יעדער האַרציקער טראָפּן,
נאָר ליב איז מיר, ליב, אים אַף שנייען פּאַרגיסן:
יעדער וואָס פּאַלט דאָ — זיין האַרץ ליגט צוקאָפּנס,
ס'האָט דאָ קיינער אין גרויל זיין ליפּ ניט פּאַרביסן.

און אַלע וואָס פּאַלן אין טיף פון די שנייען,
און די וועלכע פּאַלן אַף טייכן מיט אייז
ווייסן, אַז אויב זיי אַף אייביק פּאַרגייען
איז זייער בלוט אַפן שניי פּאַר דיר אַ באַווייז,

אַז דאָס איז דער מענטש דורך די טיפן אַליין שוין געגאַנגען
קעגן דעם טויט — דורך שטורעם, דורך פּראָסט און דורך שניי.
דערזעלביקער מענטש, וואָס צעשמיסן, צעשאָסן, געהאַנגען —
מיט זיין היים, אָפן האַרץ — גייט ער און גייט און ער גייט.

ער גייט און ער זינגט און די פּעסטונגען פּאַלן.
ער גייט און ער זינגט און שטאָלענע ווענט — וואַנט נאָך וואַנט זיך צעשפּאַרט.
און זיינע טראָפּנס אַף שניי ווי זון פונקען פליייצן און שטראַלן,
און יעטווידער בלוט-פלעק מאָלט אוים אַ יונג מענטשלעך האַרץ.

אָ, ווי איך בין פֿאַרליבט אין דיר, וועלט, שיינע וועלט,
ווי אַ ייִנגל — אַריבער די אויערן,
דערפֿאַר איז מיין פּנים אין פֿראָסט אַזוי זוניק צעהעלט
ווען איך שטיי און באַהיט דיינע צאַפּנדיקע טויערן.

אָ, ווי איך בין פֿאַרליבט אין דיר, וועלט, שיינע וועלט,
פֿון אַמאָל נאָך — ווען מיין לעבן איז געהאַנגען אױף אַ האָר, אױף אַ שטראַל.
פֿאַר מיין היינטיקער ליבע איז יעדע מאָס פֿאַרענגט און פֿאַרשמעלט.
דיין מאָס מוז זיין ווי דו די ברייט — פֿאַר דער ליבע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אױף די פֿייער-פֿליגלען פֿון מיין ליבע האָב איך אים דורכגעטראָגן
אינאיינעם מיט די קייטן פֿון מיין איינגעשמידטער דאָליע —
דורך קעלערן, דורך טפֿיסעס, דורך היילן און דורך גראָבנס
ביז אַהער, וואו כ׳זינג אים פֿריי אױף מיין באַפֿרייטן פּאָליוס.

איז גוטמאָרגן דיר, וועלט, שיינע וועלט,
באַפֿאַל מיט די שטורעמס, שליאַכאָטעס, מיט האָגל און שניי.
ס׳איז מיר אַ שטער אין דער אַרבעט אױף דיר אָט די קעלט,
נאָר איך האָב צום פּאָליוס דערגרייכט—בין איך שטאַרקער פֿון דעם שטורעם—
און דאָ וועל איך שטיין.

יאָ, דאָ, שיינע וועלט,
אין דער קעלט וועל איך שטיין.
ביז מיין אַרמיי וועט אויך ביזן ד אָ ר ע ם
צום פּאָליוס דערגיין.
אָט דאָ, אומבאַזיגבאַר
אין פֿראָסט און אין שניי,
ביז ס׳וועט די זון זיך אױף טויזנט מאָל גרעסער צעוואַקסן,
זיך שטעלן אינמיטן די פּאָליוסן
און געבן דיר קלאָר צו פֿאַרשטיין,
אַז ס׳האָט זיך די ערד אױף איר פֿייערדיקער אַקס שוין אינגאַנצן
זיך איבערגעדרייט.
מיטן פּאָנעם צו מיר. דאָ וועל איך,
דאָ וועל איך
שטיין:
אָט דאָ, אומבאַזיגבאַר,
אין האָגל, אין פֿראָסט,
אין קעלט און
אין שניי —
אין קעלטן און שטורעמס און האָגל און שניי.

די מוטער פון דער וועלט

(צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג)

אויפן רוקן, דורכן מידבער, האָסטו מיך געטראָגן,
באַם וואַשן וועש בײַ טייכן —
האָסטו מיך, פֿאַריינס, געצוואָגן.
ניט די וועלדער, ניט די פֿעלדער, וואָס דו ביזט אין דײַן וואָגל דורכגעגאַנגען,
ניט די לענדער, ניט די וויסטעס — זיינען דײַנע.
און ניט די וועש, און ניט די טייכן.
האָסט מיר אַליין געזאָגט — אַז אַלץ געהערט צום רייכן.
ניט נאָר די פּאַלאַצן,
נאָר אויך די כאַלופּעס,
ניט נאָר די קיבודים, נאָר אויך די קאַלעס
פון אונטער די אָרימע כופּעס.

זיי האָבן דיך געפֿונען, זאָגן זיי, אַזש אין גאַניידן.
דיך מיטן טאַטן, ביידן,
און האָבן דיך גערופֿן כאַווע,
און פון דײַן שיינקייט — גערעדט ווי פון אַ פּאַווע.
ביזטו פֿאַר זיי געוואָרן שפּילערײַ און שקלאַפֿערײַ.
און האָסט ביידע אויסגעפּירט געטרײַ.
נאָכדעם האָסטו מיך געבאָרן,
און צו מיר — אַלע ברידער מײַנע די מיליאָנען.
ווען איך בין גרויס געוואָרן
און מיטן לעבן גענומען זיך באַקאָנען —
האָב איך דערזען, אַז איך געהער
ניט צו דיר און ניט צו זיך,
אַז אַלע ווײַלע שטופּט מען מיר אין האַנט געווער
און מען זאָגט מיר — **נאַציע. העלדנמוט און פֿליכט.**
ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל ווי אַ דערוואַקסענער
דערזען דײַן טרער,
האָט זיך דער זון, דער מאַן, דער מענטש אין מיר דערוועקט
און איך האָב אויפֿן קאָל געפֿרעגט:
וואָס שווײַגסטו, מאַמע?

דאָס האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט דער פּראָלאָג
פון אונדזער דראַמע.
און איידער ס׳איז די זון פֿאַרגאַנגען יענעם טאָג,
האָב איך פֿאַר זיך געזען, פּולע יאַמען
מאַמעס טרערן,
און ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר מיר
דער גאַנצער מידבער־וועג מיט מאַמעס
מיט קינדער אין די בוזימער און אויף די פּלייצעס.

און זיי אַנטקעגן — בילבולים, שפּיכאָס דאָמים, קרייציקונג.
און איצט — נאָך הונדערט טויזנט יאָר —
דו זעצסט דעם וועג נאָך פאָר.

מאַמע, האָסט מיך באַ דער האַנט געפירט, לעבן זיך,
איצט קום דו מיט מיר — לאָמיך פירן דיך.
ניט ווי אַ הילפלאָזע, אַ בלינדע,
אָן אָפּגעשראָקענע, —
ניט דו קעגן דער וועלט האָסט זיך פאַרזינדיקט, —
איז גיי מיט אויגן אָפענע.
די בראָכע פון דער ערד ביזטו,
די ליבשאַפט פון דער זון.
די ברוסט פון כאַווערשאַפט,
וואָס טראָגט דעם קאָפּ פון קראַנקער וועלט אָף זיך.
ביזט די ליבע אין געפאַנגענשאַפט —
מיט אַלע דיינע זין.

פון דיין ערשטן נאָמען וואָרצל אויס דעם לעצטן שפּור:
מען רופט דיך איצט שוין צעטקין, פּאַסיאָנאַריאַ,
קרופּסקאַיאַ און מוטער בלור.
האָסט די נעמען זיך דורך יאָרן שוין פאַרדינט.
און אַלע דיינע זין
וועלן גיין מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער מיט דיר.
און ס'עפנט זיך פאַר אונדז שוין טיר נאָך טיר.
און מען הערט זיך צו אונדז צו,
ווייל מען דערקענט אַז דאָס ביזטו —
די אונטערדריקטע, די באַצוואונגענע —
און דיינע זין זיינען העלדן באַזונגענע
דורך לידער, וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן.
זיי אַ מאַמע וואָס באַפרייט די זין אירע — די שקלאַפן.

מען לאָזט דיר גיין צו־קינד אין לאַגערן און זומפּן.
מען לאָזט דיר גיין צו קינד אָף שלאַכטפעלדער פון מאָרד.
קום, מיין טייערע, און זאָג דיין וואָרט.
זיי אַ מאַמע, וואָס לאָזט ניט אירע זין אין מערדערישן קריג.
ווי דו האָסט אונדז אַלע אויסגעטראָגן — טראָג־אויס פאַר דיינע זין דעם זיג.
זיי אַ מאַמע, וואָס איז אַליין אַ העלד.
ווער קען זיין העלדישער פון דיר? דו ביזט די בראָכע
פון דער ערד, דו ביזט די ליבשאַפט,
דו — דער צוטרוי און די כאַווערשאַפט,
דו ביזט דאָס זינגענדיקע הארץ פון גאַנצן לעבן,
דו ביזט די מאַמע פון דער וועלט.

די גוואורע פון דער ערד

אַ נ ט ע א ו ס —
אַ גיגאַנטישער אַטלעט פון דער גריכישער לעגענדע, וועלכער קען באַנייען זיינע קייכעס דורך אָנרירן די ערד. דורך דעם האָט ער שטענדיק באַזיגט זיינע קעגנער. הערקולעס האָט אים אָבער אויפגעהייבן אינדערלופטן, ער זאָל ניט קענען גרייכן די ערד, און האָט אים אַזוי דערשטיקט. לויט דער זעלביקער לעגענדע איז זיין מאַמע געווען די געטין פון דער ערד.

דיכטער זאָגן וועגן מיר: אַ בריליאַנטענער אָראַטאָר,
און רעדנער לויבן ביזן הימל מיין דיכטונג,
און איך? — איך האָב מיין טאַלאַנט געפּאַטערט,
אוןביידע מיינונגען זיינען ניט ריכטיק.

אַמאָל האָב איך געטראָגן בלינדע בלישטשענדיקע אויגנדעקלעך,
און דורכן לעבן „פּריי" שפּאַצירט מיט זילבערשטעקן,
פלעג איך אויספּוצן מיין ליד מיט „גינגאָלד"-גלעקלעך,
און מיט סאַם — ווי מיט האָניק זיך באַלעקן.

איז מיר גענוג געווען אַליין צו וויסן,
אַז איך בין דאָ אין ביכער און זשורנאַלן,
גענוג — אַ שמאָלער שטראָם צו זיין, וואָס אין זיין פליסן
ער פילט זיך ווי אַ ברודער צו די גרויסע וואַסערפאַלן.

נאָר זינט איך בין צוריק צו זיך אַהיים געקומען
און דערקענט די גוואורע פון דער ערד באַ מיינע שטאַמען,
זע איך זיך — אַ פלימעניקל אַן אָרעמס — אַף קעסט באַ רייכער מומען,
און כ'שעם זיך מיט מיין אָרעמקייט פאַר מיין טרערן-רייכער מאַמען.

נאָר איך גלייב אין מיינע שפּעריש קייכעס,
און מיין וואָרט ביז איצט איך האָב געלייטערט.
ס'איז מיין ליד געווען אַ פייערווערק געשאָסן אין די הייכן,
איצט מיין ליד איז אַף דער ערד אַ בלומענדיקער שייטער.

און ס'קען שוין איצט מיין ליד דערגרייכן
דאָס שוואַכע האַרץ פון מיין פּראָסטער, וועלקנדיקער מאַמען,
נאָר צו דערוואַרעמען אין קעלערן דאָס לעבן אויסגעבליכטע
מוז מיין האַרץ זיין גרוים גענוג אויפצוגיין אין פלאַמען.

און ניט וואָס ס'זאָגן יענע דיקטער, ניט וואָס ס'זאָגן יענע רעדנער
קען העלפן מיר מיין שפעריש שטייגן:
דאָס גרויסע וואָרט פון טיפן וויטיק זאָגן בין איך זשעדנע! —
אַרט מיך ניט, צי זאָגן זיי דעם עמעס, צי זיי לאַיגן.

איך האָב קיין מוירע ניט פאַר מיינע יאָרן,
די פאַרלאָרנע אין אומרו, אַף פאַלשע וועגן,
כ'וועל יעדן קומענדיקן יאָר אַ צענדליק יאָר קייכעס שפאָרן,
און כ'וועל נאָך קענען ענטפערן אַף אַלץ, וואָס ס'וועט די וועלט מיך פרעגן.

איך נעם זיך די לעגענדע פון דעם גריכישן גיגאַנט אַנטעאוס,
וואָס פלעגט דורך אָנרירן די ערד זיין קראַפט אין קאַמף באַנייען.
ווי מעכטיק ס'איז די ערד — מער פון לעגענדאַרישע גיגאַנטן מיר פאַרשטייען
און דינען, דינען מיר דער ערד — פון אַלעמען געטרייער.

אייביקע באַנייאונג פאַר אַלע קומענדיקע צייטן,
פאַר מיר און פאַר מיין ליד — איז מיין איינציקע שעליכעס,
נעם איך אַרום די ליבע ערד פון אַלע זייטן:
איר קראַפט בין איך, און זי — מיין שענסטער ייכעס.

אַנטעאוסן האָט אינדערלופטן הערקולעס דערהאַרגעט,
ווען זיין מאַמע — די געטין פון דער ערד — האָט אים פאַרגעסן:
איך בין גאָט אַליין, ווייל איך די ערד באַאַרבעט,
וועט מיך קיינמאָל ניט באַזיגן אַן אַרמיי פון הערקולעסן.

איך האָב אין מיין געביין אַריינגענומען
די גוואורע פון די שטורעמס, פון די וועלדער די געזאַנגען,
מיין לייב האָט אַלע כוואַליעס דורכגעשוואומען
פון אַטלאַנטיק ביז פאַסיפיק, פון יאַרדן ביז גאַנגעס.

איך האָב מיין לייב מיט פיין פון דיירעס זיך פאַרהאַרטעוועט,
איך האָב די קראַפט פון אונטערערדישע, פון רייפע סטוואָלן,
און כ'האָב פון דונערס און פון בליצן זיך געראַטעוועט
סיי אַף מישקיילעסדיקע בערג, סיי אין טהאָמיקע טאָלן.

איך האָב אין זיך די פייערן אַריינגענומען
פון שייטערס און פון סרייפעס און געהעניMדיקע גיסערייען,
זינגט אין מיר אַ סרייפע און אַ וואַלד מיט בייזע בערן ברומען, —
מיין פאָלקס וויטיקן — פון די ראָקיס ביז די הימאַלאַיען.

ווי אַ דינאָזאָר האָב איך מיין לייב פֿאַרהאַרטעוועט
מיט פֿאַליענדיקער זון און פֿראָסטיק-שניידנדיקע ווינטן,
ווי זיין פֿעל, איז מיין הויט צעקאַרבט, צעקאַטעוועט,
נאָר אַ לעבן פֿיר איך אַ באַזינטן.

ס'פֿעלט מיר גאָרנישט, נאָר מיין פֿאָלקס באַפֿרייאונג,
באַפֿרייאונג פֿון דער מענטשהייט און אַ שטיקל ברויט — צו קענען שרייבן,
אין שווערער אַרבעט פֿאַרן לעבן איז מיין אָפּרו און צעשטרייאונג,
איך לייד בלויז, וואָס איך דאַרף אַף זאָרגן שעפֿערישע טעג צערייבן.

איך לייד, וויילליידנדיק איז שווערער היינט צו שטייגן:
דעם ברויט-געשמאַק פֿון לעבן קען איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן!
איך לייד, ווייל פֿון מיין צופֿעליקער אַרבעט מיין קלאַס וועט גאָרנישט בלייבן:
ווי מיין מאַמעס האַרץ, האָבן מיינע טעג די וועלט-ראַצן צעפֿרעסן.

נויאָרק איז ניט דאָס וואַלד-דערפֿל אין צייטן פֿון וואַן גאָגן:
אין נויאָרק קען מען ניט מאָלן אין אַ זאַק-העמד, בא אַ ליכטל;
דאָ ווערט דער קאָפּ טרוקן ווי אַ פּויק, ווען ס'טריקנט אינעם מאָגן;
אַ נויאָרקער אָרעמאַן קען היינט ניט זיין קיין גרויסער דיכטער.

און איך האָב פֿיינט די קאַלעמוטנע מיטלמעסיקייטן
און דעם מילדן מיטלוועג — דעם גאָלדענעם,
כ'האָב פֿיינט שאַבלאָנען טויזנט מאָל איבערגעקייטע
און „ווייזהייטן״ — ווי האָר קונציק-געשפּאָלטענע.

כ'קען די געניאַלע מייסטערס
פֿון אַלע צייטן,
און כ'האָב שטענדיק פֿיינט געהאַט אַ טייסטער,
און אייגענע פֿאַרדינסטן אויסציילן פֿאַר לייטן.

כ'קען טראַכטן נאָר פֿון די פֿאַרדינסטן
פֿון אַרבעט, פֿון מיין האַנט נאָך ניט באַרירטער:
איך נעם זיך פֿאַר מיין לעבן ניט דאָס מינדסטע
פֿון פֿלענער דורכגעפֿירטע.

איך שרייב ניט ווייל מיר גלוסט זיך
דאַווקע זיין אַ גראַמען-פֿלעכטער,
כ'בין אַ געזונטער מענטש, ניט אַ פּאָזיאָר אַ פּוסטער,
אין לעבן האָב איך ליב — יאָנטעוודיקע עכטקייט.

כ׳קען די שעקספּירס און די פּושקינס,
די דאַנטעס און — האָמערן.
מיר גייט נישט אין פּאָעטישן קאַשקעט ; איך וויל מיין קלאַס זיין נוצלעך —
גלייב איך אין מיין קייעך מיט אים איינעם גרויס צו ווערן.

און גרויס זיין וויל איך צוליב גאַנצקייט,
און גרויס זיין וויל איך צוליבן לעבן :
כ׳וויל זינגען מיט גוואורעדיקער פרייד פאַר אַלע מיינע לאַנדסלייט,
מיט אַלע קייכעס מיינע ברידער מוט און אָטעם געבן.

געבן זיך דער וועלט אינגאַנצן
איז דער נאָבלסטער פון מענטשלעכע פאַרלאַנגען :
כ׳וויל מיין וואָרט זאָל אָפּסאַמען די וועלף און וואַנצן,
ניט לאָבן זיך מיט פאַלשע דיכטערישע ראַנגען.

גלייב איך, אַז מיין מאַמעס האַרץ וועט זיך נאָך שטאַרקן,
און ביזן הימל וועלן שפּראָצן מיינע שטאַמען.
איז זאָלן יענע קריטיקער באַזאָרגן מיך מיט קאַרקע :
אין מיינע לעבעדיקע יאָרן וועל איך נאָך ראַטעווען מיין מאַמען.

וויגלידער פון קיינעמסלאַנד

ליד פון אַ פרעמדער מאַמען

דאָס לעבן איז צעריסן,
אין זאַק ניטאָ אַ ביסן,
שאַ, מיין אומגליק, שאַ —
ס'איז אַ וועלט אַזאַ.

דיין מאַמע ליגט אין טיפוס,
דיין טאַטע איז פאַרשיקט,
אין צייטן פון רעדיפעס —
אַ פרעמדע מאַמע וויגט.

אַ קינד פון די סודעטן,
פון דערנער איז די וויג,
בלאָטעס זיינען בעטן,
טרוקן ברויט איז גליק.

דיין טאַטע האַקט איצט שטיינער
אין היטלערישן זומפּ —
אַ הילפלאָז זעקל ביינער —
בלינד און טויב און שטום.

גרעניצן פאַרשפּאַרטע,
יאָמען אָן אַ ברעג,
ווער עס שטאַרבט אין קאַרצער
און ווער עס פאַלט אין וועג.

טאַטעס גראָבן גריבער —
באַהאַלטן אייך פון קעלט:
באַגראָבן ליגט די ליבע
אין אַזאַ מין וועלט.

און איך — אַ פרעמדע מאַמע —
וויג דיך, וויג דיך, קינד.
אוי, אַ יאָם מיט סאַם זאָל סאַמען
די היטלערישע הינט.

דאָס לעבן איז צעריסן,
אין זאַק ניטאָ אַ ביסן,
שאַ, מיין אומגליק, שאַ —
ס'איז אַ וועלט אַזאַ.

ליד פון אַן אַרבעטער פרוי

גוט, אוי, גוט איז דיר מיין קינד
איז שלאָף־זשע, שלאָף דערווײלע,
פון דער זון מיין בלוט איצט רינט
איבערן קאַלטן קיילעך.

מיר זיינען פון דערהיים אַוועק,
קוים לעבעדיק אַנטלאָפן:
ס'איז די וועלט אַ וואַלד מיט שרעק,
נאָר דו, מיין קינד, מוזט שלאָפן.

דאָ אין וואַלד, אין ווילדן וואַלד,
זיינען מיר פאַרוואָרפן.
אוי, דאָס לעבן שרייט געוואַלד,
נאָר מיר מוזן האָפן.

מענטשן זיינען האָפענונגלאָז,
שרעק און אומגליק דראָען,
נאָר אויך ווען אַ שטורעם בלאָזט
איז דאָס בלויז אַף שאָען.

שלאָף־איין, קינד מיינס,
שלאָף אָן שרעק,
כ'וועל אָן שרעק דיך וויגן.
קומען וועט צו דעם אַן עק,
כאַטש סוינע קען נאָך זיגן.

ס'קען דער סוינע שלאָגן אונדז,
טויזנטער דערשלאָגן,
נאָר זיין זיג האָט ניט קיין גרונט —
ס'פאָלק האָט וואָס צו זאָגן.

אויב עס דאַכט זיך ווענמען אוים
אַז דאָס פֿאָלק איז הילפֿלאָז,
נאָך אַ שטורעם לאָזט זיך אוים
ס׳בליט דאָס פעלד מיט גרינגראָז.

דיין טאַטע־מאַמען איז באַשערט
די וועלט אַף זיך צו טראָגן,
און אַנטקעגן הוילן שווערד
מיט הוילע הענט זיך שלאָגן.

נאָר מיר שטאַמען פון דעם קלאַס
וואָס מוז אַף זיך אַלץ נעמען,
אוי, די נויט אַף אונדזער גאַס
קען די זון צעקלעמען.

נאָר מירן אָפּהיטן די זון,
ווי ס׳היט אונדז מאַרקס, דער טאַטע,
שטאַרקן וועט זיך נאָך דער בונד
פון אַלע מיד און מאַטע.

רויטער ווערדינג קינד מיינס, לעבט,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון דייטשלאַנד,
כ׳הער ווי ליבקנעכט, טעלמאַן רעדט,
דריקן מיינס און דיין האַנט.

קומען וועט אַ צייט אַמאָל,
אוי, ס׳איז שוין טאַקע נאָענט, —
ס׳ט הערן בלויז דעם ווידערקאָל
פון טויטן סוינעס דראָען.

גוט, אוי גוט איז דיר, מיין קינד,
איז שלאָף־זשע, שלאָף דערווייליע,
פון דער זון מיין בלוט איצט רינט
איבערן קאַלטן קיילעך.

ליד פון אַ פּאָגראָם־מאַמע

שלאָף, שלאָף־איין, מיין אָרעם קינד,
מירן דורכקריכן, נישקאָשע,
אַ זאַק באַהאַלט דיך פון דעם ווינט,
איך היט דיך פון דעם ראָשע.

אוי און ווי, און וויי און אוי,
פינצטער איז און ביטער,
בלוט איז יעדער טראָפּן טוי
און דער הימל ציטערט.

אַלץ איז כאָרעוו, אַלץ איז וויסט,
ס׳שמעקט מיט טויט פון הימל,
דאַרע בלעטער מיינע בריסט,
דער טויט גייט אום אין שטיוול.

מיר נאָר הונגעריק און הויל,
אין שרעק פאַר מינדסטן אָטעם,
יעדער שטערן אַ פּיסטויל
וואָס צילט אַף אונדז אין בלאָטע.

ליגן מיר אין טיפן זומפּ
און הינט וואוינען אין שלעסער,
איז דער ווינט אַ ווילדער הונט,
לעוואָנע איז אַ מעסער.

ס׳האָט דיין באָבע מיך באַשיצט
פון פאָגראָמשטשיקס נעגל,
ביז דער כאָם האָט דורכגעשפּיזט
איר בוזים ווי אַ זעקל.

אוי, געדענקט מען יענע טעג —
ווער קען זיי פאַרגעסן,
ס׳האָט דאָס ברויט מיט טויט געשמעקט.
ווער׳ט געקענט דען עסן.

נאָר מיר האָבן פאַרט דערלעבט
און אַדורכגעקראָכן,
איצטער זיך אַהער דערשלעפּט,
אַלץ נאָך ניט צעבראָכן.

זאָל דער זומער קומען שוין, —
כאַטש מיט זון אַף פעלדער —
ס'וועט דער הונט קריגן זיין לוין
ביז דו וועסט ווערן עלטער.

שלאָף, שלאָף־איין, מיין אָרעם קינד,
מירן דורכקריכן, נישקאָשע,
אַ זאַק באַהאַלט דיך פון דעם ווינט,
איך היט דיך פון דעם ראָשע.

וויגליד פון אַ קריסטלעכער מאַמע

איך האָב „פאַרשעמט דעם ציילעם״ —
איך האָב מיין האַרץ געפאָלגט —
סיי ווי צום ביים־אוילעם
שלעפּן זיי דאָס פאָלק.

דיין טאַטע איז אַ ייד,
דיין מאַמע איז אַ קריסטין,
איך האָב דיין טאַטן ליב,
אוי, אַן אויסוואורף ביזטו.

אַן אויסוואורף פון מיין בויך,
אַ פלעק אַף די באַנדיטן,
וואָס פליען הימל הויך —
מיט גאַז אונדז צו דערשטיקן.

עס גייט ניט — ייד, צי קריסט —
ס'גייט זיי בלויז אין רויבן,
דיין טאַטנס בלוט זיך גיסט,
ווייל בלוט איז היטלערס גלויבן.

און אויב דיין טאַטע שטאַרבט
פון האַקנקרייצלערס מעסער,
מיין ליבע וועט דערפאַר
נאָך ווערן צו אים גרעסער.

און ווען דו וואַקסט נאָר אויס
זאָלסטו גוט געדענקען,
אַז ליבע גייט ניט אויס
פון קוילן פון אַ הענקער.

און וויסן זאָלסטו, קינד,
אַז דו מוזט זיין אַ גוטער,
און אָפּדינען די הינט
זאָגט דיר אַן דיין מוטער.

איך האָב „פאַרשעמט דעם ציילעם״—
איך האָב מיין האַרץ געפאָלגט —
סיי ווי צום ביים־אוילעם
שלעפּן זיי דאָס פאָלק.

וויגליד פון אַן אינטעליגענטקע

ליוליע, ליוליע, רעגן, מאַך,
ליוליע בייזע שטראָפן —
אוי, אין האַרץ מיר ברענט אַ לאַך,
קען מיין קינד ניט שלאָפן.

וואו איז איצט דיין טאַטע, וואו,
מיט זיין הויכן שטערן?
צו אַ קייט מען שמידט אים צו
אָפּטריטן צו קערן.

קיינער קען ניט זען אים,
און זיין מוט באַהאַלט ער, —
זבאַנזשין, זבאַנזשין — געהענעם
פון דעם מיטלאַלטער.

וואו איז איצט זיין לעבנסווערק,
זיינע קלוגע ביכער, —
דיין טאַטע טאָר ניט טראַכטן מער —
ס'לעבן איז ניט ניכע.

היינע ליגט אין כעירעם איצט,
איינשטיין איז פאַרטריבן;
ס'טאָר אַ מענטש ניט זיין דער קריסט,
און מיר זיינען נאָך יידן.

דאָס לעבן צאַפּלט זיך און שרייט
אין בלוטדורשטיקע לענדער,
ס'ליגט דער מענטש אין זומפּ און ליידט,
ווייל היטלער פירט די גרענדע.

זבאַנזשין, זבאַנזשין — געהענעם
פון דעם מיטלאַלטער,
ווער ווייסט וואָס ס'ט געשען אים, -
דער מויעך שפּאַלט זיך.

ליוליע, ליוליע, רעגן, מאַך,
ליוליע בייזע שטראָפן —
אוי, אין האַרץ מיר ברענט אַ לאַך,
קען מיין קינד ניט שלאָפן.

וויגליד פון אַ שפּאַנישן וואָלונטירס ווייב

דיין טאַטע איז געגאַנגען אין קריג,
דיין טאַטע איז אַ באַטווינעץ, אַ העלד,
דיין טאַטע קומט מער שוין ניט צוריק,
דיין טאַטן וועט געדענקען די וועלט.

דיין טאַטע איז געפאַלן
אונטער באַרצעלאָנע,
ניט פאַר קיין מעדאַלן,
ניט פאַר קיין מאַטאָנע.

דיין טאַטע איז קיין שפּאַניע אַוועק,
צו העלפן פאַרטרייבן דעם טויט,
מיר ביידע אין אַנגסט און אין שרעק —
אין שטעכיקע דראָטן פאַרבויט.

דיין טאַטע איז געגאַנגען
קעגן מאַלאַך האַמאָוועס,
און מיר זיינען געפאַנגען,
ס'העלפט ניט קיין זכות אָוועס.

ניטאָ מער מיין כאַווער און מיין מאַן,
ניטאָ מער דיין טאַטע, מיין קינד,
ווען דו וועסט זיין גרויס אין אַ לאַנד, —
דיין גוירל מיט זיינעם פאַרבינד.

אַ בראָכע אָף די טאַטעס,
די העלדישע, ווי דיינער,
זאָלסט צאָלן פאַר די גראַטעס,
פאַר די צאָרעס מיינע.

דיין טאַטע איז געגאַנגען אין קריג,
דיין טאַטע איז אַ באַטווינעץ, אַ העלד,
דיין טאַטע דער וועלט העלפט ברענגען גלי
דיין טאַטן וועט געדענקען די וועלט.

וויגליד פון אַ בלינדער מאַמע

דיינע אויגן זיינען אָפן,
קינד מיינס, אַי-ליו-ליו,
מאַמעס אויגן האָט געטראָפן
הייסער פולווער, זונעניו.

מיינע אויגן-לעכער פליצן
ליכט אָף דיינע וועגן,
ס'זאָלן שוואַרצע האַקנקרייצן
ניט אָפּהאַקן דיין לעבן.

וואָס איז דאָ איצט וואָס צו זען
אָף דער וועלט דער שיינער:
אונדזער בראָך וואָס איז געשען
וויל ניט זען קיינער.

וואָס איז אונדז נאָך איצט געבליבן —
נאָר אין זומפּ צו פוילן,
אָף טויט אין קיינמעסלאַנד פאַרטריבן
פון דייטשלאַנד ווי פון פוילן.

כ׳האָב זיך אָנגעזען צאָרעס
אַף דער וועלט דער גאַנצער,
אוי, די מערדער כ׳וועל פאַרשפּאָרן
זען אַף כורוועס טאַנצן.

מיינע אויגן-לעכער פּלייצן
ליכט אַף דיינע וועגן,
ס׳זאָלן שוואַרצע האַקנקרייצן
ניט אָפּהאַקן דיין לעבן.

וויגליד פון דער מאַמע וואָס האָט געבאָרן אַ קינד אין קיינעמסלאַנד

וואָס זאָל איך דיר זינגען,
זינגען פאַר אַ ליד,
אַלע לידער קלינגען
וויינענדיק און מיד.

ס׳טרייבן אונדז, ווי בלינדע,
בלוטדורשטיקע מערדער,
וויגן מאַמעס קינדער
אַף די הוילע דערנער.

וואו דו ביסט געבאָרן
וואַקסן ניט קיין לידער,
דאָ זינגט ווי און צאָרן
פון האַרצן, פון די גלידער.

מידבער דיין געבורט-לאַנד
שלאַנגען-נעסט דיין וויגל,
זינגט דיר צו דער ווילדוואַלד,
קראָ פּאַטשט מיט די פליגל.

ווער עס ווערט געבאָרן
אין אַ זיידן הייבל,
און די קימפּעטאָרן
יויך עסט פון אַ טייבל.

איך בין דאָ אין קימפּעט
אַפּן מאָך געלעגן,
רעגן האָט גערימפּעט
ס׳האַרץ מיינס גלייך ווי זעגן.

און דיין זיסער וויינען,
וואָס דאַרף מיך דערפרייען,
האָט דערלייכטערט קיינעמס
אומענטשלעכע ווייען.

אין אַ וואַלד געבאָרן
צווישן ווילדע כאַיעס,
און אין מיין זיקאָרן
שלעפּט זיך אַ לעוואַיע.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
וואָס זאָל איך דיר זינגען,
וואָס עס ברענגט דיין מאָרגן
קען איך דיר ניט דרינגען.

אוי, די וועלט איז פינצטער,
ווער קען דען באַשיידן
וואָס אין זומפּן ליגסטו, —
איז אונדז ביטער ביידן.

ס׳טרייבן אונדז, ווי בלינדע,
בלוטדורשטיקע מערדער,
וויגן מאַמעס קינדער
אַף די הוילע דערנער.

אַ טאַטנס וויגליד פון קינעמסלאַנד

אַף אַ פעלד אַ וויסטן
ווי אַ צוויג וואָיעט דער ווינט.
אַ זויגלינג וויינט נאָך מאַמעס בריסטן
און דער טאַטע וויגט דאָס קינד.

ס'איז די מאַמע אומגעקומען
אין געלויף פון סוינעס טראָט:
ס'האָט דער הונט אַלץ צוגענומען
און פאַרטריבן פון דער שטאָט.

וויגט דער טאַטע מיט אַ ניגן
פון ביים-אוילעם איין זיין קינד
און אַרום אים יידן ליגן
צוגעדעקט מיט ווינט.

און דער טאַטע וויינט מיט טרערן,
און דער קאַלטער וואַלד וויינט-מיט:
ווער וועט אים אין וואַלד דערהערן
מיט זיין קינד און מיט זיין ליד.

נאָר עס זינגט, עס זינגט דער טאַטע
מיט געוויינען זיין יאָסעם איין.
טאַטנס קאָל ווי פייער פלאַטערט:
אין ווילדן וואַלד אַ מאַמע זיין:

„שלאָף, אוי, שלאָף, מיין קליינער יאָסעם,
דיין מאַמע איז ניטאָ.
ס'איז די וועלט פאַר אונדז פאַרשלאָסן —
מוזטו שלאָפן דאָ.

ס'פלעגט דיין מאַמע דיך פאַרוויגן
מיט אַ פריילעך ליד,
ס'קען דיין טאַטע זיך ניט קליגן —
זינגען גלייך ווי זי.

מאַמע קען געוויין פאַרוואַנדלען
אין אַ ליד פון גליק:
ליד פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
פון דער ביטערסטער מוזיק.

ס'האָט דער מערדער אונדז באַגאַזלט:
מאַמע, ברויט און שטוב.
שלאָף, אוי, שלאָף, מיין ביטער מאַזל,
ס'לעבן איז אַ גרוב.

שלאָף, אוי, שלאָף, מיין קליינער יאָסעם
אָן אַ ליד שלאָף-איין:
איבער וואַלד איר בלוט צעגאָסן,
מוז איך דיר אַ מאַמע זיין".

אַ דייטשישער בירגער האָט דאָס וואָרט

מײַן הויז צענומען — פון שוועל ביזן דאַך.
מײַן לײַב פאַרהוילט — פון העמד ביזן שוך.
נאָר — איך האָב געשריבן
דאָס מענטשלעכסטע בוך.

מײַן ברויט פאַרסאַמט. מײַן טאָכטער פאַרשעמט.
נאָר — ניט מיט געבעט און ניט מיט קיין פלוך —
איך שטיי קעגן דיר
מיט מײַן אייביקן בוך.

מאַטער מײַן מאַרך און מײַן געביין. ברען אַף שײַטערס מײַנע ווערק.
וועסט קיינמאָל ניט פאַרניכטן וואָס דו זוכסט:
דאָס פאָלק געדענקט אַף אויסנווייניק
מײַן אומפאַרמיידלעך בוך.

כאַפּ פעלקער אָן באַם גאַרגל. רייס שטיקער בלוטיקע ערד.
פון דײַן לעבן טראָגט זיך שוין דורך וואַלד דײַן טויט-גערוך:
ס׳קען דײַן פײַער ניט פאַרברענען
דאָס האַרץ פון מײַן בוך.

מאַך אָנשטעל פון אייביקער גוואורע, פון קאָסמישער מאַכט.
דײַן „העלדישער" באַנער ט׳באַלד ליגן צעטראָטן — אַ בלוטיקע טוך:
די מאַכט פונעם פאָלק איז —
דאָס פאָלק און מײַן בוך.

שרעק מיט האַקנקרײַץ, מיט הונגער און שאַנד און פאַרלענד.
דאָס פאָלק וועט אין צײַט קומען אַף מײַן רוף:
... „פון אַלע לענדער פאַראייניקט" ... —
ווי ס׳שטייט געשריבן אין מײַן בוך.

קריך אַף די ווענט און שפּרינג איבער וועלדער —
ס׳וועט דיר ניט העלפן קיין בילבל, קיין סינע, קיין שפּרוך!
דאָס זאָגט דיר דער ייִד — דער דייטשישער בירגער —
דער מעכאַבער פון בוך.

געטאָ

דורך נאַכט געלאָזט זיך פּאַסעווען
פון ברענענדיקע מעטערס אַף דער ראַדיאָ,
פאַרטאָג אוועקגעפאַלן אַף אַ קופּע מאָרגנבלעטער:
איינגעשלאָפן שווער אין האָריזאָנטיקן מאַנהעטן,
זיך אויפגעכאַפּט אין רויכיקער בערלינער געטאָ.

אין שלאָף רעכענען זיך ניט קיין יאָרן.
אינדערפרי ווערט יעדער מענטש איבעראַנייס געבאָרן.
האָב איך געזען אין כאָלעם
די פאַרצייטיקע מאַדריד און ליסאַבאָן?
די אַלטע פּראַג?
צי די בלוט-געפלעקטע געטאָן-פאָן
פון דייטשלאַנדס און פון ענגלאַנדס מיטלאַלטער?
האָב איך געזען מיין עלטערזיידן מיטן אָרימען געפּעק
אין טויט-שרעק לויפן פון כמעלניצקים און פּעטלורעס הײדאַמאַקעס?
צי גאָר דעם טויזנטיאָריקן, הויקערדיקן פּראָטאָטיפּ
פון טרויעריקן שיילאָק — „דער ייד פון מאַלטאַ"? —
האָב איך זיך אַליין און מיינע פענצטער אין פרימאָרגן
נאַאיוו און שעמעוודיק געפרעגט.
נאָר די צעקנייטשטע מאָרגנבלעטער אַרום מיר זיינען פול מיט מיינע מייסים,
און די ראַדיאָ וויינט דורך זעכצן מיליאָן העלדזער אויס אַ פרישן כליפּ
פון אַלטן געטאָ-יאָמער,
און ס'רעדט צו מיר דער מאַלעך האַמאָוועס אַף נירעמבערגער דייטש
און פויקט איבער דער וועלט מיין פאַרברעכערישן נאָמען.
איז ער אַליין אַ גאָט אַזאַ, אַ צוירער,
וואָס איז געקומען פעלקער איבערשאַצן,
באַוויליקן דעם מענטש אַ נייע טוירע
און ליים-שטיבלעך פאַרוואַנדלען אין פּאַלאַצן?

וואָס, וואָס
האָב איך געזען אין מיין שווערן כאָלעם? — אָן אַלטע,
יידישע ליברעטאָ?
ניין, ס'איז גרויזאַמע, ברוטאַלע וואָר:
ס'איז היינטיקע, דאָ באַלדיקע, מאָדערנע געטאָ.
געטאָ. געטאָ.
געטאָ איז אַ שטוב מיט קינדער
באַלאַגערט פון אַ סטאַדע בערן.
אַ קישן אין דער געטאָ איז אַ זאַק מיט שרעק און טרערן.

ס׳וויינט די גאַנצע וועלט ניט, ווי די געטאָ, אַף אַ מעס:
וויינענדיק איבערן טויט באַווויינט דאָס געטאָ־האַרץ דאָס לעבן
אין דער געטאָ־פּעסט.
געטאָ! — טויזנט טרעפּאָוס
אין אַ בלוטיק־גאָלדענער קאָרעטע.
געטאָ! — בלאָטע, קרעץ און טויט און הונגער, קרעמלעך,
שוועמלעך, כאַזיר־האָר:
הונט און ייד אַ גלייכע פּאָר.
ווײ און ווינד, אוי, ווינד און ווײ, —
ווער שושקעט מיר אין מיין אויער איך זאָל שווייגן?
ווער וויל דערשטיקן מיין געשריי?
ווער וויל מיין צאָר, מיין מוט, מיין שטיקל נאָמען ווי אַ מענטש —
אין אונטעראַויוון, ווי אַלעמאָל, פאַרטרייבן?
זיידע, זיידעניו, דיין קליאַטשע איז ניט לאָם מער,
און ניט בלינד:
זי וויל ניט זיין אַף קעסט בא איסער וואַרגער
און אַפילע ניט — אים זיין „אַן אייגן קינד״.
ווירדיק, וויל איך, זאָל מיין לעבן זיין,
ווי אַף אַלע שוואַרצע פּייערן אייביק איז געוועזן מיין לייב.
ניט נאָר וועל איך רופן, ניט נאָר וועל איך שרייען, —
נאָר מיט מיין קאָפּ צעשמעטערן די געטאָ־שטייג.

אַ מיליאָן פּאָר שיך

(אַ קאַפּיטל לובלין)

אַ מיליאָן פּאָר שיך
ליגן און טראַכטן.
אַ מיליאָן פּאָר
לעבן־געבליבענע שיך
באַרגן זיך, רירן זיך, קלעטערן צום הימל.
אַ מיליאָן יידן האָבן זייערע וואונדן געטראָגן אין די שיך.
אַ מיליאָן פרויען האָבן זייער ליבע געטראָגן אין די שיך.
אַ מיליאָן קינדער האָבן די צוקונפט געטראָגן אין די שיך.
אַ מיליאָן מענטשן האָבן געשפּאַנט צו זייער גורל אין די שיך.
פערציק פעלקער האָבן ברודערשאַפט געטראָגן אין די שיך.
אַ מיליאָן פּאָר לעבן־געבליבענע שיך ליגן און טראַכטן
באַ די העלישע פאַרקוילטע קאַלכאויוונס פון לעבעדיק־געבליבענעם לובלין.

אַ מיליאָן פּאָר פיס
אָפּגעשניטן, אָפּגעהאַקט, פאַרברענט. נאָר די שיך
זיינען געבליבן גאַנץ, און דער טרויער פון דאַלעס אַף זיי
און פון רייכקייט דער לאַקיראָווענער גלאַנץ
איז גאַנץ געבליבן, גאַנץ ווי דער אומעטיקער וואַרשעווער געטאָ־שטויב אַף זיי
און דער צעריבענער, צעפּלאַצטער לאַקיר
פון ווינער עלעגאַנץ.
שווערע שטיוול פון פויערים אַף שווערע וועגן
און קינדער־שיך צעטראָגענע פון שפּילן,
שטיוול גומענע פון פישערלייט באַ וואָלגע־ברעגן, דניעסטער, דאָן און סעין,
און שטיוול מעל־ווייסע פון אַרבעטער אין מילן,
פרויען־שיך און מענער־שיך און קינדער־שיך צעקרימטע,
מיט לעכערדיקע זוילן,
צעליאַפּעטע, צערעפּעטע, פאַרומערטע, פאַרוויינטע,
די שיך, די שיך אָן זאָקן, קומען פון ברייטהאַרציקן פוילן; מידע שיך —
וואָס גייען און גייען אַזוי לאַנג,
און רויטאַרמייער־שיך — פעסט
ווי זייער גאַנג.

אַ מיליאָן פּאָר שיך
ליגן איניינעם און טראַכטן.
אַ מיליאָן פּאָר לעבן-געבליבענע שיך ליגן איניינעם, און געדענקען, טוליען זיך
און טראַכטן
און באַרגן זיך, רירן זיך,
קלעטערן צום הימל — טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.
זיי קוקן אין די קאַלכאַויוונס אַריין און רירן זיך. אַ באַרג —
פאַרשטעלט די זון,
פאַרשוואַרצט מיט גייענדיקע שאָטנס די לעוואָנע.

וואָס טראַכטן די שיך?
קענען שיך טרוימען?
זיי ווילן לעבן. זיי ווילן גיין.

איר דאַרפט ניט פרעגן די שווערע שטיוול מיטן ליים
און די פאַרהאָרעוועטע שיך
וואו זיי זיינען אויסגעווען
און פאַרוואָס — זיי דערציילן אייך אַליין.
דאָס דערציילן די סימאָנים פון געטאָס און זומפּן,
בוידעמער און אונטערערד,
קעלערס און בעסאַלמענס
פון לענדער איבער לענדער, איבער לענדער.
די שטיוול זיינען פול מיט אַלע האָפענונגען און אַנטוישונגען פון וועגן
בלוטיקע, געפּערלעכע,
און עס טראָגט פון זיי דער הייסער אָטעם
פון פאַרכאַפּנדיקער מוירע און טרייסטנדיקער האָפענונג,
פון העלדישן גאַנג און פון הייליקע טריט.
אַ מיליאָן פּאָר שיך
וואַרטן.

די שיך ווען ווידער לעבן,
די שיך וועלן ווידער גיין — איבער דער וועלט, איבער דער וועלט
גיין און גיין,
און ניט ווערן אויסגעטראָגן.
זיי זיינען די שיך פון דער געשיכטע — פון דעם ערשטן בלוטיקן נעכטן
ביזן לעצטן גוטן מאָרגן.

זיי וועלן זיין דער גייענדיקער מאָנומענט
פון אַלדאָסבייז אין אַלע צייטן
און דער צייכן
פון אַ סרייפע פון אַ פאָלק אין געהענעמדיקע ווענט:
דער געהענעם איז איינגעפאַלן,
דאָס פאָלק ניט פאַרלענדט.
דער באַרג שיך
באַ די פאַרקוילטע קאַלכאויוונס פון לובלין, אַ פעלדזן-באַרג
צעשמעטערט
אין אַ מיליאָן שטיקער,
נאָר די גוואורע פון דעם פעלדז לעבט אין יעדן שטיק;
אַן אינטערנאַציאָנאַל פון פעלקער
וואָס וועט זיך אויפהייבן און גיין
איבער די שטרעקעס טויט
פון לובלין און בערלין
און זייער טראָט
וועט אויפסניי יונג מאַכן די ערד.
ויהי ערב, ויהי בוקר, יום אחד.

שפּאַנענדיקע ווענט

(צו דער בילדער און דאָקומענטן אויסשטעלונג „דער ייד אין פּוילן — אין קורבן אוןווידערגעבורט").

זאָלן זיי שטיין דאָ די ווענט — באַהאַנגען מיט בלוטיקע מעגילעס
פון אויסגעשאָכטן קינד און קייט.
זאָלן זיי שטיין דאָ
לעזיקאָרן
פאַר טאַטעס און מאַמעס וועמענס קינדער ס'זיינען אין דער צייט דער בלוטיקער געבאָרן,
פאַר יעדן ייד
וואָס האָט זיך אַלץ, כאַלילע, נים דערטראַכט
אַז עס וואַקסט און וואַקסט דאָ גרויס און גרויזאַם די לאַנגע היטלערישע נאַכט,—
מיט האַרסט וועסל מעסערס צו באַפאַלן, —
ווי עס ווערט אויך דאָ באַזונגען פון פּאַשיסטישע פּאָעטן מיט „דעמאָקראַטישע" מעדאַלן.
פאַרן פאָלק אַמעריקע — ס'זאָל זיין געוואָרנט און באַוואָרנט
קעגן היגע היטלער-גענעראַלן און הימלער-מיניסטאָרן,
קעגן היגע „הויכגעשטעלטע" נידעריקע דאַמען
וואָס פריידיקן די „שיינקייט" פון אילזע קאָכס לאָמפּן-אַבאַזשורן
פון מענטשנהויט מיט קינדער-בלוט געפאַרבט,
קעגן יידנפרעסערישע ריכטער — ציניש קראַקענדיקע היטלער-ראָבן,
וואָס מיען זיך פאַר פרייהייט, נאָר פאַר פרייהייט — פאַר די קאָכס
און דיכטער-יודאָפּאָבן.
זאָלן זיי שטיין דאָ,
די ווענט.

נאָר זיי קענען נים, קענען נים
בלייבן דאָ שטיין. זעט, ווי זיי רירן זיך,
באַוועגן זיך,
גייען ערגעץ ווייטער, אָן אַן אָפּשטעל,
שפּאַנען —
פון לאַנד צו לאַנד איבער דער וועלט. ניין:
די ווענט
קענען דאָ נים בלייבן שטיין:
דאָס זיינען די מוירעדיקע ווענט פון דער וואַרשעווער געטאָ.

די ברענענדיקע ברודערלעכע ווענט פון קאָוונער, לאָדזשער און וואַרשעווער געטאָס.
דאָס זײַנען די סריפּעדיקע ווענט מיט ייִדן אײַנגעוויקלט אין טאַלייסים,
אין בלויע און אין רויטע פאָנען,
שפּרינגענדיק דעם לעצטן שפּרונג אין פֿייער.
דאָס זײַנען די לעבעדיקע ווענט פֿון גאַזקאַמערן און קאַלכאַוויונס
אין אוישוויץ, טרעבלינקע און מאַידאַנעק
מיט זעקס מיליאָן ייִדן וואָס גייען אום געשאָכטענע —
ווי מ׳וואָלט זיי קיינמאָל ניט געשאָכטן, ניט באַגראָבן, ניט פֿאַרברענט —
גייען, שפּאַנען איבער דער וועלט
מיט די ברענענדיקע ווענט.
דאָס גייען די ווענט מיט וועגענער און וואַגאָנעס קינדער
אָף אויסצושיסן אין ווילדע וועלדער,
אָף אויסצולאָדן לעבעדיקערהייט אין מאַסן־קוואָרים.
דאָס גייען די ווענט מיט קלאָגנדיקע נעקראָלאָגן פֿון הונגערלאַגערן.
דאָס גייען די שטאָלצע, די מוטיקע, נאָבעלע ווענט
פֿון צווייאונפֿערציק טעג און נעכט אַ פֿאָלקס מאַרטירערטום אין געהענעם.
דאָס גייען די ווענט מיט אונטערערדישן שמוגל פֿון ברויט און ביכער און נאַגאַנען.
דאָס יאָגן די ווענט מיט מאַמעס
וואָס וואַרפֿן די קינדער פֿון יאָגנדיקע טויטנבאַנען.
דאָס יאָגן די ווענט מיט די בערג ביינער און אַש
וואָס הערן ניט אויף טליען און גליען און בריען. די ווענט
מיט לענדער ייִדן אין געלע לאַטעס. ווענט —
מיט צעברענטע, פֿאַריאַסעמטע שליסלען פֿון ייִדישע היימען אין געטאָס.
ווענט מיט שיימעס פֿון ייִדישע ספֿאָרים וואָס קוקן אַרויס דורך די כורוועס —
די אויסיעס קוקן דער וועלט אין די אויגן
מיט די לעבנגעבליבענע אויגן פֿון די זעקס מיליאָן הייליקע הארוגים. ווענט
מיט קאַסטנס „ריינער ייִדן־זייף“. ווענט
מיט די זעקס מיליאָן פּענימער וואָס קוקן דעם טויט אין די אויגן.
ווענט — הארציקע, באַהאַלטנדיקע ווענט — מיט מאַכנעס אייגענע, פֿאַרשאָלטענע פֿאַררעטער,
און ווענט — (אָ, מענטש:
דײַן גרויסקייט האָט קיין מאָס ניט. פֿאָלק:
דײַן העלדישקייט איז נאָבעלער פֿון וועלטבאַשאַף) — יאָ, ווענט
פֿון אָפּגעברענטן ציגל און פֿון ליים

שפּאַנען ווי גלייכע טרעגער פון די קעמפּערס טרוים —
מיט די יידישע אַרקעסטערס פון די געטאָס, און מיט זיי שפּאַנט
דער מאָנומענט
מיט יידישע העלדן וואָס גליווערן ניט
אין בראָנדז און אין שטיין. די ווענט
קענען שוין ערגעץ ניט שטיין. זאָלן זיי שפּאַנען
אין אַלע עקן וועלט —
מיט די פאַבריקן „שיך פאַר אַ פאָלק אין גאַנג
צום לעבן אויפדאָסניי",
מיט די פאַבריקן קליידער וואָס „יידן נייען
פאַר דעם נייעם פוילן", — שפּאַנען
אין אַלע טיר און טויער פון קומענדיקע צייטן
מיטן פאָלק
וואָס האָט „צווישן פאַלנדיקע ווענט . . . געזונגען
מיט נאַגאַנען אין די הענט".

פאַרפלייצונג

די זון איז
אַלעמאָל
צום לעבן גוט,
נאָר ווען די זון צעשמעלצט די שניי־קעפּ
אַף די בערג
און הייבט אַרויס די טייכן פון
די ראַמען,
און ווען דאָס לעבן איז
אַ כייפעץ אַ פאַרביליקטער
אַף קאָנקורירנדיקע מערק,
איז ניטאָ ווער עס זאָל
די טויט־פלייצנדיקע וואַסערן פאַרצאַמען.

זון איז זון.
נאָר ווען דער מאַרק צעלייגט זיך
איבער אַלע יאַמען,
איז דאָס לעבן שטענדיק אין געפאַרן פון טייפון
און אַ „סוינע" ווערט
די זון
מיט איר ליבער גוטסקייט פון אַ גוטער מאַמען.

כ'בין ערשט געפאָרן איבער אונדזער לאַנד,
געזען אונדזער שעפעריש־אינדוסטריעלן ייבעס,
כ'האָב אויך געזען בילדער
פון טריקעניש, פון בראַנד:
פעלדער ווייץ זיינען געוואָרן ווייסע הונגער־פּליכעס.
איך קען פון אַלע יאָר
דאָס לעבן פון
דעם אַרבעטער, דעם פּויער און נידעריקן מיטלשטאַנד,
ווייס איך וואָס אַ ברויט און אַ פאָר שיך איז.

דער רויבער מעסט
דאָס לעבן
מיט
אַ מעסער, שווערד און פייער־קנויט,
איך
מעסט עס
מיט מיין קוק
אַף אַ לעבל ברויט.

מאַרק
איז אונדזער אײביקע פאַרפּלײצונג:
אונדזער שעפערישע שעפע
גײט אַף אונדז
אין אַ שטײגנדיקן קרײץ־צוג.
זײנען אַלע װײצן, אַלע גרינסן,
זײנען אַלע זיסע, פרישע װאַסערן,
זײנען אַלע לעבן־ליבנדיקע װאַונדער — װאַסער־גאַז און פײער־טײכן:
דאָס לעבן צו פאַרגיסן.

איז דאָס ראַכוועס פון דער מיסיסיפי
אַ לױפנדיקער לאַנד־שפּיגל פון סינע.
איז אַ שװימענדיקער בױך מיט הונגער־קראַמף
דער אַלעגעני.
אַף אַ קאַנװײער פון סקעלעטן ציט זיך דער אָהײאָ:
אַ טײך צעלאַזטער, זשיפּענדיקער
ריװער־רוזש פײער.
טײכן, טײכן, טײכן: טײכן װאַסער,
טײכן פײער,
טײכן רױך און גאַזן,
טײכן טױט פון אַלע פאָרמען, אַלע פאַזן,
טײכן טױט אַף אונדז.
און אַלע טײכן ציען זיך צום יאַם,
ברענען אַלע יאַמען,
איז דער װעלט־מאַרק
פאַר אַלע הימלען אַ צעפלאַקערטע רעקלאַם,
און אונדזער לײבונלעבן מיט די בעטלעך
אַף די בײזע, אױפגעברױזטע טײכן —
די טראַגיש־באַװעגלעכע װעלט־דראַמע.

טראָגט זיך אונדזער לעבן אונטער הימלען זון און שטערן.
נאָר אין אַזאַ לעבן
װערן אַלע שײנקײטן און װאַונדער — טיגערן און בערן.
װען פאַרפלײצונג פלײצט —
איז יעדער שטראַל אַ האַקנקרײץ,
װען ס'איז אַן אײנציק קינד ערגעץ ניט געזעטיקט,
איז ניט דער רױבער בלױז, — אױך די זון איז
אַ פאַררעטער.

קענסט
אין טאָפּ
ווי קניידלעך
ניט אַריינוואַרפֿן אַ זשמעניע שטערן,
און ניט די זון, —
ווי אַ פּריש־צאַפּלדיקע הון,
און געבן דאָס
די קינדער
ווי אַ גוטן ביסן.
קענסט
מיט שטערן
דעם שוואַכסטן סוינע ניט דערשיסן.
מיט אַ וואָלקן — ווי זאָלסט אים ניט מאָלן, —
קענסטו ניט אָפּנאַרן דעם מאָגן,
און אויפֿן רוקן פֿון
אַ רעגנבויגן — ווי מיט געטלעכע סימבאָלן, —
וועסטו צום פֿאָלק דאָס לעבן ניט דערטראָגן.

אויף טייכן טויט
דאָס לעבן שווימט,
ווי הורבעס האָרביקע דעקאָראַציעס
פֿון אַ הונגער־פֿאָלקס טעאַטער,
וואו ס'איז יעדע שיינקייט אָפּגעקראָכן און צעקרימט;
דאָס פֿאָלק,
וואָס האָט אויף אַלע וועלטס שיינקייטן
דאָס אייגענע לעבן געפּאַטערט.

באַנד צוויי

די בריליאַנטענע טרער און דער פונק

(דער „מאָרגן־פרייהייט״—צו איר 28טן יובילײ)

„איסקראַ״ — דער פונק — די ערשטע צייטונג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז דערשינען פון 1900 ביז 1903 אין אויס־לאַנד, אונטער לענינס רעדאַקציע און איז געווען אַ באָלשעוויסטישע צייטונג, וואָס האָט באַקעמפט דעם מענשעוויזם.

דער נאָווי פון וועלט־דערלייזונג האָט דעם ערשטן פונק צעבלאָזן
אין אַ ווייטער דרוקעריי.
האָט צווישן רעדער און מאָטאָרן פון פאַבריקן און פעלדער, אָרעם ברויט
און גראָזן
זיך אויפגעהייבן אַ גערעדעריי:
די וועלט ווערט פריי, די וועלט ווערט פריי.

דער נאָווי פון די פעלקער האָט צו זיי געבראַכט די בשורע:
דער פונק וועט זיך צעפלאַקערן אין פלאַמען,
וואָס די סאָנים פון פאָלק מיט זייער בייזער גוואורע
וועלן נישט קענען צאַמען.

אַרכימעד, דער אַלטער גריך,
האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דעם גאַנצן אוניווערז, און ניט דערזען
אַז דער גרויסער סאָד צום מענטשנס גליק פינקלט אָפן פאַר דער וועלט
אין צעלויכטענעם צאַר
פון איין בריליאַנטענער טרער
פון אַ יונגער, אויסגעצערטער מאַמען אין אַ טרויעריקן שטיבל,
וואו איר גאַנצע ליבע וואַלגערט זיך אַף הוילן, קאַלטן דיל
און דאַרט, און וואַרט — ווי די מאַמע —
אַף אַ ביסן ברויט, אַ טראָפּן מילך.

טליעס
זיינען אונדזערע מיילשטיינער אַף דעם מאַרשרוט פון יאָרן
צווישן אַרכימעדן ביז אַהער.
מען האָט געשילדערט אונדז אוטאָפּיע נאָך אוטאָפּיע, געטרייסט
מיט פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס, און יעדער צוזאָג איז געווען בלויז
נאָך אַ קאַפּיע
פון הילפלאָזער אילוזיע קעגן דער מאַכט פון עקספּלואַטאַציע.
וואָס דער מענטש איז אויסן? זיין נויט
און זיין באַגער?
זיי האָבן דאָס לעבן געזען פון דרויסן —
ניט דורך דער בריליאַנטענער טרער.

דערקענסט די טרער? האָסט נאָך דעמאָלט עפּשער ניט פאַרשטאַנען —
די טרער פון דיין ליידנדיקער מאַמען —
די הייסע, בריליאַנטענע טרער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט
יונג לעבן און יונגן טויט צוזאַמען.

יאָ, אַ צייט געווען, ווען דו ביסט בלינד געווען, שטאָק בלינד.
און ווען דו, ווי איך, האָסט דעם מענטשנס אומגליק אין דער טרער דערזען,
האָסטו ניט אויפגעציטערט ווי אַ לויזע שויב אין שטורעמווינט —
אַז ווי איך און דו זיינען מיר אַלע בלינד געווען?

ווי אַ טראָפּן יאַם האָט אין זיך דעם טאַם פון גאַנצן יאַם,
אַזוי איז אין דער טרער די מענטשלעכע טראַגעדיע אָף דער קיילעכדיקער ערד.
לענינס פונק, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ פלאַם —
דער פלאַם, וואָס אין דעם פונק געזען האָט שוין ער —
איז ווי דער טראָפּן יאַם וואָס האָט אין זיך דעם טאַם פון גאַנצן יאַם.
לענין האָט אין פונק דעם פלאַם דערזען — אין ים צער פון דער טרער.

דער פונק, וואָס אויפגעלויכטן האָט
אין פינצטערן, פּעטערבורגער, טפיסעדיקן טעהאָם
און זיך געטראָגן — שטאָט נאָך שטאָט —
צופוס,
מיטן פאַראָם,
מיט צעפּאָרענע, דאָרפישע שליטנס און צעשאָקלטע וועגענער —
מיט דער שנעלקייט פון שיפן,
מיט אימפּעט פון באַנען, מיטן פלי
פון עראָפּלאַנען,
מיט ראַדיאָ-ראַדיאָ-ראַדיאָ-שפּרונג — דאָס וואָרט,
דאָס וואונדערלעכע וואָרט פון פייערדיקן פונק
וואָס איז אָף יעדער צונג — אין יעדער שפּראַך.
און די שפּראַך פון מיין טאַטן דעם סטאָליער, די שפּראַך פון שאָלעם-אַלייכעמען
איז אויך אין דעם.
די שפּראַך פון מענדעלען, און ראָזענפעלדן,
פון פּערעצן, און עדעלשטאַט,
לעבנגעבליבענער מאַמע-לאָשן פון דעם געטאָ-העלד —
ליידנדיק, וויינענדיק, זינגענדיק יידיש האַרץ — אין מיין ליד פון שענסטער
פּראָפּאַגאַנדע,
אין די טרוים-דערגרייכטע ביכער פון היינט-מאָרגנדיקן רעאַליזם,
אין מיין צייטונג-בלאַט —
וואָס הייליקט איר באַרוף דורך נאָבלקייט פון סאָציאַליזם.

מיין בלאַט —
די איינציק-איינציק-ערלעכע פון אַלע בלעטער —
אירע וואָרהאַפטיקע ווערטער זיינען קלאָרע אויגן וואָס גייען-נאָך און היטן
די מערדער פון די פעלקער און די יידישע פאַררעטער.
זי זעט דיכטערישע דעמאַגאָגן זינגען זמירעס
באַם איפּעשדיקן טאָפּ פון פאַרראַט.
זי זעט דעם שניידער און דעם שוסטער און דעם טעסלער, דערנידעריקט,
באַ זיין וואַרשטאַט.
זי זעט די מוירעדיקע געשיכטע פון איר פאָלק —
אין דער צוויי-טויזנט-יאָריקער טרער.

זי זעט יישראָעל, ווי די וועלט, באַלאַגערט מיט אַטאָמישן געווער.
און יישראָעלס רעטונג, און יישראָעלס גליק
זעט זי, ווי דער נאָווי — אין דעם פונק,
ווי זי זעט אין דעם פונק דעם ענדגילטיקן זיג פון דעם נאָווים טאַלמידים
איבער די הענקער פון פאָלי סקוועט.
די פינצטערע געפאַר פון אויפרייס און פון טויט אין קוילנגרובן
זעט זי אין דער טרער.
דאָס האַרץ פון מיינערס מאַמע, ווייב און קינד דורך נאַכט באַם טויטן-טויער
וואַרטן
זעט זי אין דער טרער.
באַיאָרטע באַלמעלאָכעס, באַליידיקטע פון ביטלדיקע באַלעבאַטים
זעט זי אין דער טרער.
די צעבראָכענע געמיטער אין רייען נאָך שטאָטישער קיצווע
זעט זי אין דער טרער.
די היימלאָזע, די אַלץ-לאָזע — זעט זי אין דער טרער.
און אין דער טרער זעט זי
ווי דאָס פאָלק דערוואַכט. ווי אין דעם פונק, און אין דעם פלאַם
זי זעט דעם גאַנצן, ענדלעכן באַשייד.
אירע ווערטער זיינען די וועכטער פון ווירדע פון מיין מאַמע-לאָשן,
ווייל אירע ווערטער וועלן דעם מאָרגן פון מיין פאָלק ברענגען דערלייזנדיקע
פרייד.

די טרער —
די טרער ווערט לויטערער. דער צאַר אין איר ווערט זעלטענער.
די מערדער וואָס לעבן אַף בלוט און אַף טרערן
וועלן אין כינע שוין מער ניט געוועלטיקן.
און דער פונק — דער פונק האָט שוין לאַנג דערגרייכט אומעטום: און דער
פלאַם —
מיט זומערדיקע זיילן פון ליבשאַפט און ליכט נעמט ער די מענטשהייט אַרום,
ווי די נאָכנאַנדיקע שטראַלן-אָרעמס אונדזער קיילעכדיקן הימל.

דער פונק איז גרוים ווי די טרער, הייס ווי די טרער.
און ווי די טרער שפּיגלט־אָפּ דעם צאַר פון דיירעס טרוים און טרויער און
אַנטוישונג,
ווי איר בריליאַנטענער קרישטאָל שפּיגלט־אָפּ אומבאַזיגבאַרן לויטערן גלויבן,
אַזוי איז אויך דער פונק דער אייביק־גליענדיקער פייער
פון קיינמאָל ניט־באַזיגטע טרוימען, און דער פלאַם
פון אונטערגעצונדענע באַריקאַדן —
וואָס די אונטערצינדער קענען שוין קיינמאָל ניט פאַרלעשן.

און פרידן וועט זיין. און פרייד וועט זיין. ווייל דער פייער פון פונק
איז מיט אַ הימל רעגנבויגנס אין יעדן לאַשן, אין יעדן אָדער פון לעבן אריין.

לי־טסו־טע

שוואַרצע צוויי צעפּ
איבער שוואַרצן כאַלאַט,
אויגן — צוויי לעכער פון קלעפּ,
דער בויך — פון הונגער פאַרפלאַכט:
דער אומעט פון דאָרף — לי־טסו־טע.

לי־טסו־טע טראָגט דעם אומעט
אין זיך פון איר כינע,
לי־טסו־טע — דער ווייטיק דער שטומער
פון לאַסט־טרעגער, ריקשאָס און שפּינער:
דער צאַר פונעם פאָלק — לי־טסו־טע.

לי־טסו־טע באַגלייט האָט איר מאַן
ביז דער העלדישער אַכטער,
לי־טסו־טע וועקט אין דאָרף נאָכאַנאַנד
דאָס לעבן פאַרשמאַכטע:
דער ווילן פון פאָלק — לי־טסו־טע.

לי־טסו־טע טראָגט זעק אָנגעשטאָפּטע
צו די שאַנכאַיאישע פראָנטן:
פאָלקס הערצער מיט צאָרן — **פאַרפראָפּטע!**
פון לעבן אין פרעמדן געפלאָנטער:
דער שיקזאַל פון פאָלק — לי־טסו־טע.

לי־טסו־טע — דורך נאַכטיקן פינצטער
טראָגט ליכטיקע בסורעס צו טויטלעכע פונקטן,
דורך געפאַרן אין וואַלד־שאָרך אין מינדסטן
אירע אויגן באַלייכטן דעם וועג מיט בלוטיקע פונקען:
דער מוט פונעם פאָלק — לי־טסו־טע.

די צוקונפט, דער זיג פונעם פאָלק — ל י ־ ט ס ו ־ ט ע .

מעקסיקע

באַגינען בין איך
אַנגעפלויגן
איבער דיינע באַרוועסע בערג, לאַנד פון לאַנגע
לעגענדעס און ליכטיקע טעג.
בין אַראָפּ פון אַוויאָן — האַסטו ברייטהאַרציק
מיר אַנגעטאָן
אַ זוניק זיידן זומערהעמד — אַ שטיק
פון זעלבן שטאָף,
וואָס הענגט פון גאַנצן הימל איבער דיר —
אַ זומער אָן אָן אָנהייב, אַ זומער אָן
אַ סאָף.

דאָס העמד נעמט מיך אַרום, ווי אַלעמען,
גוט ברודעריש, ווי דיין הימל דיך
און דיינע בערג.
און איך נעם אַרום מיט די אויגן אַלע דיינע וואונדן — אָפענע,
באַלויכטענע,
צעשפּיגלט אָף דער זון,
צעברענט, צעטריקנט — גראָ און טרוקן ווי
דער זאַמד אָף זיי
וואָס איז שוין איינס מיטן פאַרהאַרטעוועטן ווילדן הויט.

ווי גרוים דו ביסט,
ווי גוט דו ביסט — מעקסיקאַנער זון.
כ׳וואָלט זיך געוואונטשן צו זיין אַזוי גוט צו דיין פאָלק
ווי דו ביסט צו מיר.
דאָס לעבן שפּילט דאָ נאַקעט — מיט די פּיס אַרויס
צווישן טראָפּישע דעקאָראַציעס — אין אַ לאַנד
איבערגעפּאַקט
מיט זון און דאַלעס. און דער דאַלעס בלאַנקט און
בלישטשעט,
גלאַנצט און
פינקלט
מיט אַלע וואונדן — וואָס שפּיגלען זיך אין הימל ווי באַליידיקטע אויגן
פון אַ שטאָט פאַרשעמטע טאַטע-מאַמעס
נאָך אַ פּאָגראָם . . .

גרויסע, ליבע זון: אַלעמען
איז גוט מיט דיר. ביסט פֿריער דאָ
פֿון אַלעמען. דער ערשטער,
גרעסטער בירגער ביסטו דאָ. פֿרעגן דיך
דאָס לאַנד מיט קינדער ניט: „פֿאַרוואָס,
ליבע, גוטע, גרויסע זון,
באַקסטו ניט קיין ברויט? פֿאַרוואָס
נייסטו ניט קיין הויזן? פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס,
דו ליבע, גוטע, גרויסע, ברייטהאַרציקע זון —
פֿאַרוואָס מאַכסטו ניט קיין שיך?"

מיזורי לאַנדשאַפט

דורך די פֿעלדער פֿון מיזורי פֿליט פֿייפֿנדיק דער ווינט.
אַף שליאַכן אָפֿענע זיך שלעפּן מידע פּויערים מיט ווייב און קינד,
מיט שווערע פּיס, צעקנייטשטע פּענימער, מיט האַק־און־פּאַק —
דאָס גאַנצע האָב און גוטס אין איין לעכערדיקן זאַק.

עס יאָגן־דורך די לוסט־רייזע אויטאָמאָבילן.
פֿאַר זיי זינגען די ווינטן לידער פֿון זיסער אַוואַנטיורע.
פֿאַר די פּויערים די ווינטן אַף די פֿעלדער בילן,
ווי הונגעריקע הינט אַף פּוסטע פּויערישע קאָנורעס.

אַ וויסטע טריקעניש אַף פֿעלדער, אַף פּויערישער הויט אַ טריקעניש,
אַ טריקעניש אין האַרץ, אין האַלדז, עס ציט פֿון טריקעניש דער גומען, —
סיידן הימלאָזער ווינט קען זיין פֿאַר הימלאָזע קינדער אַ קוויקעניש,
ווען דאָס לעבן איז ווי גאַרבן פֿון שטורעם צענומען.

עס וויינען פֿעלדער ; גראָזן, פֿאַרלאָזט און דערפֿראָרן,
וויגן זיך און בויגן : ווילן וואַרעמען און זעטיקן.
פֿאַרביי דעם לעבן מיט די לעכערדיקע פּעק איילנדיקע אויטאָס פֿאָרן :
אַף אַ רעגע מיטן טאָג ניט צו פֿאַרשפּעטיקן.

דער דאַלעס פֿון מיזורי׳ר פֿעלדער שלעפּט זיך
ווי טויזנט קליינע דאָרפֿישע לעוואַיעס.
מיטן טויט אין די לעבעדיקע אויגן דער דאַלעס האָט באַזעצט זיך
אַף די ברייטע וועגן, די ליכטיקע און פֿרייע.

זאָל זען די וועלט, זאָל יעדער קענען אונדזער רייכע לאַנדשאַפֿט,
רייך אין פּאַלמעס און אין לייבער אויסגעצערטע :
דער דאַלעס איז מיט דער נאַטור אין נאָענטסטער פֿאַרוואַנדשאַפֿט,
נאָר דער יאָנטעוו פֿון צוזאַמענלעבן איז אייביק אַ פֿאַרשטערטער.

איז די לאַנדשאַפֿט פֿון מיזורי איצט עכט־נאַטוראַליסטיש —
טויזנט לעבנס נאַקעטע האָבן דערגאַנצט דעם קאָלאָריט :
ווי די פֿעלדער — דאָס פּויערישע לעבן וויסט איז :
שטייט דער דאַלעס אַף די מיזורי׳ר פֿעלדער ווי אַ גערעטעניש צעבליט

בערײַשיסדיקער מידבר

בערײַשים — הײַנט
איז נאָך דער מידבר דערזועלבערזועלביקער בערײַשים. נאָר איבער אים —
אין דיזועלבעזועלביקע בערײַשיסדיקע הימלען — איז מײַן אײגענער
בערײַשים: איך אַלײן —
דער אָדעם-נאַקעטער פון נאַקעטן גאַניידן — פלי
איבערן גוטבאַקאַנטן וויסטן מידבער, פלי
מיט מײַנע שאַרף-געקאַרבטע פליגלען — צוויי ריזיקע
פון מידבער-פעלדז אַרויסגעשליפענע עלעקטראָניש-אײַנגעשפּאַנטע לאַנגע
לובעם
מיט פריש-געקריצטע נײַאינקע געבאָטן — ווי איך וויל — צוויי בלאַנקענדיקע
זילבער-לויכטנדיקע פליענדיקע לובעם — וואונדער-פליגלען
פון מײַן אַטאָמישן גאַניידן (גאַניידן? יאָ, גאַניידן—אויב גאַניידן איז מײַן ציל):
איך
בין
דער אַטאָמישער ראַדאַר-גאָט אײנשטײן: איך פלי
אַף די פליגלען פון מײַן אײגענעם אומגלויבלעכן געניאַלן וואונדער און באַקוק,
באַטראַכט
מײַן גאַנצע פאַנטאַסטישע, רעאַלע, רונדע רירעוודיקע ערד — די קאָלאָסאַלע
קרײַז-בינע
מיט צעבליטן וועלט-ספּעקטאַקל —
צווישן דעם אײבערשטנס בערײַשים און מײַן אײגענעם — צווישן זײַן וועלט
דער נאַקעטער אונטער אַ דראַכלען פײַגנבלאַט און מײַן וועלט — פליענדיק
אַף מײַן צוועלפמאָטאָרדיקן דזשעט פון מײַן דערלייזטער אַטאָמישער מעלוכע.

וואוהין איך פלי? איך פלי זען
די איבערגעבליבענע פון גאָטס באַשאַף—די אויסדערוויילטע—די פאַראָרעמטע,
פאַרמאַטערטע בעני-אָדאָם — וואָס האָבן זיך געראַטעוועט
פון גאָטס שטראָף — פון ערשטן גאַניידן ביזן צווייטן וועלט-קריג, און זען,
טאַקע זען וואָס
מען קען מיט זיי טאָן.

און איך פלי טאָגטעגלעך זען
די פערציק ביליאָן בערײַשיסדיקע בלומען, די גרין-בלויע דורכגעזונטע
שיסלען יאַם-וואַסער, די פראַגעם-פרעגנדיקע פעלדזן
וואָס קוקן אַף מיר ווי מײַרעדיקע, גליענדיקע מאַסטאַדאָנען
אין פאַרשטײנערטן סאָד פון אײביק-שעפערישן וועלט-כאָלעם פאַרטאָנענע
און ווײַסן וואויל,
אַז מײַנע פליגלען זײַנען שטײגנדיקע שטיקער זיי אַלײן — מערניט איך
האָב אַרײַנגעהויכט אין זיי מײַן אַטאָמישע נעשאָמע פון פערציק איבער
פערציק טויזנט

פייערדיקע פערד און איך פלי
מיט אַן איינציקן אָטעמצוג — קעמאַט, קען מען זאָגן —
מיטן רועך עלעקים —
אַרום און אַרום מיין גאַנצער קאָלאָסאַלער קרייז־בינע
מיטן צעבליטן וועלט־ספּעקטאַקל.

איך גרים זיך יעדן טאָג מיט די גרענד־קעניאַנס פון אַריזאָנע, די טויזנט
איבער טויזנט טייכן
פון אינדיע און כינע, די אַלפּן פון
שווייצאַריע, די ווייסע נעכט
פון לענינגראַד, די גאָלדענע הימלען פון קאַווקאַז און די נייע שטייגנדיקע
ווענט און וועלדער פון ייִסראָעל, די אוראַלטע, גייענדיקע אייזבערג
פון די פּאָליוסן און די מינדסטע שעבעמינדסטע
פייערפליגעלעך און גראָזן
פון די בערייִשיסדיקע וועלדער און פעלדער און מיינע אייגן־געגראָזטע
לאָנען און לאָנקעס,
וואָס באַנייען און באַנייען זיך אַליין —
ווי די גאַיזערס און פאָנטאַנען אייל און היילוואַסער וואָס שיסן,
שפּריצן,
גיסן און פליסן פון אונטער זיי
מיט אייביקן אָטעם פון ניט־אויסמעסטנדיק שפּרודלדיק לעבן. איך פלי
דורך אייביקער ברודערשאַפט פון צוויי ווייטע וועלטן — וואָס איך פאַרייניק,
ווי איך פאַרייניק אין מיין פלי די פעלקער, ווי איך פאַרייניק
זייער ווילן אין מיין פלי,
ווי איך פאַרייניק אַלעמענס קוק אַרויף, אַרויף צו מיר.

און ווי איך פלי דורך הימלען זון — פלי איך דורך בערג וואָלקנס,
דורך בערישע בערג נאַכט.
נאָר מען ווייס שוין און מען וואַרט : זיכער,
זיכער : איך וועל אָנקומען
ביז אינדערפרי.

פלי איך און זע
ווי מיינע ביידע בערייִשיסן שפּיגלען זיך
איינס אין אַנדערן, און ווי ביידע האַרמאָנירן. און אַזוי, אַזוי באַשטים איך
יעדן נייעם טאָג —
מיט בלויז נאָך און נאָך אַזעלכענע און אַנדערע
געוואַלדיק נויטיקע באַנייאונגען — ווייטער
די וועלט — ווייטער און ווייטער און ווייטער די וועלט
אַזוי פירן.

די וועלט אַף טיימז סקווער

דער זייגער שלאָגט
צוועלף.
די נאַכט שפּאַלט זיך
אַף העלפט.
דאָס לעבן פון דער אומרואיקער שטאָט שלאָגט האַסטיקער
נאָך האַלבער נאַכט אַף טיימז סקווער.
די וואָס ווילן אויסציען און אויסצירן דעם מאָנאָטאָנעם טאָג
מיט נאַכט-אילוזיעס
קומען ערשט אַהער.

די וועלט נעמט פיבערדיק אַרום מיט אַ לאַנגן, פייערדיקן אָרעם
דעם טורעמדיקן האַלדז פון טיימז-מויער
און ווילקט אים אין אירע לויכטנדיקע ליגנס,
אין איר ברענענדיקן עמעס, אין איר פרייד און טרויער.

דער אינהאַלט פון דער צאַפּלדיקער וועלט,
די ווידערשפּרוכן פון אַקשאָנעסדיקן אַלטן לעבן
פּלאָנטערן זיך
שפּרינגען אום און קוליען זיך ווי שיכּורע פּאַיאַצן
אַפן פייער-גאַרטל
אַרום דער פעסט-געפונדעוועטער טיימז-געביידע.
יאָגן, יאָגן, יאָגן זיך
און צינדן די ווענט מיט נייעס —
ווערטער פייערדיקע,
האַרטע —
געשעענישן לויפן — גוואורעדיקע בערן, לייבן,
לעמפּערטן און האָזן
דורך אַ שמאָלן וועג אין ברענענדיקן וואַלד —
געשעענישן וואָס מוזן לויפן און פאַרשווינדן,
כאָטש זיי ווילן זיך ניט לאָזן.
„היטלער נעמט-איין וועלטן״ — אָן די פעלקער, אָן די לענדער.
און עס זינגט און זאָגט און זויגט פון פוילער פּאָעטע
דער מאַסנמערדער גאַידאַ
פון „זיגרייכן״ פאַשיזם די לעגענדע.

ק אָ מ ו נ י ק אַ ט — . . . — . . . — . . — . .

ק אָ מ ו נ י ק אַ ט — . . . — . . . — . . . — . . . ק אָ מ ו נ י ק אַ ט ן ! — — —

יאָגן שלאַכטן, יאָגן זיגן,

אַף טויט

שלאָגט זיך דער עמעס מיטן ליגן.

לויפן אין איילעניש זלידנע, זילבערנע זילזולים.

שפּרינגען איבער זיי גאָלדענע ווערטער

און פאַרבלענדן די בילבולים — ק אָ מ ו נ י ק אַ ט — . . . — — . . .

ק אָ מ ו נ י ק אַ ט — . . . — . . . — . . . — . . . ק אָ מ ו נ י ק אַ ט ן ! — — —

(אוי, אוי, אוי!—די פעלקער פון דער וועלט האָבן ניט קיין מוירע פאַר פאַרראַטן)!

ק אָ מ ו נ י ק אַ ט

פון היסטאָרישן ברעסטליטאָווסק :

ק אָ מ ו נ י ק אַ ט

פון אייביקער, זיגרייכער מאָסקווע :

לענין רעדט. עס רופט די מענטשהייט ליטווינאָוו.

סטאַלין רעדט. ס'צעטרייסלטע הארץ פון דער וועלט

באַרואיקט לאָזאָווסקי.

אַפן פייער־גאַרטל ציען מאַכנעס היימלאָזע מישפּאָכעס

און מאַמעס טראָגן קינדער — וואָס זיי דאַרפן ערשט געבערן :

איז דער ביליאָן פינקלדיקע לעמפּלעך — פייערדיקע בלוט־טראָפּנס

און ברענענדיקע טרערן.

אַפן פייער־גאַרטל קוליען זיך ווילדע ציגן —

(זיגן — ל י ג ן ; ליגן — ז י ג ן !)

היטלער שפּאַנט — און כייזעקט פון נאַפּאָלעאָנען.

דער דוטשע שפּאַנט — און כייזעקט פון נעראָנען.

הינטערביידן פויזעט דער מיקאַדאָ

און שלעפּט זיין שווערן כאָלעם פון אַזיאַטישער אימפּעריע.

איבער זיי אַלעמען יאָגט און טראָגט זיך

בודיאָנים קאַוואַלעריע.

פליען פייערדיקע גאַרניזאָנען.

דרייען זיך, באַהאַלטן זיך

שפּיאָנען.

פליען פלאַטערדיקע רויטע פאָנען.

די זיבן מיליאָניקע שטאָט שטייט מיט אַלע קעפּ פאַרריסן
צום גאַרטל:
אַלע וואַרטן. אַלע, אַלע וואַרטן און דערוואַרטן.

צוועלף — צוויי — איינס —
דער פייער קען שוין אַף צוריק ניט גיין.
דער גאַרטל קען שוין מער ניט
בלייבן שטיין.

איינס — צוויי — צוועלף.
ס׳איז אַלץ נאָך נאַכט אַפן צעהוליעטן סקווער פון דער וועלט.
די מיטנאַכט שאָ אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם נאָגט.
דער פייער־גאַרטל יאָגט. דער ליגן־טייוול בראָקט.
דאָס פייערדיקע האַרץ פון עמעס
שלאָגט,
שלאָגט: קאָמוניקאַט — ... קאָמוניקאַט — ...
„אין מאָסקווע טאָגט!
דער זייגער אַפן רויטן סקווער איז שוין מאָרגן" —
אַף אים איז שוין די זון
זיין ציפערבלאַט.

קאָמוניקאַט — ... — ... — ... — ... — ... קאָמוניקאַטן! — — —

און אַז דער פייער־גאַרטל ווייזט
אַז די שלאַכטן גייען ווי מיר האָפן,
און ס׳דערציילט אַף טיימז סקווער די נייעס
אַז אין מאָסקווע איז שוין טאָג — אַנערקען איך ניט די נאַכט,
און — ווי קען מען שוין,
ווי קען מען שוין דאָ שלאָפן.

GILBER BROTHERS

איך זיץ
אַף מיין זעקסבאַגינענדיקער שוועל
און זע
ווי ס'לייזט זיך אויף די זילבערשווייגנדיקע נאַכט
און עס לייכט זיך אויף דער טאָג איבער דער וועלט.
טוויאיק
האָט דער טאָג אַף מיינע פענצטער זיך געשטעלט און זיי באַהאַנגען
מיט שטאָרן פון זיידענער זון.

אַף די שטיקער פעלדער, וואָס ליגן צווישן מיר און דעם יאַם
זיינען די נאַכלעס פון די ברידער גילבער,
וואָס בויען שטעט אינמיטן וואַלד.
די ברידער גילבער האָט געגאָלטן
אַפּן ברעג פון בראַיטן: פון די ווייטע ווייטן
פון אָנהויזנדיקן לעבן,
האָבן זיי די גאָלדענע אויסזיכטן פון זייערע הונגעריקע אויגן
גענומען דאָ באַלעבן.

ס'האָבן די ברידער פאַרמאָגט צוויי גראָסערי קראָמען.
איז אַ בום אַף לאַנד געקומען,
האָט זיך ברייט אַף שילדן באַם ברעג יאַם
אין גאָלד צעוואָקסן זייער נאָמען.
ס'האָבן גיך געכאַפּט די ברידער גילבער,
אַז גראָסערים איז ברויט מיט פּוטער,
נאָר אַ שטיקל ערד — איז גאָלד און זילבער.
די ברידער האָט „געגאָלטן":
באַקאַנטע אַלטע פאַרמערס האָבן „גערן" אָפּגעשפּאָלטן
פון זייער פּוסטער, פעלדיקער ירושע באַם ברעג יאַם,
און פאַרשאַכערט צו די קלוגע ברידער
פאַר אַ פּרייז פון כלאַם.

שווימען שיפן מיט פרייד און מיט פּראַכט איבערן יאַם.
די ברידער בלאָזן זיך — צו פאַרמאַסקירן
זייער אָנהויזנדיקן שטאַם.
הייזער זיינען נאָך ניט פאַרטיק, און זיינען שוין פאַרדונגען.
האָט דאָס לעבן פון די ברידער
ווי דער יאַם מיט זון איבער די ברעגן זיך צעזונגען.

און עס זינגט געשמאַק זיך דעם בורזשוי,
ווען ער הערט די וועלט, צוליב זיין גדולע, וויינען:
שטייגן, וואַקסן בוי נאָך בוי:
לאַנד — פאַר האַלב אומזיסט,
און סכירעס צאָלט מען קליינע.

שווימען שיפן מיט פרייד און מיט פראַכט איבערן יאַם.
גילבערס קאָרטהייזער וואַקסן אַרום די כוואַליעס — אַ הויכע,
גאָלדענע ראַם.
די גילבערס מעסטן זייער לאַנד:
פירט מען מירמלשטיין און קאַבליעס,
געשליפן גלאָז און העלן זאַמד.
אַף אָנגעברענטע רעשטאָוואַניעס ברענען
טויזנט פאַר קופערנע, מוליערשע אָרעמס.
וואָס העכער, וואָס העכער! — די היץ און די הייזער אַלץ גרעסער,
די אַרבעט ווערט שווערער, די סכירעס נאָך קלענער,
און עס שטייגן, עס וואַקסן די גילבערס גאָרן אַף גאָרן.

שיינט שוין ניט אין זון איין שילד, נאָר ש י ל ד ן:
"GILBER BROTHERS, BUILDERS" —
גלימצערן און פינטלען כאַכמעדיק אַרויף — צו דער זון,
צום יאַם, צו די שיפן: „מ י ר,
די ברידער, די בויער, וואָס גראָבן אין
טיפן
פון קיינעמס נאָך קיינעמס פאַרנעם!"
— —
— —

אָ, קלוגע,
גאָלדענע ברעם
פון פרימאָרגנדיקער זון: מיינע שוויסיקע ברידער
אין זונווינט פון יאַמיקן טאָג: נאָג, גילבער, נאָג,
דיין גאָלדצוקערדיק וואָלפציינדל.
דיר קומען אָן טראָקס.
דיר קומען אָן שיפן.
ברענגט מען דיר אייזן, ציגל, געהילץ.
דו שמייכלסט צום יאַם, און שמעקסט שוין דעם געשטאָפטן מילץ
וואָס פרעגלט זיך פאַר דיר אין מאַנהעטן ביטש.
לעקסט די וואָנצעס, און טייטלסט מיטן שטעקן.
דיין אָנשטעל גרילצט.

ניט אַ באַריטאָן, באַפּעליק, איז דיין קאָל,
נאָר אַ מענערישער אַלטאָ־קוויטש.
דיין אייגענע גאָלדענע רוט פאַרשמייסט ביז אין טויט
דיין געוועזענע זוניקע פּאַשטעס פון לעבן.

רוק זיך אָפּ פון די צעבומטע יאָרן, קום און זע:
זע, די וואָס שטייען
באַם צעשמאָלצענעם קעסל מיט פּעך, די וואָס בויגן
די בייגנס
צעטאָגיקטן בלעך. די וואָס בויערן
טיפן,
און האָבן פאַרשלאָגן די
ריפּן
פון דיינע געהאַמערטע הויכן און גרונטיקן שטאָם,
זע ווי זיי שלאָפן, מיט נאַכט פאַר אַ צודעק,
אונטערן שוועל פון דיינע קאָרטהייזער
באַם אָפענעם יאַם.

איך מיין ניט ווייך מאַכן דיין האַרץ.
נאָר זע, פון יעדן גאָלדענעם בוכשטאַב פון דיין נאָמען אָפּ די שילדן
אַ פלעק פון זשאַווער שטאַרצט.
וויל איך דיר דערמאָנען נאָר, אַז די שאַנסן זיינען — וואָסערע:
ווען דיינע גרויסע גאָלדשילדן קריגן דעם אויסזען
פון דיין קליינער אַלטער שילד פון דיין ערשטער גראָסערי?
נעקאָמע זוך איך? יאָ, איך מעג.
ווען מיין טאַטע האָט באַ געלבערן געאַרבעט מיטן הובל,
האָט דיין ברודער געהאַלטן אַ דלאָטע, און דו האָסט
געהאַלטן אַ זעג.
איר האָט אָבער אין פילאַדעלפיע געגעסן רייכע וועטשערעס מיט וולאַדעקן,
און אַז קאַהאַן איז אין שטאָט געקומען, פלעגט איר ביידע פּאַדעווען
ווי צעפּאַרעטע גאַבאָים.
איז געלאָפן אייער וועג — פון געלבערס טראַנק־פאַבריק
צו קאַהאַנס סאָציאַליזם, — וואָס איז געווען די גרויסע, ברייטע בריק
צו פירערשאַפט און גראָסעריזם.
די באַוועגונג איז געוואַקסן אָפּן גאָלדענעם באַדינג:
וואָס מער פּויטיקע — מער יאַכטן:
אייערע קליינע גראָסערים זיינען אויך געוואַקסן, —
זייט איר געוואָרן פירער אין אַרבעטער רינג:
האָט איר „רעוואָלוציע" אָפּ אייער כעזשבן זיך פאַררעכנט:
איז געוואָרן לייכט באַ זיך אַ סטרייק צו ברעכן.

אַ מענטש איז ד אָ ס, וואָס ער טוט:
איר האָט אַ באַוועגונג און קאַרטהייזער געבויט
אַף אַרבעטערס בלוט.
זעט איר דאָך (צי זעט איר ניט?)
אַז איר מוזט פּאַר דעם באַצאָלן,
ווייל אייער אייגענע געשיכטע נעמט זיך ווידערהאָלן —
אַף צוריק.
ווערט איר זיך נאָך וואַרעמען אַ ווייל באַ דעם בלוט
פון גאָלדענעם טרוים, אין אונדזערע ווילעס,
נאָר אייער „מאַזל" גייט שוין אַף צעטרעשטשעטע קאַווילעס.

גילט איר נאָך
ווי פירער אין דעם „רינג",
און ווי „גרויסע יידן" אין מאַנהעטן ביטש.
נאָר אייער וואָרט
מיט „בינטל"-פּאַדלע שטינקט,
און דער באַרדוואַק, באַ די קאַרטהייזער,
איז אייך אַ צעפּלאַצטער גליטש.

פאַריז

דאָס פאָלק האָט גענומען פאַריז.
באַ די טויערן פון שטאָט זיינען געשטאַנען באַפרייערישע אַרמייען.
נאָר ס'האָט דאָס פאָלק געוואָלט אַליין די וועלט דערפרייען,
איז דאָס פאָלק אַרויס אַף שאַנס עליזעי
און אַליין געוואָרן די אַרמיי.

דאָס פאָלק האָט גענומען פאַריז.
דאָס פאָלק האָט מיט בלוט און מיט ליבע געבראַכט אַ מאַטאַנע
זיין לאַנד: מיט ביקסן און מיט הוילע הענט
האָט דאָס פאָלק געבראַכט פראַנקרייך
איר פערטע רעפובליק.

דאָס פאָלק האָט גענומען פאַריז.
פייערט פראַנקרייך דעם באַסטיל-טאָג, פייערט פראַנקרייך
דעם קאָמונאַרן-טאָג,
פייערט פראַנקרייך
דעם פאָלקס-טאָג
פון אַלע טעג פון אַלע זיגן — אין דעם טאָג,
ווען דאָס פאָלק האָט די פעסט פון דער מענטשהייט פאַרטריבן פון שטאָט.

דאָס פאָלק האָט גענומען פאַריז.
פאַריזער בולוואַרן
לעבן ווידער.
אין פאָלק לעבט דער גייסט פון זיינע קאָמונאַרן,
און עס לעבן זיינע לידער.
איז היינט יולי 1789, איז היינט מערץ 1871,
און היינט איז אויגוסט 1944,
און היינט איז אַלעמאָל און אייביק
די פרייהייט
און די ליבע
און די ברודערשאַפט פון טעג און זיגן.

דאָס פֿאָלק האָט גענומען פּאַריז.
ברענען ווידער אַלע לאָמפּן פֿון דער שטאָט, זיינען אַלע טענץ
פֿון פֿריילעכער פּאַריז
אַרויס אַף די גאַסן פֿון דער שטאָט,
זיינען אַלע לידער פֿונעם פֿאָלק אַרויס אינדרויסן,
זיינען אַלע קינדער אויסגעוואַקסן און אַלע גערטנער בלומען,
זיינען אַלע פֿרויען ווידער שיין געוואָרן,
און אַלע זקיינים — ווידער יונגעלייט.

דאָס פֿאָלק האָט גענומען פּאַריז.
פֿרייט זיך די וועלט מיט פֿראַנקרייכס גליק.
די גאַנצע וועלט האָט ליב פּאַריז, און איר גליק איז אַלעמענס
צוגלייך — ווען ס'האָט דאָס פֿאָלק
פֿאַרטריבן די הענקער פֿון דריטן רייך
און אַף זיינע הענט איר געבראַכט די פֿערטע רעפּובליק.

דער שאָס

(צו הירש לעקערטס דרייסיקסטן יאָרצייט)

פאָן וואל, פאָן פלעווע,
זובאַטאָוו און קליאַטשקאַ,*)
איין אַליע אַלעמען, —
איין פולווער־שאָס —
צום דרייסיקסטן לעקערט׳ישן יאָר.

ניינצן־צוויי.
אַרבעטער פּראַצעווען
אין שטעטלעך און שטעט.
האָבן פירער דעם ווייטיק פון מאַסן
אינטעליגענטיש פאַרפוצט און פאַררעדט.

אָנגעלאָדן, פאַראומערט
די אַרבעטער־בירזשע.
ניט די פירער האָבן דעם ווייטיק באַנומען,
נאָר דער אַרבעטער הירשקע.

פירערשאַפט פוצט זיך
מיט רויטלעכע רייד:
„מ׳טאָר זיך פאַר שטאַט ניט באַווייזן
מיט מוט און מיט קעמפערישער פרייד”.

און עס ענטפערט די מאַסע:
„אונדזערס די פּראַצע, אונדזערס די שטאָט,
מעגן מיר אונדזערע לעבנס
טראָגן אַף אַלע די גאַסן.
הונגער אַלציינס, טויט סיי־ווי־סיי,
איז געגאַנגען מיט פאָנען מיט רויטע
צו פייערן אַרבעטערס מאַי”.

---

*) דער ווילנער גובערנאַטאָר פון לעקערטס צייט, דער „אָכראַנקע״־טשינאָווניק, וועלכער האָט באַפוילן דעם גובער־
נאַטאָר צו שמייסן די אַרבעטער.

עס רעגט זיך,
עס זינגט זיך
אין ווילנע בײַ שיך,
בײַ פּעל אין סמאַרגאָן,
הירשקע — אַ ביקס,
וועלפּקע — אַ פאָן.

אַ שאָס און אַ רוף,
אַ רוף און אַ שאָס,
און דורך יאָרן דורך פּופּצן
איין בלוטיקער גאָס.

הירשקע איז מאַסע,
מאַסע איז מענטש.
זינגט הירשקע: אין דר'ערד מיט די פּראַזן —
אַ זעץ, טערעבענטש!
זאָל פליען אַ קאָפּ און זאָל פליען אַ טראָן.
דעם אַרבעטערס האַרץ איז ניט אַ קויל שטרוי,
און זיין ביין ניט קיין שפּאָן.

באַליידיקט, געשמיסן,
האַרץ און לייב און פאָן צעריסן,
שווערן מיר: „זאָל אונדז וואָרגן יעדער ביסן,
אויב מירן ניט ווייזן אונדזער מאַכט".

די פּירער זיך גראָבן אין שטעטלעך,
די מאַסע אין וואַלד זיך פאַרזאַמלט;
די מאַסע וויל מאַיסים קאָנקרעטע,
די פּירערשאַפט שרעקט זיך און שטאַמלט.

דורך וועלדער צעזינגט פּראָלעטאַרישן ווילן
די הייסע, באַליידיקטע אַרבעטער־מאַסע;
מיט ווערטער געקווייטלטע וויל פּירערשאַפט קילן
די געמיטער און לייבער צעבלוטיקט אַף פּאַסן.

אַ שאָס און אַ רוף,
אַ רוף און אַ שאָס,
און דורך יאָרן דורך פּופּצן
איין בלוטיקער גאָס.

שמיץ. אַגאָניע. אָוממאַכט.
מ׳שמייסט, מ׳הענגט — און מ׳לאַכט.
הונט מיכאַילאָוו, קעלעוו פאַן וואל,
קעלעוו קליאַטשקאָ און הונט זובאַטאָוו —
אַלע הינט פון צאַרישער טורמישער נאַכט.
פון קייסערס הויף, פון קלויסטער־הויף, פון שול־הויף
קומען אַלע צום זעלביקן בלוטיקן באַל.

אַ שאָס און אַ רוף —
הירש לעקערט איז אויף!

„איך וויים: דו וועסט מיך הענגען. פריי זיך,
נאָר געדענק:
עס בלייבן טויזנטער ווי איך״.

הירשקע — נים טויזנטער — מיר זיינען שוין מיליאָנען,
און קעגן די קליאַטשקאָס, די קריכיקע, פויזיקע,
הייבן מיר, הייבן מיר
געצונדענע ביקסן און פאָנען.

דיין שאָס האָט אָנגעצונדן מאַי
אין טויבע שטעטלעך
און אָנגעוואָרעמט שלעפעריקע יונגען
אין פאַררוקטע בעטלעך.

דיין שאָס האָט צענומען
ווילנע די שטאָט,
די מאַסע געהייבן, געמינטערט.
נאָך דיין שאָס האָט די טרעפּאָוום געשראָקן
דעם אַרבעטערס טראָט;
די פּלענער זובאַטאָווס דיין שאָס האָט צעשפּליטערט.

איבער העלדן, אַזוינע ווי דו,
שטייען קאַמפּס־טעג מיט פרייד אַף די סקווערן.
מיר זינגען דיין ליד און דיין נאָמען דערמאָנען,
און דאַרף מען, איז גערן
אונטער אייגענע קעפּ באַגראָבן די טראָנען.

האַסט געוואָלט אַז „קאַמף
זאָל זיין אַ יאַנטעוו",
איז באַ יעדן נייעם שאָס
דיין נאָמען אַ דערמאָנטער.

ניט טויזנטער, לעקערט — מיליאָנען;
זיי האָבן געטאָן
ווי דו האָסט געגלויבט,
אַז זיי קאָנען!

די זובאַטאָוס, פאָן פלעוועס צעבראָכן,
צעשאָסן שליסעלבורגער ווענט.
פון ווייטיקדיקן לעבן
אַלע יאַטערדיקע מאַקעס אויסגעשטאָכן,
און דיר, כאַווער הירשקע,
אין מינסק געשטעלט אַ מאָנומענט.

דאָס איז די אַרבעט פון די,
וואָס פירן מעלוכע, פאַבריק און זאַוואָד.
הירשקע, דאָס איז די אַרבעט פון דיין „ראַבאָטשי נאַראָד"!

אוים מיט שרעק, מיט קאָוועד און כאַבאַר
פאַר יעדן שפיק און הינטישן זשאַנדאַר.
אוים מיט אונדזערע הענט פאַר זיי צו שאַרן
גאָלד און בלוט און זשאַר.

אוים מיט דערעך־ערעץ פאַר די קליאַטשקאָס,
די באַדינערס פון זשאַנדאַרמישן טעראָר.
הירשקע, ברודער, לעבן זאָל,
עס לעבט איבער דער וועלט דיין „ראַבאָטשי נאַראָד"!

מאָריסווינטשעווסקי

לאָנדאָן — אימיגראַנטישער
בריקלעין. ענגלאַנדס
פאָלקסטריבונע — טראַפאַלגאַר סקווער: „אַף לעסטער
פארגייען זיך דריי שוועסטער" אין נויטס ביטער געוויין. „איך הער אַ קאָל;
אַ יאָמער-קאָל" . . . און שניידערס
היימישע
יידישע שניידערס — פירן זיך גאַרניט,
גאָרניט אַזוי שיין: שעמען זיך
מיטן נאָבעלן נאָמען — מיט דער נאָדל און שער, און דו
שטראָפסט,
און דו רופסט — באַ מאַשינעס,
פרעסאייזנס
און שערן: קינדער, קינדער —
„ארבעט ערן . . .
אכטן" . . . פויקסט
אַף האַרץ און אויערן פון אַ שיכט
אַ ניט דערוואַכטן: „אין די גאַסן,
צו די מאַסן" . . . „עס רירט זיך" . . .
„גיט זיך אַ ריר" . . . אַ בעזים . . .
„אַ בעזים און אַ קער" . .

דעם שניידערישן דאַלעס אַף וויטשאַפּל
האָסטו דערזען — אין הויכן,
שטייפן,
פרעמדן,
גלאַנציקן צילינדערהוט — אין לאָנדאָנער
טרערנדיקן טשאַד:
דיינע דערוואַקסענע „קינדער"
אַף לייטיש געלעכטער — פרייווויליק — פאַרפּוצט
אַט-אַט לויט לאָרדישן געשמאַק, און טאַקע טאַקע פאַר די לאָרדן אַף
פאַראַד: געהייבן זיך,
געהייבן זיך הויך-הויך
אין גלאַמפּישן, גלאַנציק-צעגלאַצטן
צילינדערהוט: געמאַטערט זיך
צו פרעגלען אין קאַלטן
שווארצן

זיידענעם לאָרדן־רויך פון הויכע, הויכע
מיטלקלאַס אילוזיעס — מיט אָרעמאַנסקן
מאַסקירטן
שניידערישן מאַרשרוט — אין קלאַמפּערשט לאָרדיקן צילינדערהוט.
פון לאָנדאָנס ווייטשעפּל
ביז נעוויאָרקס איסטבראָדוויי — דאָס זעלבע
נאָדלפאָדעם,
דאָס זעלבע „קעפּל“, דאָס זעלבע
שער און אײַזן, דאָס זעלביקע
געניי. מער ניט וואָס
דער זעלביקער אַפּרייטער
אַפן קאָפּ פּילט זיך גרינגער — אָן
דעם נאַרישן צילינדער.

דו האָסט אים אויסגעטאָן
דעם פּיפּיקן
דרייגאָרנדיקן
קוימען
און אים געקרוינט
אין פּאַשעטן
באַלמעלאָכעשן
קאַשקעט. האָסט אים באַזעצט
אויבן־אָן —
אין זיין אייגענער מעלוכע פון ייִכעסדיקע
שניידערישע
טרוימען. און ער — אַ, ער
האָט דיך באַלוינט
מיט דער גרויסער, אייביקער ליבע
צו זיין פּאַטערלעכן
נעוויאַישן
פּאָעט.

לייב סאַברין

מיט דיינע דריבנע זילבן־טריט,
ווי ביסטו אַזוי גיך דערגאַנגען צו דיין לעצטן טראָט?
סיידן אַף דיין סדאָם־בעטל צווישן קליינשטעטלדיקן געמיט
און אייזערנעם שטורעם פון שטאָט.

אַ שטעטל שרעק האָט דיך געבאָרן,
אַ וועלט מיט שרעק האָט איבער דיר געלויערט.
נאָר מיט שרעק האָט מען ניט געקענט דיך פאַרן —
ווי דיין לאַכנדיקן פּאָנעם מיט דיין אינעווייניקסטן טרויער.

דיין טאַטנס טויט בײַ דער מאַשין
איז פון דיין מאַשין ניט אָפּגעטראָטן.
פון גרינשפּאַנס טויט די גרינע שפּין
האָט זיך איינגענעסט אין דיר מיט אירע זשאַווערדיקע דראָטן.

און אָן דער ליבע פון אַ ווייב און אָן דער טרייסט
פון אַ טאָג־טעגלעך ליד
גייסטו, גייסט — ביז דו פאַרגייסט —
אַפילע מיט די קלענסטע טריט.

אַ קליין קלאַסיש ליד פון אַ קליינשטעטל
האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די דזשאַז־ווענט פון עמפּייר־סטעיט:
קעגן הימל־הויכער שטאָלענער באַנדורע
אויסגעגאַנגען איז אַ צאַרטע פליים.
מיר שיידן זיך פון דיר ניט אָפּ.
ווי קען מען זיך אָפּשיידן פון דיין לייבלעכן געלעכטער?
בלייבסט לאַכן אַרום אונדז אַף אייביק.

מיר שיידן זיך פון דיר ניט אָפּ.
ווי קען מען זיך אָפּשיידן פון דיין ערדישער היימישקייט.
די ערד אַרום דיר וועט קיינמאָל ניט זיין קאַלט.

מיר שיידן זיך פון דיר ניט אָפּ.
ווי קען מען זיך אָפּשיידן פון אייגענעם פּנים,
פון אייגענעם קול,
פון אייגענעם גאַנג ווי קען מען זיך
אָפּשיידן.
ווי קען מען זיך אָפּשיידן פון דער פרייד פון געפיל.
ווי קען מען זיך אָפּשיידן פון עכטער, קלוגער
קינדערשפּיל — אין דערוואַקסענע יאָרן.
מיר שיידן ניט,
מיר שיידן זיך פון דיר ניט אָפּ.

אַ קליין קלאַסיש ליד פון אַ קליינשטעטל
האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די דזשאַז־ווענט פון עמפּייר־סטעיט:
קעגן הימל־הויכער שטאָלענער באַנדורע
אויסגעגאַנגען איז אַ צאַרטע פליים.

שאָלעמאַלייכעם, ברידער

**(צו די דעלעגאַטן פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט,
שלוימע מיכאָעלס און איציק פעפער)**

שאָלעמאַלייכעם — „קיניג ליר״,
קיניג מענטש — שאָלעמאַלייכעם,
קיינער האָט דעם קיניג לירס מעלוכע אַזוי ווי דו נאָך ניט געפירט,
און דורך טראַגעדיע פון בעניאָמינס קיניגרייך דעם צאַר פון פאָלק דערהייבן צו לויטערע הייכן.

שאָלעמאַלייכעם — דיכטער־קאָמאַנדיר,
דיכטער־מענטש — שאָלעמאַלייכעם.
דיין לאַנד איז דיר אין מיטן וועלט אַ גאָלדענער קלאַוויר
און דו — אַ זון אַ גאָלדענער פון פאָלק — פירסט אים מיט דיין ליד די זון דערגייכן.

שאָלעם אייך, ברידער פון גאָלדענעם לאַנד און פון גאָלדענעם רוים,
פון נייעם, פון היימישן יידישן ליד און פון היימישן טרוים.
שאָלעם אייך, שאָלעם אייך, ברידער פון טעוויעס באָרוועסע יאַטן,
וואָס שמידן און דרעשען און בויען און קעמפן און זינגען איניינעם מיטן טאַטן.

שאָלעם אייך, ברידער פון ברייטע, ברודערלעכע האָריזאָנטן,
שאָלעם אייך, שאָלעם אייך, ברידער פון בלוטיקע פראָנטן,
שאָלעם אייך, ברידער פון מאָסקווער און קיעווער גאַסן און סקווערן,
ברידער, אוי, ברידער פון פאָלקס יאַמען בלוט און טרערן.

שאָלעם אייך, ברידער פון ברויט און פון ביקס און פון פרייד און קאַנאָן,
ברידער פון לעבן און ליידן, אָ ברידער פון אייביקער פאָן,
ברידער פון גוירל, פון מענטשלעכער פרייד און פריידיקער וואָר,
ברידער פון גליק פון גיגאַנטישער גוואורע פון לאַנד־גרויסן כאָר.

איך קום אייך באַגעגענען מיט פראָסטן ברויט און זאַלץ
פון פופציק יאָר אַרבעט צווישן הימל און ערד, צווישן אַטלאַנטיק און פאַסיפיק,
מיט שטאַרקן היימישן ווייַן פון אַלץ
וואָס אין פופציק יאָר דראַנג נאָך קלאָרקייט און פאַרטיפונג.

איך קום אײַך אַנטקעגן מיט אַלע קוואַרטאַלן,
וואו דער מינדסטער גאָלד־שטראַל פון גליק איז אַף קײנעם קײנמאָל ניט געפאַלן,
נאָר אַלע מײַנע לידער פון דאָרטן שטאַמען
און רײַסן זיך צו אײַך איבער אַלע יאַמען.

וועלן מיר אײַנקריצן מיט ליבע און בלוט אין זיקאָרן
אײַך בײַדן, די ברידער, וואָס האָבן אין שלאַכט פון די פערציקער יאָרן
דורך שלאַכטפעלדער טויט אַ גרוס אונדז געברענגט
ווי ברודער פאַר ברודער שלאָגט זיך, און ברודער צו ברודער בענקט.

די בענקשאַפט וועט איר דאָ אַף שטענדיק פאַרבינדן,
און אונדז לאָזן אַ ליד פון אַ ברודער־בונד,
און מיר וועלן יאָמטויוויים אַף אײַערע לעבעדיקע נעמען גרינדן,
און פאַרהײלן ביז דער לעצטער וואונד.

מיר וועלן פאַרשרײַבן אַף אײביק אין אונדזערע ביכער אײַערע רייד
באַם קײוואָר פון שאָלעם־אַליכעם:
אַזוי לאַנג ווי טעוויע לעבט, איז שאָלעמאַליכעם ניט טויט, —
און טעוויע האָט אין אײַער פאָטערלאַנד פון אײביקן לעבן געוויזן אַ צײכן.

שאָלעם, שאָלעם, שאָלעם אײַך, ברידער
פון אײביקן לאַנד,
מיר זינגען מיט פרייד אײַערע לידער,
און אײַער שוואָוע שלאָגט שטאַרק אין אונדזער האַרץ,
און מיט דער שוואָוע וועלן מיר אָפּווישן פון אונדזער גאַס די גאַנצע שאַנד.

שאָלעמאַליכעם, „קיניג ליר",
שאָלעמאַליכעם, דיכטער־קאָמאַנדיר.

ד״ר כאַים זשיטלאָווסקי

ליכטיקער טאַטע.
אַ פולע לעוואָנע אין אַ ווייסער נאַכט —
ביסטו אַרומגעגאַנגען איבער אונדזער ערד.
אַראָפּגעלויכטן האָט פון דיר די רואיקייט פון כאָכמע, וואָס איז מיט זיכערקייט
פאַרטראַכט —
די כאָכמע וואָס גייט־דורך אונדזערע אויגן ווי דאָס הילמדיקע ליכט פאַרקלערט.

אָבער ניט דורך די הימלען ביסטו צו אונדז געקומען.
פון די קרומע געסלעך אין די געטאָס פון ווייסרוסלאַנד ביסטו אויפגעגאַנגען —
פון די נידעריקע שוסטער־קעלערן ביז די הויכע פענצטער פון דער דומע,
פון באַלשעם ביז קאַנטן, פון בערגסאָנען ביז מאַרקסן,
פון וויטעבסק ביז פּעטערבורג, און דורך נויאָרק, און דורך דער וועלט
און דורך דיזעלבע נידעריקע געסלעך
ביז מאָרגנדיקן היינט אין מאָסקווע — אַ וועג אַ שווערער און אַ לאַנגער.

דאָס ליכט פון דיירעס האָט פון דיר אַראָפּגעלייכט אַף אונדז —
די לויטערקייט פון אונדזער פאָלקס פאַרטיפונג אינמיטן העלישע פלאַמען
פון פאַרניכטנדיקע פייערן —
דער גלויבן פון גרייז־ווייזן ווירדיקן שמייכל פון אַ ליידנדיקן האדרעס־פּאָנעם
וואָס ווייס אַז מעקויעם וועט זיין וואונטש:
יעשאַיעס ליכט איז אַריבער צו רעבי אַקיוועז, און ביידנס צו דיר — צו כאַימען.

דיינע יאָרן זיינען געווען רייף און רייך ווי דיינע קוואַלן.
דיינע רייד — זיכערע זילבער־שטראָמען פון סטיליזירטע וואַסערפאַלן,
פון וועלכע ס'האָבן געשלאָגן לאָגיק און לעגענדע — פון שפּינאָזען ביזן מהר״ל
און ליכט און פאַרב פון אונדזער לעבן —
פון אייזיק מייער דיק און אָקסנפעלד ביז מאַרק שאַגאַל.

הייסער, היימישער ייִד.
רואיקער פאַריזשער אַריסטאָקראַט:
אייראָפּייאיש־אויפגעוואַקסענער יענקל דער שמיד:
שפּינאָזע — נאָרדוי — מאַרקס — מאָטקע כאַבאַד.

דיין סטיל שלאָגט מיט דער לאָגיק פון פאָלקס דראַנג.
דיין סטיל שלאָגט מיט ריטעם פון אַקשאָנעם פון איינגעגלויבטן פאָלקס געדאַנק.
דיין וואָרט איז פראָסטיק-פעסט און אויסגעשליפט אַף דעם קרישטאָל
פון אַ לויטערן באַרג כאָכמע און אַ פעלדז מיט וויסן,
און האָט דיין אַשירעס געשטרויכלט דיך צומאָל,
האָסטו מיטן פאָלק אָבער קיינמאָל ניט איבערגעריסן.
פערעץ האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ לייב, און מענדעלע —
פון אַ ייד אַ כאָכעם,
שאָלעמאַלייכעם האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ גוטן טאַטן
און דו האָסט געטראָגן אַ קאָפּ
פון אַ זיגרייכן אָדלער.
און וואָס עלטער אין יאָרן, אַלץ ייִנגער איז
דיין עלטער געוואָרן.
און דיין שיינקייט איז אַף דיר געוואַקסן
ווי דער עמעס פון אונדזער לעבן אין דיר.
און וואָס נעענטער דו ביסט געגאַנגען צו דער סאָמע לעצטער טיר —
אַלץ נעענטער ביסטו געקומען צו דעם אָנהייב פון דער נייער וועלט.
דיינע סאָנים האָבן דיך געשאָלטן,
דיין ערלעך וואָרט געפעלשט און דיין באַרוף געשענדט,
נאָר דיינע לעצטע זילבערנע יאָרן האָבן צווישן פאָלק דיר אויפגעשטעלט
אַן אייביקן מאָנומענט. דער מאָנומענט
ביסטו אַליין.
און איך בענטש מיינע אייניקלעך מיט דער לויטערער שיינקייט
פון דיין פּאָנעם
און שילט מיינע פיינט
מיט דער מיעסקייט פון דיינע סאָנים.

ליכטיקע רו דיר — ליכטיקער טאַטע.

קאַלמען מאַרמאָר

דער פּאַסטוך אָמוס
האָט אים איבערגעלאָזט זיין ווייטע, ווייטע וויזיע —
„פון אַלטערטום ביז היינט״, זיין פּאַשעטן
נעוויאישן טאָן, און מאַרקס —
דעם מענטשלעכסטן מאַניפעסט. גייט ער
פון שטאָט צו שטאָט,
פון דאָר צו דאָר
מיט זיינע מילדע טריט — אַ פאַרקלערטער טאַלמיד כאָכעם —
מיט דער גאַזלאַנישער וועלט אין פאַרמעסט.

מיט אים גייט מוישע, ספּאַרטאַק און ליבערמאַן. און ער —
ער טראָגט מיט זיך
זיין טאַקערישן שטענדער, זיין פאָלקס מעגילע
פון פייער און קידוש השעם, דער מענטשהייטס קלאַסנקאַמף
און דעם גאַנצן
טרוימערישן
אונטערערד.

סימכעס-טוירע-גייסט — פון באַרג סינאַי ביז
דעם רויטן סקווער. פון „רוים
און יערושאָלאַים״ ביז
הירשקעס שוסטערישער „יערושאָלאַים דעליטע״. שימכעס-טוירע-גייסט
פון ערשט-מאַיאיקער ווילנע
ביז ראָזענפעלדישן מאַנהעטן. שימכעס-טוירע-גייסט
פון מיישעגאָלער כיידער ביז
נויאָרקער יידישע אַרבעטער-אוניווערסיטעטן.

פּאַשטעס
פון באַשיידענער
שווערער
סטאָליערישער
ליטווישער וואָך. טמימעס
פון טוירעדיקן טאָג. שאַלוועדיקע
שטילקייט
פון טיפן
מישפּאָכעדיקן פאָלקישן בראָך. יישעוו האָדאָם
פון מיירעדיקן
פאָלקישן יאָך.

אַ דורכגעטראַכטער רעבע
מיטן געדולד
פון גרויסער צייט — איז זיין וואָר וואָרט
אַן עוון טאָוו
אין זייד.

טרייסטנדיקער טאָן
פון ביטאָכנדיקן טאַטן. אַ ייד —
הינטער פּרוגס
ראָמאַנטישער סאָכע. אַ ייד
פון דאָר דיירעסדיקן דאַלעס — מיט טעוויעס
אידילישן ניגן
וועגן קאַבצאַנסקער מאַזל בראָכע. אַ ייד
מיטן געמאָרע־ניגן אין ליד פון זיינע זיגן — אין קלינגענדיקע קייטן
פון צאַרישע קאַזעמאַטן. אַ ליריקער
אין סטיל
פון אַלטן תנ״ך. אַ כסידישער מאַרקסיסטישער זעלנער
באַם פאָלק
אַף דער וואַך. אַ פרייהייט־קעמפער
מיט אַ צווילינג־ליד —
פון צונזערן און עדעלשטאַטן.

שאָלעם־אַלייכעמס קאַפּעליע

טאַטע.
צו דיין געבורטסטאָג,
צו דיין יאָנטעװ היינט . . .
האָט די זון זיך אָנגעטאָן דיין פּאָנעם, האָט די לעװאָנע מיט
דיין אָנבליק זיך צעשיינט.
און אַלע װאָכעדיקע טעג און אַלע װאָכעדיקע יידן האָבן היינט דיין פּאָנעם:
און זייער אַלעמענס געבוירנטאָג איז היינט. און װי טעװיע, מענאַכעם מענדל און
די פּורימשפּילערס, װי האָצמאַך, סטעמפּעניו און יאָסעלע און אַלע
שטעט און שטעטלעך מיט מעשוירערים ביז איך אויך
אין דיין גליקלעכן געבוירנטאָג געבאָרן (װען ניט—װאָלט די װעלט דאָך
קיינמאָל ניט
שאָלעם־אַלייכעמדיק געװאָרן. און זי װערט. אַי, טאַטע, װי
זי װערט — דערפאַר איז אַזוי גרױס
דיין געבורטסטאָג אַף דער ערד).

קום איך צו דיין געבוירנטאָג
פון דיר אַראָפּנעמען אַ בילד. איך קום דיך, טאַטע ליבער, אָפּפאָטאָגראַפירן.
מיין „אַפּאַראַט" קלאַפּט אַקוראַטנע װי
דו װילסט. און פאַר עכטער ענלעכקייט זאָלן מיינע לידער שוין
קאָװירן: װי אַ הײנטװעלטיקער פּאָעט מיט דיין געמיט
װיל איך מיר אין מיין ליד מאָלן דיין פּאָרטרעט — װאָס איז סײװיסײ
אַ בילד פון דער װעלט מיט דער גאַנצער ערד ביטערע קרייטעכער פון פּיין
און דער גאַנצער ערד זיסינקע בלימעלעך פון פרייד.

װיל איך דיך אַזױאָ, אינדערמיט
פון דיין צעשפּילטן װעלט־יאַריד, מיט דיין געהייבענער מישפּאָכע: טעװיע
מיט זיין גאָלדען און מיט אַלע זיינע
זיבן טעכטער, מיט די אײדימס
פונעם מאַבל און שטורעם אַרויס
אַרום דיר. מענאַכעם מענדל אינדערלופטן, שיינע שיינדל אַף איר מאַנס
צעפּודיעטע פּאָלעס. מאָטל מיט אַלע כיידערייִנגלעך און יעסיימים, פּיניע
מיט אַלע דיינע קליינע מענטשעלעך, און אַלע דיינע
פּורימשפּילערס, און אַלע דיינע
מעשוירערים, און די דינסטמיידלעך באַם װיג, און שימענעליע מיט
דער ציג און אַלע דיינע
פאַרבענקטע און פאַרטרוימטע פריילעכע
כאַסענע־קאַפּעליעס.

אָט
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿאַרשווינען! אַ מישפּאָכע ווי די וועלט
מיט אַלע זיבן כּיינען. מיין „אַפּאַראַט"
האָט אָנגעשטעלט ביידע אויגן ווי צוויי קליינע פֿינקלדיקע זונען
וואָס כאַפּן בילדער אויף
פֿאַר די נייגעריקע יידן און די נייגעריקע פֿעלקער. היינט
קוקן אַלע אַף דיין בילד און אַפּן בילד
פֿון אַלע דייניקע. און קוקן קוקן זיי מיט דיינע גוטע אויגן און לאַכן-מיט
מיט דיר און דייניקע
דיין געניאַל געלעכטער. היינט
זיינען אַלע דאָ מיט דיר. און איך — אין אויג אַ טרער, אין „אַפּאַראַט"
אַ בלום — נעם בילד נאָך בילד
פֿון דיר און דיין מישפּאָכע, טאַטע ליבער.
טאַטע.

— שאָלעם אַלייכעם!
— אַלייכעם שאָלעם!
— שאָלעם אַלייכעם!
— אַלייכעם שאָלעם! — סימען טאָוו
אומאַזלטאָוו! — מענאַכעם מענדל פֿליט
אַף אַלע פּאָלעם: מענאַכעם מענדל זעט
אין יעדן שטיין אַן עוונטאָוו.
און ווען פּוסטע פּאָלעם ווערן פֿליגלען — קען פֿון פֿריילעכן פּורים ווערן
טרויעריקער טישעבאָוו. נאָר אַז דו אַליין
פֿראַוועסט פֿאַר אונדז די יאָנטייווים — איז לויטער יאָנטעוו נאָר
אין אַלע דיינע מעקיימעס, און ניט דער קלאָג פֿון כורבן באַיעס
טרויערט דאָ און יאָמערט, נאָר די פּורימשפּילער לאָזן זיך דאָ וואוילגיין
אַף די גאַסן, אין די היימען. און ווי געפּאַקט
דער ערעווי־אָנטעוו זאָל ניט זיין
מיט קלומעקעס קאַבצאָנישע יעסורים — סייוויסיי זעט עס אוים
ווי דו זאָלסט דאָ מיט די פּורימשפּילער יעדן טאָג
שפּילן דעם יאָנטעוו פּורים.

שאָלעם אַלייכעם — ווי דער זייגער פֿון דער וועלט אַף אייביק
טראָגט אַף זיך די צייט — טראָגסטו אַף זיך
צעלויכטנדיקע אייביקייט פֿון פֿאָלק און פֿרידן און פֿון זיך אַליין.
און דיין גוטער פּאָנעם איז
אַ באַגלייבטער שמייכלענדיקער איידעם פֿאַר די צוויי פֿאַרזינדיקטע — די צוויי צעוואונדיקטע —
מענטש און צייט. און וואָס
מע זאָל ניט טאַינען: ווי זינדיק און

ווי שלעכט זיי זיינען: זעט דיין גוטער פּאָנעם פּאַרט
דורך ליכט פון וואָרער ווייט — וואָס רייסט זיך דורך
דעם געהענעם־רויך פון דיירעסדיקן בייזן כאַלעם — ווי עס קומט
אי צייט אי מענטש — קומט אַנטקעגן דיר
מיט אַ ברייטן **אַלייכעם־שאָלעם.**

שאָלעם־אַלייכעם — ווי דיין שמייכל
קען יעדן פאָלק דערגרייכן, וועט דיין ברודערלעכער וועלטוואונטש
פון פאָלק צו פאָלק זיך ווידערהאָלן: **אַלייכעם־שאָלעם.**
אַלייכעם־שאָלעם.

דער קאַלענדאַר
פון לעגענדאַרישן לאַנד טראָגט דיין פּאָנעם: הויז נאָך הויז די ווענט —
די ווייסע ווענט
פון דער מעכטיקער מעדינע טראָגן היינט
דיין ליב געשטאַלט — ווי דער קאַלאַנעזאַל און די קולטורזאַלן פון אַלע שטעט—
וואו טשעכאָוו און גאָגאָל און גאָרקי, טאָלסטאָי און פּושקין, טשערנישעווסקי און
קופּרין, שאָלאָכאָוו, טיטשינאַ, מאַיאַקאָווסקי און דזשאַמבול
זיינען אַלע אַרום דיר און דו ביסט
מיט זאַלן ליכט אילומינירט. און אויף אַלע ראַדיאָס
ריידן דיינע העלדן. טעוויע רעדט זיך היינט, ווי אַלעמאָל,
אַראָפּ פון האַרצן. מענאַכעם־מענדל פליט — און וועט שוין אייביקן פליען —
מערניט אין אַ ליידיקער וואַליזקע. גאָלדע רעדט און האָדל רעדט
און מאָטל פייסים. און די פעלקער פון דיין היימלאַנד און די פעלקער פון
דער ערד
טרינקען צו דיר שאָלעם־אַלייכעמדיקע אַרבע קייסעס.
און יאָסעלע זינגט, און ראַזע זינגט, און אַלע דיינע
בלאָנדזשענדיקע שטערן זינגען. און סטעמפּעניו שפּילט פידל. און אַלע דיינע
מעשוירערים און אַלע דיינע
קאַפּעליעס שפּילן אַריבער און אַריבער
די גרעניצן פון האָדלס, פּעפּערלס, ראָמאַנענקאָס און
טאָמאַרעס לעגענדאַרן לאַנד.

די קינדער אין די שולן טראָגן היינט דיין שמייכל —
וואָס קוקט אַריין אין זיי
פון זייערע קומענדיקע קאַלענדאַרן. דיין פּאָנעם בלאַנקט
איבער אַלע פעלקער פונעם לאַנד. דיין פּאָנעם בלאַנקט
איבער אַ ברייטהאַרציקן טעוויעדיקן מאַנטיק
פון גאַנצע הונדערט מאַנטיקדיקע פעלקער: ווי בײַ דיין אייגענעם שטענדער
שטייסטו
אויף די העכסטע פּלייצעס פון

אַ קאַלאָסאַלן קאַלענדאַרישן פּאַניעדעלניק — ווי דאָס לאַנד די גרויס
און שמייכלסט
איבערן גאַנצן לאַנד צו גאָרקים פאָלק — ווי גאָרקי
שמייכלט, און ווי זיין פאָלק
שמייכלט איצט צו דיר: אַ גאָרקישער, אַ שאָלעם-אַלייכעמישער
מאַנטיק — ווי די זומערדיקע זון
צעלייגט, ווי דיין בוזעמדיקער בוך
צעעפנט
איבער רוסישער אַזיע און איראָפּע: אַ לאַנדגרויסער יאָנטעוו-מאַנטיק
פון דיין פּעפּערלס
און ראַמאַנעןקאָס וואָר — באַהאַנגען מיט
גוטמוטיקע גירלאַנדעס פון
דיינע לויכטנדיקע וואַקסנדיקע הונדערט יאָר.

● ● ●

פאָר איך מיר אַרויס אין מיין יידישער בויד —
אַף קאַלטס און אַף וואַרעמס פאַרגרייט.
אַ כיישעך, אַ וויגע, מע זעט ניט די וועלט,
די וועגן פאַרשאָטן, פאַרוויייט.

איך פאָר מיר אַרויס מיט אַ פּוילנקער בויד
קלעזמאָרים, באַדכאָנים און ליד:
איך פאָר מיר אַרויס דערפרייען די וועלט
אין טומל פון גרויסן יאַריד.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, אָדלערלעך,
פליט איבער די שטעטלעך פייער-פלאַם.
ברענגט מיינע יידעלעך
לידער און פידעלעך,
וויאָ — אין טרוים-טאַראַראַם!

די רעדער פון בויד קענען די ערד,
ווי איך — שימענעליעס גוטהאַרץ.
פול איז מיין בויד מיט אַלדאָסגוטס
וואָס ס'אָרעמע פאָלק נעבעך גאַרט.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
שפּאַנט מיר אוים די ערדעלע,
פאָרט מיר אין אַ מאַזלדיקן וועג.
איך טו אייך אַן פידלען —
שאַגאַלישע פליגלען,
און פליט — וואו די ערד האָט אַן עק.

אַלע וועגן און שטעגן, אַלע ווינטן אַן ברעגן
פֿון דײַן ברעגלאַז וועלט ייִדן
זײַנען אומגעלומפּערט, קרום און לאַם, צעקאַווערקעט און
צעדרייט. נאָר ס'ווערט ליכטיק אין די אויגן זען
ווי יעדער איינער אַף זײַ גייט.
און גיין גייט יעדער איינער צו — דאַפּקע צו —
אַ גלייכן ציל, וואָס ערגעץ, ערגעץ, ערגעץ וועט ער אונטערקומען —
אינמיטן שטורעם, אינמיטן מאַבּל, אינמיטן כאַסענע, אינמיטן
פּורימשפּיל.

דעם זיידעס בויד איז פֿול געווען מיט אייזערנע ריטער און קאָרענע
מאַיסעביכלעך. און דײַן בויד איז פֿול
מיט קלעזמער און
מיט פֿידעלעך מיט קלעזמער און
באַדכאָנים, מיט קלעזמער און
מיט שווישפּילער, מיט קלעזמער און
מיט פּלייטן, מיט קלעזמער און
מעשוירערים, מיט קלעזמער און
מיט פּורימשפּילער — אַ פֿולע, פֿולע בויד
ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד י ק ע ש ט ע ר ן
און שפּילנדיקע צימבלען, גלעטנדיקע האַרפּעס און צאָרנדיקע פּויקן, און אַרום,
אַרום דער בויד — די וועלט
מיט נײַגעריקע פֿאָלקס געהערן, מיט גאַרנדיקע פּענעמער. און די קאַפּעליע
שפּילט

אַף טויזנט פֿידלען. די מעשוירערים זינגען אַף
טויזנט טענער מיטאַמאָל. און אַלע דײַנע טויזנט העלדן
אין דײַנע אײַנגעטיילטע ראָלן אַף דײַן בינע שפּילן
דאָס לעבן אַף דער וועלט.
און דעם וואַסערפֿירערס ייִדיש פֿערדל, מעסושעלעך, אויסגעמאָרעט ווי
קאַסריעל, און ווי ער — קיינמאָל ניט קיין זאַטער — קוקט זיך אום
און וואונדערט זיך נאָך אַלץ
ווי הונגעריקער אַמכאָ זינגט און טאַנצט און שפּילט טעאַטער.
איז יעדער טאָג — פּורים.
און די פּורימשפּילער שפּילן זייערע פּורימשפּיל-ראָלן ווי די קינדער
וואָס האָבן פֿון די פּורימשפּילער אָנגעקוואָלן און שפּילן-איבער
אין הונגעריקע הייפֿן די היימישע העלדן פֿון
דער לעגענדאַרישער מעגילע — און שפּילן זיך אַזוי אַרײַן
אין די קרייוועשע קאַפּעליעס **בלאָנדזשענדיקע שטערן**: פֿון די הייפֿן צו
באַלעמערס, צו עסטראַדעס און צו בינעס: פֿון יאַילעס און
פֿון קינעס — דורך שניידערשער היסלאַיוועס און שוסטערשער
מעווינעס: פֿון קליינשטעטלדיקן באַלטפּילע ביז **ניסי בעלזער, ווילנער**

באַלעבעסל, יאָסעלע סאָלאָוויי — ביז רייזענען אין מאָסקווער אָפּערע,
ביז פּירסן אַף בראָדוויי — ווי שייקע פּידעלע, ווי סטעמפּעניו —
ביז כייפעץ, קרייזלער, אויסטראַך, קאָגאַן, צימבאַליסט : פּידעלעך
וואָס שפּילן ביז אין הימל אַריין — פּידעלעך אַרויסגעראַטעוועט
פון מאַזעפּעווקעס ווערימדיקער מיסט.
(אַ שטעטל טרוימען — אַ שטעטל נאַקעטע טרוימען — נאַקעט ווי
שטיקלעך זומערדיקע זון אַף צעטריקנטע גראָז־ערטער פון ענגע
אָרעמאַנסקע הייפן. די הייפן זיינען טרוקן ווי טעג
וואָס זיינען זיך מעיאָעש שוין
פון אַלע טרוימען. נאָר די שטיקער זון גליען, גליען און גליען אַריין
פרישן גרין אין פאַרגעלטן גראָז.
און אַ שטעטל טרוימען וויינט און לאַכט. אַ שטעטל טרוימען וויינט
אינדערשטיל
און לאַכט אַף אַ קאָל : ווייַ איז אייך, נעגידים : אַז איר טרוימט —
טרוימט איר אייגינקע אַליין, און וואויל איז אונדז, אָרעמעלייט :
אַז מיר טרוימען, טרוימען מיר
אַלע מיטאַמאָל ! און דו, דו וויינסט און לאַכסט
אין די נעכט פליענדיקע טרוימען פונעם פאָלק — טאַקע נאָר
ווי אַ גרויסער, גוטער גאָט אַליין —
ווען ער זאָל אַזוי ליב האָבן דאָס פאָלק ווי דו.)

• • •

מעקימי,
מעקימי מעאַפּאָר דאָל — דו, ניט ער,
האָסט דערהערט דעם עוויענס טוויעס אין טעוויעס קאָל.
און איבער דער דאַטשעס גרינע פליושענע טעפּיכער וואָס דער אייבערשטער
אַליין
האָט פאַר די יאָרעמהיידיקע יעהופּעצער אויסגעשפּרייט
האָסטו בויבעריק געבראַכט מיט טעוויעס פערד־און־וועגעלע דיין שמעקנדיקן
שמאַנט און קעז און פּוטער. נאָר קאַבצאַנסק — דיין גאַנץ קאַסרילעווקע
האָסטו געגעבן דיין גאַנץ האַרץ און אַלע דיינע פריילעכע
קאַפּעליעס. לעבט בויבעריק—ווי בויבעריק: אַף טעוויעס מאַמעדיקער מילכיקס
און אַף „באַשערטן" מאַסע־מאַטן. און דיין שטאָט כאָשעווע
קאַסרילעווקער קאַבצאָנים עסן טרוקנס און בענטשן בעלאַכעש —
ווי זיי זאָלן זיך שעמען — נאָר לאַכן, לאַכן זיי
הילכיק : בוי—בע—ריק ! אַ רועד אין
זייער טאַטנס טאַטן !

מעקימי
מעקימי מעאָפּאָר דאָל — דיין לייבונלעבן שפּילט
אין סטעמפּעניוס פּידל און זינגט
אין יאָסעלעס קאָל.

און אין ראַפּאַלעסקאָס שפּילן שפּרודלט דיין רעטשיטאַטיוו — ווי אין טעוויעס
טרוימענדיקע רייד, ווי אין מענאַכעם מענדלס
רייד-שפּריצנדיקע בריוו.
איך הער דיין האַרץ שלאָגט
די מינוט
אין יעדן טאַקט פון פידלען אין קאָנצערטזאַלן איבער דער וועלט. איך הער
דיין אָטעם אין
יעדער מעלאָדיע **און יעדן ניגן פון**
אַלע דיינע יאָסעמדיקע יאָסעלעך און מאָטעלעך און פּייוועלעך (און איך אַליין
בין אויך דאָך דיינס אַ יאָסעם, און אָן דיין האַרץ,
און אָן דיין טאַקט
וואָלט מיר אַליין מיין ליד
ניט געהאַט אַזאַ געשמאַק) : עפן איך מיין מויל
פאַר אָן אײדע יידן — איז אין דעם דער טאָן, דער טאַם
פון טעוויעס טמימעסדיקע טנועס. און ווען איך זינג מיין ליד וויל איך
עס זאָל קלינגען ווי דעם פּאָלקס
אַ פּאַרטראַכטער פּאָעטישער שמועס.

מעקימי, מעקימי — ניט ער, טאַטע זיסער, נאָר דו, דו
האָסט עס באַוויזן. און ווייטער, ווייטער — וואָלט פעפערל געזאָגט —
„ווייטער וועט שוין ווייזן — אַליין דער
סאָציאַליזם !"

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, אָדלערלעך,
פליט איבער די שטעטלעך פייער-פלאַם.
ברענגט מיינע יידעלעך
לידער און פידעלעך,
וויאָ — אין טרוים-טאַראַראַם !

• • •

בעטהאָווען הייבט-אָן זיין ניינטע סימפאָניע פון יאָנטעוו אַף דער וועלט
מיט אַ פולן אָטעם פונעם פאָלק — ווי ס'טוט אַ פאָלק אָן אָטעם דורך
אַ פּערציקטויזנט פידלען : אָן ערשטער אָטעם פון
אַ פרייהייט-הילכיקן פרימאָרגן דורך אַ פרילינגוואַלד : **„יאָנטעוו — זאָל זיין**
יאָנטעוו !"—אָן ערשטער אָטעם פון אָן ערשטן זומערטאָג איבער אָן ערשטן יאַם.
און דו הייבסט-אָן דיין וועלטבאַשאַף
מיטן שמייכל פון באַשאַפער — ווי דו וואָלסט וועלטן פריער שוין
געווען באַשאַפן : געניט און גוטמוטיק און זיכער. און ניט דאַפקע ווי
אין פאָסעק שטייט — ניט דאַפקע ווי
אין ביכער. דו הייבסט-אָן די וועלט מיט טעוויען, זיינע זיבן טעכטער,

זיינע זיבנטויזנט טאַינעם און
מיט דיין אייגענער קאַפּעליע: לעבט־אויף די וועלט דיינע
מיטן רוים פון רעגנבויגנדיקן אָטעם פון טעוויעס זיבנטויזנט טרוימען —
און די מאַיסע פון דער וועלט — ווי אַלע געניאַלע מאַיסעס — איז
אַ מאַיסע אָן אַ סאָף, ווייל דו האָסט די וועלט געמאַכט
פון דעמזועלביקן אומענדלעכן שטאָף
וואָס איז דער ערשטער אָטעם פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע.

טעוויע רעדט. און אַלע מיינע טעג
הער איך אים ריידן. און אַלע מיינע טעג
קוק איך ווי דו מאָלסט
דיין גאַנץ לעבן זיין פּאָרטרעט. און אַלע מיינע טעג
קוק איך אַף אייך ביידן: דיין געשטאַלט — דורכזיכטיק —
ווי די גוטמוטיקע לעוואָנע — מאָלסטו טעוויען ווי מיט רעמבראַנדטס
נאַכטיקן פייערגאָלד: די זון
האָט זיך אין הייסן קופּערדיקן גאָלד צעשמאָלצן
פאַר אייערע ביידנס פּענדזלען: און טעוויעס ליכט און שאָטן איז
ווי רעמבראַנדטס: און טעוויעס נעכט דורכגעלייטערטע דאַיגעס
זיינען ליכטזוכנדיקע לאַמטערנעס
פון רעמבראַנדטס זעלביקן קופּערדיקן פייערגאָלד.
און ווי די אַמסטערדאַמער יידן לויכטן אַרויס
פון דעם מאָלערס ברענענדיקער פּאָליטרע, אַזוי לויכט טעוויע
אונטער דעם פייערדיקן הימל וואָס דו האָסט אָנגעטאָן אַף אים
און אַף זיינע טעג — וואָס זיינען געהאַנגען איבער אים
ווי פּוסטע טאָרבעס — כאָץ דעם פּיסנעם ברויט
און ברויטלאָזן ביטאָכן.
דיינע פאַרבן זיינען פייערלעכע פרייד
פון קולע ראַכמים: פרייד
פון גאַנצער גוטסקייט: וואונדערפרייד
פון טרויעריקע העלדן: פרייד
פון דעם מין כאָכמע וואָס דער נאַכטיקער כיישעך צינדט־אָן
די וועלט מיט שטערן, און וואָס פאַר אַן אָנקומענדיקן טאָג
טרינקט עס אויס גאַנצע נעכט — נעכט ווי טייכן — טרערן.

מימאַאַמאַקים פון דער טיפעניש
פון די טיפסטע טיפענישן פון דער געטאָס קעלערשטיבער האָסטו איינגעזאַמלט
גאָר די טרערן און זיי אויפגעשנירלט
אַף דיינע זיידענע סטרונעס און זיי גלימערן און לייכטן
אַף אַלע פידלטעג פון דיינע הונדערט יאָר — די הונדערט זינגענדיקע יאָר
פון אונדזער שענסטן ליד.

מימאַמאַקים פון דער טיפעניש
פון די טיפסטע טיפענישן פון צעטראָגענעם
מיט ניסים־דורכגעטראָגענעם פאַרנאָסע־מאַרק
האָסטו אויפגעקליבן אַלע ווײסטע קלאַלעם און אין זײער גוטמוטיקער ביטערניש
און אין דײַן שעפּערישן צאַר
געלײטערט זײ און אײַנגעפאַסט — ווי גוירלדיקע דײַרעסדיקע דימענטן
אין דעם מענטשלעכן מוזײ פון דײַן יאָרהונדערט.

מימאַמאַקים פון דער טיפעניש
פון די טיפסטע טיפענישן פון לעבעדיקן טויטנטעהאָם האָסטו אויפגעכאַפּט
די גאַנצע כאָכמע פון געניאַלן ווידערשטאַנד —
אין סטעמפּעניוס פאַנטאַסטישן אימפּראָוויזירן און אין טעוויעס קוואַליקן
עקספּראָמפּט
פון גראַמען, ווערטלעך און געלעכטער.

איך צעעפן דײַנע ביכער — צעעפנט זיך פאַר מיר
דער גאַנצער הימל כמאַרעס פון מײַן גוירלדיקן אָווער. איך דערזע
מײַן אַלטן ייכעס, וואָס איז היינט אַף יענער זײט מײַן טי״ד: פון נאַאיוון שימעלע
סאַראָקער ביזן אומשולדיקן מאָטיע מאַלכאַמאָוועס,
פון אויסגעלאַכטן שימענעליע ביזן פאַרשמיסענעם
פעפערל אַף סיביר.

איך צעעפן דײַנע ביכער — שטעלן זיך אוים פאַר מיר אַלע מײַנע
אַמאָליקע מאָרגנס — אײַנגעפאַלענע, פאַרשאָטנטע
אין דערשטיקטע נעכטנס, באַגראָבענע
אין באַרבאַרישע בערג כורבן אַף ציוויליזאַציעס בעסאַלמענס.

איך צעעפן דײַנע ביכער — צעפּראַלן זיך פאַר מיר מײַנע צעטרײסלטע,
צעשראָקענע פענצטער פון מײַנע צעבלוטיקטע יאָרן. די פענצטער זײַנען פול
מיט מײַנע פּענעמער. די פּענעמער זײַנען פול
מיט אַ וועלט וואָס איז געווען און אַ וועלט וואָס מוז ערשט זײַן.
איבער די פענצטער מיט דײַנע דורכזיכטיקע גאַרדינען
הענגען הימלען מיט סאַקאָנעס. נאָר אַלע פענצטער זײַנען באַשטעלט
מיט אַלטע און יונגע צעבליטע וואַזאָנעס.

איך צעעפן דײַנע ביכער און איך זע
אַלע דײַנע פענצטער קוקן צו דער וועלט, אַלע מײַנע פּענעמער דורך זײ
קוקן צו דער וועלט,
און דורך אַלע דײַנע פענצטער זע איך די וועלט — פון סאַמע ערשטן
„לע מיזעראַבל” ביזן סאַמע, סאַמע לעצטן „מאַבל”, ווי איך זע נעכטיקע טעג
נאָך אין היינטיקע פורעמס פאַרקנאָטן, ווי איך זע

נאָבעלע ענלעכקייט
פון מענאַכעם-מענדלען און שימענעליען
צו דאַן קיכאָטן.

(קענט איר דעם דאַלעס וואָס קוקט אַף אייך דורך לאַטעס פון
מאַלבושים אַף אַ קוואַרטאַל קאַבצאָנים?
די לאַטעס קוקן אַף אייך ווי גרויסע פאַרבעלמעטע אויגן וואָס שטעכן אייך
מיט פרירנדיקן גרוי-גרינעם פאַרוואורף. קענט איר דעם דאַלעס וואָס
באַפאַלט אייך
פון אַ קוואַרטאַל באָרוועסע קינדער — און די פיסלעך לויפן אייך נאָך
און טרעטן ווי קאַלטע
איינגעהאַמעוועטע קלאַלעס. און קענט איר
דעם לייבלעכן דאַלעס וואָס איז אַ לעבנלאַנג איינגעגעסן אין
אַן ערלעכן, בעקאַוועדיקן, אַלטן,
פון דיירעס דאַלפאָנים געיאָרשנטן טאַלעס? אַ שטעטל יידן אַף
אַ שטעטל יידן איינגעהילט
אין צעטריקנטע טאַליסים — פאַרגעלט
פון געלזוכטיקע טעג און יאָרן — ווי אויפגעגראָבענע
און אויסגעטאָנענע
פון אַ פאַרוואָרלאָזטן בעסיילעם מייסים: יעהופּעץ פּרעסט
קאַסרילעווקע, זלאַדייעווקע
פרעסט אַלעמען. נאָר יעהופּעץ ווערגט זיך מיט
אַ שטעטל טאַנצנדיקע יידן און זלאַדייעווקע קען ניט אַראָפּשלינגען
אַ שטעטל הילכנדיקע לידער. שימענעליע
טענצלט זיך אונטער און זינגט: „האָ—יוים—
האָ—יוים האָ—ראָם אוי—לאָם! — נאָר ניט געזאָרגט!"
און אַז די ציג איז אַ באָק — איז אים ניט ניי
די נאַרעריי. עלעהיי אַפּיקאָרסים דאַרשענען אַז ביטאָכן איז
אַן אויסגעקלונגענער, אַ פּוסטער גלאָק.
נאָר שימענעליע לאָזטביידע ניט אָפּ — ניט ביטאָכן, ניט
דעם באָק: נישקאָשע, ס'וועט קומען נאָך זיין טאָג, און ס'וועט זיך מעלקן ווי
אַן עמעסע, אַ מאָזלדיקע, מעלקנדיקע ציג.)

לאַכט, לאַכט יידן —
כאָטש לאַכן קומט-אָן שווער.
אַ ווייטיק האָט אַ שמייכל,
אַ שמייכל האָט אַ טרער.

לאַכט, לאַכט יידן —
לאַכן איז געזונט:
געלעכטער איז ווי טרערן —
ס'האָט אויך ניט קיין גרונט.

לאַכט יידן,
לעבט אין פרידן:
טאָג איז אייביקער פון נאַכט.
פייפט אַף סאַנים,
זינגט — קאַבצאַנים:
לאַכט, יידן לאַכט.

געוויין איז, געוויינלעך,
נ ע כ ט י ק געוויין. און געלעכטער איז
גריילעך
מ אָ ר ג נ ד י ק געלעכטער.

און כאָטש לאַכן קענען
אַלע, און זינגען קענען
אַלע — איז אָבער אויך געלעכטער דאָ
וואָס איז פאַר טרערן ניט מעמאַלע און לידער קומען אָפט —
ווי פוסטע פענכערס פאַרכען פריצישע
פּאָעזיע
דורך בלעכענע נאָזלעכער, טאַטע ליבער.

• • •

סטעמפעניו רייסט זיך
אַהין און אַהין נאָר אַהין. און יאָסעלע רייסט זיך
אַהין און אַהין נאָר אַהין. נאָר איידער
ס'דערהערט זיי די וועלט — הערט זיי נאָר דער ברודערישער וואַלד
און דער כאַווערישער ווינט.

אָבער פידלען, ווי לידער פון פרייהייט און לידער פון ליבע,
ווי לידער פון סימכע און לידער פון
פליענדיקן דראַנג — פידלען קען מען ניט
פאַרשטומען. ווי מען קען ניט אָפּשטעלן איבער דער ערד דעם אויפבלי פון
די בלומען. ווי מען קען ניט אויסרייסן פון האַלדז
אַ צעזונגענעם קאָל, וואָס די וועלט הערט אים
אַף אַלע געהערן. ווי מען קען ניט באַווייזן אַז עס גיט נאָך
געניאַלער ווי
דאָס פאָלק, ציי אַז דער וועלטס בריליאַנטן קומען נאָר
פון קוילנשטיינער — און ניט פון טרערן.

עס קאָכט די וועלט מיט סטעמפעניון,
עס קאָכט די וועלט מיט יאָסעלע סאָלאָוויי. אָט קומט, אָט קומט די בויד
מיט אַלעמען מיט זיי: דאָ זיינען די
קאָנאָטאָפּער קלעזמער און די סמילער, די ויניצער,

די שאַראַגראַדער און די דרויער. און שייקע פידעלע, און אַרקע
פידעלע, און שמוליק טראָמייט און בערל באַס,
און מעכטשע פּייקלער און לייביש קלאַרינעט און יאָקל קאָנטראַבאַס
און כייקל באַדכן, און יאָסעלע מאַרשעליק, און נאַפּטאָלצעס אייגענע שטוב
קלעזמער
לאָזן זיך הערן אַף פידעלעך, אַף פלייטן, אַף צימבלם און
קלאַרנעטן, אַף באַסן און באַנדורעס און אַף פּויקן.
און נאַפּטאָלצע שטרעקט זיך, שטרעקט זיך אינדערהייך און וואַקסט,
און וואַקסט מיט אַלע זיינע אייוורים אינדערהייך, נאָר אינדערהייך
און פירט און דיריגירט און מוזיצירט
מיט זיינע אייגענע נאַפּטאָלטשיקלעך—אייגענע כאַי־קלעזמער, און זיינע הענט
ציען זיך

און ציען זיך
צו יעדן אינסטרומענט, און זיינע אויגן זיינען טיף
אין יעדן קלעזמערס אויגן, ווי זיינע פינגער וויברירן מיטן ציטער
פון קלעזמערשע פינגער אַפן פידל: ריר זיי אָן —
ווי צ י נ ד זיי אָן — ברענען זיי
ווי ס׳ברענען די סטרונעס פון די פידלען — אָנגעברענט
פון אומענדלעכע פייערדיקע ניגונים פון סטעמפעניוס פאַנטאַזיעס.
און עס הערט זיך דער זינגענדיקער ראַעש פון די שטעט און שטעטלעך
איידער יאָסעלע קומט אָן מיט די מעשוירערים. און עס הערט זיך ראַשנדיק
דאָס רימפלען פון די שטעט און שטעטלעך
איידער סטעמפעניו קומט מיט זיין קאַפּעליע.

איז געקומען אַ כאַזן אין אַ קליין שטעטל דאַווענען אַ שאַ—אַ—בעס,
דאַווענען אַ שאַ—אַ—אַ—בעס.
זיינען געקומען אים הערן די שענסטע באַלעבאַטים פון דעם שטעטל,
די שענסטע באַלעבאַטים פון דעם שט—ע—ע—עטל:
איינער אַ שניידערל, דער אַנדערער אַ שוסטערל, און דער דריטער
אַ באַלעגאָלטשיקל.
רופט זיך אָפּעט דאָס שניידערל. רופט זיך אָפּעט דאָס שניידערל:
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט,
אַזוי ווי מע גיט מיטן נאָדל אַ שטאָך,
און מיטן אייזן אַ פּרעס.
אוי, איז דאָס אַ כאַזן!
אוי—אוי—אוי—אוי—אוי—אוי—אוי, האָט ער געדאַוונט . . .

און יאָסעלעס גאָלדענע קיילע קלינגט אַרויס פון דער בויד און גרייכט
וואו די וועלט האָט אַן עק.

און סטעמפעניו, אוי, סטעמפעניו קומט שפילן אונדז אַ כאַסענע.

בין איך מיר אַ קלעזמערל,
שפּיל איך מיר טאָג־אויס, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

זאָג מיר, קלעזמער, וואָס האָסטו פון דיין שפּילן?
בלייבט דיר נאָך אַ כאַסענע אַ רובל מיט אַ גילן?
איך שפּיל כאַסענעס און עס נאָר די שיראַים.
אָבי איך שפּיל מיין פידעלע און מאַך נאָך אַ לעכאַים.

סטעמפּעניו שפּילט אַ כאַסענע אין שטעטל — פאַרפליט דאָס שטעטל טאַנצנדיק אַקוראַט אַהין, וואו די פאַנטאַזיע טראָגט זיי אַלע יאָרן.
סטעמפּעניו שפּילט אַ כאַסענע אין שטעטל — איז דאָס שטעטל יוגנטלעך פאַרשיקערט

פון הייסן, שוימענדיקן קלעזמערישן וויין. ווארעם אַלץ
וואָס סטעמפּעניו צעשפּילט איז איינס און אַלץ דאָסזעלבע שטיק:
ס'איז אַלץ נאָר סטעמפּעניוס לעכאַיים. מערניט וואָס אין יעדן וואַריאַנט
זידט נייער רינדיקער אַראָמאַט
פון טויזנטערליי ווײַן: זיין פידל ברענט —
שפּילנדיק אַ פולע וועלט פייערלעכע בראָכעס צו דער קאַלע.
די טענער ריידן מיטן פייער פון סטעמפּעניוס פליענדיקע טרוימען
אין זיינע טרוים־פאַרליבטע אויגן, וואָס פליען־אום
פון הימל צו דער קאַלע און צוריק איבערן פידל —
צוויי ברענענדיקע ברונימער אין זיין פידעלע אריינגעפּאַסט
אָף אייביק.

סטעמפּעניוס קאַפּעליע פירט אַ כאַסענע דורך נאַכט איבער
מאַזעפּעווקע, און דרייט זיך אַלץ אריין
אין אייזיק־נאַפטאַלעס גאַס — פאַרביי זיינע צוויי גרויסע פענצטער
וואו צוויי ליכטיקע פענעמער קוקן אַראָפּ אָף דער צעשפּילטער כאַסענע:
די קלוגע, ליכטיקע לעוואָנע קוקט אָף ראָכעלען אין איר צעפּראַלטן פענצטער—
ווי זי זאָל צו איר ריידן הארץ צו האַרץ, און די בלאָנדע „ראָכעלע די שיינע"—
אַ נאַקעטע ווי די לעוואָנע —
קוקט נאָר אין דער שפּילנדיקער נאַכט אריין, און ווי די לעוואָנע
קוקט זי נאָך סטעמפּעניון און פליט־מיט מיט אים אָף זיינע פליענדיקע טענער
אין דער אָפענער, נאַקעטער נאַכט אריין.

און די פּורימשפּילער שפּרינגען און טאַנצן און לאָזן זיך וואוילגיין, און נויגן זיך קיניגלעך־טיף, און זינגען און זאָגן אין טאַטן אריין, זינגען און זאָגן
וועגן מאָרדכעס געדולע און האָמאַנס מאַפּאָלע. קאָשער און ריין און
נאָאיוו — כויץ די ביטערע קלאָלעס די יעהופּעצער נעגידים.
און דער אונטערטעניקער מעמוכן, נאָך אַ קעלישיקל וויין, האָפּקעט
פאַרן קיניג אַכאַשווייראָש ווי אַן אונטערגעשנאָשקעטער האָן. און ניט מאָרדכע,
נאָר דער קיניג גאָר דערלאַנגט דעם טאָן:



וואָס מיר זיינגען, זיינגען מיר,
אָבער פֿריילעך זיינגען מיר.
ווי מיר לעבן, לעבן מיר,
אָבער זינגען, זינגען מיר.

און נאָך אַ קעלישיקל, און נאָך אַ זונג ווערט פֿרייער און פֿריילעכער
די פּורימשפּילערס צונג, און ס׳ביטער האַרץ
פֿון אָרעמאַן טוט ווי אַ פֿרייער כאָר זיך אַ צעשפּאַן:

וואָס מער קאַבצן מער הוליאַקע,
וואָס מער נאָגיד מער סאָבאַקע!
וואָס מער עוויען מער ספּיוואַקע,
וואָס מער אוישער מער סוויניאַקע!

היינט איז פּורים, מאָרגן איז אוים,
אָן אַ גראָשן פּייפֿן מיר אייך אוים!

דער הימל וויקלט איין די קאַלטענעוואַטע מאָכיקע וואָך און ערעוושאַבעסדיק
שטעטל אין אַלטן, אויסגעדאַוונטן טכיילעס פֿון
די קליינע מענטשעלעך — די אָרעמע און פֿריילעכע קאַסריליקעס —
וואָס גייען אום און ברומען דורכן שטעטל כאַזאַנישע שטיקלעך—וואַנדערנדיקע
ניגונים פֿון אַ פֿאַראַיאָריקן שאַבעס האַגאָדל, אַ נעוויאַישן
שאַבעס כאַזאָן און אַ ביטאָכנדיקן, טעוויעדיקן שאַבעס נאַכמו — פֿליענדיקע
ניגונים וואָס טראָגן די קליינע מענטשעלעך אינדערלופֿטן — ניגונים
וואָס עסן זיך איין אין די ביינער — ווי יאָסעלעס
אַ יאַילע טאַכנונײנו וואָס יידן זינגען אונטער באַרגיקע
טעג דאַיגעס אין אַלע שטעט און שטעטלעך אינײנעם:

אוי וויי, יאַילע, יאַילע!
יאַ—אַ—אַ—אַילע! יאַ—אַ—אַי—לע—טאַכנונײנו!

און די טאַינעגדיקע טענער קלעטערן און קלעטערן —
ווי פֿון באַלעמער, פֿונעם וואַרשטאַט, פֿונעם מאַרק זאָלן שטייגן, שטייגן
יאַנקעווס לייטערס איינער איבערן אַנדערן ביזן הימל אַריין.

זיינגען די שטעטלעך פֿול מיט וואַנדערנדיקע ניגונים פֿון אַ ניסי בעלזער,
פֿון אַ ווילנער באַלעבעסל, פֿון אַ לייבעלע אַלוקסטער, אַ ראַזומני,
בערעלע כאַגי, אַ שמולקע כאַזן און — יאָסעלע, אַי,
אַי, יאָסעלע סאָלאָוויי! — זיין גאָלדענע קיילע קלינגט ווי אַ לעגענדע צווישן זיי.
און קאַסריעל דער וואַסערפֿירער, און כאַים דער שמיד, און מיישע בער
דער שוסטער, דאָס פֿאַרקישעפֿטע שניידערל און מאָטל קאַמזויל
מיט דער גאַנצער איידע יידן דערלאַנגען עס אַזוי אַ קלאַפּ:

אוּאוויאָם סימכאַסכעם, אוּאוּמויאַדייכעם. אוּאוּוראָשיי
כאָדשייכעם. אוּאוּוראָשיי, אוּאוּוראָשיי, אוּאוּוראָשיי כאָדשייכעם!
אָדער יאָמעלעם: **פּסאַך לאָנו שאַר! שאַריי שאָמאַאים פּסאַך!** —
פֿראַל־אויף פֿאַר אונדז אַ טויער! די טויערן פֿון הימל פֿאַר אונדז צעפֿראַל!

די בימע טוט אַ ציטער. די שול טוט אַ ציטער: דאָס האַרץ
פֿון אַ שטעטל יידן פֿלאַטערט: **טאַטע! טאַטע! טאַטע־פֿאָטער!**

די טפֿילעס זיינען אַף אייביק אַרויף אייבן און זיינען שוין דאָ ניטאָ.
נאָר די ניגונים — די ניגונים זיינען דאָ: אין „באַרקאָכבאַ", אין „שולאַמיס",
אין „מאַזלטאָוו" און „ניטגעדאַיגעט", אין „לאַ זשוויף", אין „פֿיגאַראָ"
און „באָרים גאָדונאָוו" — **פּירם** און **טאָקער** האָבן זיי, און קיפּנים,
און רייזין זינגט סוסאַנינס געזעגנליד ווי אַ גרויסער רום
און ווי אַ גרויסער ייד — און פּולווער און מילנער און שייפּער און
קרעין, און יורי פּייער און גנעסין.

פֿיר ברידערלעך — פֿיר שוסטערלעך
שטייען פֿאַרן אָמעד — מעיער, יאַנקל, יאָשקע, יודקע פּעשע לייעס:
פֿיר ברידערלעך — פֿיר זינגענדיקע יינגעלעך —
פֿיר הילכנדיקע קעלכעלעך פֿון פּעשע לייעס קעלערשטוב אַרויס.

פֿאַרן בײַרע אײַלעם אין האַראָס־אײַלעמדיקע טעג שטייט מײַן פֿעטער —
שמולקע כאַזן, און פֿאַרמעסט זיך
מיטן סאָטן מעקאַטרעג און זײַנע קאַטלעצאָנים: מײַן פֿעטער בעט
ווי **יערוכעם** בעט, מײַן פֿעטער בייזערט זיך און מאָנט
ווי דער **באַרדיטשעווער**, מײַן פֿעטער זינגט
אי פֿאַריבלדיק, אי ביטאָכנדיק — ווי זײַן טאַטע **צאַלקע** כאַזן זינגט —
פֿאַר זײַן שטעטל יידן אין צאַר און צאָרעס:
אוי, וויי, מערובים צאָרכיי אַמכאָ . . . **אַמ—כאָ!** —
מע דאַרף און מע דאַרף און אוי ווי מע דאַרף!

פֿיר ברידערלעך און יאַנצע דעם פֿעטערס. פֿיר ברידערלעך
און ברידערלעך נאָך דריי — יאַנקל און כאַים און איך: אַכט מאַזלדיקע
מעיוכאָסימלעך פֿון שטעטל — אַכט קרייווימלעך, אַכט קאַסריליקלעך — אַכט
קאָשערע שעליעכציבערלעך
פֿאַרן אָרעמען אַמכאָ — אַכט
מעשוירערים — אַכט אָרעמע זינגענדיקע יעסיימים: קעלכעלעך
וואָס פֿליען פֿלייטנדיק פֿון הונגעריקע העלדזער — אַרויף, אַרויף
און נאָר אַרויף (די קעלכעלעך האָסטו

מיט דיין גרויס האַרץ ליבשאַפט שוין באַשריבן אין דיין „יאָסעלע סאָלאָוויי", און פאַר מיר איז נאָר געליבן צוגעבן וואָס א י ך וויים — הונגערנדיק און זינגענדיק מיט זיי).

(סאָרקע פעשעלייעס שרייבט מיר: „אָך! סאַראַ פריילעכע יוגנט זיי זיינען געווען! כאָטש אַלץ אין לעבן האָט זיי אויסגעפעלט: אַ טאַטנס גוטוואָרט, אַ לעבל ברויט און אַ געזונטע מאַמע! אָבער ווען זיי זיינען געשטאַנען מיט דיין זיידן, מיט דיין פאָטער אַפן באַלעמער ראָשעשאָנע און יאָמקיפער און געלאָזט הערן זייער קאָל, ווי ער צעגייט זיך אַליין . . . איז דאָס געווען דאָס שענסטע אין זייער קינדערשן לעבן!")

הער נאָר: סאָרקע רעדט דאָך
פון דיין „יאָסעלע" אַרויס! וועל איך טאַקע נאָר צוגעבן
וואָס דאָ פעלט-אויס. און פעלן פעלט
די גרויסע, געראַמע יאָנטעוודיקע וועלט פון מיין פעטער שמולקע כאַזנס
קליינער שטוב: אָטאָדאָ
זיינען געשטאַנען באַ די פענצטער די וואַרשטאַטלעך פון
די ברידערלעך, די שוסטערלעך. אָטאָדאָ
האָבן טעג זיך אויסגעקלאַפט און אויסגעזונגען אין באַנייענדיקן טאַקט
מיט האַלבע זוילן און האַלבע טענער — גרויסע טעג, און זוניק ווי
די זוילן. מאַכט יאַנקעלע:

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צאָרעס און לייד אָן אַן עק!

און יאָשקע מאַכט:

בין איך מיר אַ שוסטערל,
ניי איך שיך טאָג־אויס, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

מאַכן שוין אַלע:

— זאָג מיר, שוסטער, האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אויסעט — קריגסטו וואו צו לייען?
— קיינער לייט ניט, קיינער גיט קיין אָרוועס,
איך בין אַ שוסטער, גיי איך טאַקע באָרוועס.

און מעיער פֿאַרגייט זיך גאָר אין אַ שאַבעס־מאַירעוודיקס :
אומאַאַוויר יאָם אומיִיווי לאָילאָ,
אומאַוודיל ביין יאָם אואוויין לאָילאָ !
און יודקע כאַפּט־אונטער דאָסזעלביקע אַביסעלע באַסאָווע.

און מיין פֿעטער — דער זינגענדיקער לונג־און־לעבער —
טוט זיך מיטאַמאָל כאַזאָניש אַ צעשטיף און גיט זיך אַ מאַך אַ נייע זאַך —
אַ טראָפּעלע פֿאַרשייט, אָבער סע געפֿעלט אים, אָט איז עס שוין — עס גייט
(אָפּן מאָטיוו
פֿון „גאָט און זיין מישפּעט איז געֶרעכט") :
קוואוידוי מאָלעי איילאָם, מעשאָרסאָוו שוויאַלים זע לאָזע . . .

און אָט — ווי אַ הייכער גייענדיקער בוים שפּאַנט אַריין דיינער אַ ייד —
צוויי גייערם — דיין פֿורימדיקער **נאַפּטאָלע מיט די פֿיס** — צוויי טראָפּנס ! —
און טאַקע ווי נאַפּטאָלע — „אַ געבוירענער אַרטיסט", און כאַסענעס זיינען אים
זיינע טאָגטעגלעכע יאָנטייווים — אַ טאָג איבער אַ טאָג : דאָס איז **מאָשקע**
טאָנע דעם שוסטערס — אונדזער שפּאָגל נייער מאַרשעליק.
און ווי נאָר אין דער טיר אַריין — ער נעמט זיך שיטן גראַמען —
און טאַקע ווידער **זיינע אייגענע** — און שיטן שיט ער זיי געדיכט —
ווי הויפֿנס שטיפֿטן אָף זיין טאַטנס שוסטערטיש. און שמולקע שטייט ניט אָפּ
אין אַ פֿאַרנעם מיט אים. און אָט
קייקלט זיך ווי פֿון אַ פֿייפֿעלע אַרויס יאָשקעס שטים. און איז עס נאָר אַ ליד
פֿון דעם פֿאַרשקלאַפֿטן, פֿון „געמיינעם" — זינגען טייקעף זיך אַריין אין דעם
אַלע איניינעם :
שנעל לויפֿן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס.
דער קאָפּ ווערט פֿאַרטומלט, נ'די אויגן ווערט פֿינצטער,
פֿינצטער פֿון טרערן און שוויים.

שמולקע כאַזנס שטוב איז אַ מאָדנע שטוב : אָף איין וואַנט הענגט
ניקאָלאַיקע, און אַנטקעגן, לעהאַוודל,
רעב ייצכאָק עלכאָנען. אָט זינגט זיך די שטוב דאָ אַ ליד — אַ פֿריילעכע
טראַלאַלייקע, און אָט גאָר אַ שטורעמליד —
ווי אין אַ מאַרש מיט רויטע פֿאָנען :

ווילאַנג, אָ, ווילאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפֿן
און טראָגן די שענדלעכע קייט,
ווילאַנג, אָ ווילאַנג וועט איר רייכטימער שאַפֿן
פֿאַר דעם וואָס באַרויבט אייער ברויט.

פֿיר ברידערלעך—פֿיר שוועסטערלעך : אַלע, אַלע דיינע פֿעפֿערלעך : אָטאָדאָ—
אין שמולעק כאַזנס קליינער שטוב —

אַ פֿייערדיקע סצענע פֿון דער גאַנצער, גרויסער, ברייטער וועלט,
וואָס די פּעפּערלעך פֿירן־אָן: אַליין
די שפּילער, אַליין
די זינגער, אַליין, אַליין
די רעזשיסאָרן. אַטאַדאַ
צווישן צאַלקעס כסידישע ניגונים, שמולקעס כאַזאַנישע
שטיקלעך, דיינע סטעמפּעניוס און יאָסעלעס ראָמאַנען, מאַשקעס
באַדכאָנישע גראַמען און אַלעמענס
אַרבעטער־לידער, צווישן ניקאָלאַיקעס און, לעהאַוודל,
עלכאָנען — זיינען זינגענדיק און זאָגנדיק אויפֿגעקומען טעג און יאָרן —
מיט די פֿיר שוסטערלעך, די פֿיר ברידערלעך
ווי די פֿרייהייטפֿאָנען.

• • •

סטרונעס רימפּלען דורך דער בויד און הילכן־אָפּ אין די הימלען.
סטרונעס רימפּלען אין פֿאַרטראַכטע טרוימענפֿולע רוימען
און לייגן־איין וועלטן צו פֿאַרשפּילן שטעט און שטעטלעך
וואָס פֿאַרגייען אין געוויין.

מיין בויד האָט דער וועלט געלעכטער געבראַכט,
און קיינעם האָב איך ניט פֿאַרפֿעלט.
מיט אַלעמען האָב איך געוויינט און געלאַכט,
און פֿאַרלייכטערט דעם צאַר פֿון דער וועלט.

וויאַ, וויאַ, אַגערלעך,
ווי איך, זייט איר אויך מאָגערלעך,
עס שפּאַרן אייך די ביינער פֿון דער הויט.
נאָר וואָס איז זיך כידעשן
ווי פֿערדעלעך יידישע
שלעפּן דורך וועלט דורך די בויד.

וואו די וועלט גייט — מיין קאַפּעליע גייט־מיט,
און שפּילט־צו דער וועלט אין איר גאַנג.
איך צאָל מיט מיין בלוט פֿאַר זיין וואָס איך בין,
און ס׳זעט־אויס איך וועל צאָלן נאָך לאַנג.

וויאַ, וויאַ, סוסימלעך,
גוטינקע שוטפֿימלעך:
אַמכאַ שער און אייזן לעב און לאַך.
הייבט זשע די טרעטערלעך
אין טאַקט מיט די קלעזמערלעך,
וויאַ, מיט אַמכאַס ראַזמאַך.

שאָלעם נאָכעם וועוויקס צופּט די גראָבע סטרונע: שאָלעם נאָכעם וועוויקס
האָט ליב הערן ווי עס רעדט מיט כאָכמע און מיט האַרץ
בערל באַס באַנדורע. שאָלעם נאָכעם וועוויקס גלעט
די דינע סטרונע: שאָלעם נאָכעם וועוויקס האָט ליב הערן שייקע פֿידעלע פֿאַרגיין
אין אַ ווייט און ווייטיקדיק זינגענדיק געוויין — ווי טיף־טאַינענדיקע שטימעלעך פֿון אַ יונגן כאָר
פֿון ערגעץ הינטער אַלע האָריזאָנטן. און שאָלעם הערט
אַף יעדער כאַסענע די קלעזמער אויסשפּילן דעם גאַנצן טרויער און די גאַנצע פֿרייד
פֿון אַלע כאַסענעס אינאיינעם.

שאָלעם נאָכעם וועוויקס פֿירט די פּורימשפּילער פֿון שטוב צו שטוב
און די בלאָנדזשענדיקע שטערן דורך שטעט און שטעטלעך איבער דער וועלט:
שאָלעם־אַלייכעם שפּילט טעאַטער — אָפֿן אָפֿענעם יאַריד.

טאַטע, דו ווייסט — און דו פֿאַרשטייסט: מיין בלייכסטן שאָטן האָב איך אַראָפּגעווישט
פֿון מיינע טויטע שטעטלדיקע ווענט און מיין לעצטע זיידענע בריק בענקעניש
האָב איך אין מיין איבערפֿלי פֿאַרברענט (אַנדערש וואָלט איך לעבן ניט געקענט).
אַנדערש וואָלט מיין קאָל און מיין ליד ניט געקלונגען ווי פֿון אַ נויאָרקער ייד:
דיין גרויסער וועלט־־יאַריד האָט מיר גערופֿעט — איז הײדאַ פֿון
קאָזאַדאָיעווקע און פֿון יעהופּעץ. דער אָווער איז דאָך פֿאָרט
אַ בויד אַן איינגעזונקענע, אַ צוגעשפּאַנטע צו אַ פֿערד —
צו אַ דערטרונקענעם. נאָר דיין בויד פֿירט
אַ וועלט מיט מאָרגנס, און דיינע נעכטיקע לידער זינגען זייער אָנקום.
דיינע קאַפּריליקעס, דיינע אָרעמע נאָר פֿריילעכע, דיינע פֿריילעכע נעשאָמעס
זיינען אַלע איין קאַפּעליע. און שימענעליע ציקלט זיך — מיט אַ ציג,
צי אָן אַ ציג — אַ פֿאַרכאָלעמטער אין פֿעלד, מאָלע גדולע באַ אַן אָמעד,
צי צונויפֿגעבייגלט אַף זיין שניידערטיש — סיי ער דערלאַנגט
יאָסעלעס אַ יעקום פּורקן, סיי אַן אייגן שניידערליד:

בין איך מיר אַ שניידערל,
ניי איך מיר טאָג־אויס, טאָג־איין,
לוסטיק, פֿריילעך, פֿיין.

זאָג מיר, שניידער, ליבינקער און גוטער,
גיט דיר די נאָדל גענוג אַף ברויט מיט פּוטער?
— איך מאַך אַ וואָך צוויי גילדן מיט אַ דרייער,
איך עס נאָר ברויט, ווייל פּוטער איז צו טייער.

• • •

די פידל־לעגענדע שפּילט פידל איבער דער וועלט. די פידל־לעגענדע איז אַלט
ווי די וועלט, נאָר די פידל אַליין איז יונג, ווי דער היינטיקער
אָקערשט־געבאָרענער טאָג: יעדן באַגינען גלייך מיט דער זון קומט־אויף די פידל, ניי,
און ערשט־געבאָרן ווי די זון. און סטעמפּעניו גייט־אויף
אינאיינעם מיט זיי ביידן. און ווי נאָר ער גייט־אויף — הייבט־אָן זיין פידעלע
צו ריידן. און ריידן רעדט עס
לויטער יונגע רייד. און שפּילט עס אַלטע לידער — איז לויטער מיט אַ יונגן קאָל:
ווערט דאָס אַלטע יונג און נייגעבאָרן ווידער — טאַקע ווי די זון זינגט
יעדן נייעם טאָג מיט נייעם פייער נייע לידער.
און אָט שפּילט סטעמפּעניו גאָר־גאָר נייאינקע ניגונים וואָס זיינען גאָר נאָך אַף
דער וועלט ניטאָ: דאָס שפּילט ער זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס.
און איר דערקענט אין פידל די לעגענדע פּאַגאַניני, די לעגענדע קיניג דאָוויד,
די לעגענדע פון פאַרקישעפטן אייביק־שפּילנדיקן פידל: אָט הערט איר דאָך:
קרייסלער שפּילט, עלמאַן שפּילט, כייפעץ שפּילט, מענוכין שפּילט, אויסטראַך שפּילט
און קאָגאַן שפּילט. אָט הערט איר דאָך
די אַלע פידלען שפּילן פון דער בויד אַרוים אינאיינעם מיט סטעמפּעניוס
פידעלע, אינאיינעם מיט נאַפּטאָלצעס פידעלע, אינאיינעם מיט
שייקע פידעלע און אַרקע פידעלע און אינאיינעם מיט אַלע קאַפּעליעס אין
דער בויד, וואָס שפּילן די פידל־לעגענדע פון דער וועלט
איבער שטעט און שטעטלעך אַף דער פאַרוויינטער ערד —
וואָס דעקט די טרערן איין מיט בלויע בלעטער און מיט גרינע גראָזן
און מיט גאָלדענע און רויטע בלומען — ווי יאָסעלעס קיילע און סטעמפּעניוס פידעלע,
פאַרהילכן די האַרבע רייד און טויטע קלאָלעס פון
אומדערבאַרעמדיקן אינדערוואָכן פון די קליינע מענטשעלעך — ווי טעוויעס כאָכמע
דערהייבט פון דער ערד דעם דערנידעריקטן שימענעליע.

און וואו דיין בויד איז דורכגעפאָרן זינגען די וואָגלווינטן פון דער וועלט —
זינגען די וועלדער שוין —
אַף אייביק.

דאָן קיכאָט, בעניאָמין, מענאַכעם־מענדל, פאַנטשאָ, סענדערל און טעוויע (שאַליאַפּינס
קאָל, מיכאָעלס טראָט, זוסקינס פליגלפלאַטער) — אַלע, אַלע גלייך
אַף דער וועלטס וויסטע וועגן פון וואַרלאָזן ווייגעשריי. און דו —
דו ביסט אַלעמאָל מיט אַלעמען מיט זיי.

פערעיאַסלעוו — אייביק שטעטל. אייביק ווי
דער צווייטער טאָג אין דריטן כיידעש. אייביק ווי
די שעפערישע סיידעס פון אַזעלכע טעג.
אין אַ טאָג פון לויטער וואונדער בלויז
געבאָרן ווערט דאָס וואונדערוואָרט. און דו, יאָ, דו ביסט עס דאָס אָרט:
אַ פינטעלע —

מיט אַ מאַזל ווי די וועלט די גרוים. גרעסערע ווי דו
זיינען שוין פאַר זיך אַליין געוואָרן קוואָרים. נאָר דו בלייבסט
אייביק — דורך אַ צויבערוואָרט, אַ צויבערנאָמען: איך נעם
אַ הויפן ערד פון דיר און זוך
די וואָרצלען פון די וואונדערווערטער: עס שמעקט פון דיר
מיט זיסקייטן פון אייביקייט. עס שמעקט פון דיר מיט לעבן פון
אַ קומענדיקער ווייט.

אוים מיט יעהופּעץ, מאַזעפּעווקע — אוים,
זלאָדייעווקע, בויבעריק — אוים.
נאָר יאָסעלע זינגט און סטעמפּעניו שפּילט,
און טעוויע זינגט־אונטער אין הויז.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
שפּאַנט מיר אוים די ערדעלע,
פּאָרט מיר אין אַ מאַזלדיקן וועג.
איך טו אייך אָן פידלען —
שאַגאַלישע פליגלען,
און פליט — וואו די וועלט האָט אַן עק.

איז סיי איך גיי מיר גלאַטיק
מיט מיין מישטיינס געזאָגט גילדענעם שליאַך פון דער וועלט, סיי איך פּלאָנטער
מיינע צעקאַליעטשעטע קאָסעלאַפּעס ווי דאַרע דערנער
איבער וויסטע טראַקטן, און סיי איך צעבלאָטער גערן
מיינע נייגעריקע פּיאַטעס אַפן רייצנדיקן הייסן אַספאַלט פון גאַניידנדיקע
שטעט —

אַלציינס שפּאַן איך — זינגענדיק —
מיט די ווייטע, ווייטע וועגן פון דיין אייביק שפּילנדיקער בויד.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, אָדלערלעך —
דורך שפּאָגל־נייע הימלען פייער־פלאַם —
פליט, מיינע שלימאַזעלעך —
מענאַכעם־מענדל־פּעגאַזעלעך,
וויאָ — אין טרוים־טאַראַראַם.

די זון אין טויטנשטול

(פאַר עטל און דזשוליוס)

הײַנט איז אײַער יאָרצײַט. איך צינד ניט אָן
קיין יאָרצײַט־ליכט. איך דאַרף
קיין יאָרצײַט־ליכט ניט צינדן. מיר,
וואָס לאָזן ניט די אויגן זיך פאַרבינדן
ווען די מערדער בליצן־אויף אין רייצנדיקער אילומינאַציע
אַ פולן טעמפּל טויט איבער אונדזער לעצטן אויגנבליק, מיר —
מיר אַליין זײַנען
די יאָרצײַט־ליכט.

מײַנע ליכט־פאַרלאָפענע אויגן — מײַנע לויטערע
לאַמטערנעס — לויכטן די נאַכט מיטן ליכט
פון אײַערע פענעמער: ווען איך וואַרט
אַף היינטיקן באַגינען:
ווען די פולע, פאַרטראַכטע פרימאָרגנזון גייט־אויף —
גייט־אויף מיט אײַער יאָרצײַט
פאַר דער וואַרטנדיקער וועלט:
דאָס איז דיזעלבע זון
וואָס האָט איבער אײַערע פענעמער אין טויטנשטול זיך אָפּגעשטעלט:
דיזעלבע זון
וואָס האָט געהערט דער וועלטס געוויין; דיזעלבע זון
וואָס איך האָב יענעם פרײַטיק אַזוי באַשיימפּערלעך געזען
מיט אײַך אינײַנעם אונטערגיין.

הײַנט
בין איך
בײַ אײַער טויטנהויז. דאָס ליכט,
וואָס האָט באַלויכטן דעם כיישעך פון דעם מאָרד, ברענט
אינעווייניק דאָרט — ווי ס׳ברענט
אין אונדזער האַרץ.

קוואָרים־קעלט גליווערט אין די ווענט פון סינג־סינג.
דאָס ליכט אָפּן וואַכטורעם איז טויט־קאַלט — ווי ס׳טויטע האַרץ
פון אַטאָמישע טויטנהענט.

נאָר דורך די שטיינער פֿון די טויטנוועגט דרינגט
אייער געשטאַלט,
און די לעוואיע — אַרום סינג־סינג, אַרום ווייסנהויז,
אַרום דער פֿאַררעכטענער אַמעריקע — די לעוואיע
ציט זיך נאָך אַלץ, ציט זיך לענגער נאָך,
ציט זיך ווייטער נאָך, און דערמאָנט,
דערמאָנט דעם פֿאָלק זיין בראָך.

היינט איז אייער יאָרצייט. און ווי איר
האָט געלויכטן אין טויטנקאַמער־ליכט, אַזוי לויכט
איך — מיט אייער ליכט.

איך טרעט ניט אָפּ אַ טראָט
פֿון אייך
איך טרעט ניט אָפּ פֿון אייער לעצטן טראָט.
איך טרעט ניט אָפּ
פֿון אָפּענעם אָרן מיט אייערע פּענעמער — זיגרייך אָפֿן,
צעלויכטן פֿאַר דער וועלט.
איך טרעט ניט אָפּ פֿון וועלט מיט צאָרן. איך טרעט ניט אָפּ
פֿון אייער קייווער: איך שטיי
בא אייך צוקאָפּנס — אין זון און אין שטורעם — כ׳שטיי
און שטראַל: איך בין
אייער אייביקע, אייער לעבעדיקע מאַצייווע.

יאַנקעוו שייפּער

(פראַגמענטן פון אַ גרעסערער אַרבעט)

יאַנקלס קינדעריאָרן

וואָלין איז פול מיט יידן
און מיט יידישע ניגונים. קרעמעניץ איז פול
מיט אָרעמעלייט,
מיט קינדער און
כסידישע מעלאָדיעס.
און מוישע דאָוויד סויפערס שטוב איז פול מיט פרישע, שמעקנדיקע שפענער
און מיט איינגעגעסענעם אַלטן דאַלעס,
מיט וואָכעדיקן זשורזשען פון לויכטנדיקע סטרוזשקעס,
מיט סטאָליאַרסקע קלעפּ
און מוישע דאָווידס סטאָלערישן קאָל
וואָס פאַרהילכט היסלאַוועסדיק די שטילע שטוב
און די שטומע טעג
מיט איינגעבאַקענער מעסיקעס פון כסידישע ניגונים.

— טאַטע, פון וואָס איז
אונדזער דאַך געמאַכט ?

— דער דאַך ? ווי אַלע דעכער דאָ אין קרעמעניץ —
ווי אַלע שטיבער ווערן
פון סוקעוואַטע קלעצער דאָ געבויט — איז פון גראָבן שטרוי
געמאַכט דער דאַך.

— סוקעס אין דער סוקע
זעסטו, טאַטע, דורכן סכאַך — באַטאָג די זון,
באַנאַכט די שטערן ?
אָט אַזוי מיר דאַכט ווי איך זאָל טאָג ווי נאַכט נאָר זינגען הערן, זינגען, זינגען—
ווי ס׳זאָל זינגען דורכן שטרוי פון אונדזער דאַך. און דו,
מאַמע — הערסט ?

— איך ? איך הער נאָר דעם טאַטן זינגען. און דו —
אויך דו הערסט נאָר דעם טאַטן. מערניט דו
ביסט ווי אין שלאָף — פאַרכאָלעמט —
הערסטו זינגען
אַפילע ווען עס שלאָפט דער טאַטע. זאָג אַליין:
ווי קען שוין זינגען אַזאַ אָפּגעלעבטע כאַטע ?

עמעצער רימפּלט,
עמעצער צימבלט,
עמעצער זינגט נאָר אין אים.

— אַ גילגל, יאַנקעלע, אַ גילגל פון אַ ניגון איז
אין דיר.

— מאַמע, וואו
קען איך זען,
זאָג וואו
קען איך טרעפן,
וואו קען איך אָנקוקן כאָטש
אַ קלאַוויר?

ניגונים רעגן אים —
ווי פעלדער זומערדיקע זינגענדיקע בינען זאָלן זינגען אַרום אים.
ניגונים פרעגן אים, ענטפערן, און פרעגן אים, און ער
פּרובירט פאַרענטפערן —
פּרובירנדיק זיין שטים.
ניגונים רופן אים. ניגונים זוכן אים. ער הערט געזאַנג
אין יעדן ריר.

— אַ גילגל, מאַמע? אַ גילגל פון אַ ניגון איז
אין מיר? זאָג,
מאַמע, וואו
קען איך זען, וואו
קען איך טרעפן, וואו
קען איך אָנקוקן כאָטש
אַ קלאַוויר?

ב

פון אַ פּולווארעק אַ רייכן
פליען פריילעכע פייגעלעך צו יאַנקלס שטוב. פייגעלעך?
דאָס פליען פון אַ וואונדערוועלט אַזוינע צוויבערקלאַנגען
צו זיין טיר. און יאַנקל איז
יינגלדיק און יאָנטעוודיק צעטראָגן. יאַנקל איז
פייגל־פליעריש צערודערט: פליט ער, פליט ער נאָך
די קלאָרע קלאַנגען: אַזוי, אַזוי, ניט אַנדערש
מוז שפּילן אַ קלאַוויר.

פליט ער, פליט ער, יאָגט ער נאָך
די קלאָרע קלאַנגען — נענטער, קלאָרער — ביז צום פּולוואַרעק
פון גוויר. נאָר ווי שטענדיק
באַ נעגידים: טיר און טויער צוגעשלאָסן,
פענצטער — פעסט פאַרהאַנגען. נאָר זיין האַרץ
זאָגט איב אַף זיכער: אַזוי, אַזוי
קען שפּילן — קען בלויז שפּילן אַ קלאַוויר.

און יאַנקל ווייס: ניט שייעך פרעגן. יאַנקל ווייס:
ניט שייעך בעטן. איז האַידאַ, יאַנקל, יאַנקל קלעטערט
אַף די גווירישע דראָטענע, שטעכיקע
שטאַכעטן. יאַנקל קלעטערט
אַף מישקיילעם — שפּילעוודיק און לייכט,
ריטמיש ווי די קלאַנגען
וואָס צימבלען צוויבערדיק פאַר יאַנקלען אַף שאַרפע שפּיצן דראָט
פון די גווירישע שטאַכעטן
וואָס נעמען דעם פּולוואַרעק אַרום און אַרום. העכער,
העכער איבער פּלויטן. נענטער, נענטער
צום צוויבערשלאָס מיט גליק: יאַנקלס לאַנגע טרוימענדיקע הענט
שפּילן, שפּילן אַף די פריצישע פּיאַנע־פּלויטן און ער טראָגט זיך,
דורך אַ פאַרהילכטן וואַלד מוזיק: אַ קוק טאָן כאָטש,
איין קוק
דורך אַ שפּליטער אָפשיין אין אַ פענצטער,
דורך אַ שפּעלטל פרייהייט אין אַ טיר — אַ קוק טאָן נאָר,
איין קוק
אַפן מענטשן באַם קלאַוויר. אַ קוק טאָן נאָר
אַף די שפּילנדיקע הענט און אַף דעם גאָלדענעם
געהיימניספולן אינסטרומענט, וואָס יאַנקלען דאַכט ער שפּילט אַרויס
אַ וועלט מיט קלאַנגען
פון דעם פּאָרעצס אייגענע הימלען, פון דעם פּאָרעצס אייגענע
טייכן, פון דעם פּאָרעצס אייגענע וועלדער,
פון דעם פּאָרעצס הייכע, ווייטע פאַרשטאַכעטעוועטע ווענט.

יאַנקלס גרויסע גרינע אויגן גליען לויטער
ווי צוויי בלענדנדיקע שטערן: יאַנקל זעט
דורך פאַרהאַקטע טיר און טויער. יאַנקל זעט
דורך שווערע פענצטער־שטאָרן —
ווי ס'וואָלט דער צוויבערשלאָס געווען אַ לויכטנדיקער ברונעם. יאַנקל זעט
די לעבעדיקע טאַנצנדיקע שוואַרץ־ און ווייס־קלאַווישן. ער זעט די לייכטע,
פלינקע

שפּילנדיקע פינגער, ער הערט
און זעט
די איינצלקלאַנגען שפּרינגען: איין קלאַנג
קעגן אַנדערן, איין קלאַנג—
צום אַנדערן — איניינעם,
איין קלאַנג
מיטן אַנדערן און אַנדערן — צוזאַמען, באַזונדער און
איניינעם,
איינע-איינציקע אַליין
און אַלע-אַלע-אַלינקע צונויפגעזאַמלט און צונויפגעשפּילט. אוי,
ווי ס'שפּילט אין אים, איי,
ווי ס'שפּילט אין אים
דער וואונדער איבער וואונדער, איי-איי-איי
וועט ער עס אויסשפּילן
דעם וואונדערלעכן וואונדער פאַר דער מאַמען.

נאָר דער פּאָרעץ וואָס האָט
די גאָלדענע קעילע מיט גאָלדענע קלאַנגען, דער פּאָרעץ
האָט ניט
קיין גאָלדן האַרץ. דער פּאָרעץ האָט
אַ זיבנהימלדיקן פּאַלאַץ מיט זיסע טענער וואָס וואַנדערן און וואַנדערן
און דער פּאָרעץ האָט אַ זיבנהימלדיקן פּאַלאַץ מיט הינט
וואָס טשאַטעווען און טשאַטעווען, הינט —דער פּאָרעץ האָט הינט —
גרויסע — ווי ער, קודלאַטע,
און בייזע — ווי ער: צו היטן, צו היטן
די גאָלדענע קלאַנגען פון זיין גאָלדענעם צויבערקלאַוויר (ווי ס'וואָלטן גאָלדענע
רענדלעך

זיך געשאָטן-געשאָטן: פּ אַ ר ב אָ ט ן).

האָבן די הינט
יאַנקעלעם קלאָרן געהער
מיט זייערע פּריצישע פּיסקעס אַף די פּלויטן דערשפּירט:
צאַפּלט זיך יאַנקעלע אין פּאַרריסענער רישעם
פונעם פּאָרעץ, אין רעווענדיקער רוגזע
פון נעגידישער דראָטענער סינע
און אין גווירישער גוואורע פון הינטישע ציין.

טריפן הייסע
פולע יונגע
רויטע טראָפּנס
איבער די דראָטן, און הענגען אַף זיי

ווי פײערדיקע, שפּרינגענדיקע נאָטן — און בלײַבן
אין די שטעכנדיקע שטאָכעטן
אײַנגעזוניגן,
אײַנגעברענט — ווי די פרילינג־קלאַנגען פון קלאַוויר
זײַנען אײביק געבליבן באַ יאַנקלען צוקאָפּנס.

דער פּאַרעץ האָט לאַנג נאָך
מיט שרעק
אַף די פּלויטן געהאַלטן די אויגן, און די הינט
אַלץ נאָך אַף יאַנקלען — אַדהאַיעם —
פון ערגעצוואו בילן.
נאָר דער צאַראַאַסדיקער צויבערשלאָס און דער גאַנצינקער
גרויסער און גרינער אַרום
ווערט לאַנג שוין פאַרהילכט מיט פרײלעכע קלאַנגען
פון סטאָליאַרסקער מוזיק — פון יאַנקלס
זינגענדיקע צילן.

און די באַפרײַטע קלאַנגען פון קלאַוויר
און די הייסע,
פולע יונגע
רויטע טראָפּנס
אַף די דראָטן — יאַנקעלעס ברענענדיקע, אײַנגעברענטע נאָטן —
שפּילן אינײנעם, אײן קלאַנג
צום אַנדערן, אײן קלאַנג
מיטן אַנדערן — שפּילן און זינגען
צוזאַמען. און — איי, איי,
האָט עס יאַנקל אויפגעשפּילט — פאַר דער וועלט —
ווי פאַר דער מאַמען.

דער גרינער מיט זײַן באַגאַזש

מיט אַ געפּעק אימפּעט
פון אַ יונגן גיבער —מיט אַ געפּעק
טרוימען און פּלענער, אַ דינאַמיש מויל הייסע, אַקשאַנעסדיקע רייד און אַ האַרץ
ברענענדיקע ליבע — מיט אַ געפּעק
מענטשלעכן מוט און מוזיקאַלישע היספּאַילעס — מיט אַ געפּעק
ברויזנדיקן דראַנג: אַ נעם טאָן
אין זײַנע סטאָלערישע הענט דעם גאַנצן קיילעך — מיט די כּאָרן
און אָרקעסטערס — מיט אַ געפּעק

געמישטן געזאַנג פון אַלטע און נייע ניגונים — פון כסידישע
קלייזלעך און בונדישע קרייזלעך — מיט אַ געפּעק
טפילעס און נאָטן — דעם כאַזנס און אייגענע
קעדושעס און יאַילעס — דורך אַלטע שולהויפן און שאָטנס
פון נײַנצנפינף־עשאַפּאָטן — האָט זיך יאַנקעלע מעשוירער אַרײַנגעשטעלט
אָף עלים איילענד.*)

יאַנקלס שטוב

אַ פולע שטוב דיריגענטן: אַ פולע שטוב
היסלאַוועסדיקע הענט — פליענדיקע פליגלען
מוזיצירן. די שטוב
אין רוישנדיקן רעגנדיקן ריטעם ברענט. אַ פולע, פולע שטוב
פליענדיקע דיריגענטן. ניטאָ דאָ ווער,
וועמען דיריגירן. נאָר זיי אַליין,
פון טויזנט טענער מיטאַמאָל געדעגט, ראַשן־רוישן סטרונעדיק, וויברירן
ווי אומגעדולדיק־סענסיטיווע אינסטרומענטן
וואָס גרייטן זיך,
וואָס סטראָיען זיך —
איידער ס׳הייבט אָן שפּילן דער אָרקעסטער: איינער איבער אַנדערן, איינער
צווישן אַלע — פערטלטענער, האַלבע טענער,
אייבערטענער, אונטערטענער וואַנדערן
דורך אויפגעשפּילטער לופט אין שטוב.
יעדער דיריגענט באַזונדער און אַלע מיטאַמאָל ווערן הילכיק
אָנגעצונדן
פון אַ טאָן און פון אַ טראָפּ און פון אַ קאָל.
פון אַלטע מימאַאַמאַקים־מאָטיוון זינגען זיך אַרויס
פראַזן פון נייע
אָראַטאָריעס. פון קאַלטע ליטורגישע
רעטשיטאַטיוון
זינגען זיך אַרויס פאָלקישע פּאַסאַזשן
פון קאַמף און אַרבעט־לידער. און די דינע ליכט און דינע סטרונעדיקע שטראַלן
און די דינע לופט
און די געדיכטע דינע שטראָמען מיניען זיך
און מוזיצירן. און יאַנקל רעדט — רייד
פון ברענענדיקע סטרונעס. און יאַנקל טייטשט — טייטש

---

*) אָנגעקומען איז שייפער אין באַלטימאָר־האַפן. דער דיכטער דערלויבט זיך די ענדערונג צוליב דעם סימבאָלישן כאַראַקטער פון עלים איילענד.

פון טרויעריקן טאָן פון טייטש־כומעש
און דערהייבנדיקן טאָן פון רעוואָלטירנדיקן אונטערערד.
טייטש פון טעמעס, טייטש
פון טענער: יאַנקל איז דאָ מיטן אַמעד,
מיטן באַלעמער, מיט די הובלעס,
מיט די פרישע, שמעקנדיקע שפענער. יאַנקל — אין זיין אייגענער מוזיקאַלישער
וועלט־אַרענע. ער דיריגירט ניט, נאָר ס׳באַקומט זיך שוין, פון יעדערן באַוועג
אַ דיריגירן. און אַלע, אַלע רעדן דאָ, און אַלע,
אַלע טייטשן דאָ, און אַלע, אַלע זינגען דאָ, און אַלע,
אַלע שפּילן זיך און אַלע שפּילן דאָ. אַלע דאָ
באַוועגן, און אַלע, אַלע, אַלע פירן. יאַנקלס שטוב: אַ פולע שטוב דיריגענטן
דיריגירן.

שייפערס באַנגעלע

די באַנגעלע. די באַרימטע
באַנגעלע. די באַנגעלע — די גרויס
ווי זיין קלאַוויר. נאָר ווען יאַנקל האָט געטעסעט
און געהובלט קלאַנגען — איז ווי אַלע פעלקער וואָלטן זיך געזאַמלט
און געזונגען אַרום איר.

ווי אַלט עס איז, ווי אַלט
דער וואַלד אַרום — האָט ער זיין אורשטאַם לאַנג,
שוין לאַנג פאַרגעסן: אַ ליד,
אַ ניגן ברענגט
דאָ יעדערער וואָס קומט, און אָט די לידער
און ניגונים זינגען
אַלע סאָסנעס און ציפּרעסן.

דאָ זיינען ביימער דאָ
וואָס זיינען מיט די קינדער פון איין עלטער: איינייגעם מיט די קינדער דאָ
געוואַקסן צווישן און אַרום
די קינדערס פרייילעכע געצעלטן. איינייגעם מיט די קינדער זיך
געהאַדעוועט
אַפן זעלבן גרינעם צעזונגענעם אָטעם פון דער גרינער
צופרידענער ערד פון קינדערלאַנד, אַפן זעלביקן
אָפענעם,
אייגענעם הימל, אַף דערזעלביקער זון
וואָס שפּילט זיך מיט די שיפלעך אין יעדן שיפל אַפן היימעשן
ליריש־לויטערן סילווען לעיק.

און ווי נייעביימער דאָ — וואָס זיינען שוין
דערוואַקסענער שטיק וואַלד — זיינען קינדער דאָ
וואָס זיינען שוין ווי זיי — טאַקע מיט זיי —
דערוואַקסענער שטיק לעבן.
און די באָכערים און מיידלעך זיצן בײַ די יונגע ביימער אין די אָוונטן
און רעדן: ווי מע וואַקסט עס,
ווי מע גרינט און בליט,
און וויפל מען איז אַלט. די ביימער הערן,
טראַכטן זיך אַרײַן אין אַלץ, און רעדן וועגן דעם
דורך לאַנגן ווייסן ווינטער. ביז עס קומט צוריק
דער פרילינג מיטן זומער מיט דער גרינקייט מיט די קינדער מיט די לידער,
און יאַנקל
מיט זיין „בראַנד און פייער" און גאַנצן מוזיקאַלישן האַרמידער.

דער וואַלד — אַ מאָדנער דאָ
דער וואַלד. גאָרניט דאָס
וואָס אַלע וועלדער: דיזעלבע ביימער דאָ,
דאָסזעלבע גראָז, נאָר ווער עס קומט אַהער דער ווייס
אַז ניט דאָסזעלבע:
דאָ וואַקסן ביימער אין געזאַנג פון טויזנט איבער טויזנט פרייהייט-לידער.
דאָ וואַקסן קינדער אין פרילינגדיקן דראַנג פון טויזנט פרייהייט-העלדן.
דער וואַלד באַהאַלט אין זיך דעם הימל-הילכנדיקן אינהאַלט פון די זומערס.
דער וואַלד
האָט שייפערן געהערט.
פאַר יאַנקלס באַנגעלע האָט דער וואַלד אַליין
געגעבן זיין געהילץ,
און ס'האָט דער גאַנצער וואַלד אַקאָמפּאַנירט
ווען ס'האָט זיין באַנגעלע געשפּילט.

די באַנגעלע, די באַרימטע
ליבע באַנגעלע. די באַנגעלע — די גרויס
ווי זיין קלאַוויר — האָט אין קינדערלאַנד
דאָס גרעסטע אַנזען: פון „וויטן לאַנד סיביר"
ביזן באַרוועסן בראַנזוויל.

באַנגעלעך. פולע באַנגעלעך — פול
מיט זוניקער שטילקייט פון זומערדיקע טרוימען —
דרעמלען יונגמיידלדיק אין ליכטיק-וואַלדיקע באַטאַגן און הערן זיך איין
מיטן גאַנצן וואַלד — אַט
אין טרוימערישע טענער, אַט
אין נעוויאַישע אַקאָרדן און אַט
אין זיגרייכע קרעשטשענדאָס —
וואָס שפּילן פון דער באַנגעלע אַרויס איבערן וואַלד.

די באַנגעלעך טראַכטן, רעדן און זינגען ווי שייפּערס באַנגעלע טראַכט
און שפּילט און ספּעקולירט, און זינגען־איין
און זינגען־אויס
מיט זיין פאַרהאַרעוועטן קלאַוויר
אַלץ
וואָס קומט פון זיין באַנגעלע אַרויס.

דאָ
האָט ער גענומען אַפּן צאָן אַ סאַמע, סאַמע
ערשטן טאָן
פון אַן ערשט־פאַרטראַכטער קאָמפּאָזיציע. דאָ
האָט ער גענומען אַפּן צימבל
אַ לעצטע ערעוו יאָנטעוו רעפּעטיציע און דאָ
האָבן די גאַרנדיקע געסט און נייגעריקער הימל שטערן צוגעזען
נאָך אַ נייאינקע פּרעמיערע. דאָ
אין זיין גאָלדפּאַדן־שפּילקעסטל אַף שאָלעמאַלייכעמישער קינדערלאַנד־דאַטשע
האָט מען געזונגען דעם ערשטן לעכאַים
צו „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע".

פּיאַנע־קלאַנגען קייפּלען זיך און קייטלען זיך
און שפּרינגען
איבער די באַנגעלעך, איבער די ביימער. און מיטן האַרבסט
בלייבן זיי דאָ הענגען מיט די זומערדיקע טרוימען: וואַרטן,
זיך דערוואַרטן —
ביז יאַנקלס באַנגעלע וועט מיטברענגען אַ נייעם פרילינג („זע —
אַ נייער הימל גייט!").

די באַנגעלע, די באַרימטע באַנגעלע — די גרויס
ווי זיין קלאַוויר. נאָר ווען יאַנקל האָט
געקייפּלט קלאַנגען — איז ווי אַלע פעלקער וואָלטן זיך געזאַמלט
און געזונגען אַרום איר.

די באַנגעלע, די גרינטרוימענדיקע באַנגעלע שפּילט
מוזיקאַלישע לעגענדעס פון גרינזומערדיקן אינדערפרי — פון
שאָלעמאַלייכעמען אין בויבעריק
ביז שייפּערן דאָהי.

די באַנגעלע, די ליבע באַנגעלע
מיט די זינגענדיקע כאָרן. די לידער פון דער ליבער באַנגעלע
זינגען ווייטער, זינגען
מיט די צייטן, מיט די יאָרן.

אָראַטאָריע

א

. . . איי, כעוורע,
בייסן מיר די פינגער. לאָמיר זאָגן: ווען איך קען
אין דער אָראַטאָריע אַריינפּאַקן דעם ערשטן מאַי — און עס דערלאַנגען
מיינע זינגער — איי!
ס'זאָל זיך איינגעבן אַ נוץ טאָן ווי מע דאַרף, אַזוי אַ בייג טאָן ווי איך מיין
די פאָרעם פון אַ הענדל, פון אַ באַך—אַריינגעבן גאָר־גאָר אַ נייעם טאָך—איי,
וויים איך אַ זאַך!

אָט נעמט, אָט האָט איר זי
די הייליקע היסטאָריע — די מוירעדיקע מאַיסע
פון גלאָריפיצירטער, גלאָררייכער אַשירעסדיקער אָראַטאָריע: אייביקע
כאַזאָקע פון
רעליגיעזן מיסטיציזם. דוירעס־אַלטער אָנהאַלט פון
קלויסטערישע ריטואַלן. צוואַואַקישער צוואַנג
פון יעזואיטישן קאַטאָליציזם — מיט גילדערנע אָרגלען און גילדערנע כאָרן
אין קיניגלעכע קאַטעדראַלן — מיט גלאָנצנדיקע געצן, באַצאַצקעטע געטשקעס
דעקאָרירטע, באַהאַנגענע
מיט טרויערטריפנדיקע טאָגונאַכטיקע לאָמפּאַדעס צעלויכטענעם טשאַד —
צו לייטערן „זינדיקע", פאַרשלעפּערן „פאַרפירטע": פאַרזינגען און פאַרשפּילן,
באַשפּילן און באַזינגען
די שכיטעס, קאַנאָנאַדעס פון געטלעכן אַפּאַראַט
וואָס פירט די וועלט — מיט גאָט'ס הילף. זעט איר, אויב שוין
ריטואַלן — האָבן מיר אַן אייצער
קלאָגנדיקע קינעס און זינגענדיקע טפילעס קאָלערליי. בין איך דאָ —
ווי איר זעט מיך לעבן — גאָר אַ באַלן
צושטעלן אַ פּלייצע — אַף אייערע מעווינעס — און אַ שפּיל טאָן:
אַבי מיר וויסן וואָס דער ציל איז.

יאַנקלען רופט עס,
יאַנקלען טשעפּעט עס: ס'טייטש? די אָראַטאָריע זינגט
ניט מענטש, ניט פרייד, ניט קלאָרקייט: זינגט נאָר גרויליקע
פאַרבלענדעניש
דורך געטלעך־גוילעמדיקער גלאָריע: האַלעלויע מענטש,
האַלעלויע: לעב אין טשאַד
פון מאַלאָכימדיקע מוזיקאַלישע אילוזיעס: דיין לעבן הייבט זיך אָן ערשט
באַ דיין סאַמע, סאַמע סאָף. האַלעלויע: גלייב. האַלעלויע: איך דערהייב.

האַלעלויע: לעב
אין ניסימדיקע כּאַלוימכּאַלוימעס פון גאַנעידנדיקן שלאָף.

און יאַנקל זעט: אַט
גייט „גאָט" — מיט שווערן
זיכערן זילבערנעם דרייגאַרנדיקן ציילעם באַלעבאַטיש צעלייגט
איבער ברייטער זאַרגלאָזער ברוסט און לויכט
מיט זיין גראַבן זילבערנעם עק
איבער אויסגעפּאַשעטן צעזונגענעם בויך מיט באַסאָוון ביימלדיקן קאָל: יאַנקל זעט

פויערישע כּאַטעס פינצטער און פוסט
און אַף „גאָט'ס" פּלייצעס דעם ריזיקן זאַק — לעצטע
דאָרפישע זשמעניעס ווייץ און וואָל. יאַנקל זעט: אַט
גייט „גאָט" און אָרעם אין אָרעם מיט אים — זיין געזאַלבטער שוטעף —
זיין מאַיעסטעט — דער הייכגעשטעלטער הענקער פון זיין צייט — מיט פרישן שמעקנדיקן עשאַפּאַט
און מיט פּאַסקודנעם פּאַרצעף פון הענקערס פון אַלע צייטן — סקעלעט-פּאַרצעף
וואָס גלאָצט מיט טויזנט אויגן טויט פון אַלע זייטן. יאַנקל זעט
ווי „גאָט" צעעפנט ברייטהאַרציק זיין גינגאָלדענע ווייער־פּושקע און צעוויגט עס

אַף דער קייט, איבערן פאָלק, און טיילט און שפּרייט —
צעוואָרעמטן, צעפּאַרעטן אַוועדיקן וואַוילגערוך. יאַנקל זעט
שערענגעס שווערע גראָע שאָטנס פון אָולדיקן אָוער; שערענגעס פּוסטע ווייסע שאָטנס
פון וויסטע ווייטע וועלטן; שפּיציק־שלאַנקע שטרענגע שאָטנס פון ניטגוטע; שטומע שאָטנס
פון גרוילִיקע גילגולים און דראַכלע דיבוקים; פאַרזינדיקטע, געפאַלענע מאַלאָכים
און שערענגעס ריינע, קלאָרוויסע קיטעס פליענדיקע בסולע־אַנגלען
אין זיבנוניבעציק זייד־געשלייערטע פּאַנטאַזיעס.

יאַנקלען מאַטערט עס: ער וואָלט צעשאָטן און צעשטויבט
די אַלע באַלאַגאַנסקע בלענדנדיקע פאַטשערקעס: יאַנקל גלייבט:
זיינע יידן די קאַבצאַנסקער קענען זיך פאַרמעסטן
מיט די גאָלדענע כּאַרן און אָרקעסטערס פון דער קלויסטער־קאַמאַריליע
וואָס זינגט אונדז טויטגעזאַנגען פון די טויטנקעלערס פון אייביקע קאַסטיליעס.

און יאַנקל האָט פיינט וואַרטן: יאַנקל וויים
אַז עפּעס סטראַיעט זיך אין אים: ער הערט שוין טענער פון גרויסע, גאַר־גרויסע

כאַראַלע פּלענער. און ער קען זיך, איי, קען ער זיך — דעם איינגעשפּאַרטן;
יאַנקל ווייס
אַז עפּעס מוז פון דעם אַרויס. און יאַנקל קען ניט וואַרטן.

זעט, אַדעראַבע,
דעם שלאַל וואַריאַנטן: מיר האָבן פּערל, האָבן מיר — עמעסע פּערל
און בריליאַנטן:

לעכו נעראַנענאַ — מיט געזאַנג אין קאַמף.
לעכו נעראַנענאַ — „עס הערט זיך אַ מעכטיקער רוף אומעטום"...
לעכו נעראַנענאַ — „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע"...
לעכו נעראַנענאַ — „אַרויס פון די הייזער, אַרויס פון פאַבריק"...
לעכו נעראַנענאַ — „פּראָלעטאַריער, וויגט פאַנאַנדער שטעט און לענדער
פון דער וועלט"
לעכו נעראַנענאַ — „ס'איז אַזוי פּראַסטיק דורכזיכטיק די ווייט"...
לעכו נעראַנענאַ — „סיוויליזיי צעציינדן מיר די וועלט"...
לעכו נעראַנענאַ — „ער איז געוואַלדיק צופרידן וואָס די מאַמע האָט אים
געהאַט"...
לעכו נעראַנענאַ — „אָקטאָבער וועט לעבן, אָקטאָבער וועט בליען"...
לעכו נעראַנענאַ — מיט געזאַנג אין קאַמף.

אַלץ וואָס מע דאַרף איז — איבערטאָן, אויסטאָן
דעם טישעבאָוו טאַנעס-טאָן פון כאַלעשדיקן נעבעך און אַריינגעמען די גאַנצע,
טיפע
אַנגעלעבטע גוואורע
פון איינגעזונגענעם טראַגיזם פון דיירדיירעם: דעם גאַנצן קלאָג
פון קלאָגעדיק לעבן פון אונדזער פאָלק
און די איינגעהאַלטענע אַקשאָנעס פאַר זיין לעבן — וואָס קוואַלט
ווי אַ מאַיען האַמיסגאַבער פון דעם אַנטשלאָסענעם טאָן פון קינעס. אַזויאַ
ווערט עס ערשט אַן איניען. אַזויאַ, ברידערלעך,
קען ערשט האָבן אונדזער ליד אַ זינען.

לעכו, לעכו נעראַנענאַ — אַלץ, מיינע טייערע, אַלץ
איז פאַראַנען דאָ.

און אַזוי — מיטן טאַל, מיט דער אַוואָוידע, מיט אַקדאָמעס,
מיטן אונסאַנע טייקעף, מיט אַ קדושע, מיטן צענערענע, טכינעס און
שיראַשירים.
אַפילע מיט דער טייבעכע — מיט אַלע אירע קלאָלעס און כאַראָמעס: אַזויאַ,
ברידערלעך,
די סאָנים אָף צעלאָכעס — קענען די קלאָלעס
זיך אויסזינגען אין בראָכעס.

לעכו, לעכו נעראַנענאַ — אַלץ, מיינע טייערע, אַלץ
איז פֿאַראַנען דאַ.

אַנו, אַנו — לאָמיר נאָר אַ נעם טאָן
אָטדי געטלעכע, די אָנגעבלאָזענע אָסאָבע. לאָמיר, אַף מיין שטייגער,
זיך אַזוי אַ מאַך טאָן מיט איר פֿראַבע
אַף אַ שאַפֿ סטאָליאַרעס, אַף אַ שאַפֿ שניידערקעס און שניידערס,
אַף אַ לעבעדיקער קוזניע מיט פֿריילעכע, פֿייערדיקע האַמערס און
קלאַנגענהילכיקע
קאָוואַדלעס. לאָמיר זאָגן:
„אָ, מיר, פֿון שער און אייזן, אָ, מיר,
פֿון האַק און דלאָט . . .״ האַ?
— דאָס קלינגט דאָך גאָר געשמאַק.
— דער סטאָליערעווונג פֿאַרמעסט זיך גאָרניט שלעכט מיט זייער גאָט.
איז — אַ פּרואוו טאָן אַף דער נאָדל, אַפֿן פּרעס, אַ פּרואוו טאָן אַף דער צוואַנג:
און זאָל די אָראַטאָריע אויפֿהערן זיך בלאָזן ווי אַ גאָדל
מיט איר אָנגעבלאָזענעם געזאַנג: געגנוג, געגנוג
פֿאַרזוגנגען פֿעלקער — ווי קינדער אין די וויגן. געגנוג, געגנוג
געזונגען גרויסן, מייסטערישן ליגן. וואָס זאָגט איר: ווען מען טוט אַ נעם
אַן אייגענעם
בעסמעדרעש־ניגן — און אָנמעסטן אַף דעם:
„הייב אויף דיינע אויגן, אַ פֿאָלק,
וואָס ביסט אַזוי עלנט און אָרעם,
הייב אויף דיינע אויגן צו מיזרעך און מאַירעוו,
צו צאָפֿן און דאָרעם . . .״
אָדער גאָר:
„אַף יענער זייט יאָם
איז געשטאַנען אַמאָל
אַף הינערשע פֿיסלעך
אַ הייזל אין טאָל . . .״

„עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט . . .״

און שייפֿער שרייבט זיין ערשטע אָראַטאָריע — „מאַרטירערבלוט״.
מורמלען יידן — ערלעכע און וואוילע — וואָס ציטערן איבערן כאָר:
„ניט גוט! ניט גוט! ער וויל זיך לערנען שערן
אַף אונדזער באָרד: דער כאָר
טאָר זיך ניט פֿאַרגינען שפּילן מיט עפּעס אַמאַטאָריש: ערנסט, ווי אַלע
אונדזערע צילן, מוז זיין אונדזער ליד — ווי יעדער זינגער אין כאָר איז.
און די צייט איז אַן וווירע, און די קייכעס: געגנוג צו טאָן —
זיין דיריגענט!״ נאָר יאַנקלען זאָגן האָט מען מוירע. און באַ אים דערוויל
ברענט עס אין די הענט.

און עס ברענט אין האַרץ, אין מאַרך, עס ברענט זיין קאָל, עס ברענען די
קלאַוויר־קלאַווישן, עס ברענט יעדער ביסן וואָס ער עסט, עס ברענט
אין שלאָף זיין קישן: מאַטירערבלוט! מאַרטירערבלוט! דאָס בלוט
פון זשאַן זשאָרעס.
פליען נאָטן־אָן אַף בייגנס: שטיקער שטרענגער זינגענדיקער אורטייל;
שטיקער טרייסטנדיקער טרויער; שטיקער אָנזאָג! שטיקער צוזאָג: גלייבן—
קייכעס — קאַמפן — אומגעהויער — אומגעהויער . . .

ק י ר כ נ ג ל אָ ק ן

אַ וועלט מוזיק קלינגט אין זיינע אויערן: ניט מוזיק
פון פרעמדע ספערן וואָס רייסן זיך
דורך הימלדיקע טויערן: אַ וועלט מוזיק —
ווי אַלע פעלקער מיטאַמאָל זאָלן זיך צעזינגען אַף אַ קאָל
און ער
זאָל זיי פאַרהערן. און ער הערט, ער הערט זיי
טאָג און נאַכט: זיין געהער — ווי אַ היימעשער הימל,
ווי אַן אונטערערדיש האַרץ — איז שטענדיק וואַך.
נאָר אַ שטאָט קאַלטע, טויטע קלויסטערקלאַנגען גייען אים אַלץ נאָך
און לאָזן אים ניט אָפּ. פאַרנעמט ער זיך
די קירכנגלאָקן צו דערלאַנגען
מיט צאָרנדיקן סטאַלערישן טראָפּ.

טיף אין אים —
ווי די טיף־פאַרטרוימטע טרויעריקע קלאַנגען פון דעם ווייטן, פרעמדן
פאָרטעפּיאַן, וואָס יאַנקל האָט נאָך יינגלווייז
פון בייזן פאָרעצס פּולוואָרעק געהערט, האָבן טיף אין אים
געקלונגען נאָכאַנאַנד
די שטעטלדיקע קירכנגלאָקן
וואָס האָבן אויסגעקלונגען וויסטע קלאַנגען, קלאָלעס און בילבולים
און די איינגערעדטע געטאָ־רו צעשטערט, צערודערט
מיט יעזואיטישער מיסטעריע פון מערדערישע בסורעס פון אַ מיירעדיקער
יענעוועלט — וואָס געוועלטיקט אַף דער ערד
דורך הייליקע שכיטעס און עקסצעסן. קירכנגלאָקן
וואָס לאָזן אַף אַ רעגע ניט
פאַרגעסן
אַז מיט יעדן זונפאַרגאַנג קלינגען זיי אַריין אין שטעטל אָוולדיקן אָוונט:
מאָנאָכן —
שטומע, שנאָבלדיקע, שוואַרצע שטאָרכן. מאָנאַשקעס — ברייטע, בייכיקע
בייזע

שוואַרצע פלעדערמייז — ציען — ציען —
ציען זיך שערענגעסווייז, איינגעכמורעט, איינגעגנורעט
אין באַהאַלטענע מאַכשאָוועס, ציען — ציען — ציען זיך
שערענגעסווייז
פון פוילע, פינצטערע קאַנורעס און שפּינען אוים
די קייווערדיקע שפּינגעוועבן, און שפּרייטן אוים
די טויטע יענעוועלט איבער לייבונלעבן — איבער שטעטל, איבער געטאָ,
איבער יאַנקלס קרעמעניץ, איבער וואָלין,
איבער דער ליבער, לעבעדיקער וועלט : געטשקעס, העק
און לאָמען — קירכעס באַנערם און קלעיזאַיען
פון אינקוויזיציעס,
פּאָגראָמען. אַ שטעטל יידן —
פּענימער,
אויגן
מיט לעבן און טויט־איבערלעבונג — לויפן
יאָגן — וואו די אויגן טראָגן — באַלויכטן
פון שאַדאַים שויכנאָפער־שכינע פון שטעטלדיקער נאַכט־סרייפע.
קירכנגלאָקן : קוואָרימגלאָקן : טויטנקלאַנגען
פון מאָנאַכעשע מעיסים צעהאַנגען איבערן באַליידיקטן צאַר
וואָס קוקט מיט מוירע
פון יידישע פענצטער.

קירכנגלאָקן : בום—ם—ם—ם !
בום—ם—ם—ם—ם—ם !

„אָ, וואָס קלינגט איר, קיכנגלאָקן !
הערט שוין אויף ! גענוג געשראָקן . . .״

בום—ם—ם—ם—ם ! בום—ם—ם—ם—ם !

בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.

בום—ם—ם—ם—ם ! בום—ם—ם—ם—ם—ם—ם !

פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער־בום !
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער־פּרום !
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער־דום !
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער־בום !

בום—ם—ם—ם ! בום—ם—ם—ם—ם—ם—ם !

פֿלינדער־פֿלינדער ווי געפֿלינדערט.
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער נאָך.
פֿלינדער זקיינים, פֿלינדער קינדער,
פֿלינדער יידן אַף אַ פּולער וואָך.

בום——ם——ם——ם——ם !

פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער בלינד.
קלינג אַריין אַ שרעק אין ווינט.
קלינג אַריין אַ ביל אין הינט.
קלינג אַ מוירע אין די שויבן.
קלינג אַן אומעט אַף די טויבן.
קלינג אַף מאָרדן, קלינג אַף רויבן.
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער גוואַלט.
פֿלינדער פרויען, יונג און אַלט.
פֿלינדער־פֿלינדער פֿאַר די „זינד".
ריים און שמיים און שעכט און שינד.
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער גלאַט :
„הייליק־הייליק־הייליק איז גאָטס טאַט".
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער־בום—ם—ם—ם—ם !

בום—ם—ם—ם—ם—ם—ם !

פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער פֿרום.
פֿלינדער־פֿלינדער ווי געפֿלינדערט.
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער נאָך.
פֿלינדער־פֿלינדער־פֿלינדער אונטערצינדער.
פֿלינדער יידן, פֿלינדער יידן, פֿלינדער יידן אַף אַ פּולער וואָך.

בום—ם—ם—ם ! בום—ם—ם—ם—ם—ם—ם !

„אָ, וואָס קלינגט איר, קירכנגלאָקן !
הערט שוין אויף ! גענוג געשראָקן . . ."

בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.
בלענד די בלינדע, בלענד.

אַ וועלט מוזיק קלינגט אין זיינע אויערן: ניט מוזיק
פון פרעמדע ספערן וואָס רייסן זיך
דורך הימלדיקע טויערן: אַ וועלט מוזיק —
ווי אַלע פעלקער מיטאַמאָל זאָלן זיך צעזינגען אַף אַ קאָל
און ער
זאָל זיי פאַרהערן. און ער הערט, ער הערט זיי
טאָג און נאַכט: זיין געהער — ווי אַ היימעשער הימל
ווי אַן אונטערערדיש האַרץ — איז שטענדיק וואַך.

קירכנגלאָקן קלינגען. פעלקער
זינגען. נאָר דעם טאָן
גיט יאַנקל — ניט סעבאַסטיאַן באַך.

די סאָוועטישע פֿאָן שמועסט זיך דורך
מיט דער פֿאָן פֿון ייסראָעל

באַ דער פֿייערונג פֿון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, זיבעטן נאָוועמבער, אין טעל־אַוויוו, האָט זאַלמען רובאַשאָוו, רעדאַקטער פֿון „דבר", אין זיין פֿייערלעכער באַגריסונג, צווישן אַנדערס, געזאָגט: „אין דער נאַכט ווערט געפֿירט אַ שמועס צווישן דער רויטער פֿאָן און דער פֿאָן פֿון ייסראָעל, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן איבערן האָטעל 'מעטראָפּאָל' אין מאָסקווע. צום ערשטן מאָל ווערט געפֿירט דער אַזוי־אויסגעבענקטער שמועס. אונדזערע האָפֿענונגען זיינען, אַז די פֿריינטשאַפֿט זאָל זיין אַן אייביקע. . . . צאַראַפּקינס ווערטער, מיט זייער אויפֿריכטיקייט און שטאָלענער ווילנסקראַפֿט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן אַ סאָף געמאַכט צו אונדזער איינזאַמקייט . . ."

(אינעם האָטעל מעטראָפּאָל געפֿינט זיך די ייסראָעל אַמבאַסאַדע).

די ערשטע נאַכט פֿון וועלט־דערלייזונג הערט ווי די וועלט פֿייערט איר פֿרייד.
די ערשטע נאַכט פֿרייהייט בליצט מיט איינאונדרייסיק יאָר ליכט איבער
מאָסקווע.
די ליכטיקסטע נאַכט פֿון אַלע צייטן לויכט
איבערן האָטעל מעטראָפּאָל.
אין עלעקטרישער העלקייט פֿון לענינישן ליכט — ווי יעדע שטוב
און שטיבל אין פֿאַרבאַנד — בלענדט
האָטעל מעטראָפּאָל.
אין דורכזיכטיקן ליכט פֿון דער נאַכט, איבער שטאָקן יאָנטעוודיקע פֿענצטער
און באַלקאָנען,

צום באַשטערנטן טורעם פֿון דאַך
פֿליען פֿריילעך באַנאַנד — פֿליען פֿריילעך אַרויף
ווי צוויי קרייוועשע פֿייגל — צוויי פֿאָנען: די רויטע
סאָוועטישע פֿאָן
און די ווייסבלויע פֿאָן פֿון ייסראָעל.

— שאַלאָם! — הילכט צווייהונדערטמיליאָניקער קאָל.
— שאַלאָם! — זינגט זיך אַריין אין דעם הילך דאָס קאָל פֿון ייסראָעל.

די ווייסע, ווייסנדיקע נאַכט
קוקט כאַוועריש זיך איבער מיט איר פֿאָלק אַרום און מיט די פֿאָנען. און איר
פֿאָלק,
וואָס האָט די נייע פֿאָן דורך שלאַכטפֿעלדער אַהער געבראַכט,
זינגט אַרויף
צו די צוויי פֿליענדיקע פֿייגל — פֿון ברודערלאַנד,
און פֿון „בת ציון די אלמנה" — וואָס איז מער שוין קיין אַלמאָנע ניט
און מער ניט די באָס ציען.

די ליכטיקסטע נאַכט פון אַלע דיירעם
שטעלט־אַן פולער איר גאַנצן הימל אויגן, און איר לעוואָנע גיסט
און גיסט אין זיי
איר ליכט: די יונגע פאָן זאָל זען פאַר זיך
דאָס לאַנד גיבוירים
וועמענס בלוט עס לייכט אין בײדע פּאַנען.

שפּילן אָרקעסטערס,
זינגען פערציק פעלקער מיטאַמאָל
צו דער יונגער פאָן פון אַלט און ניי — וואָס מוז זיין פריי. וואָס מוז זיין פריי.
פליען דורך פרייהייט צוויי שוועסטער.
הימנעס הייבן־אויף דעם מעטראָפּאָל:
— „זאָל לעבן דער אָקטאָבער — עם ישראל חי!”
— „דער אָקטאָבער זאָל לעבן — חי ישראל!”.

דאָס געזאַנג האָט די פּאַנען פריילעכער צעפלאַטערט.
זיינען זיי געפלויגן צום הימל, צום פאָלק, און ווידער צום הימל געשטיגן.
ווען דאָס פאָלק איז אַוועק — ווי די פאָנען צעפלאַטערט:
האָבן די שוועסטער נענטער און נענטער גענומען זיך וויגן.

געבליבן באַנאַנד — אַף באַשטערנטן טורעם אונטערן הימל
פון ליכטיקסטער נאַכט אַף דער וועלט — האָט די ווייסבלויע פאָן פון ייִסראָעל
אַ ריר געטאָן לייכט
די רויטע סאָוועטישע פאָן
און געזאָגט:
„מעכטיקע, גוטע: ס׳איז ניי מיר
די זאַך: כ׳האָב קיינמאָל נאָך דאָס לעבן ניט באַטראַכט
פון אימעצענס מעלוכע־דאַך. איך פיל
ווי איך וואַקס
פון דער פרייד לעבן דיר: גאָר אַן אַנדערע, אַי, אַן אַנדערע
געוואָרן איז
מיין נאַכט: דאָ און דאָרט — לעפּאַנעס נאָר —
דיירעם און יאָרן —
אין ווינקעלעך — פון צייט צו צייט —
געהאַט די זכיע אינדערשטיל זיך וויזן. אָן
שטאַנד, אָן
אַמבאַסאַדאָרן,
ווי גלייכע — אין אַ פריינטלעך לאַנד —
מיט אַן אַנדער פאָן זיך פאָרן.

מיין פאָלק איז דער מעכאַבער פון הייליקן בוך, וואָס דינט
דער אַלטער און דער נייער צייט. און פאָנען,
ווי פעלקער —
שטאַמען פון איין שטיק טוך, קומען פון איין
שטיק זייד.
און מיין פאָלק—וואָס שטייט ניט אָפּ פון קיינעמס קאַמף—געווען איז איינזאַם:
איינזאַם אין גאַנג,
איינזאַם אין געוויין, און געקעמפט
דורך די דיירעס — אַליין״.

די פאָן
וואָס איז ליידנדיקער פייער
פון טרוימענדיקן האַרץ און די וואונדן פונעם פאָלק, די פאָן
וואָס בלענדט און לייכט און בליט בלענדיקער און ברייטער ווי די זון,
די רויטע פאָן

„באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן״
האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום דער פאָן פון ישׂראל
ווי אַ טאַטע נעמט אַריין אונטער זיין מאַנטל זיין צאַרט מעזיניקל
אין אַ קאַלטער נאַכט, און אַזוי געזאָגט:

„ווי אַלע פעלקער שטאַמען פון איין מאַמען,
זיינען אַלע פאָנען
פון איין שטיק
געשניטן.
נאָר אין אַזויפיל שטיקער זייד פלאַטערט פאַר דיין פאָלק סאַקאָנע,
און דיין פאָלקס טרוים און דראַנג נאָך גליק
האָט דורך אַלע דיירעס די סאַקאָנע ניט פאַרמיטן.

מיינע פעלקער קענען גוט
דיין הייליקן בוך. נאָר זיי קענען אויך דערצו
אַן אַנדער בוך
פון דיין פאָלקס אַ זון אַ גרויסן. דערפאַר, שוועסטערל,
קען פון מיר דיך קיינער ניט פאַרשטויסן.
איך קען דיך גוט פון אַלע צייטן, און האָב געהאָפט
אַף דעם באַריר.
אַט ליגט אָפן פאַר דער וועלט דיין גאַנצער בלוטיקער מאַרשרוט. גלויב:
ער וועט זיך בייטן. גלויב,
און בלייב דאָ לעבן מיר.

איך קען דיינע שטאָלצע מאַקאַבייער. איך קען
דיינע געוואַגטע זין פון דער וואַרשעווער געטאָ.
איך קען דיינע שלאַכט-רויטאַרמייער אין די גלאָררייכע רייען
פון די וועלטישע רעטער.
איך קען דיינע סטאָליאַרעס און בערשטער, שניידער און שוסטער
וואָס האָבן מיך דורך יאָרן טויט-געפאַר געטראָגן זינגענדיק
דורך וויינענדיקע טכום-שטעטלעך
צום באַפרייער אָקטאָבער, און מיט דיזעלביקע לידער
אַף אונדזערע זיגרייכע פראָנטן, און טראָגן מיך זיכער אָט דאָ
אַף דער וואַך
באַם לעניך מאַוזאָליי
און אַף אַלע געפאַר-האָריזאָנטן — פון ווייסן אַמור
ביזן בלויען דונאַי. און ווי איך קען זיי —
קען איך דיין יונגן זינגער: דיין העלדישן פלמ״ח (פאַלמאַך).

גליק אָדער אומגליק
ליגט ניט אין דעם זייד: ליגט בלויז אין דעם הערב:
וויפל קעפּ האָט אָפּגעקאָסט דיין פאָלק דער צווייקעפּיקער אָדלער?
וויפל קעפּ האָט אָפּגעקאָסט דיין פאָלק דער האַקנקרייץ?
צווישן די ביידע איז דיין פאָלק נאָך היינט פאַרקלעמט. און דיין פאָלק
איז דאָך אַליין פון אַלעמאָל אַ פאָלק
פון האָרעפּאַשנעם האַמער
און פאָשעטן פויערישן סערפּ. דיין הייליקער בוך
און דיין שאָלעם אַלייכעם
קענען דאָס באַווייזן: אַמכאָ,
זינגט דיין פאָלק, — אַמכאָ — שער און אייזן.

הערסט די רייד, דאָס געזאַנג פון מיין פאָלק. און דו ווייסט ווי אַזוי
און פאַרוואָס
דו האָסט איצט וואָס דו האָסט. איז פלאַטער —
זיכער און שטאָלץ דאָ מיט מיר און מיין פאָלק:
וועסטו הערן אַף אייביק
אין פעלקערשן כאָר
דאָס ליד — ח י י ש ר א ל.״

— שאַלאָם! — הילכט צווייהונדערטמיליאָניקער קאָל.
— שאַלאָם! — זינגט זיך אַריין אין דעם הילך דאָס קאָל פון ייסראָעל.

ברודערשאַפט

אַפריקע — הייסע, האַרטע קאָרע פון
מיין שוואַרצן ברודערס ווידערשטאַנד. האַרלעם — האַריקע הויט
פון אַמעריקעס שאַנד.
מיט פייער וואָס ברענט פון דערנידערונג
האַב איךביידע שטאָלץ אַרויפגעשמידט אַף מיין געביין: איינס
ווי אַ פאַנצער, און איינס
ווי אַ שילד.
און די ציוויליזאַציע צעפויקט איבער דער וועלט אַז אויך איך
ווי מיינע שוואַרצע ברידער בין ווילד. נעם איך אָן
איר הינטישן בים. אָט קום איך ערשט,
אָט קום איך,
אַן איינגעוואָלקנטער אין רויכערדיקן טרויער און צאָרן פון
אַ גאַנצן דאָרף עכט פראַנצויזישע לעוואַיעס אין טונים. איך קום —
אַ גייענדיקער, גיבערדיקער שאָטן פון
אַ פאַרשוואַרצטן גאָלדגרעבער
מיט אַ רויכערדיקן קאָפּ פון אַ געפּערלעכן קראַטער — איך קום
פון מיינע ברידערס איינגעזונקענע לעבעדיקע קוואָרים אין אַ שאַכטע פון
אַפריקעס גאָלדגריבער. און אָט
פלי איך אָן
פון די שלאַכטן אין אַלזשיר — מיט בלוט פון פאָלקהעלדן
אין מיינע אויגן, בלוט וואָס שפריצט
ווי פייער
פון מיין אַוויאָן־פּראָפּעלער
ווי פון אַ דורכגעשאָסן האַרץ.

זיץ איך אין האַרלעם מיט מיינע שוואַרצע ברידער
באַ אַ גלעזל ביר
און דערציילן, דערצייל אויס
וואָס אַפּן האַרצן מיר: איך צי אויס
דעם נאַקעטן הימל ווי אַ בלוט־געפלעקטן, בלאָטיקן ברעזענט
איבער אַן אָפּגעברענטן צירק און שפרייט אויס

די נאַקעטע ערד
ווי אַ פאַרטאַפּטשעטן דיל אין אַ הייל, און וויז זיי
פאָלק נאָך פאָלק — ווי היימלאָזע סטאַדעס פערד —
הויל — אין העמדער פון נאַסן
נאַכטיקן גרויל.

באַ אַ גלעזל ביר . . . און די אומשולדיקע, סטאַטעטשנע ציוויליזאַציע
גרילצט און גאַפט : זי נעמט די אויגן ניט אַראָפּ
פון מיר. און איך — איך הייב
מיין קאַלטע גלאָז און רוף אויס היים : צו ברודערשאַפט !
און אַלע הייבן הונגעריקע, בענקענדיקע אויסגעשטרעקטע הענט :
צו ברודערשאַפט ! צו ברודערשאַפט !

וואָלט וויטמאַן

(צו 100 יאָר זינט ס'איז דערשינען זיין ערשטע אויסגאַבע „בלעטער גראָז")

מאַנהעטן — מאַסנמענטש־מאַנהעטן איז געוואָרן דאָס, וואָס איינער בלויז — דער גרעסטער
פון אַמעריקעס פּאָעטן —
האָט דאָס אויסגעמאָלן אין זיין גרויס: גרויס און אייביק ווי ער אַליין
אין זיינע „בלעטער גראָז".

טאָג־טעגלעך זעט מאַנהעטן
דעם צעזונגענעם ריז. און איך, אַ מאַנהעטן־מענטש
זע אים יעדן, יעדן טאָג.
ניט פון ביכער קען איך אים: אַף נויאָרקער לעבעדיקע ענגע גאַסן —
איינגעענגט אין ברודערשאַפט — זע איך אים
טאָג־טעגלעך גיין און גיין — אין זיין לײדנשאַפטלעך־שפּאַנענדיקן שפּרייזן
אין געטרייען געדרענג פון זיינע וואונדערלעכע מענטשן —
דורך זיין ליאַרעמדיקן מאַנהעטן פון גליענדיקן שטאָל און אייזן.
עס הערט ניט אויף
צו גיין
וואָלט וויטמאַן. און איך גיי אים נאָך, און גיי־מיט מיט אים,
און איך זאָג אים גוטמאָרגן.
גוטמאָרגן, וואָלט וויטמאַן.

אַ רידעוודיקער לויכטנדיקער ריז. אַ גרויסער
טרייסטנדיקער טאַטע פון אַ טרוימענדיקן פאָלק. אַ באַרמהאַרציקער ברודער
פון אַ געדריקטער, פרייער, דראַנג און פייערדיקער מאַסע.
איך זע דאָס וואַרעמע, דאָס ווייסע ליכט פון טיפער כאַכמע שטראַלט פון אים
צו אַלץ,
וואָס זיין דורכזיכטיקע געשטאַלט נעמט אַריין אין זיך. איך זע
די מישפּאָכעדיקע ליבשאַפט פון זיינע פרייע פּיס
צו אַלע מיטגייער אין ענגע ברידערלעכע גאַסן פון איבערגעפּאַקטן נויאָרק.

אַ צעזונגענער ריז
אינמיטן מאַנהעטן. אַ קאָלאָסאַלער קאָל
פון דאָ נאָך ניט געדאַכטע פּאָעטן. טויזנט־קלאַנגענדיקער קאָל
איבער רעקלאַם־רעווענדיקע הימלקראַצערס און פיטשינקע, פישטשענדיקע
דיכטער־כאַרן
אין רויכיקע טאַקטורענע באַהעמישע הימלען פון קעלער־קיבעצאַרניעס
און „שוואַרצער קאַטער"־קאַבאַרעטן.

הונדערט יאָר וויטמאַן. הונדערט יאָר — אַ יאָרהונדערט
בלעטער גראָז. ווי זעען אויס
די יאָרן
זינט ער האָט די ערשטע בלעטער פון זיין יונגער, נייער, ניט דערקענטער ערד
אַרויסגעלאָזט? זיי זעען אויס ווי היינט זעט אויס
וואָלט וויטמאַן. און אַלע הונדערט יאָר מיט פולע מיילער גיפט און גאַל
און קלעק און שלעק און זאַראַזע־קריכנדיקע רעכילעס
זיינען אין די מיילער געבליבן אומהיילבאַר און הילפלאָז פאַרשטעקט:
אינמיטן מאַנהעטן הילכט היינט
זיין קאָל
נאָך הילכיקער וואָס זיין ציל איז: זיין אייגן־געטרוימטע,
אייגן־געצייכנטע, אייגן־געבויטע אַמעריקע איז רוימיק און ברייט —
ווי זיין ליד וועגן איר — ווי ער'ט עס געבויט: פריי —
ווי ער האָט עס דעם פאָלק פאַרטרויט.

זיינע ברייטע שליאַכנדיקע בריקן די אָפענע, די לופטיקע —
מיט זיינע הענט די גינציקע צעצויגן און צעהאַנגען — זיינען לאַנגע
וויברירנדיקע טשעלאָס איבער זיין האָדסאָן וואָס פליסט ליריש, פריי
און גלייביק, פריי און מענטשלעך
ווי זיין פולפעלקערדיקער פערז:
זיינע פערזן זיינען די טשעלאָ־בריקן, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן
איבער זיין ליבן טייך — איבער אַלע זיינע טייכן
אין אַלע זיינע שטאָטן — מענטשן,
מענטשן, מענטשן גייען
איבער זיי
טאָג און נאַכט און נאַכט און טאָג און טאָג און נאַכט שוין הונדערט יאָר.
און די בריקן שטאַרקן זיך מיטן שטאַרקן זיך פון פאָלק וואָס גייט און גייט —
ווי ער האָט עס געוואָלט.

זיין וועלט־באַוועלטיקטע ברוסט אָטעמט מיטן אָטעם פון נייע לענדער מיט נייע מענטשן,
נייע לידער און מאַשינעס, און דאָ
איז אַלץ נאָך „אין דער מאָדע" טויט־געפאַר
אין גאָלד־שאַכטעס און קוילנמינעס: איז דערפאַר דאָ אַלץ נאָך
אין דער מאָדע
פאַלמענזייף און ראַדזשערס זילבערוואַרג־לידער און לידער
אין קרוזשעווע־קאָרסעטן, לידער
וואָס „זידן־אויף אַ רעגע און כאַלעשן — ווי סירעפּ־קאָלירטע גלעזער סאָדע".
יאָ, דאָ רייסן זיך נאָך אַלץ אַריבער אים טאַנדעט־פּאָעטן
מיט טעמעלאָזע טראַפּאַרעטן: קליינשטעטלדיקער אָנשטעל

אינמיטן מאַסנגעפּאַקטן מאַנהעטן—אַלץ נאָך, אַלץ נאָך אין דער מאָדע.
נאָר וואָס,
אַז דער שטייגנדיקער שוואונג פון זיין קאָל
האָט דורכגעשלאָגן אַלע שלאַבערדיקע שאַבלאָנען, וואָס שפּילן נאָך ערשטע פידל
אין אָנגעבלאָזענע באַטלאָניש-באָהעמישע סאַלאָנען,
וואו ס׳ווערט טאָג-איין, טאָג-אויס געשריבן די אומפאַרמיידלעכע געשיכטע
פון גאַנצע דיירעס דיכטער וואָס שטאַרבן-אויס
פון טאַלאַנטלאָזיקייט.
דער פעלדיקער אָטעם פון זיין דיכטערישן טראַקט האָט דענערווירט
די צעקראָכענע נערוון פון קליינשטעטלדיקער באַנאַליטעט וואָס גילט נאָך היינט
ווי „גרויסע טראַדיציע" — גרויס ווי אַ מאַרק
פון ניי-פאַבריצירטע „אַנטיקן" — באַנאַליטעט
פון זיסלעך-סקריפּענדיקע סמיקן אַף איינונאייניציק פאַרבליבענער סטרונע,
וואָס פּאָנפּעט מיט לירישן טרעמאָלאָ — ווי אַ יינגל אַ ליד
אַף אַ קעמעלע.
אַף זיין פרעירי-ברייטן פרייען טראַקט האָט ער נייע שטעט מיט נייע מענטשן
אָנגעפּאַקט — דער נאָבעלער מענטש,
דער מענטשלעכער פּאָעט.
יענע דיכטעוועזן פאַר באַזיידנטע, באַצירינגטע, קרענקלעך-בלייכע
בורזשואַזע דעבוטאַנטקעס. און די לידער זיינען אויך
ווי די „פרינצעסינס" אָן אַ טיטל. אוןביידע זעען-אויס
ווי שמאַכטנדיק אין שמעקעדיקן, שלעפעריקן, סיידעסדיקן שלומער: ציטערן זיי
פאַר זיינע לויטערע, לויזגעלאָזטע לידער פון פולן, פרייען, נאַקעטן
רייפן זומער.

איז וואָס, אַז זייערע צינגער שניידן
ווי ראָסטיקע סערפּן, און זייערע פינגער
רייסן
ווי טעמפּע קאָסעס: האָבן זיי אָנגערירט
כאָטש אַן איינציק בלעטל גראָז?

צו זיינע יונגבלעטערדיקע הונדערט יאָר האָב איך היינטיקע
הונדערט דיכטער דורכגעבלעטערט — יונגע דיכטער: אַזוי יונג —
און אַזוי נודנע: מיינסט
אַמעריקע איז אָפּגעשטאַנען, צוגעשטאַנען, אַלטפרענקיש און מאַרודנע:
אַף וויטמאַנס האָדסאָן זוכן זיי אַ פאַרשוואומענעם, נעבעך פאַרבלאָנדזשעטן
שפּאָן. אַף וויטמאַנס הימל
נישטערן זיי אַ פאַרכאַלעשטן שטערן. היינט —
ווען די וועלט מוז הערן אַמעריקע ריידן מיט זיין טאָן —
עס זאָל ניט כאָרעוו ווערן.

ליאַרעם, אומגעצאַמטער אימפּעט
נאָך אַלץ אַרויף, אַרויף זיין מעטראָפּאָליע, זיין נויאָרק.
און ער איז וואו? קעגן אים
איז זיין שטאָט פון דינאַמישן וואונדער, ווי קעגן איר —
די טשערעפּאַכעדיקע קאַלאַמאַזו: אַז ער איז ה י י נ ט
פון אַ מיליאָן העליקאָפּטערס ווערטיקאַל צעפליגלט אין געפלי: דאָס פליט
הונדערט יאָר יינגער פון זיין לאַנד. זיין לאַנד
דאַרף ערשט אָניאָגן זיין מוטערלאַנד, זיין פאָטערלאַנד, זיין טרוימענלאַנד —
זיין מענטשנלאַנד — זיין אייגן, אייגן לאַנד אַמעריקע. און ס׳וועט.
(יאָ, ס׳וועט דיך אָניאָגן, וואָלט וויטמאַן).

ווי אין פרילינג וואַקסן בערג, ווי אין פרילינג טייכן
טוען זיך אַ לאָז, אַזוי
וואַקסן, שטייגן,
שפּרייטן זיך און וואַקסן אַף זיין דיכטערישער ערד
זיינע ברייטהאַרציקע, האַרץ- און וועלט-פאַרכאַפּנדיקע בלעטער גראָז.

ווי זיין אַלראַסנדיקע ראַסע אין נויאָרקישער יאָג-שאָ וואַקסט
מיטן אימפּעט פון זיין שטאָט מיט ריזן
אין יאָג-אַריין
און יאָג-אַרויס פון סאָבוויי-שוואונג —
אַזוי וואַקסט ער אויס און ער איז דאָ: ווי ער האָט מיט הונדערט יאָר צוריק
זיך דאָ באַוויזן — דער פּראָסט-פּאָשעטער, היימישער
אייגענער נאָווי פון מאַנהעטן
מיט זיין ברידערלעכער כאָכמע — ווי אייב לינקאָלן —
ברידערלעך און יונג.

די טויערן צו דער וויטמאַן-דעמאָקראַטיע, וואָס זיינע רעוואָלטירנדיקע אָרעמס
האָבן אויפגעפּראַלט
קען שוין קיינער ניט פאַרהאַקן. די ברייטע שליאַכן
וואָס זיינע אַרומנעמענדיקע אָרעמס האָבן צעעפנט צו די פעלקער און לענדער
נאָך ברודערשאַפט פאַרבענקט
זיינען גֿעפלאַסטערט מיט זיינע לידער, וואָס האָבן מעכטיקערן האַפט
ווי דער אַספאַלט אַף שליאַכן
פאַר מאָטאָריזירטע אַרמייען און ווי היינטיקע אַטאָמישע אַרמיי-באַראַקן.

דער צעזונגענער גיגאַנט אַזוי ביימערדיק יונג —
זעט אויס טויזנט יאָר שטאַרק:
אַ גייענדיק-צעשטראַלטער פּראָמעטעי. קעגן אים — וואָס זיינען זיי —
וואָס זוכן יונגקייט אַפן אַלטן ביכערמאַרק. ער איז צעלויכטענער עדיסאָן
אין אייגענער וואַקסנדיקער זון אַף העראַלד סקווער — מאַניפּולירנדיק

זיין ליכט איבערן לאַנד. זיי זיינען
די פאַררויכערטע צען־וואָט־לעמפּלעך פון נויאָרקס סקלעפּעוואַטער סאָבווי:
קליינע,

מיזערנע, פאַרזשמורעטע
ניט פאַרגינערישע אייגעלעך פון שטאָטישע קאַרגונעס. קענן אים
און אַזוינע ווי ער האָבן אַזוינע ווי זיי נאָך קיינמאָל
קיין טרופּע ניט געפונען:
אַמעריקעס האַרץ איז ער. אַמעריקעס אויגן. אַמעריקעס פרייהייט איז ער.
אַמעריקעס נעכטן, היינט און מאָרגן. אַמעריקעס ליד איז ער.
אַמעריקעס קולטור — ער, דער מענטש, דער געניאַלער טרובאַדור.

זיין ליד איז — פון אַ טויזנטשטימיקן טיטאַן — דער פאָלקלאָר
פון זיין דינאַמיש לאַנד.
וואָס איז אַמעריקע אָן אים?
אַ קאָלאָסאַלער קאַלוואַראַט וואָס זעצט מיט רויך און שיט מיט גאָלד
פון אַ מיליאָן טורבינען. אירע מאָטאָרן און דינאַמאָס
וואָלטן געוועזן אַ טומלדיקע פּאַנאָראַמע פון מיירעדיקע מעכאַניזמען,
וואָס וואָלט סאָף קאָל סאָף געבראַכט אָף זיך קאַטאַסטראָפאַלע קאַטאַקליזמען.
ווי ער אָן אַמעריקע וואָלט ער ניט געווען, אַזוי וועט צו אַמעריקע
דאָס פאַרקערטע פון אים ניט געשען — אין לעצטן סאַכאַקל.
און אויב זיין פאָלק וויים נאָך ניט פון דעם —
וועט זיך עס סאָף קאָל סאָף באַזינען. דאָס פאָלק מוז
מיט זיין נאַווי, מיט זיין דיכטער זיך געפינען — אין צוואַנג,
אין טפיסע, שקלאַפעריי — ווי אָף דער פריי.

און דאָס פאָלק זינגט וויטמאַנען, ווייל וויטמאַן זינגט
ווי עס זינגט אַ פויער — ווי זיינס אַ דאָרף פויערים זינגט
ווען ס׳נעמט אַראָפּ ס׳גערעטעניש פון פעלד
ס׳ערשטע, ערשטע מאָל פאַר זיך: אַלע פויערים האָבן זיין געשטאַלט.
ווי שטיינמעץ, באַ די קלוגע אַפּאַראַטן, וואָס וויל אַרויסנעמען דאָס ליכט
דאָס גאַנצע

פון דער ערד — האָט זיין פּאָנעם, ווי איינשטיין
אין פּראָסטן סוועטער צווישן די פּלאַנעטן וואָס אַנטפּלעקן אים
די סוידעס פון דער מענטשהייט — האָט זיין פּאָנעם.
און לינקאָלן און מאַרקס און דאָגלעס און בראַון — אַלע האָבן זיי
זיין פּאָנעם. און גאָרקי, טאָלסטאָי און מיטשורין. אַלע
וואָס לעבן אָף פרייד און יעסורים פון פאָלק. דאָס פאָלק
איז אַ פאָלק וויטמאַנס, אַ פאָלק בראַונס, אַ פאָלק גאָרקים,
וואָס וואַרט נאָר אָפּן טאָג פון אייגענער אַנטדעקונג — און אַנטפּלעקונג.
ס׳הייבט זיך אָן מיט איינעם — וואָס קומט פריער. און קומט ער נאָר —
מוזן קומען אַלע, מוזן אַלע קומען.

(צו דיין הונדערטיאָריקן לידער־טאָג, קום, וואָלט וויטמאַן,
לאָמיך מיט נייע מענטשן דיך באַקענען. דורך זיי וועסטו זיך
בעסער נאָך דערקענען: אָט איז כינע. באַקען זיך: מאַאָטסע,
טשוטע, טשאָ ען לאַי. און אָט, דאָ דערבײַ,
איז האָ טשי מין. און דאָרט איז
מאָסקווע, פּראַג, בודאַפּעסט, וואַרשע, בערלין: דײַנע לידער — הערסט?
און אָט — גרוסן דיר
פֿון בולגאַריע, בורמאַ און מאַלאַי).

וויטמאַנס „בלעטער גראָז" צעוואַקסן זיך אין אַלע וויסטע ווינקלען
וואו זיין נעוויאַיש ליד הייבט ערשט אָן צו פֿינקלען אין הערצער פֿאַרקלעמטע
פֿון פֿעלקער און מענטשן פֿון זיך אַליין פֿאַרפֿרעמדטע דורך יענע
וואָס וואָלטן אים אין זייער מאַרק אין אָפֿענעם פֿאַרברענט —
וואָלטן זיי נאָר געקענט.

איז אָט, ווי איך לערן מיינע קינדער געשיכטע —
די געשיכטע פֿון זייער ליבן לאַנד: ניט
דורך צענזורירטע לערער, נאָר פֿון ערשטער האַנט:
דורך איר געניאַלן דיכטער:

„ווי רופֿט מען
דעם מענטש אַמעריקע?"

„ו ו אָ ל ט   ו ו י ט מ אַ ן".

„ווער האָט אַנטדעקט
אַמעריקע?"

„ו ו אָ ל ט   ו ו י ט מ אַ ן".

„ווער וועט איינגעמען
אַמעריקע?"

„ו ו אָ ל ט   ו ו י ט מ אַ ן".

„ווער וועט לעבן אייביק — ווי זיין לאַנד אַמעריקע?"

„איר באַפֿרייער — ו ו אָ ל ט   ו ו י ט מ אַ ן".

מ אַ מ ע

(לעקאָוועד דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויענטאָג)

אַזויפיל לידער דיר געזונגען שוין, און ס׳איז נאָך אַלץ
ניט דאָס. ווי קען אַ ליד —
דאָס גרעסטע ליד —
דיר זיין אַ לוין
פֿאַר דיין וועלט ווייטיק און פֿאַרדראָס.

מיין ערשט ליד האָב איך געזונגען דיר נאָך בראָדיענדיק
אַ באָרוועסער
אין קליינשטעטלדיקן מאָך, ווען דו
אין אַ צעשפּאָלטן מולטערל האָסט איינגעוויגט
דיין אייביק פֿאָר: דיין אַלטן דאַלעס און
דיין יונגן דאָר.

מיט ווערטער וואָס האָבן זיך אין מיינע ליבנדיקע ליפּן איינגעברענט
האָב איך געזונגען דיר
ווען מיינע אויגן האָבן זינקענדיק מיר אויסגעברענט — דיך טרעפנדיק בעטלען
אַף צעלויכטענעם בריליאַנטענעם אַפּערע-סקווער
מיט דיין צעשראָקן זויגקינד אַף די הענט — אינמיטן אַ מאָדנער מענטשהייט
פֿון לויטער דערפֿאָלגרייכע אימפּרעסאַריעס — און דיין קינדס צעשראָקן געוויין
ווײַנט אַריבער און אַריבער אַלע
האַצרייסנדיקע אַריעס.

מיט קידעש-לעוואָנע אויסיעס — בוכשטאַבן דורכגעלויכטענע
פֿון לויטערע לעוואָנע-נעכט — בוכשטאַבן די גרויס
ווי יונגע, ריינע הערצער פֿון רעוואָלטירנדיקער יונגוואַרג
האָב איך געטרייע מאַמע-ווערטער אויסגעבונדן
און אין דיין העלדיש-הילפֿלאָז לייבונלעבן דיר אַריינגעזונגען.

איך האָב געזונגען דיר
בײַ די שלאַכטפֿעלדער-בעסאיילעמס פֿון
דיינע יונגע פֿעלקער, בײַ די באַריקאַדן-קוואָרים פֿון
דיינע פֿעלקער העלדן, און בײַ די שפּאָגל נייע קאָרבאַנעס פֿון
אַטאָמישער עפּאָכע. זאָג דו מיר וואָס —
זאָג דו מיר ווען
וועט שוין מיין ליד צו דיר זיין אַ פֿולערע, אַ גאַנצערע,
אַ דורכויס פֿריילעכע ברודערלעכע בראָכע.

זאָג דו מיר וואָס
דער טייטש איז פון
וואָרט מ אַ מ ע, זאָג דו מיר וואָס דער טייטש איז פון
וואָרט ש ו ו ע ס ט ע ר. זאָג דו מיר וואָס
דער טייטש איז פון וואָרט ק אַ ל ע. זאָג דו, זאָג דו מיר וואָס דאָס שענסטע איז
אין גאַנצן לעבנס פּאַנאָראַמע. זאָג דו מיר וואָס
אין קימפּעט קלערסטו. זאָג דו מיר וואָס
פֿאַר דיין וועלט מיט צאַר איז דיר מעמאַלע. זאָג. זאָג. וואָרעם דיין וואָרט
קעגן דער וועלט וועט אַלץ נאָך אַריבערוועגן — אַפּילע אַף דער
שטרענגסטער וואָג
פון מיין אייגענעם טאָג. זאָג, מאַמע, זאָג. און דאָס, גלייב איך, וואָס דו
קענסט היינט שוין זאָגן, דאָס, מאַמע,
קען מיין ליד צו דיר ביז דיין אייגענער מאַמעדיקער הייך דערטראָגן.

קייטן קלינגען אין אַמעריקע

(פאַר די עלף פאַרמישפּטע פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי)

צוועלף שטייען פאַרן געריכט.
צוועלף פאַרליבטע בירגער שטייען פאַרן טריבונאַל — פאַרמישפּט:
פאַר שווערן טרייהייט זייער פאָלק,
פאַר שווערן אַמעריקע אייביקע ליבע. פאַרמישפּט.

פּאָנעם על פּאָנעם שטייען די אייִדעס: דער שטאַט
מיט זיין אונטערוועלט און רעגעגאַטן,
און דאָס פאָלק אַליין — געקומען אייִדעס זאָגן
פאַר די זין און פאַר דעם טאַטן.

ווער וועמען מישפּט? ווער מישפּט וועמען?
ווער באַשולדיקט וועמען אין פאַרראַט?
דער באַשולדיקטער — ער איז דער נאָווי פון אָפּגענאַרטער מענטשהייט,
דער ריכטער, פּראָקוראָר —
אַמעריקעס פויק-שטעקנס פון אַטאָמישן נאַבאַט,
קאָקאַ-קאָלאַ-עקס-לאַקס-דינאַמיט-מאַגנאַט. אילוזעס פּאַני-בראַט. פאַרמישפּט!

עלף זין מאַרשירן אין קייטן.
עלף זין — געשמידטע
איינער צום צווייטן, און אַלע — צום טאַטן געשמידט.
די וועלט קען דעם טאַטן, די זין און די קייטן.
די וועלט קען דעם וועג, דעם מאַרשרוט —
מיט פייער און בלוט און מיט טליעס פאַרשפּרייטן.
די וועלט קען זיי — די גייער אין קייטן,
וואָס גייען און ברענען — און פאַלן ניט אום, און ווערן ניט מיד,
און לאָזן דורך בראַנד און דורך פייער
פון וועלט זיך דערקענען: אין קייטן געשמידט —
ד אָ ס ג י י ע ן ב אַ פ ר י י ע ר.

עלף ברידער אין קייטן
מאַרשירן.
איינער, איין מענטש בלויז, איין מענטש
קען זיי נאָר פירן — **ד ע ר ט אַ ט ע.**

קייטן קלינגען אַף די גאַסן פון נויאָרק—אַקאָמפּאַנירן זיי די לידער,
וואָס ברויזן פון פאָלקס האַרץ.
קייטן קלינגען אַף די סקווערן פון אַמעריקע—אַקאָמפּאַנירן זיי
פּאַר כאַשעווע באַנדיטן דעם לייטזעליקן טרויער-מאַרש.

צו צווייִ — באַנאַנד — מאַרשירן זיי, געשמידט
האַנט צו האַנט.
באַ די שטיינערנע קאָלאָנעס, פון די שטיגן באַם געריכט, הייבט זיך אויף
און שטעלט זיך אין דער ערשטער רייִ
דער „שולדיקסטער" — דער צוועלפטער אַרעסטאַנט.
זיין פּאָנעם — ברוין,
צעלויכטן
פון הונדערטיאָריקער זון און זיגן.
זיין באָרד, ווי אַלעמאָל, צעקעמט אינדערמיט — אין צווייִ ליכטיקע
האַלבע לעוואָנעס, זיין קאָפּ —
מאָנומענטן-שטאַרק, לייכטטורעם-פעסט —
זיין ברוסט און קאַרק: דער טאַטע — דער פאַרהונגערטער,
פאַרטריבענער, פאַרוואָגלטער,
פאַרפרעמדטער, קיינמאָל, קיינמאָל אָפּגעפרעמדטער,
אייביקער
קאַרל מאַרקס.

די צייט,
די קלוגע אַלטע צייט,
ווען אַלטקייט עס גערדויערט ביז זי וואַרפט אַראָפּ פון זיך די אַלטע שיך
און טוט-אָן נייע,
און ווערט טאָג-טעגלעך מיטן גאַנג פון פאָלק באַנייט,
די שטענדיק, שטענדיק קומענדיקע צייט וואָס איז שוין דאָ — גייט-מיט
מיט די פאַרמישפּעטע
און באַוואַרפט מיט פּאָנען זון דעם ברענענדיקן וועג
פון דעם הערלעכן טאַטן
מיט די עלף געבענטשטע זין.

קייטן, קייטן, קייטן קלינגען ווידער:
קלינגען הילכיקער און הילכיקער די קייטן-לידער: **פרייהייט!**

קייטן-קייטן-קייטן-לידער.
אינמיטן גווילעמדיקן ליאַרעם פון נויאָרקישן האַרמידער.
קייטן-לידער, קייטן-לידער קלינגען: **פרייהייט!**

וואָס איז מעכטיקער ? — דער קייטנדיקער טויטנטומל,
צי די קלינגענדיקע קייטן־לידער ?
קייטן ברעכן זיך, צעפֿאַלן זיך — פֿון מענטשנס ליבע אױף דער ערד,
און די לידער קלינגען אייביק, אייביק, אייביק
אין דער וועלטס געהער : **פֿרייהייט !**

פֿאַרסאָנס קייטן. מונים קייטן. דעבסעם קייטן. סאַקאָ וואַנזעטיס
קייטן. אַלע קייטן
זיינען לענינס קייטן, דימיטראָווס, רוטענבערג און טונגס.
אַלע שמאַטען זיי פֿון זעלבן פֿייער, אַלע האָבן זיי אײן קלונג : **פֿרייהייט !**

אַזויפֿיל טריבונאַלן, טפֿיסע־ווענט און טראָנען איבערגעקלעטערט
אין קייטן געשמידט.
אַזויפֿיל קייטן שוין צעשמעטערט —
נאָר גאַנץ איז
יעדעס ליד.

שטראָף ציט זיך נאָך שטראָף שוין דײרעס לאַנג, און אַלט,
ציט זיך און ציט זיך ווי עקדישן
פֿון פֿאַרצייטיקן וואַלד — שוואַרץ און געל און גרין.
די שטראָף ווערט אויסגעטיילט פֿון ריכטער, נאָר בלויז די צייט אַליין
באַשטימט דעם אויסגאַנג פֿון טערמין.

עלף זין מאַרשירן אין קייטן,
עלף זין — געשמידטע
איינער צום צווייטן, און אַלע — צום טאַטן געשמידט.
די וועלט קען דעם טאַטן, די זין און די קייטן.
די וועלט קען דעם וועג, דעם מאַרשרוט —
מיט פֿייער און בלוט און מיט טליעס פֿאַרשפּרייטן.
די וועלט קען זיי — די גייער אין קייטן,
וואָס גייען און ברענען — און פֿאַלן ניט אום, און ווערן ניט מיד,
און לאָזן דורך בראַנד און דורך פֿייער
פֿון וועלט זיך דערקענען : אין קייטן געשמידט —
דאָס גייען באַפֿרייער.

די שניידערישע קאַטערינקע

שפּיל־פּאָעמע

(צום 300־יאָריקן יובילײ פֿון ייִדישן יישעוו אין אַמעריקע)

איבערנאַכט
בין איך אויסגעוועזן אַ וועלט. איבערנאַכט
האָב איך דרײַ הונדערט יאָר געמאַכט — אין אַ גוסרעגן — אין אַ מאַבל
שוויים און בלוט.
אין דער נאַכט איז אַ מינוט
געווען אַ יאָר,
אַ שאָ — אַן אַנדער דאָר. די נאַכט
איז העל געווען
און דורכזיכטיק — אַ טעלעוויזיע־עקראַן
די גרויס פֿון אַ יונג־כּיידעש־הימל אַן אָפּגעשאָטענער מיט שטערנשטויב
פֿון גאַנצן לאַנד. די נאַכט
איז לאַנג און ברייט געווען און איך
האָב זיך אַזוי פֿיל, אוי, אַזוי פֿיל אָנגעזעען
פֿון דעם אימפּעטדיקן, שטײַגנדיקן שפּאַן — פֿון נויאָרקיש־ייִדישן סינעמאַסקאָפּ
אין רעגנבויגן־בלענדיקן קאַליידאָסקאָפּ פֿון אימיגראַנטישער פּאַנאָראַמע
פֿון פֿײַנלעכן,
פֿריידפֿולן וועג צום אַרויף־און־אַראָפּ
פֿון דער אימיגראַנטן־דראַמע,
וואָס מײַנע זיידעס און מײַנע זין און טעכטער האָבן דורכגעמאַכט
דאָ־הי
פֿון דאָרפֿישן ניי־אַמסטערדאַם
ביז גרויסוועלטישן נויאָרק,
פֿון פּרימיטיוון פֿערד־ און וואָגן־שטעטל
ביז פֿאָרד־און קרײַסלער־טאַראַם,
פֿון אָשער לעווים ערשטן קאַמף פֿאַר רעכט
ביז די ראָזענבערגס הימלשרײַענדיקן מאָרד.

אָ, דו, מײַן וואונדערלעכע,
וואונדערלעכע וואַנדערנאַכט מיט אַ הימל פֿאַרוואונדערטע אויגן
פֿון אָרנטלעכע, גרינע ייִדן, אָ,
מײַן צעלויכטענע, וואונדיקע נאַכט פֿון האָרעפּאַשנע באַלמעלאָכעס
מיט וואונדן פֿון צעשלאָגענע טרוימען, מיט טרוימען רויטער
און גרעסער און שטאַרקער פֿון
די וואונדן. אָ,

מיין שווערע, דויערנדיקע נאַכט
פון איבערגעפּאַקטן קעסל־גאַרדן — איבערגעפּאַקט
מיט פּעק דאַלעס, פּעק פּיינען, פּעק שרעק און פּעק צאַר,
פּעק צעמאַזיקטע מענטשן, צעבראָכענע הערצער — און אין יעדן, יעדן האַרץ
אַ שטראַלנדיקע, גאָלדענע פּאַווע. אָ,
דריי־הונדערט־יאָריקער טראַגישער נאַכט־ספּעקטאַקל פון מיין וואַנדער־פּאָלק
צווישן וואַנדערפעלקער — יעדער מיט זיין פאָן, יעדער מיט זיין פאַקל —
אָ, מיין מאָדנע,
מיירעדיק־דערפרייענדיקע נאַכט מיט האַרצרייסנדיקער פרייד —
פון אָפענע טויערן פון טרערן־אינדזל
ביז מיין טאָכטערס ריינסטן טרוים פאַר איר אַמעריקע אונטער פאַרדאַכט,
פון אַ שיף וויינענדיקע קינדער אונטער מאַמעס דורכגעווייינטע פאַטשיילעס
ביז נויאָרקישע קאַלטע קוואַרטאַלן אייפּעלעך פאַרשטיקט און פאַרשמאַכט,
פון הירש לעקערט

און מענדל ביילים
ביז דעם דערהייבענעם זון פון מיין פאָלק, דעם אויבער־ריכטער,
וואָס קוילעט מיינע קינדער פאַר מעקאַרטין: מיין זון, דעם פאַטריאָט,
מיין העלדישע, מיין צאַרטע טאָכטער באַזעצט ער אוינעג־שאַבעסדיק
אַף בראָדוויאיש־באַלויכטענעם טויטנטראָן פון זיין גאָלדגלעקערדיקער
קאַריערע
מיט פינף עלעקטרישע גירליאַנדן טויט —
מיט „יידישער טראַדיציע”, מיט בענטשליכט־ערע — לעקאָוועד שאַבעס,
לעקאָוועד יאָנטעוו — און נאָך זיין קידעש אַף צוויי פולע
רויטע הערצער פון זיין אומע טוט ער אוים
די זיידענע, די שוואַרצע ריכטער־טאָגע
פון זיין זיגערישער טויטן־כאָגע
און „גוט־שאַבעסט” זיך מיט ווייב און קינד: — נאָך אַלעמען —
אָפּגעפּאַטערט,
איז דאָס האַרץ אים לייכט, זיין גדולע וואַקסט,
און ווי אַ פרייער ייד אין זיין פרייער מעדינע
גייט ער, נאָך דער אָפּגעברענטער „כופּע”, אין טעאַטער —
צו „בייגל און יאַקס”
און קוועלט־אָן און פאַרגייט זיך און כאָכאָטשעט און לאַכט. אָ, מיין נאַכט —
אַ וועלט
מיט בלענדנדיקע בליצן — אַ לאַנד
אילומינירטע טויט־געפאַרן.
מיין טרויעריק־יאָנטעוודיקע נאַכט — דריי הונדערט יאָר ברענענדיקער הימל—
וואָס וויל איר מיט איר ביסל פרייד
פון מיינע אָרעמסטע סלאָמס ביז די באַגילדטע טעמפּל־שפּיצן
מיט די איידעלע לאַפּעס פון כאַפּ־לאַפּ אין פייער פאַרשאַרן.

מיינע קליינע אויגן האָבן איבערנאַכט
אין צוויי צעלויכטענע שפּאַקטיוון זיך צעוואַקסן. טעלעוויזיע־שטראָמען
זיינען דורכגעפלויגן
מיט דיירעס פּנימער פול זאָרג און פרייד,
דיירעס אַקסלען,
דיירעס פּלייצעס — מיד און מאַט, נאָר אַלץ מיט ברען, און גרייט,
דיירעס רעשטאָוואַניעס, פאַבריקן, וואַרשטאַטן און געצייג,
געצייג פון יעדן פאַך,
קראַמען, קרעמלעך, מערק, געשטעלן — אַסאַך, אַסאַך, אַסאַך —
איבער די וואַקסנדיקע שטאָטן: שפּאַן
פון אָנטרייבער און פערד, באַלעבאַטעס און גאַזעלן: שפּאַן
פון גיריקע, גייציקע גאָלדזעק
און גוטמוטיק־בייזע קאַבצאָנים: שפּאַן פון געדיכטן, גוטן
לײדנדיקן פאָלק
און זיינע ביטערע,
בלוטיקע סאָנים.
„דאָ אין אונדזער גרויסן יאַם
פון יעסורים און פון קלאָגן״.
אַמעריקע, אַמעריקע — גאָלדענער טאַראַראַם,
וואָס ברעכט דאָס האַרץ, כאַטש — יאָ, נו, יאָ — עס שטילט דעם מאָגן.

אַ יאַם
איז דורכגעשוואומען דורך דער נאַכט — אַ יאַם —
דער אימיגראַנטישער אַטלאַנטיק, אַ דורכגעלויכטענער
פון בלוט און טרערן.
דיירעס אימיגראַנטן האָבן אים אַף שליאַכן „גליקלעכע״ צעשניטן,
און שיפן איבער שיפן —
צעשאָטענע מולטערס, צעפּאָרענע פליטן — הונגעריקע פעלקער
האָבן דעם גאַנצן ברויזנדיקן יאַם פאַרנומען:
מיין טאַכטער עמאַ האָט זי אַלעמען געזופן — איז פאַרגאַרטלט האַק און פאַק
און זיינען דאָ.
האָבן דריי הונדערט יאָר סירענעס געלאָזט הערן אין זייער בסורעדיק ברומען
די לייד און פרייד פון די וואָס זיינען אָנגעקומען:
פון היימישן שולכל — ביז טעמפּלדיקע סינאַגאָגעס,
פון שניידערישע גאַבאַאים — ביז גאַבאַאישע דעמאַגאָגן,
פון אונטערערדישע אַרבעטער־קרייזלעך — ביז נויאָרקער אָפענע
אַרבעטער־זאַלן,

פון צאַרישע קאַזעמאַטן —
ביז פּאַלמערס און הואָווערס איבערפאַלן,
ביז די היי־מאַרק־עשאַפאָטן, ביז סאַקאָ און וואַנזעטיס פאַרן טויט־געבאַטן,
פון זים און זויערע זמירעס — ביזן פייערדיקן ליד פון עדעלשטאַטן,
פון מענדעלעס בייזערדיקן ברום — ביז ווינטשעווסקיס „הערט איר קינדער,
ווי עס רירט זיך?״,

פון „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן" — צום זעלביקן דאָ — ווי ס'פירט זיך,
פון באַנצע שוויג — ביז שיפערם „צוויי ברידער" — און ביזן נעבעכדיקן
פערעץ-סקווער:

דאָס טרוימען — לייכט, דאָס לעבן — שווער:
דער וואונדערלעך-וואונדיקער וועג ביז אַהער.

דאָס איז מיין אַמעריקע: פון די קופער-שאַכטעס באַ פאַיקס פיק
ביז די קוילנפעלדער אין דעם אַלעגעני טאָל,
פון מיינע ערשטע קליינע שניידער-סטרייקס
ביז מיינע גרעסטע סטרייקס באַ קוילן און באַ שטאָל
און פון קליינקרעמערישער, צאַרעדיקער אָרטשאַרד סטריט
ביז גרויסרויבערישער, עשאַפאַטנדיקער וואָל: איין צאַד איז
מיין בלוט און פלייש
און איין צאַד בין איך בלוטיק קעגן —
מ י י ן אַמעריקע אַלצאיינס —
און זאָל קיין הויכגעשטעלטער טויטן-פאַטריאָט מיך גאָרנישט פרעגן —
מ י י ן אַמעריקע —
פון די העכסטע הויכן ביזן נידעריקסטן נידער,
פון קוני-איילענדס „פעני אַרקעיד" ביז קאָון און לאָובס גאָלדענער באַנק,
פון די איסט-סאַידער ביטערע קלאָלעס ביז בראָדוועיס לוויזיקע לידער —
דאָס בין איך — אַמעריקע — דער אימיגראַנט.

אַט זיינען „מיינע" באַנקען און דעפּאַרטמענט סטאָרס,
„מיינע" מערק מיט דימענטן און פּאַרס.
אַט זיינען „מיינע" ריכטער, „לויב צו גאָט" —
די פיפיקע ראַיעלער און דייוווידלעך — מיין שאַנד און שפּאָט.

דאָס זיינען מיר: „זיבן גוטע ברידער",
וואָס דאַוונען ניט, דאַנק גאָט, פון איין סידער:
זיינען יידן אַ פאָלק שניידער, צי אַ פאָלק באַנקירן?
זיינען יידן אַ פאָלק מענטשן, צי אַ פאָלק
עקספּלואַטירער?
די באַנקירן זיינען געוואַקסן, און מיט זיי —
די שניידער-שעפער:
פון פעדלערישע פלייצע-פעק
ביז די פיפט עוועניו סאַקסעס—ביז אַ פאַרפלייץ פון מעיסי-גימבלס-סאַקסעס—
שעפער און קראָמען פון אייצרעס און סלעק.

— און געוואַקסן איז דער שניידערקלאַס, און מיט אים צוגלייך —
דער מיטלקלאַס — דער גראַביונגישער עלעמענט,

וואָס איז געוואָרן פון די שניידער כוצפּעדיק רייך.
נאָר די צייט, די גאָלדענע צייט
איז פאָרט געבליבן בײַ די שניידער אין די הענט.

און געטריי דער צייט
וועל איך, ווי אַלעמאָל, פאַר איר זיך שלאָגן.
פון מיין ערשטן טראָט אַף אַמעריקעס ערד בין איך אַף איר זייט,
אין איר קאַמף פאַר פרייהייט האָט קיינער ניט באַדאַרפט מיר אונטערזאָגן.

קיניג דזשאָרדזש באַפעלט: ק אָ ל אָ נ י ז י ר ן!
דאָס פאָלק זאָגט: נ י י ן.
און איך, מיטן פאָלק, לאָז זיך גיין
גלייך צום שלאַכטפעלד: וואַשינגטאָן,
לאַפאַיעט
און סאַלאַמאָן.

רעוועט דער קנעכט-לאָרד: ש ק ל אַ פ ע ר י י!
דאָס פאָלק זאָגט: נ י י ן.
און איך, מיטן פאָלק, לאָז זיך גיין
גלייך צו האַרפּערס פערי: לינקאָלן,
דזשאָן בראַון
און איך.

מען שלאָגט מיר אויס די ציין,
מען רייסט מיר אויס די באָרד,
נאָר ווער קען אויסרייסן פון האַרץ
ס'דערלייזנדיקע וואָרט?

מיט מיין וואָרט אין האַרץ,
מיין ניי-מאַשינקע אַף מיין קאַרק,
קעמף איך איינגעשפּאַרט
פאַר אַמעריקע — אַפן שניידערמאַרק.

קאַטערינקעס אַף די הייפן פאַרגייען זיך סענטימענטאַל:
אַהיים — צוריק — ווילן זיי אונדז שיקן.
נאָר מיך שרעקט ניט אַמעריקעס בייטש-געקנאַל,
ווי מיך וואַרעמען ניט אַמעריקעס גליקן.

גאַסנזינגער צעגיסן זיך צוקער-זיס:
„איך בענק אַהיים, איך בענק אַהיים" . . .

דעקלאַמאַטאָרס קנאַקן: „אַהיים וועל איך פאָרן קיין וואָלעדניק, און
טאַקע נאָך היינט"...
נאָר מיר רירן זיך ניט די פיס:
כ'האָב מיר מיין אייגענע קאַטערינקע, מיין אייגן ליד און גאָר, גאָר
אַן אַנדער טרויס
האָט מיר דאָ אויפגעשיינט.

כ'וויל דאָ זיין. איך וויל מער ניט וואַנדערן.
מיך רירן לידער גאָר אַנדערע.
וועגן אַמעריקע זינג איך, מיט ליבע און ברען:
וואָס אַמעריקע דאַרף, וואָס אַמעריקע קען.

איך דריי מיין מאַשינקע,
דריי גיך,
מיין כאַוועריש „קעפּל" — מיין קאַטערינקע —
און איך זינג — און זינג נאָר פאַר זיך:

„שמיליק, גאַווריליק, אַף גאָלדענער ערד,
שמיליק אַ שמייסער, גאַווריליק אַ פערד.
שמיליק, גאַווריליק אין גאָלדענעם לאַנד,
שמיליק אַ באָסל, גאַווריליק אַ „האַנט"...

שפּיל, קאַטערינקע,
שפּיל לוסטיק,
לעבעדיק, פלינקער:
מאַלע וואָס אַ הוסט איז...

„ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן,
און טראָגן די גאָלדענע קייט?
ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר רייכטימער שאַפן
פאַר דעם וואָס באַרויבט אייער ברויט?"

„שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען"...
דריי-דריי, קאַטערינקע, שפּיל-שפּיל:
דאַרפסט דאָס ריכטיקע ליד נאָר געפינען —
וועט מען שוין טרעפן אין ציל.

פון אונטן דער גאַסנזינגער זינגט אַרויף:

„מיט קיין געלט טאָר מען ניט שטאָלצירן...
מען קען דאָס לייכט פאַרלירן"...

נאָר אַ געלט-זאַק ווערט פון דעם ניט בעסער:
פרעגט דעם שניידער, פרעגט דעם פרעסער.
זינג איך וועגן די „בעקעלעך
ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
און פיסעלעך
וואָס בעטן זיך צום טאַנצן" —

וואָס ס'האָט דער שאָפּ פון זיי געמאַכט אַ טעל,
און איך זינג גאָרקים פרייהייט-ליד פון טפיסע-צעל,
און איך זינג אַמעריקעס ליד וועגן איר העלדישן דזשאַ היל,
און מיין קאַטערינקע טאַנצט,
מיין קאַטערינקע שפּילט
לעבעדיק, לוסטיק, פריי:

You'll get pie
In the sky
When you die!

„הייב-אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק"...
„אָ, זעסטו די שעפער? באַטראַכסט די פאַבריקן?"...
„עס רוישן אין שאָפּ אַזוי ווילד די מאַשינען"...

נאָר גלויבט מיר, גלויבט, מיינע ליבע,
גלויבט מיר, שוועסטער און ברידער:
איבער דעם טומל און איבער דעם רויש
מיין קאַטערינקע וועט געווינען.
זי געווינט אין יוניאָן-זאַלן
און זי געווינט אַף סקווערן,
זי געווינט אין איבערפאַלן
און ביזן לעצטן קאַמף, אין ערשטער ריי, וועט מיין קאַטערינקע
זיך לאָזן הערן.

„מיר זיינען סאָלדאַטן פון פרייהייטס-אַרמיי"...

קעמף איך און זינג.
און מיין ליד אַלץ טיפער, טיפער דרינגט
אין די פינצטערע שוויץ-פאַבריקן
פון שניידערישע גליקן.

„איך ווער אַ מאַשין" — אַ „מאַשין"
וואָס טראַכט
און טוט.

„אַ לאַטוטים בין איך" — וועל איך זיין וואָס איך בין.
דער טאָג איז דאָ פינצטער ווי נאַכט,
ס'ביסן ברויט — אין שוויים און אין בלוט.

„ווילד לויפן מאַשינען" . . . געוואָי פון מאַשינען
צעוויינען די נייטערקעס צאָרן איבערן שאַפּ:
עם וועלקן די רויזיקע טעג פון די „גרינע קוזינעס"
אין אַמעריקעס קאָך פון כאַפּ־לאַפּ.

נאָר די שניידער אַלע זינגען,
זינגען אין שאַפּ און זינגען אין גאַס:
אין אַלע הערצער און אַף אַלע צינגער
דאָס שטאָלצע ליד פון אַרבעטער־קלאַס:

„זיי שטאָלץ אַף דיין אַרבעט, זי גיט דיר דאָס רעכט
די פרוכט פון דער וועלט צו געניסן.
זיי מוטיק, זיי מענטשלעך און זיי ניט קיין קנעכט!
דיין ווערט און דיין אָרט זאָלסטו וויסן".

און דאָ, ווי אומעטום, די הערשער שרעקט דאָס ליד פון שקלאַפן,
און די הערשער שלאָגן ביז צום טויט.
נאָר נייע שניידער — נייע זינגער — קומען־אָן אין יעדן האַפן,
און דאָס ליד איבערן לאַנד ווי פייער גייט.

אין צאָר פון דריקנדיקער שקלאַפעריי
געוואָרן איז דער קאַמף די שניידערס יאָנטעוו טאָג ווי נאַכט.
און געקומען איז דער מאַי:
„דער מאַי איז געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראַכט" . . .

און — מאַרש
איבער די גאַסן,
מאַרש — איבערן לאַנד:
מאַי־לידער זינגען זיך אַף אייביק זיך אַריין אין ברוק דורך אַרבעטערס אַפּצאַסן,
מאַי־לידער זינגען זיך אַריין מיט זון און ווינט
אין יעדן מויער, שלאָס און טפיסע־וואַנט.

און קנאַקעדיקע פירער גאַלאָפּירן
אַף אויסגעפּוצטע, שטאָלצע, ווייסע פערד, פירן און
פאַרפירן
דעם יאָנטעוו טיף אין דר'ערד.

און כאַטש זיי שטופּן זיך און שטויסן זיך פון פאַרנט,
בלייבן זיי אַלץ מער און מער באַם עק:
פון זייער פּאָן ווערט באַ זיי אַ רויכערדיקער דאָרן,
און זיי שלעפּן זיך אין מאַרשן מיט אַלדי שוואַרצע שלעק.

פלי, פלי, מיין איבערגעבענע מאַשינקע,
שפּיל, שפּיל, גוטבערג־דערישע קאַטערינקע,
לאַך און טאַנץ און שפּיל:

„ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל
בלייבן אַלע רעדער שטיל".
„שטייט־אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, אין נויט" . . .
עס רוישן דעפּעשן איבער אַלע טעלעגראַפן:
נויאָרק פלאַמט אין פאָנען פון רויט.

און ס'האָט דער מאַי זיך באַזעצט מיט די גרינע
אין דער נייער היים
און איז געבליבן איבער אַמעריקע ווי אַ זוניקע שכינע
פון זייער יאָנטעווודיקן טרוים.

און נויאָרק האָט געקלונגען מיט יידיש געזאַנג
ביז אַריבער די ראַנדן פון גאָלדענעם לאַנד:
ראָזענפעלדס „יינגעלע", עדעלשטאַטס „ברידער",
ווינטשעווסקיס און באָושאָווערס נעוויאַישע לידער:
איבער נויאָרקישן ליאַרעם, דורך שיקאַגער שטורעמס,
פון נויאָרקער פאַבריקן ביז קליינשטעטלשע שעפּער־קאַנורעס;
איבער די סאָנימס געוואַלד און בילערייען
דאָס יידישע ליד פון נויאָרק — דאָס יידישע ליד
פון באַפרייאונג.

פריילעך איז
געווען נויאָרק
אין יענע טעג פון שניידערשע לידער:
דאָס הויקערדיקע מיטנואַך געווען איז פייערלעכער יאָנטעוו.
גאַנצע שעפּער שניידער, אויסגעשעפּטע, מידע
פלעגן נאָך דער אַרבעט די גאַסן אין פּאַראַדן אָנטאָן.
פון עוועניוס און סקווערן פלעגט די שטאָט
די שניידער־זינגער הערן:
פייערדיקע מאַסנכאָרן פון גאַס
צו גאַס,

פון קעלערשטוב ביז העכסטן גאָרן: דאָס ליד
פון אַמעריקעס ערשטע מאַיען,
דאָס יידישע ליד פון נויאָרק — דאָס יידישע ליד
פון באַפרייאונג.

(וואָס איז גרעסער פון אַ ליד
וואָס רופט אַלעמען באַפרייען?
ווער איז אַ בעסערער ייד
פון דעם, וואָס פייערט ערשטע מאַיען?).

און נויאָרק איז געבליבן אַ פריילעכע שטאָט
עד היום (אַדהאַיעם),
דורכן ריטם פון טראָט
און ליד
אין מאַרש פון פיקעט-לאַין און ערשטע מאַיען.

נויאָרק זינגט היינט
די זעלבע לידער, און נאָך
לידער, נייע, זינגען כאָרן, און אויב
אין אַרבעטער-רייען איז פאַראַן נאָך קידער-ווידער —
ווען די לידער זיי פאַראייניקן — מיט די יאָרן.

און איצט, צו מיין יובילײ,
זינגט די גאַנצע שיינקייט פון דעם לאַנד אין מיר, —
און איך בין שטאָלץ אַף מיין געניי, —
און אַלץ נאָך בוי איך זי, דערהייב איך זי,
ווי אַלעמאָל, ווי פריער:

דורך פלאַמען פון טרייענגל-סרייפעס,
דורך שעפער-בעסאַלמענס פון דער לונגען-מאַגייפע,
דורך טענעמענט-טומל און איסט-סאַידער שמוץ
האָב איך אַמעריקע באַנייט און באַקליידט און באַפוצט.

(מיין קאַטערינקע שפילט זיך אונטער —
זי הערט די שמייסער ווי די וואַנט:
„ווער באַנייט און באַקליידט אַלע רייכע? —
דער אַרבעטסמאַן, דער אַרבעטסמאַן!").

ווער ס'האָט געשניטן,
ווער ס'האָט געשטעפּט, ווער
ס'האָט געטעסעט, געפאַרבט,

און ווער געלייגט טרעפּ
און געקלעטערט — צום הימל, צום הימל, און אין די הימל־הויכע ווענט
און אין טיפֿן פֿונדאַמענט
אַריינגעלייגט מיין האַרץ
מיט די מוליאַרעס פֿון נעאַפּאָל און די שטאָל־שלעסער פֿון דובלין צוזאַמען.

צוריק,
ווי איר זעט,
בין איך ניט געפֿאָרן:
איבערן אַטלאַנטיק — און פּאַסיפֿיק — בויט זיך אַ גאָלדענע בריק,
וואָס וועט פֿאַרבינדן אַלע היימלענדער — מיט די יאָרן.
און איך פֿיל זיך יונג און שטאַרק, כאָטש עטוואָס אויסגעבלייכט,
און מיין ליבע צו מיין לאַנד, מיט מיין טרוים אין די ווענט,
האָט ביז דער זון דערגרייכט.

נישקאָשע, די פֿאַרב אויף מיינע באַקן וועט צוריק
זיך שטעלן,
ווען אַמעריקע דערגרייכן וועט איר ציל —
אַזוי
ווי מיר
וועט דאָס געפֿעלן, אָט —
ווי מיין געטרייע קאַטערינקע שפּילט:

„אָך, ס'אַר אַ שיינער פֿרימאָרגן,
אָך, ס'אַר אַ פּראַכטפֿולער טאָג.
ס'האַרץ זאָגט מיר: אַלץ וועט פּאַסירן
גריילעך ווי איך האָב געזאָגט.

גריילעך — ווי איך — האָב געזאָגט".

לעבן זאָל קאָלאָמבוס!

(צום 300־יאָריקן יובליי פון יידישן יישעוו אין אַמעריקע)

שטשאָבע, קאַטערינקע, שטשאָבע:
אַמעריקעס גליקן האַלטן זיך אַף שיטערע,
צעפּאָרענע פּאַסטריגעס. שטשאָבע,
שטשאָבע, נאָר געדענק,
אַז אין גווירלדיקער געפּאַר פון פּראָלעטאַרישער קרענק ווערט אויך אַמעריקע
געשטעלט צו פּראָבע —
פּאַר עפּעס מער ווי מאַמעליגע.

טומלדיקע טראַמוואַיען טאַראַראַמעווען מיט ליאַרעם
איבער רעלסנדיקע גאַסן. ס׳קנאַקן בליצנדיקע פונקען
פון די עלעקטרישע פּאַסן,
וואָס שלעפּן און שטופּן און שלעפּן די פּאַרהאָוועטע טראַמוואַיען.
קאָנדוקטאָר־גלעקלעך קלינגען רוגזעדיק, פּאַסאַזשירן שטופּן זיך
און שרייען: אין איין געאייל,
אין איין געיעג
אַמעריקע באַבויען און באַנייען און ווי ניט איז,
דערביי אויך זיך
פּרובירן שטעלן אַף די פיס.

אַי, אַי, אַי, מיין טייערע
אַמעריקע,
מיין ליבהאַרציק לאַנד, מיין ברויטגעבערישע
„קאָלאָמבוסעס מעדינע": איך האָב פון דיר אַזויפיל, אוי,
אַזויפיל דאָך
צו זינגען און צו זאָגן.
און נאָר אין מיינע לידער
קענסטו זיך ערשט עמעסדיק געפינען.

מיט אַלע דיינע גרויסהאַלטערישע קנאַקערס, איז דאָך פּאָרט אַמכאַ
שער און אייזן
דיין געזונטער רוקנביין.
און איך,
וואָס האָב באַ דיר פּאַרזוכט שוין מער, אוי, מער
ווי צען מאַקעס,
האָב אין אַ ווינקל זיך, כאַלילע, ניט פּאַררוקט —
מיט אַ נעבעכדיק געוויין. פּאַרקערט:

דו האָסט אַליין מיט דיינע גרויסע, לויב-פאַרליבטע אויערן געהערט
ווי איך האָב געשריען פון אַלע דעכער, און פון אַלעמען
האָב איך
געזונגען העכער: „אַי, לעבן זאָל קאָלאָמבוס!״ . . .

אוי, ווי שווער
דיין סוועטשאַפּ איז אַף מיר געלעגן. נאָר איך בין ניט פון די
וואָס לעבן זיך אַף טראָמבע.
און ווען מיין אומרואיק האַרץ האָט מיך גענומען פרעגן:
„וואָס כריפּען לעבן מיר אַזוי די לונגען?״ —
האָב איך נאָך אַלץ
געשריען,
און נאָך אַלץ געזונגען: „אַי,
לעבן זאָל קאָלאָמבוס!״ . . .
ווי מיינע טעכטער אין די סוועטשעפּער — צו דיר געזונגען,
צו דיין מאָרגן. דערמאָן זיך נאָר
אַ מיידל ראָוז — די פּאַסטאָר-סטאָוקס —
די לעגענדאַרישע קאַלע פון אַרבעטער-קלאַס: פון נויאָרק
האָט זיך איר קאָל געטראָגן
צו יעדער שטאָט, צו יעדער גאַס
איבערן לאַנד, מיט פייערדיקער ליבע, מיט קלאַסנקלאָרער ווערדע,
מיט זינגענדיקן אַפאָריזם
וועגן דיר: ווי שענער נאָך
דו וועסט ערשט זיין
ווען קומען וועט דער סאָציאַליזם.

אַזאַ ווי זי
איז מיין שאַפּ-מיידל געווען. יאָ, שעפּער פול
אַזוינע מיידלעך. קענסט זיי, יאָ,
דו קענסט זיי,
מיינע זינגענדיקע טעכטער — פון יענע טעג
ביז היינט:
מיינע עמאַס, מיינע ראָזעס, מיינע עטלס: גרויס
און גרויליק,
גרויס און גוירלדיק
איז דער מאַרטירער-צעטל פון מיינע טעכטער, וואָס ברענט
פאַר מיינע אויגן
אַ העליש-באַלויכטענער פון טראַיענגל-סרייפּעס
און פון פּאַראַדנעם גום ליכט אין טויטנקאַמער פון סינג-סינג.

נאָר זינגען זינג איך,
ווייל זינגען איז באַ מיר אַ לעבנס־מאָטאָ און אַ לעבנס־מידע.
יעדער אַמכאָ מוז
צו זיין ברויט מיט הערינג האָבן לידער. ווען ניט —
ווי לאַנג
וואָלט דאָס לעבן זיך געהאַלטן — אָן געזאַנג?
נו, איז שטשאַבע,
קאַטערינקע, שטשאַבע: זאָל ווער עס וויל
זיך כליאַבען
פון דער גאָלדענער קאָרעטע. און איך —
שער און אייזן —
וועל ווייטער זינגען — ווי דו שפּילסט —
מיט מיין האָרעפּאַשנעם כאָר — פאַר אַלע פאַרמאָרעטע
פון כאָסער ברויט און כאָסער ליד:
זינט מיינע אויגן זעען דאָס לעבן שפּיגל־קלאָר
ווער איך פון זינגען קיינמאָל ניט,
קיינמאָל ניט
מיד.

איינונצוואַנציק מיליאָן

(אַמעריקעס יוגנט־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין נויאָרק)

לאָמיר זיך צונויפנעמען און זינגען.
לאָמיר אויסזינגען, באַזינגען און אַרומזינגען אַמעריקע.
מיר זיינען דאָס געזאַנג פון דער מיסיסיפּי און לעיק האַנטינגטאָן,
פונעם האָדסאָן, ניאַגאַראַ און לעיק מישיגען.
ווי די פולע ברייטע טייכן
זיינען מיר די פערזן פון דעם רייפן ליד אַמעריקע.
ווי די הויכע, רייפע וועלדער
זיינען מיר דער יונגער רויש פון אונדזער גאָלדענער געשיכטע.
מיר זיינען דאָס פּאָנעם
אין וועלכן ס׳קוקט זיך שטענדיק איין דאָס לאַנד
און שפּיגלט זיך, און פרייט זיך,
רימט זיך אויס און גרייט זיך, גרייט זיך גרויסאַרטיק
אונדז אַלעמען פּאַרפּוצן
צו דער גרויסער רויטער וועלט־כופּע
אַף אַלע ברויט און בלומען אויסגעפּוצטע פעלדער.

לאָמיר זיך צונויפנעמען און זינגען.
און זינגען לאָמיר ניט וואָס אַנדערש ווי דאָס פרייענדיקע כופּע־ליד
ווי די וועלט די גרויס, ווי דאָס לעבן טיף,
ווי קינדער פריילעך
און ווי ליבע ליב
צווישן גוטברודערישער זון און שוועסטערדיקער לעוואָנע
אַף פרייע פרישע גרינע זומערפעלדער.

לאָמיר זינגען אונדזער כופּע־ליד פון רייכער רייפקייט פון געדאַנק,
פון שטאָל און קוילן, פון געהילץ און ווייץ,
פון הימל־מויערן און מענטש־מאַשינעס,
פון וויסן און געוויסן.

לאָמיר זינגען. זינג מיט אונדז, אַמעריקע.
מיר זיינען דיין ליד, דיין ליבע און דיין לעבן.
מיר זיינען דיין קערן און דיין אייביקייט.
מיר זיינען דיין יאָ,
מיר זיינען דיין ניין.
מיר זיינען דיין ווייטער.
מיר — דיין מאַרך און ביין.

לאָמיר זיך צונויפנעמען און זינגען א מ ע ר י ק ע.
זאָל זינגען דער כאָר פון איינונצוואָנציק מיליאָן כאַסאַנים פון לעבן
דאָס ליד וואָס וועט די דאָרנפעלדער פון דער וועלט צעגרינען
און די בעסאַלמענס אין לעצטע קאַפּיטלעך געשיכטע פאַרוואַנדלען —
דאָס כופּע־ליד,
דאָס כופּע־ליד פון לעבן,
דאָס כופּע־ליד פון ליבע,
דאָס כופּע־ליד פון וועלדער אָן געפאַרן,
פון לענדער אָן ליגן,
פון שטעט אָן מוירע,
פון יאַמען און טייכן אָן מינעס,
פון הערצער אָן שווערקייט,
פון אויגן אָן טרויער און טרערן,
פון טירן אָן שאָטנס,
פון רייד אָן צוויי מיינען,
פון מענטשן אָן זעלבסטמאָרד־געדאַנקען, —
דאָס כופּע־ליד פון מענטשנס עמעס, מענטשנס שטרעבן —
דאָס כופּע־ליד פון זיכער לעבן.
קום זינג מיט אונדז, זינג מיט אונדז, אַמעריקע.
קום זינג מיט אונדז דיין מענטשלעך ליד, אַמעריקע,
קום זינג מיט אונדז דיין יוגנט־ליד, אַמעריקע.
מ י ר זיינען אַמעריקע.

איך נעם־אויף די וועלט

באַ מיין פענצטער
נעם איך אויף דעם טאָג. באַ מיין טיר
נעם איך אויף די וועלט.

איך צעעפן מיין פענצטער און עפן מיין
פּאַנעם
און נעם־אויף דעם טאָג מיט
אַזוי פיל
צעאַטעמטער פרייד — ווי די פרייד זאָל דאָס זיין
פון אַ לעבן וואָס ווייס ניט
און זעט ניט
און אַנט ניט און האָט ניט
קיין סאָף.

איך צענעם די גאַרדינען און
הייב־אויף די שטאָרן: דער טאָג שטייט אַ
אַ גרייטער, אַ פרישער, אַ
יונגער: מיין ליבער, מיין ליכטיקער
גרויסער פאַרגינער. ער לויכט מיר אין פּאַנעם און
פרייט זיך
וואָס איבער נאַכט בין איך אויך
יינגער און קליגער און
שענער געוואָרן.

באַ מיין טיר
קוקט די וועלט אַף מיר.
זי קוקט־אַרויס
פון ציימונג מיט נייגעריקע אויגן אין יעדער נייס,
אין יעדן בילד, און אַלע אירע אויגן קוקן אין
די אויגן מיר אַריין, און די
ווערטער ס׳איז ליב — זיי ווייסן וואָס
איך וויל, און זיי דערציילן מיר וואָס פאַר אַ טאָג
עס וועט היינט זיין.

און ליב איז מיר, אַ, ווי ליב איז מיר
די וועלט,
וואָס קומט יעדן אינדערפרי צו מיר ביז צו דער טיר,
ווי אַ קיילעכדיקער קאַליידיסקאָפּ
פון אַן ערשט־אַנטפּלעקטער פּאַנאָראַמע — מיט אַלע אירע
צירקן, מעשוגאַאים־הייזער,
קאָמעדיעס, פּאַרסן, טראַגעדיעס און פילאָזאָפישע
און שווינדלערישע
דראַמעס.

איך קוק —
ווי מיינע אויגן זאָלן זיין אי ברייט אי טיף
אי גרויס גענוג
אַריינצוקוקן און דערזען אַלץ אין איר. און ווען דער טאָג
דערזעט מיין פּאָנעם —
אַ דורכגעלויכטענעם — ווי ער, און מיטן זעלביקן
דערפרייענדיקן שמייכל —
איז ער צופרידן מיט דער וועלט ווי איך.

איז אַן אויג אַהער, אַן אויג אַהין, די וועלט אַרבעט
וואו ס׳איז
שווער, און וואו ס׳איז
גרינג —
וואו עס פירן זי ווילד־פרעמדע הענט, וואו דאָס פאָלק ווערט געצוואונגען
צו לעבן אַף קאַנטע — אַלצאיינס, סיי־ווי־סיי
די וועלט איז יאָנטעוו.

שאָלעם

װעלט, װאונדערלעכע,
װאונדערלעכע װעלט.
איך רייד צו דיר פֿון דיין שלאַכטפֿעלד בעסאוילעם װאו ס'ליגט
אַ גאַנצע מענטשהייט אויסגעשאָכטן. יאָ,
דיין גאַנצע מענטשהייט ליגט דאָ אויסגעקוילעט. און אַז אַן אַנדערע
איז װידער דאָ — ביסטו שוין װידער גרייט.
איצט
איז לייכטער. האָסט בעסערן געװער: אַפּװישן אַ שטאָט
איז װי אָראָפּבלאָזן אַ שטייבל פֿון דער ערד.

איך בין דער קװאָרעס-מאַן, דער שױמער בין איך,
איך בין דער היטער.
די טויטע מענטשהייט היט איך. איך היט איר זיקאָרן. אָ, מיין ניט
ער איז טויט
אין דיין װעלט קװאָרים.
פֿון ערשטן אויפֿריים פֿון דיין טייװולבאָמבע
האָט דיין טויטע מענטשהייט אויפֿגעציטערט און די ערד
איבער דער מענטשהייט קװאָרים באַװעגט זיך אויף און אָפּ —
װי די ערד אַף היטלערס מאַסנקייװער לעבעדיקע יידן
קען זיך ניט באַרואיקן און בלייבן ליגן טויט.

איך רייד, איך רייד שוין לאַנג אַזוי
צו דיר.
דו הערסט מיך ניט. דערקענסט מיך ניט. דו װילסט
קיין היטער ניט. נאָר איך אַליין
האָב זיך באַשטימט. און דאָ װעל איך שוין שטיין ביז דו
װעסט אין דיין טויטנגװאורע אונטערגיין. איך זע
דיין סאָף שוין זייער קלאָר. אַ סימען? אָט,
איך שטיי און היט דאָ נאַכט נאָך נאַכט און יאָר נאָך יאָר,
און מיך
קענסטו ניט באַזייטיקן: אין מיינע אויגן צייטיקן
די אויפֿריים-רעגעס פֿון דיין אונטערגאַנג. און איך, װייסטו, בין דער,
װעמען דו האָסט לאַנג, שוין לאַנג
דערקלערט װי טויט.

דערקענסט מיך ניט ?
קוק מיר גלייך אין פּנעם וועסטו לייכט
דערקענען ענלעכע שטריכן,
באַקאַנטע סימנים
פון דעם און פון יענעם:

איך בין דער איינער, איך בין דער שומער
וואָס טראָגט אַף זיך מער ווי איין פּנעם. און ווער
עס וויל מיך ניט דערקענען — וועט די צייט
זיך באַגיין אָן אים.

צייל,
נעם און צייל די גאַלערייע נאָבעלע געשטאַלטן.
אַפילע פון אַן איינציקער געשטאַלט
קענסטו דיין מענטשהייט האַרוגים ניט באַהאַלטן.

אַט בין איך
דער לעגענדאַרישער אַקיווע, און אַט
בין איך
די נאָבלקייט וואָלט וויטמאַן. אַט
בין איך דער העלדישער
באַר קאָכבאַ און אַט בין איך
איציק וויטנבערג
באַ דיין לעצטן געטאָ-טויער פון זיין יונגן גאַנג —
מיטן לעצטן, סאַמע לעצטן
לעכאַאים אין זיין נעוויאַרישער האַנט.
אַט בין איך ספּאַרטאַק
און אַט — טשאַפּאַיעוו,
און אַט בין איך דער יונגער ייד וואָס שפּילט פידל
אין פּנעם פון גאַזאַיווען פייער.
אַט בין איך געטע, טאָלסטאָי און באַלזאַק,
אַט בין איך גאָרקי, און זאָלאַ, נעקסע, און לאָרקע, פּערעץ און באַרבים.
אַט בין איך טעלמאַן — פון האַמבורגער האַפנס.
אַט בין איך דער לעצטער געקעפּטער יאַקאָבינער פון פּאַריז, און אַט
דער לעצטער פון געשמיסענע שקלאַפן.
און מאַרקס בין איך. און לענין בין איך. אַלע
האָבן מיר איין פּנעם. כאָטש יעדערער פאַר זיך
איז גאָר אַן אַנדערע געשטאַלט.

אין שטאָטפּאַרק, אויפן קלוגן קאָפּ
פון לינקאָלנס סטאַטוע
שטייט אַ ווייסע טויב און קוקט אַראָפּ
אויפן פּאַרק מענטשן,ביימער און בלומען —
ווי זי זאָל וועלן זען
צי לינקאָלנס געוואוע האַלט אין קומען.

לינקאָלן זיצט — סאָליד
אין זיין ברייטן פּראָסטן שטול —
זיכער און מאַסיוו.
ניט קיין שטיינפאַרטרעט אָן אויסגעהאַקטער פון גראַניט: ער אַליין —
אין בלוט און פליייש —
זיין באַר דאַעסדיקע ברייטקייט מיט געדאַנקען פול —
ווי ער זאָל דאָ רואיק איבערטראַכטן זיינע רייד אין געטיסבורג,
צי זיין ענטפער אויף קאַרל מאַרקס׳ אַ בריוו.

און ער
בין איך,
און איך בין ראָלאַן,
און פּיקאַסאָ בין איך,
און דיין וואַלד-פּאַרטיזאַן.

און מאַאָ בין איך,
און האָ טשי מין,
איך בין שאָלעם אַליכעם, און שאָלעם
לעווין. און שאָלעם איז
דער נאָמען
פון אַלע מיינע געשטאַלטן — אַ הונדערט מיליאָן מער
ווי כ׳האָב דערמאָנט.
און אויב, און אויב דו האָסט מיך אַלץ נאָך ניט דערקאָנט: באַטראַכט
דיין נייסטע געווער
און קוק מיך אָן: איך,
דער היטער פון דיין שלאַכטפעלד בעסאָווילעם
שטיי אויפדערוואַך
מיט אַ גרויסער, צעפלאַטערטער רויטווייסער פאָן. די פאָן
פלאַטערט איבער אַלעמען —
וואָס קענען זי יאָ און וואָס קענען זי ניט: אַלע,
ווי דו, זיינען פאַרפאַלענע —
ווען זי איז ניטאָ אינדערמיט.

איך, מיין טייערע וועלט,
איך — שאָלעם אַלייכעם דער גוטמוטיקער, איך —
שאָלעם וויטמאַן דער טיף־ערנסטער, איך —
שאָלעם לענין דער געניאַלער וועלטרעטער, איך —
שאָלעם בען שאָלעם, שאָלעם שעל שאָלעם, שאָלעם
לעשאָלעם, לעכאַאים,
לעכאַאים אולעשאָלעם. איך,
מיין וואונדערלעכע וועלט. איך —
ווי דו זעסט מיך — קליין און באַשיידן
וועל ראַטעווען,
ראַטעווען ביידן — דיך
און דיין מענטשהייט די נייע: גלויב.
איך וועל:
איך בין טשו ען לאַי.
איך בין איציק וויטנבערג.
איך בין טשאַפּאַיעוו. איך
וועל ראַטעווען מיין האַרציקע, מיין וואוילע,
ווייל מיך, מיין טייערע,
קענסטו ניט
קוילען.

ווייסע מאַלאָכים

אַ שוואַרצע שטאָט ווייסע מאַלאָכים — אַלע מיט מיין פּאָנעם — ווילדעווען,
פּילדערן
און פּלינדערן
אַף מיין שפּראַך. מאַלאָכים מיט
שטיינער. מאַלאָכים מיט
שטעקנס. מאַלאָכים מיט
שטריק. מאַלאָכים מיט
העק: מאַלאָכים מיט מיין פּאָנעם
האַקן קעפּ. און קיינער שליידערט ניט די מאַלאָכים אין געהענעם אַראָפּ
איבער אַלע קאַף-האַקאַלישע
טרעפּ. און קיינער פאַרבאָט זיי ניט
פּילדערן און פּלינדערן
אַף מיין שפּראַך.

די מאַלאָכים זידלען אַפן לאָשן פון זייערע טפילעס.
די מאַלאָכים שילטן אַפן לאָשן פון זייער דערלייזער.
באַפרייערס בראָכעס ווערן שטיינערנע קלאָלעס אין זייערע הייליקע לאַפּעס.
די מאַלאָכים לינטשן אַף זייער גאָטס לאָשן.
די מאַלאָכים שרעקן קינדער אַף מיין שפּראַך.
און קיינער פאַרבאָט ניט די ווייסע מאַלאָכים מיט מיין פּאָנעם
רעזווען רישעס און טרייבערן הערצער
און האַקן קעפּ
אַף מיין שפּראַך.

די גאַגאַרינס

(צום פיר־און־פערציקסטן יובילײ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד)

גאַגאַרין פליט.
עס פליט טיטאָוו.
עס פליט דער מענטש
מיט לענינס גוטהייסן: קי טאָוו!

האָבן אַלע הימלען זיך פאַר אים צעעפנט. רינגלט ער אַרום
דעם גאַנצן פאַרוואָונדערטן קײַלעך
מיט זײַן פרײַלעך־פליענדיקן אָטעם, מיט זײַן פליענדיקן זינגענדיקן
קאָל. און די גרינע הערנדיקע הויט פון דער ערד אַרום־און־אַרום
דערשפּירט
צום ערשטן מאָל
דעם מענטשנס אָטעם און ציטערט אויף אין דער מעכטיעדיקער וואַרעמקייט
פון ערשט־אַנטפּלעקטן סאָד.

מײַן טעלעוויזאָר האָט זיך צעעפנט ווי אַ שטיק הימל,
און אין פליענדיקן שטאָלענעם שטול
איז מיט לויכטנדיקן הימלדיקן האָסט צו מיר אין שטוב אַרײַנגעפלויגן,
ווי אַ דערפרייטער יאָמטעוודיקער גאַסט, — טיטאָוו.

אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט איז
צו קיינעם נאָך
אינגערגעץ ניט
געקומען, און פאַר קיינעם נאָך
האָבן די הימלען, ווי וואַרטנדיקע טויערן, זיך צעעפנט און געבליבן
אָפן שוין אַף אַלעמאָל. דערפאַר
לויכט אַזוי זײַן פּנים און פאַרשיינט
אַזש אין אַמעריקע
מײַן שטוב. און מײַן שטוב — ווי דאָס לאַנד אַרום — איז פאַרקלונגען מיט
זײַן פליענדיקן קאָל. עס זעט מײַן לאַנד,
ווי דער גאַסט זיצט בײַ מיר אין שטוב און רעדט. און עס הערט מײַן לאַנד,
ווי ער רעציטירט אין די הימלען זײַן ערדישן פּאָעט.

פונוואַנען קומט דער מענטש ?
ווער איז ער, ווער ? און וויאַזוי
ברענגט עס אים אַהער ?
פרעגט די שטערן, פרעגט : זיי קענען אים
באַם נאָמען.
די שטערן לויכטן מיט דערפאַרונג פון
ליכטיקע ליכט־נעכט אין שטאָקפינצטערע צייטן : דעם הימל מיט די שטערן
האָבן די ראָמאַנטישע טיטאָוס פריער פון דער ערד פאַרמאָגט, און מיט זיי
האָט אַ הימל שטערן גאַרנדיק און טרוימענדיק געוואַרט,
דער גאַנג פון דער ערד זאָל אונטער זיי זיך בייטן.

די שטערן ווייסן.
די שטערן טראַכטן. זיי געדענקען נעכט אין וועלדער —
אַרבעטער און ביימער אין צעזונגענע פאַרזאַמלונגען : אַרבעטער ריידן
מיט פייער פון פראָפעטן, און ביימער שטייען אַרום,
ווי שאָמרים אַף דער וואַך.
און די שטערן האָבן צוגעלויכטן, ווי פאַרכאָלעמטע לאַמטערנס,
אין די וועלדער צוגעלויכטן די לענינישע נעוויאים
און אין די טפיסעס צוגעלויכטן אַרעסטאַנטן.

די שטערן זעען און געדענקען
די לעצטע לעבעדיקע נאַכט
פון געשטורעמטן ווינטער־פאַלעץ. זיי זעען און געדענקען
דעם פאָלקס אויסגעשטערנטע נעכט, די האָפענונג און מוט.
זיי זעען און געדענקען לענינס ווייסע נאַכט
באַ דער פינלענדישער גרענעץ.

עס וואַכט איבער טיטאָוון דער הימל שטערן, וואָס האָט געוואַכט איבערן
באַלאַגערטן
און דורכגעפראָרענעם לענינגראַד. עס וויגט זיך איבער אים
דער הימל שטערן וואָס האָט, ווי ער,
ניט אָפגעטראָטן און באַלויכטן
די לעבעדיקע, ניט באַזיגטע כורוועס פון וואָלגאָגראַד. און אָט
פליט איבער אים
מאָסקווער הימל,
ווי אַ היימישער פאַראַסאָל. און דער רויטער שטערן—ווי זיין האַרץ די גרויס—
אינמיטן, אין דער שפיץ — דער מענטשהייטס מענטשלעכסטער סימבאָל.
טיטאָוו זיצט און שמייכלט און קוקט דער וועלט אין די אויגן
אינייִנעם מיטן הימל שטערן, ווייל ווייסן ווייסט ער וואויל,
אַז די גאַנצע מענטשהייט שמייכלט און פליט מיט אים
און מיט אַלע זיינע באַגערן.

טיטאָוו פליט
וואָגלאָז און זאָרגלאָז, ווי שטערנליכט,
דורך זיין אייגענעם הימל.
איבער מאָסקווע, אַקטיאַבערדיק צעשטראַלט, איז ער
אָפּגעפלויגן אין די הימלדיקע הייכן
און פאַר די הימלען אויפגעזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

פונוואַנען קומט דער מענטש?
ווער איז ער, ווער? און וויאַזוי
ברענגט עס אים אַהער?

ער האָט דערגראַבן זיך צום שטיצפּונקט,
וואָס געזוכט און געווינטשן האָט מער, ווי איין
אַרכימעד. ער האָט דערגרייכט די הימלען, ווייל ער האָט פריער
אויסגעלייזט די ערד.

ביאָגראַפיע פון אַ הערינג

האַרציקער הערינג:
גוטברודערישער
גוטערפריינט: כ'האָב דערזען
דיין גוטן כאַוועך — מיין ליבע ציבעלע — אין די גרויסע
זינגענדיקע הענט
פון מיין ברודער נערודע: ווי ער שפּילט אַף איר
מיט היימישן טאַם
און מיט האַרציקן זאַלץ — ווי עס שפּילט אַף זיין טשעלאָ
זיין ברודער קאַסאַלס —
האָב איך זיך דערמאָנט אין דיר און דיין ראָלע
אין מיין שטעטל ביטער לעבן: ס'האָט מיר פאַרשמעקט
מיט דער ציבעלעס ביטערזיסן טאַם — ווי מיין מאַמעס
הייסאָטעמדיקע טרער: זיינען מיינע וואָרצלען דאָך דיזעלביקע
ווי דער ציבעלעס, און פון דערזעלביקער
טרערן־אויסגעווייקטער ערד.

גוטערפריינט. אַלטער, גוטער
גוטערפריינט: ניט נעם פאַר אומגוט וואָס
אַף דיין כעזשבן האָט דאָס שטעטל שפּאַס געטריבן. קענסט דאָך וואויל
דעם קאַבצנס גוטנמוט און דו ווייסט: טאַקע וואָס
אויב נאָך אַ טרוקענעם טאָג ניט פאַרבייסן מיט
אַ לייכטן שפּאַס, טאַקע וואָס איז אים
אין יענע טעג געבליבן? האָט ער געשפּאַסט פון דיר,
ווי פון זיך אַליין —
ווי ער האָט זיך אָפט צו דיר פאַרגליכן — אַליין, אַליין
אַן אויסגעווייקטער הערינג — אַבי דאָס לעבן זאָל
אין טהאָם פון טרויער ניט פאַרגיין. מיין גוטער
גוטערפריינט: דו —
אין הונגעריקע טעג, אין טעג אין נאַקעטע, אין קאַלטע —
דעם אָרעמאַנס נעשאָמע באַם לעבן האָסט דערהאַלטן. מיין העלד,
מיין פאַטעטישער העלד: דאָס פאַרהונגערט שטעטל האָסט
געראַטעוועט
פון פינצטערער פאַרצערונג, דו —
אָרעמער, באַליידיקטער,
אומשולדיקער הערינג. דיר איז אַזויפיל, אַזויפיל שולדיק
די וועלט.

וויל איך דיך פאַראייביקן — אַזוי אייביק כאָטש
ווי מיין פאַר דער צייט פאַראורטיילט יידיש ליד: אין דער געשיכטע אין
דער בלוטיקער, דער רויכיקער,
דיין געדעכעניש זאָל בלייבן מיט מיר אינאיינעם אינדערמיט.

דרייגראָשנדיקער שלימאַזל. אַ פּאַנעם האָסטו
ווי אַן אויסגעמאָרעטער, פאַרכאַלעשטער יעשיוועבאָכער — דאַר און גראָ
און טרוקן.
נאָר דרייצן אָפּענע מיילער פּלעגן אַף דיר קוקן ווי אַף אַ זעלטן, זעלטן גליק —
אויב נאָר די מאַמע זאָל פון מענדע מורזעס מאַזלבראָכע-קראָם ניט קומען
מיט ליידיקן צוריק — מיט טרערן אין די אויגן און מיט שאַנד-דערשטיקטן
לאָשן: (מענדע מורזע! — ווי די קינדער רופן אים — מענדע וועט
ניט צובאָרגן אַ גראָשן — סיידן ערעוו יאָמקיפּער! — מענדע מורזע: זיין גוף —
אַ טרוקענע, אַ פּוסטע הערינגפּאַס. זיין קאָפּ —
אַן אויסגעלאָשענער, פאַררויכערטער
כיידער-לאָמטערן, אַריינגעזונקען אין צוויי הייכע הויקערס
אָנגעשטאָפּט מיט גרימעניש מיט קרימעניש און גרימצאָרן—אַ הויקער פונהינטן,
אַ הויקער פונפאָרנט.
צוויי הענגענדיקע גראָבע, קאַמצאָנישע ליפּן — בלאָ
און נאַס. זיין ווייב —
אַן אויסגעצייגענע, איינגעדאַרטע, לאַנגע, גאַיוועדיקע, שטרויענע
סטראָשידלע —

אַ גאָרטן-אָבעזיאַנע,
מיט אַ שפּיציק פּענעמל פון אַ פאַרזשאַווערטער וואַראָנע.)

ס'האָט זיך געמאַכט — אין מער „מאַזלדיקע" שטעטלעך — אויך אָרימענקע, גראָשנדיקע
קרעמער, נאָר אונדזער שטעטל האָט צו זיי קיין מאַזל ניט געהאַט.

אָט גייט ער.
מענדע האָט אַן עמעסן נאָמען אויך: שמולפּיסעך. נאָר רופן רופט
דאָס שטעטל אים: שמולכיישעך.
אָט גייט ער. ניין,
ער גייט ניט. אים רוקט עפּעס — עפּעס לעבעדיקס רוקט אים
איבערן מאַרק: ער רוקט זיך, רוקט זיך
קראַנצנדיק: אַ שטיק האָצקעדיקער וואָלקן, קראַצנדיק
מעשוגענערוויים:
אַ שטיק כיישעך — אַן אַלטע, קאַלטע, מאָכעוואַטע
גייענדיקע באָד לייז).

נאָר האָט מען דיך געבראַכט —
האָט די מאַמע דיך אויסגעוואַשן און איינגעוואַשן, צוגעפּראַוועט מיט אַ ציבעלקע,
אַ טראָפּן עסיק,
אַ שמעק פּעפּער, — אָדער דיך איינהאַקן
מיט דאַרע סקאָרינקעס און פּרעגלען ווי ליטישע
קאָטלעטן, אָדער דיך אויסציען ווי אַ זילבערנעם לעשטש
אין אַ סקאָווראָדע און בראָטן אין

אַ צוויי־דריי לעפֿל ציגנמילך, אָדער באַקראַנצן דיך
מיט שניצלעך ציבעלע — ווי מיט פּיצלעך בליענדיקע בלומען —
אַ טראָפּן וויין־עסיק, און באַשאָטן מיט
אַ שפּיצלעפּעלע מעלצוקער — און אַזוי דיך איינפּאַרען
אונטער דער הייסער זאַסלאָנקע. אָדער גאָר
אויסבאַקן אַ הערינג־באַנדע, וואָס האָט פֿאַרשמעקט די שטוב
מיט אַלע טאַמען. (וואָרעם איז אין שטוב געווען
מערניט ווי אַ גראָשן, איינונאיינציק גראָשן בלויז —
האָט מען נאָר געקענט באַם זיסן מענדע מוריע איינהאַנדלען
אַ בלעכן קווערטל ניטפֿאַרגינערישן הערינגראָסל — וואו ער האָט
הונדערט מאָל אין טאָג געשטופּט זיינע הארטע, קאַרגע זשעדנע לאַפּעס,
און אין וואָס דו וויקסט זיך
ס׳גאַנצע לעבן דיינס — ווי די מאַמע וויקט זיך
אין אירע טרערן —
און טונקען בולבעס,
טונקען ברויט
אין דיין האַרצעסנדיקן „לעבנסזאַפֿט" — און אָפּכאַפּן דאָס האַרץ.

(איינמאָל האָט זיך מיר פֿאַרגאַנוועט אַ געדאַנק:
דער מאַמען איינשפּאָרן איר לעצטן גראָשן: פֿאַרקלייבן זיך
הינטער אַ פּולער פּעסל
און אויסצאַפּן אַ קווערטל הערינגראָסל. נאָר איידער וואָס —
האָט מיך אַ קאַלטע שטעטל שרעק ארומגעכאַפּט: איך וויים:
פֿאַר מענדען איז ניטאָ קיין טאַינע, קיין דערקלערונג: פֿאַר אַ גראָשן
וועט מענדע מוריע דיך צערייסן ווי אַ הערינג.)

אַליין אַן אָרעמאַן אַן עוויען — איז אַ ליידיקער
דיין בויך. האָבן מיר אומזיסט געזוכט באַ דיר
אַן איבעריקן ביסן: אַ סימען „מילך",
אַ ברעקל רויג.

דערפֿאַר אָבער
פֿאַרמאָגסטו אַ גוט האַרץ: מאַכט זיך ווען
אַז אַן אַ
פּיצל אוגערקע, און אַן אַ
ציבעלע, זעסטו אַליין אויך טאַקע אויס
ווי אַ געפּאַלענער, אַ דראַכלער אָרעמאַן — און האָסט אַלץ
קיין פֿאַריבל ניט.

וויפֿל טאַינעס, וויפֿל קלאָלעס
האָסט זיך אָנגעהערט באַ אונדזער טיש, און אָפּט
געפּילט זיך שטאַרק געטראָפֿן —
ווען מען האָט געזינדיקט מיט די רייד

וועגן אַ באַלעבאַטיש שטיקל פיש. איז עס אַ זינד געווען
מיט דיר דערביי
אַף בעסערס וואָס צו האָפן? — אינמיטנוואָך,
נו, מיילע, אדעראבע. אָבער פּאַרט, לאָמיר זאָגן, כאַטש
לעקאָוועד שאַבעס! לעקאָוועד יאָנטעוו!

. . . „באַ די נע—גי—דים
איז דאָגים אַ פרישצאַפּלדיק העכ—טע—לע!
און באַ די קאַב—צאַ—נים, אוי, קאַב—צאַ—נים, אוי,
דאַל—פאָ—נים,
איז דאָגים אַן אויסגעווייקט הע—רינגל, נעבעך!" . . .

די וואָכנטעג זיינען געקומען לעכאַטכילע
צוגעוואוינט צו דיר.
און די שכיינעסדיקע שאַבאַסים האָבן זיך פון זיי
געלערנט. (אַ ברייריע האָבן זיי געהאַט?)
נאָר די יאָנטויווים — די גאָרניט אַפּטע געסט — ווי
געוואוינט מען צו?
פלעגט דער טאַטע אונטערהעלפן מיט זיין שטענדיקער
נעוואוע: לעקאָוועד יאָנטעוו, מירצעשעם,
וועט דער אייבערשטער צושיקן — אַ בענבעקוע . . .

פונדעסטוועגן,
ווען ס'איז געקומען שאַבעס-יאָנטעוו — און אַן — בעפּיירעש אַן
אַ בענבעקוע — ביסטו גאָר געווען
אַ יאַכסן: שאַבעס-יאָנטעוו האָט
די מאַמע דיך
פאַרפּוצט
און אויסגעצאַצקעט
אין אַלדאָסגוטס פון אַרעמעלייטס גוטמוטיקע אילוזיעס: דיך אויסגעצירקלט
אין אַ קרייז
אַפן גרעסטן, שענסטן טעלער — ווי עס פּאַסט
פאַר אַ שאַבעס-יאָנטעוו שטאָלצן שלייען, צי גאָר אַ האָנעראָוון
מיזרעך-העכט —
מיט איר יאָנטעוודיקן צאַר דיך אַרומגערינגלט מיט רייפּטלעך גרינע אוגערקע,
מיט רייפּטלעך דימענטענע ציבעלע
און מיט רייפּטלעך פון ווייסלען און געלכלעך הארטע איי: האָסטו געהאַט
אַ פּאָנעם פון
אַ פולער
קיילעכדיקער
זילבערנער לעוואָנע, אַן אַרומגערינגלטע

מיט גרינע,
ווייסע,
געלע שטערן. און אַזוי האָסטו
שאַבעס-יאָנטעוו ניט דערלאָזט פאַרשטערן. אַזוי, אַזוי האָסטו
געראַטעוועט
אַ מיטוואָך און אַ מאָנטיק, געראַטעוועט אַ שטוב
פון אַ טאָג הונגער און אַ נאַכט געוויין. (אין אַ פוסטער,
הונגערפולער שטוב,
וואו דער ווינטער-מלכאַמאָוועס טשאַטעוועט, האָסטו ניט איין מאָל
אַ שטוב לעבן אָפּגעראַטעוועט). און אַזוי, אַזוי —
צווישן באַלעבאַטישע שאַבעס-יאָנטעוו דאָגים אַ ניט-דערמאָנטער — האָסטו,
אַף דיין בעסטן אויפן,
ווי ניט איז
אויך געראַטעוועט דעם אוינעג שאַבעס און
דעם אוינעג יאָנטעוו.

היינט ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעכאַפּט צום קאָפּ
און עס אויסגעזויגן מיט אַזאַ נעשאָמע יעסיירע-אַפּעטיט, ווי זיין זאָל עס
אַ צוגעברענטער קאַרפּנקאָפּ, צי גאָר ווי איינגעברוינטע
זים און זויער געבראָטענע
יונגע שעפּסנביינדלעך: אַזוי ווי איבערן שטוב זאָל שוועבן
שמעקעדיקער,
רייצנדיקער,
וואַרעמער רייעכניכייעך פון אַ צעלויכטענעם קופּערנעם טאָפּ יאָנטעוודיקע
מאַטאַמים.

אַז מען טוט אַ טראַכט פון דיר,
אַז שטאַמען שטאַמסטו אַזש
פון דערזעלביקער מישפּאָכע מיטן סאַמע יאָרעמהיידע,
מיטן געהייבנסטן פון אַלע, מיט אים אַליין —
דעם גאַניידנדיקן, לעגענדאַרישן
לעוויאָסן — איז טאַקע ווי
פון גרויסן הייכן ייכעס אַן אומגעלומפּערטער גרינאונגעלער שטיקל כאָסן
וואָס פּילט זיך גאָר ווי אַף אַ פרעמדער כאַסענע
צווישן די געהייבענע
אָנגעבלאָזענע מעכוטאָנים — ווי פּריציש-פּאָרצעלייענע, פּוסטע
פּייסעכדיקע קיילים. דערפאַר אָבער
ווי וואויל איז דיר, און ווער איז גלייך צו דיר — (און דער טאָם
ליגט ביז היינט נאָך טיף
אין מיינע ביינער מיר) — ווען דיך ראַטעוועט אַרויס
פון מענדעס הענט די מאַמע, און זי טראָגט דיך דורכן מאַרק
אונטער איר טערען-אויסגעשטערנטער פאַטשיילע.

און אַט, ווי פּריינט
ביזאַהעריקע, טרעפֿן מיר זיך דאָ — אין אַמעריקע.
דעם אַטלאַנטישן יאַם טרערן
האָסטו מיט מיר איניינעם דורכגעשניטן. און ווען מיין שטיקל לעבן האָט
אין דער זינקענדיקער קאָרעטע זיך איבלדיק אַף טויט געוויגט
האָב איך זיך אויך
מיט דיר געקוויקט. נאָר קוים ביסטו
די היגע שוועל די גאָלדענע אַריבער — האָסטו באַלד
דיין הויט געביטן.

פּאַרפאָרן ביסטו דאַפּקע סאַמע, סאַמע אונטן, אַרונטערצו — מיט אונדז,
אָרעמעלייט —

אַף דער אָרעמער איסטסייד. נאָר
שטילערהייט, דאַכט זיך איינס-צוויי —
און האָסט שוין גאָר
שפּאָגל נייאינקע אַדרעסן — איבער שענסטע שפּייזקראָמען
אַף גאַנץ בראָדוויי. (וואָלט די מאַמע דאָס געגלייבט?).
ביז די הייכע, גאָר די הייכע
פּענצטער האָסט
מיט מאַזל זיך
דערקליבן, און פֿון דיין נעכטיקן איד,
פֿון דיין נעבעכדיקן
קליינשטעטלדיקן פּאַרשוין איז קיין סימען ניט
געבליבן: גאָר, גאָר אַן אַנדער
בריע. און קיינער וואַרפֿט זיך ניט
מיט דיר. פֿאַרקערט:
ביסט אַ גאַנצע מעציע! גיך, אָ, ווי גיך
האָסט זיך אַרויפֿגעאַרבעט דאָ: מיט לייטישן, מאַזלדיקן
קנאַק — מיט בליאַסקענדיקן
לימוזין, מיט קנאַקנדיקן
קעדילאַק
ביסטו מיט לייטן גלייך, מיטן שטעל
פֿון גרויסקרעמערישער גאַיווע אַריבערגעפאָרן פֿון פּיט
און נאָרפאָלק,
אָרטשאַרד און דעלענסי אַזש, אַזש ביז קאָנקאָרס און ביז ריווערסייד:
מיט די סאַמע, סאַמע אייבערשטע פֿון שטייסל — די גאָר-גאָר הייכע —
געוואָרן פּאַני בראַט. איך
פֿאָרקע זיך נאָך אַלץ — לויב זיין נאָמען — באַ שניידעריי. און דו,
דו ביסט מיר אַן עכטער ריסטאָקראַט.
אַ גרויסער פּאַרדינער. (און וואָס האָב איך, כאָלילע, צו דיר —
איך זאָל דיר ניט פֿאַרגינען?) געקומען, ברודערל, דיין צייט: דיינע אַקציעס

זיינען נאָכאַנאַנד געשטיגן — אַרויף־אַרויף־אַרויף: פון פּאַרדאַיגעטע, פּאַראומערטע,
באַליידיקטע דריי גראָשן ביז—הו—הו—הוף!
און אַף שפּיגלדיקע טישן ביסטו זיך אַ גאַנצער שמעלקע, אַ נאַענטער מעכוטן מיט
קאַפּטשאַנקעס און קאַוויאַרן און שאַמפּאַניער: שוין אַליין, הייסט עס, אַ היימישער, הייכגעשטעלטער ביסן. דאָ,
אין פאַרבענקטע מינוטן פון זיסע, שטאָלצע, וואוילבאַלוינטע זיפצעלעך, דינסטו, טייערע, דינסט ווידער וואויל. דינסט די היגע אויפגעקומענע, אויפגעבלאָזענע
מענדעס, ווי דו דינסט נאָך,
דינסט נאָך מיר: זיי
ווי אַ זייכער אַמאַליקע וואָרצלען און מיר — ווי אַ זייכער לעהונגער. זיי צאָלן פאַר דיר מער. נאָר מיר, ברודער,
קאָסטו טייער. נאָר באַ אַלע טישן זייגען מיר אַלע זיך מיט דיר מעכאַיע.

און וואָס עמעס, עמעס: דאָ —
האָסטו טאַקע גאָר אַן אַנדער פּאָנעם: אויסגעפּאַשעט, פעט
און פול
און פריש — ווי אַן עכט
נעגידיש העכטל — און דיין הויט
לויכט
מיט לויטער זילבער, ווי דער שפּאָגל נייער
האַלבער דאָלער שטיק —
וואָס דו קאָסטט.
אַ לעבעדיקער, אַ צופרידענער מיט דיין דאָליע, ליגסטו אַפן לאַנגן
בלויען פּאַלוימיסעק — ווי ס׳פּאַסט אַ בראָדווייער שמאַלצהערינג —
אַרומגערינגלט
מיט בלאַנקענדיקע גוטעזאַכן — ווי אַף אַ שטערנדיק שטיק הימל —
און דו לייכטסט אַרויס
ווי אַ יונגבײדעש־לעוואָנע —
מיט דיין אוינעגשאַבעס־גייסט באַלעבאַטיש צעלייגט
איבער אַ מיטנמיטוואָכדיקן טיש
פון אַ מאָנטיקדיקן ייד אַ באַלעבאָססססס! און ס׳טראַסקען דיר אין קאָפּ
טעלעוויזיעס צעיאָכמערטע פּראָגראַמען, און מיט וואולגאַרע שטיק
זיי שלאָגן דיר אַרויס
די טויזנט יאָר האַרציקע ניגונים פון מיין מאַמען.

(באַ די נעגידים
ביסטו קוים אַ לייכטער צוביים נאָר.
און באַ די קאָב—צאָ—נים, אוי קאָב—צאָ—נים, אוי דאַל—פּאָ—נים —
ביסטו נאָך אַלץ אַ מאַיכל יעדן טאָג אין יאָר.)

איך ווייס ניט
צי דו פילסט זיך בא זיי אין גאַלעס. איך ווייס נאָר ווי גרויס
מיין ליבע צו דיר
פון אַמאָל איז. און איך ווייס
ווי דו פילסט זיך אַלץ נאָך היימיש
בא הערינג־באַנקעטן פון אָרעמעלייט — וואו מען דערציילט זיך מאַיסעס
און מען זינגט לידער וועגן דיר — ווי איך דאָ היינט —
און מע מאַכט אַ לעכאַים
צו שאַלעם און
דער נייער צייט.

און אַף אַלע פיר וואָגלענדיקע ווענט פון אונדזער שטוב — וואָס גייען
מיר נאָך — גייען מיר נאָך
און שטעלן זיך אַריין אין מיין יעדער היים איבער דער וועלט —
האָט זיך אַף אַלע דיירעס איינגראַווירט
פון אונדז אַלעמען דאָס בילד:

זאַלבעדרייצן זיצן מיר
באָם טיש, אַרום און אַרום
דיר, ווי די באַרימטע מישפּאָכע
„בולבע־עסערס"
פון וואַן גאָג. (די שענסטע פאָטאָגראַפיע
פון מיין טאַטנס הויזגעזינט
וואָס איך פאַרמאָג.)

און ווי די בולבעס
אין זייער פּראָסטן,
ערדישן העמד
טראָגן אונדז צום מויל
דעם ביעסדיקן טאַם פון דער ערד, אַזוי ווערט דיין נאָמען
צווישן אַלע פעלקער
מיט לייבונלעבן גערימט
און געהערט — פון דעם אַטלאַנטיק ביזן
פּאַסיפיק,
און פון דעם באַלטיק
ביזן בערינג — דו, מיין גוטמוטיקער, געטרייער,
האַרציקער הערינג.

לידער פון מאַן און ווייב

אַלגען

I

אַ זילבערנע נאַכט

די לעוואָנע איז אַ רואיק האַרץ פון אַ פאָלק-מענטש,
וואָס גייט-דורך מיטן לעבן הינטער כמאַרעס אין דער פינצטער
אַלע צאָרעס, און האַלט עס אויס,
זיכער אין איר גלייבן, אַז זי ווייס
אַף וואָס זי וואַרט:
אַז ס'וועט דורך איר נאָך ליכטיק זיין די נאַכט
און זי וועט לויטער זיין, לויטער ווי די זון
און ווי די זון די גרויס.

מיט דער לעוואָנעס קלאָרן, דורכגעלויכטענעם טרויס
און מיט איר אייגענעם טרויעריק-טרוימערישן האָפן האָט מיין מאַמע
אָפגעכיישעכט איר יונג שטיקל לעבן קוים: טעג
ניט געטאָגט, נעכט
ניט געשלאָפן, און קוים, קוים דערלעבט, דערשלעפּט זיך
צו זען די ווייבלעכע וואָר פון דער לעוואָנעס טרוים
אין גורל, אין גליק פון אירע יונגע טעכטער.

ליבע איז אַ ציטערדיקער צאַרטער שטערן
איבער אַ וואַלד מיט האָזן, וואָס שרעקן אים
ווי בערן. נאָר אַפילו ווען ער פאַלט אַרונטער קען אים
קיין שטורעם ניט פאַרלעשן, ניט פאַרבלאָזן: ער בלייבט אַלץ
דער אייביקער, דער ניט באַזיגטער לויכטנדיקער וואונדער.

מיין טאָכטער איז אַ שטערן,
וואָס קען שוין ניט פאַלן. ווי מיין ווייב,
איז זי איר מאַן — ווי איר מאַן איז איר —
אַ דורכגעלויכטענער באַגלייטער צווישן פרעסערישע בערן,
וואָס האַלטן אין איין באַפאַלן.

מיין טאָכטער, ווי מיין ווייב, זיינען קינדער פון אַ האַלבן
געלייטערטן יאָרהונדערט: שטערן וואָס לייכטן
מיט אייביקער ליבע פון מענטשלעכן וואונדער.

II

דער שידעך

מיט אַלע מאַילעס איז מיין ווייב געבענטשט: אַ קינד פון פאָלק —
מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין כאָכמע און זיין מוט. דעם פאָלקס גרויסקייט
זינגט שטענדיק אין איר בלוט. מיין ווייב איז אַ מענטש.
מיין ווייב איז אייזנפעסט אַף אירע פיס. מיין ווייב איז
אַ געניאַלער מיוון אַפן קאַרליק, וואָס פילדערט אַז ער איז
אַ ריז — אין ליד, אין לייב-און-לעבן, אין געדאַנק
און אין געמעל, און אין פירן — פירן די וועלט!

צייטנווייס איז זי מיר אומרואיק און ציטעריק: די וועלט די וועלפישע
האָט אין אַ הילפלאָז שטיבל אירע נאַקעטע קינדער-טעג
געשראָקן — מיט איר מאַכט מיט איר ברוטאַלער. צו מיר
איז זי געקומען שוין אין שפּיטאָל-קליידער מיטן רויטן שטערן
און זי גייט מיט מיר אין שלאַכט:
איז זי געוואָרן מיין קאַלע.

און איך? פון דער מענטשהייטס צאַר און פרייד
האָב איך אויגן מיט טרערן און אַ האַרץ פון אייזן,
די גוואורע פון רייפע לייבן און די שטילקייט און געדולד
פון יונגע בערן. כ'בין ערלעך געשולט
אין ווילן פון פאָלק און געבענטשט מיט דעם מוט
פון מיין קלאַס. דערפאַר קען איך באַווייזן
דורך פייער פון שלאַכט ווי ליכטיק ס'קען זיין
אַ שטאָקפינצטערע נאַכט.

אין נאַדן — אין טרוימען — איז איינער
פון אַנדערן רייכער: איז דער שידעך
אַ גלייכער.

III

די באַלעבאָסטע

מיין ווייב איז אַ דינע. מיין ווייב איז אַ שלאַנקע.
ניט וואָס ס׳איז דין איר פיגור: דין איז
צום סוינע פון לעבן איר סינע — ווי די דין־שאַרפע
סינע פון קראַנקע —
ווען פון געפאַר זיי דערשפירן דעם מינדעסטן שפּור.
דין איז איר ליבע — דין ווי די זון אין שפּיטאָל
אַף איר ווייסן, דינעם פּענואַר: די זון, זאָגט זי,
מאַכט לירישער און גלייביקער דאָס קאָל פון קראַנקע
אין טאַכריכימדיקע כמאַרעס פון געפאַר.

איז זי אין טעג אין רעגנדיקע אָפּטער באַ די בעטן
אין טויט־לעבעדיקן אָרעמאַנסקן וואָרד: מיט איר האַנט,
איר וואָרט, איר בליק אַ גלעט טאָן: פּרובירן
ווי ניט איז פאַרנעמען דער זונס אָרט.
דער טויט, דער טויט, זאָגט זי, איז צופיל
באַלעבאָס. און דאָס לעבן לאָזט זיך. דער טויט גייט אום —
דער טויט גייט שטענדיק אום — ווי דער בייזער נאַכט־דינער,
דער צינישער, איבער בעס־אוילעמדיקן וואָרד —
מיט גרייטער, לעצטער מאָס. און ביז עס וועט
דאָס לעבן דאָ אַליין ווערן באַלעבאָס איז זי דערווייל
אַפן קראַנקן לעבן אין איר ווינקל אַ זאָרגזאַמע,
אַ ליבע, גוטע באַלעבאָסטע.

IV

צווײ — זאַלבעדריט

אײן מאָל צווײ איז דרײ, ווען ס׳לאָזט אַ מענטש אַרויס
זײן ליבע צו דער וועלט דורך אַלע טירן
פרײ.

אין שאָען אָפּגעריסענע פון שלאַכטפעלד און שפּיטאָל,
ווען אונדזער ליבע פרײט זיך, פרילינגט זיך און בליט,
איז די וועלט דאָ אַלעמאָל אין אונדזער אינטימען אינדערמיט.

די וועלט — זי קען אונדז בײדן אויסגעבונדן. די וועלט
זי איז אַלײן שוין מיד, אָ, לאַנג שוין מיד
פון אירע לײדן, און זי לעבט
אַף אונדזער הײלנדיקער ליבע צו אירע וואונדן.

יאָ, די וועלט — זי קען אונדז בײדן
אויסגעצײכנט. זי פרײט זיך
ווען זי הערט אונדז רײדן וועגן שאַרפער פען
און שאַרפערן און זיכערן לאַנצעט: זי ווײס:
מירן לעבעדיק דערגרײכן מיטן טויט אונדזער געווענט.

אײן מאָל צווײ איז דרײ: ווען דער מענטש איז פרײ.
שלאָפן מיר, וואַכן מיר
אין בעט זאַלבעדריט: איך און מײן ווײב,
און די וועלט — אינדערמיט.

ט

דועט

איך האָב אַ טעווע: פון שלאָף, אינמיטן נאַכט
זינגען לידער אַף אַ פולן קאָל —
ווי ס׳וואָלט אַ באַריקאַדע זיין מיין בעט.
מיין ווייב איז מיד. נאָר זי דערוואַכט צו די „קאָנצערטן״
אַלעמאָל. און עס זינגט שוין
אַ דועט.

מיינע טעג זיינען פול מיט רייד, מיט לידער
און מיט טראַכטן. מיינע טעג, ווי אירע, זיינען
פיר־און־צוואַנציק שאַ דערוואַכטע. מיינע טעג זיינען
אַרום דער וועלט דער וועג — פון די אָפענע פּאַרטאַגן ביז
די טיפע און פאַרטיפטע אויפדערנאַכטן.

אירע טעג זיינען דורכגעלויכטענע סילועטן
פון פליענדיקע ווייסע טויבן — פלאַטערנדיקע האָפענונגען
פון כאַלאַיאַים אין די בעטן.

אירע נעכט זיינען גלאַנצנדיקע אויגן
פון ווער ווייס וואָס מיינענדיקע סאָוועס: אַ לאַזאַרעט
אַף טויט דערשראָקענע מאַכשאָוועס.

אירע טעג זיינען ליכטיקע שפּיטאָלן
מיט פינצטערע געמיטער. אירע טעג זיינען זוניקע זאָלן
מיט בלייכן טויטנציטער. אירע טעג, ווי מיינע,
זיינען ברייטע גרענעצן פון טויט און לעבן אין אַ האַנט
אַ געניטער. אונדזערע ביידנס טעג
זיינען טיפע, בלוטיק־בליצנדיקע, בסורע־הילכנדיקע טאָלן
פון באַרגאַרויפיקן געוויטער.

מיין ווייב ווייגט פון שלאָף מיטן צאַר
פון נאַכטיקן וועלט־לאַזאַרעט. איך זינג פון שלאָף
מיט פרייד און ווייטיק פון אַן אַרבעטער־פּאָעט.

און ווען ביידע מיר דערוואַכן,
קענען מיר ניט איינהאַלטן דאָס קוואַלנדיק געזאַנג,
דאָס שפּרודלדיק לאַכן. און ביידן אונדז איז קלאָר,
אַז בלויז פון נעכטיקער מידקייט וויינען מיר,
און אַז דאָס פרייען זיך און זינגען איז — מאָרגנדיקע וואָר.

VI

מיין ווייבס ערד

מיין ווייב מאָלט דאָס לעבן מיט פּענדזל און פּען.
איר גוטסקייט לויכט אויף אַף לייוונט
מיט לייבלעכע קאָלירן. ווי וואַרעם ס׳ווערט דורך זיי צו זען
ווי יאָנטעוודיק מענטשן קאָנען זיך פירן,
מיט וויפל גוטסקייט מענטשן זיינען אָנגעלאָדן, ווי ס׳פּרייט זיך
מיט זייער גוטן גאַנג דער גוטהאַרציקער באָדן.

מיין ווייבס מענטשן זיינען די מענטשהייט טרוימער.
מיין ווייבס מענטשן זיינען די וועלט אָרעמעלייט.
מיין ווייבס מענטשן זיינען פעסטע דורכגעלעבטעביימער.
מיין ווייבס פּראָסט־פּאָשעטע מענטשן זיינען די פרייד פון דער צייט.

מיין ווייבס קאָלירן זיינען אירע בליקן אַף דער וועלט קוואַרים,
אַף דער וועלט מישפּאָכע, ווי אירע לידער זיינען דערפרייענדיקע פייגל,
וואָס זי האַלט אין איין צעשיקן איבער לענדער טפּיסעם
פון דער נידעטרעכטיקער עפּאָכע.

מיין ווייבס הימל איז אַ לייכטער, דורכזיכטיקער דאַך איבערן קאָפּ.
מיין ווייבס ערד איז אַ וואַרעמער, רויטער דיל אונטער די פיס.
מיין ווייבס זון איז אַ גרויסער, רונדער קופּערנער טאָפּ מאַזל־בראָכע —
מיט אַ קויב : בייגל און בולקעס און בלומען, מאַראַנצן
און ניס, און אַ פריילעכע, ווייסע, צעפליגלטע טויב.

מיין ווייבס לעוואָנע איז אַ לויכטנדיקע זילבערשיסל
מיט אַ דערפרישנדיקן, קוואַליקן געטראַנק.
מיין ווייבס אַ שטערן איז נאָך אַ פינקלדיקער שליסל
צו דער וועלטס דערלייזנדיקן געדאַנק.

VII

רויטע פּאַזעמקעס

מײַן ווײַב איז אַ פֿרײַלעך־צעזונגענער פֿייגל אין אַ מאָלעריש־צעשפּילטן
זומער פֿרימאָרגן. מײַן ווײַב האָט ליב צו פֿײַפֿן
ווען זי מאָלט. און אין איר שפּילעוודיק־פֿאַטראַכטן לידער־שלײַפֿן איז ווי זי
וואָלט
ווערטער ווי רײַפֿע רויטע פּאַזעמקעס מיט ווײַניקן זומער־טאָם
און זוניקער גינציקייט געלייגט אײַך גלײַך אין מויל אַרײַן.
איר פֿײַפֿן איז אַ היימיש־ליִרישער באַגײַסטערטער פֿיאַל — אַ לויטערער,
אָן אויסגעמײַסטערטער
פֿון איר וואַרעם־האַלדזנדיק, דורכגעלײַטערט קאָל.

VIII

שיין ווי די וועלט

דו ביסט שיין ווי די וועלט, מיין טייערע, ווייל די וועלט איז שיין
אַזוי ווי דו. און דער טאָג איז שיין
ווי דו: דורכזיכטיק-ריין — אַן אַזערע זומערדיקע רו.

דאָס לאַנד איז רייך ווי דיין טרוים, מיין טייערע.
נאָר ווי דעם טרוים אין האַרלעם האָט אויך דיין טרוים
דאָס לאַנד געפּרואווט דערשלאָגן. נאָר דו לייכטסט-אויף
נאָך שטאַרקער אין רויכערדיקע פייערן. ווערסטו
די מערדער פון דיין טרוים פאַריאָגן.

דו ביסט שיין ווי די פרייע טעכטער פון כינע. גרויס
איז מיין מאַזל
צו שטיין און גיין מיט אייך אינאיינעם און מיט אייך
די וועלט געווינען.

דו ביסט שיין מיט דער שיינקייט פון דיין פּאַשעטן שטיין און גיין.
דו ביסט שיין מיט דער שיינקייט פון אַ טויזנט מאָל איבערגעזונגענעם רעפריין.
דו ביסט שיין מיט דער שיינקייט פון פאָלקלאָרישן רייץ.

דו ביסט שיין מיט דער שיינקייט וואָס איז אומבאַזיגבאַר
פון אַטאָמישן האַקנקרייץ.
און ווי דיין שיינקייט דערפרייט מענטשן, אַזוי דיין גוטסקייט
און דיין כאַכמע איבער דער וועלטס ברוטאַלער גראָבקייט שטראַלט
ווי אַ פרײַלעכער פרייהייט-לאַמטערן
אין אַ גרויל-פינצטערן גאַזלאַנישן וואַלד.

IX

מיינע צוויי געליבטע

מיט לייב און לעבן האָב איך ליב מיין פלאַמענדיקע פאָן.
מיט לייב און לעבן האָב איך ליב מיין לויכטנדיקע ווייב.

מיין שיין ווייב, מיין שיינע פאָן: אין אַזוי פיל שיינקייט —
אינמיטן פאַרמאַטערטן מיטוואָך — אין אַזוי פיל אָפענער
צעבלויזטער שיינקייט טוט איר מיך אָן — אינמיטן העלן טאָג.
גליט אין מיר די פרייד פון אייביקן מאָן: פון ליבן יאָנטעוו
אין דער וואָכן. פלאַמט אין מיר דער טרוים
פון אייביקן מענטש: פון פאַרטרוימטן מיטוואָך — וואָס וויפל מיטוואָכס
אַזוי פיל יאָכן — האָבן פאַרט אים ניט געבראָכן.
פלאַטערט אין מיר די פרייהייט-פייערונג פון דער זיגרייכער מענטשהייט:
ביידע זייט איר מיינע צוויי סימבאָלן פון הייסער ליבע
צום מענטש און צום לעבן. פאַר מיין ליבע צוביידן
בין איך גערן צאָלן — מיט אַלץ
וואָס אַ מענטש אַ פאַרליבטער קאָן געבן.

גיב איך מיין ליכטיקן טאָג און מיין טרוימיקע נאַכט. גיב איך
מיין אויפריכטיק האַרץ און מיין וואָרט פון באַשייד. און ווען
דאָס לעבן דורך אייך וועט זיין איבערגעמאַכט,
וועט מיין לעצטע, ביטער-פאַרדריסלעכע רעגע זוניק פאַרגיין
אין מיין פאַרגייענדיקן צאַר — אין מיין ניט-פאַרגייענדיקער פרייד.

X
מיין ערשטע ליבע

איך בין יונג. אזוי יונג,
ווי מיין פֿאָלק, ווי מיין וועלט, ווי מיין פֿאָן, בין איך יונג.
איך הייב ערשט אָן. מיין ערשטע ליבע איז צו פֿופֿציק ערשט
געקומען. איך טראָג ערשט ס'ערשטע בינטל בלומען:
מיין געליבטע איז שיין ווי מיין פֿאָן.

ווי מיין פֿאָן איבערן פֿאָלק אין דער זון — פֿלאַטערט
מיין געליבטע אַרום מיר. און מיין טיפֿסטע פֿרייד איז
דערפֿון — וואָס איך קען זי פֿאַרגלייכן צו מיין פֿאָן
און מיין פֿאָן — צו איר.

די באָד

א.

די באָד,ברידערלעך, די באָד: אַ ווילד ביבליש בילד
פון מיילעך פּאַרעס צייטן. אַ צעוואַרעמט פאָלק צעפּאַרעט זיינע צעפּודיעטע
האַסאָגעס. אַ צעיאַכמערטער, אַ נאַקעטער, צעהיצטער
דאָרהאַפּלאָגע.

די באָד — די גוטע אַלטע היימישע וואַרעמע באָד.
די פּאַרוויינטע קליינשטעטלדיקע קאָהאָלשע באָד.
אַ שטאָט יידן קאַשערן זיך אַף שאַבעס. די באָד שמעקט איבער דער שטאָט
מיט פּרייטיקדיקן טאָם און הילכט אין היץ פון ערעוויאָנטעוודיקן טאַראַראַם.
די באָד.
די אַלטע פּאַררויכערטע קאָהאָלשע באָד: אַ צעקרימטער אָרעמאַנסקער
נאַכעסרועך־צירק. די סטעליע דערטרונקען אין הייסן, נאַסן רויך —
ווי די אויסגעטראָגענע, צעהאַנגענע טאַכטיינים אַף צו פּרודיען זאָלן הענגען
אינדערלופטן. און די מיקווע שטינקט. און אָרנטלעכע יידן טיוולען זיך
אינײנעם מיט
די פּיינע פּערדגאַנאַווים און פּאַסקודנע צוקער־יידן, מעל־יידן, פּראָצענט־יידן,
גאַדלעסדיקע גאָט־יידן און — זאָל ניט אויסגערעדט זיין — ס'קערט די גאַל־יידן.
די באָד —
די יאַדעשליווע, פליאַגעדיקע קאָהאָלשע באָד.
(אויסגעהונגערט נאָך אַביסל וואַרעם נאַכעס אין די ביינער, אויסגעטריקנט פון
טרוקענע טעג — לייכטן די טאַנצנדיקע מאַטשאַלקעס ווי לעוואָנעס מיט
צעלאָזטן וואָלקנזילבער אָנגעזופּט, און די בעזימער, ווי גרויסע ווייכע
ברידערלעכע הענט אין גאַניידן־כיעס אויסגעווייקט אַרבעטן מאַיסים
מיט זייער גלעטנדיקער וואַרעמקייט דערגיין ביזן ביין.
און ווי די פּליודערן — פּרודיעט זיך אַ שטעטל דאַלעס. ווי די קאַפּטאַנעס —
פּרודיעט זיך אַ שטעטל בינטלדיקע ביינער. די וואָך, די דורכגעפּראָרענע
לאַנגע וואָך פּרודיעט איר נודאָטע. ס'צערודערט האַרץ פון פּאַרטאַיעט לעבן
טאַיעט,
טאַיעט: ס'מענטשל פּרודיעט זיך. סאַ מעכאַיע! צעעפּנט די
לונגען, צעאָטעמט די
נאָז, פּאַרעט־אויס, פּאַרעט־אויס
ס'נעשאָמעלע: מאַלע וואָס?)

די באָד, די באָד — אַמאָל, אַמאָל פון דאַלעס דער
סימבאָל. דאָ פילט זיך פרייער דער אָרעמאַן. דאָ פילט זיך ריינער
יעדער ייד (כאָטש גיי זיי ריין
אַף אַ יאַריד). נאָר דער יאַריד איז דאָ אַ נאַקעטער — אַלץ איז דאָ
אייבנאויף. און ווען דאָס שטיקעלע נעשאָמע גיט זיך אַ צעוואַרעם ווערט
בעמיילע ריינער אויך
דער גוף.

די באָד — די קאָשערע באָד — דאָס הילצערן בעדל באַם ברעג אָזערע —
אַ קישעפדיק
שטיבל וואַרעמקייט פון אַ מאַיסעביכל — אין עק שטעטל — די קאָשערע באָד:
נאַכן וואַשן זיך און פאַרען זיך אַף כאָגע, שאַבייסענאַכטסן, קומען זיי,
די קאָשערע „גאָיים” און „קלאַפן טרעוואָגע” אַז ס'איז געבליבן נאָך
אַ פולינקע באָד היץ.
איז אַ לאָז געטאָן זיך מיט לאַמטערנעס דורכן פרירנדיקן שטעטל — זיך צוכאַפן
צום קישעפדיקן בעדל כיעס — פאַרען זיך און בריען — אויסבריען
דעם אומפלייט פון
אַ וואָך פאַרלייזיקט לעבן.

אָ, דער נאָגנדיקער כיעס פון קראַצן און שקראָבען די בייסעניש
פון אינדערוואָכעדיקן דאַלעס און לאָבן זיך, לאָבן מיט
יאָנטעוודיקן טאַם פון וואַרעמער ריינקייט: אַ בעדל, אַ היימיש בעדל פון
אַ מאַיסעביכל — אַזאַ וואונדערבעדל — אַ זעמליאַנקע — אָנגעהייצט און
אָנגעפלייצט
מיט זומערדיקן רייעך פון
פעלדער רייפע ראָמאַנקעס. דער טאַטע פילט זיך דאָ פרייער ווי, לעהאַוודל,
אין זיין בייסמעדרעש, וואו ער שטייט מיט זיינע לעבערדיקע שיך,
ווי אַ פרעמדער, באַ דער טיר: אַהער אין בעדל קומען ניט
ניט די מאַפטיר-יידן, ניט די שישי-יידן. דאָ איז פרייער אים
זיין טראָט. און זיינס איז דאָ
זיין קאָל. און זיינס איז דאָ
דער גאַנצער מיזרעך אַפן פאָל און זיינע איז
גאָט'ס קאָשערינקע „מיקווע” — די גאַנצע ברייטע פרישע כיעסדיקע
אָזערע — וואָס פליושקעט זיך מעכאַיעדיק אַרום זיינע ריינע ליכטיקע ביינער,
ווי זיין נעשאָמע — ריין און אָפן ווי די אָזערע — פליושקעט זיך
אין איר. און די אָזערע לייכט
פון טאַטנס פּאָנעם ניט ווינציקער ווי פון דעם אייבערשטנס
לעוואָנע. און די נאַכט קוקט

מיט אַלע אירע בריליאַנטענע אויגן ווי דאַדקע דער סטאָליער טייוולט זיך
אין ליכט
פון קידעשלעוואָנע־הימל און דער זיסער, זינגענדיקער אָזיאָשיר־אָזערע.
און פון יענער זייט אָזערע דער וואַלד בעריאָזעס אין ווייסע
דורכזיכטיקע לעוואָנע־העמדער טייוולען זיך מיט זייער גאַנצן
פלייצנדיקן ליכט איניינעם מיטן טאַטן און זיין נאַקעטער אָזערע־פרייד
אין די וויגנדיקע וואַסערשפיגלען פון דער וואונדערזינגענדיקער ווייסער נאַכט.

זאָרגפעליק, ווי אַ מאַמע, מיך אויסגעלויזט, מיין טוכלע לייבאונלעבן ווי אַ טאַטע
אויסגעפּאַרעט האָט אַמעריקע די באָד. פון עלים איילענד ביז
לאָנג איילענד איז אַ וועג
אַ הונדערטיאָריקער — פון אָפּגעריסענע גרין און געלע פוסגייער ביז צווייטן,
דריטן,
פערטן דאָר קראַיסלערס, פּאָנטיאַקס, קעדילאַקס און ביואיקס. און די מיילער
מאָלן,
און ציפערן — ציפער איבער ציפער צעהיצט און אויפגעדראָלן — שפרינגען
ווי פון היץ, ווי אַלע ניין איבער ניין מאָס רייד, ווי אַלע אייוורים ציען זיך,
רייסן זיך און שפרינגען
צום סאַמע העכסטן שעבעהעכסטן שפּיץ. און דער שפּיץ איז האָ־האָ־האָ
ווי הייך, האָ־האָ־האָ ווי ווייט. דערגרייכן אים
קאָסט אָפּ אַ מאָל אַ מאָגן, אַמאָל אַ האַרץ, אַמאָל רייסט זיך אַריין
אַ פרעסנדיקער ראַק, אַמאָל דערלאַנגט אַ זעץ אַ טאָרמאָזירנדיקער, טויטלעכער
טראָמבאָז. און וויפל, וויפל, אוי, באַצאָלן — און בלייבן נעבעך,
מיט אַ נאָז . . .

איך האָב ליב די באָד, און בין איר אייביק דאַנקבאַר. מערניט וואָס
אַ סביירע פון מיין שניט איז
דאָ גאָרניט גאַנגבאַר : אַז איך היט מיר אָפּ מיין טראָט וואו איך זאָל ניט
שטיין און גיין. און אָן מיר, ווידער — ווי קען די באָד זיין
ריין ? . . .

און איך קען, אָ, ווי איך קען
די באָד אָף סעקאָנד עווענױ.

און ווי איך קען די גרויסע גוטע באָד מיט אירע גוטקייטן און פּלאָגן,
קען איך אויך,
אָ, ווי איך קען ! — מיין אייגענע — די באָד

אַף סעקאָנד עוועניו, פונקט קעגנאיבער ס׳צעהאַצקעטע טעאַטערשטיק
„דער פריילעכער רעבעניו״. די באָד איז
אַ הייל — אַ גראָמאַדנע הייסע הייל הייסער הו־האַ — אַ הייל
שוויצנדיקער נאַקעטער טומל וואַרפט זיך אַרויף אַף דיר
מיט אַ באַפאַלנדיקער היץ דורך דער צעהיצטער אויפגעפראַלטער טיר. די היץ
שטייגט
מיט נאַסן, הייסן וואָלקנדיקן זשומען: הונדערט פליענדיקע שטאָק היץ
אַף איין שטאָק. און מענטשן — אַ שטאָט מענטשן — ווי פון אַ הייסן קובל
וויין־צעזאָטענער פרייד באַנומען — שיסן, שיסן מיט הייסע, טומלדיקע
מאַבלם רייד, און פאַרהילכן די הייסע הייל
מיט געפאַרלאָזער טרעוואָגע פון אַ פאַרשייטן, פאַרגרעבטן, אומשולדיקן
און גוטמוטיקן דאָרהאַפלאָגע.

היץ. הוילע, הונגעריקע היץ נעמט אַרום די הוילע מענטשן מיט
וואַרעמער קרייוועשאַפט. הונדערט פליענדיקע שטאָק היץ אַף איין שטאָק
קומט אייך אַנטקעגן און נעמט אייך אַרום און באַזעצט אייך אין אַ טערקישער
מעלוכע — מאַיסע נאַקעטער סולטאַן. איר זעצט זיך איין, נעמט זיך אַליין אַרום
און פירט אַרויף
אייער נאַקעט לעבן אַף אַ לאַד. און פריי — ווי „מאַן צו מאַן״ — צעלייגט איר
אייער נאַקעט לעבן איבערן צענומענעם ווייסן ליילעך אַפן ברייטן
הייסן וויגשטול. און די היץ הייבט זיך, זשומעט, שטייגט און טומלט. און
די באָד —
ווי מיט דער היץ — מיט אייך איז פול.

פאַרשוויצטע ווענט אָטעמען מיט נאָכאַנאַנדיקע פולע בלעזלדיקע טראָפנס
וואָס עפענען
און פאַרמאַכן זיך קעסיידער, ווי צעוואַקסנדיקע, איבעררא־שטע אויגן אין
אַ מאָדנעם, לוסטיקן צירק פון צעלאָזענע לייצים, שטיפערישע געטער, נאַאיווע
נעוויאים, דריידלדיקע דענקער, פּאָליטישע שטערנזעער, ערשטע גילדע־
גאָלדמינצערס, כאַפלאַפ־כאַכאָמים — אַלע, אַלע ווי פון איין
פורעם אויסגעגאָסן, אַלע, אַלע געניאַלע גאָטווייסוואָסן: נאַקעט,
מוטערנאַקעט — אָן

מאַנירן, אָן
אייבערעק, אָן
אונטערעק, אָן
געפרעסטן אָנשטעל: אַ שטאָט — אַ געפּאַקטע באָד
צעהיצטע שאַלאַמויזן — אָן
הויזן.

(מענטשן אין מערכעץ, ווי דער שטייגער איז, טוען זיך אויס
נאַקעט. האָסטו דאָ
יעדערן אַ נאַקעטן דערקענט, כאָטש אָפּגעפּליקטע, אָן די פּעדערן ווייסטו ניט
וואָס אַ טויב און וואָס אַ קראָ. איז שריי געוואַלד,
שריי כאַי וועקאַיעם, אַז גאָט אַליין — ווי גרויס ער איז — איז אַליין, נעבעך,
אַ נאַקעטע געשטאַלט. און ער אַליין דאָ ציטערט
מען זאָל אים פון זיין נאַקעטקייט כאָלילע ניט באַפרייען
און ער וועט כאַסוועשאָלעם אָננעמען דעם צעלעם עלעקים
פון דעם מאַשינביקס-רעקעטיר, וואָס זיצט דאָ אייבן אַפן פאָל —
ווי אַף זיין הייסן טראָן — און קראַצט זיך (האָט דאָך גאָט, פּערזענלעך,
זיינע הויזנפּאַבריקאַנטן קיינמאָל ניט געטראָפן. און זאָלן זיי אים צושיקן
אַ מוסטער, בין איך זיכער: דער ביירע אייִלעם וואָלט געשליאָנדערט
די טאַכטיינים אָפּן). גאָט
האָט מיירע פאַרן מענטש וואָס טראָגט זיין פּאָנעם. געטרויט אים ניט און
הערט אים ווי
דעם קאָטער: „מיילע, נו, טרייטל זיך, פּאַטשקע זיך, אַבי טייוול זיך אָפּ —
און פּאָטער״. און עפּשער וואָלט איך גאָר ניט וועלן אים
באַשוכן און באַקליידן: אים קען נאָך איינפאַלן צווישן אונדז זיך דאָ
באַזעצן, און מיט דער נעטורע קאַרטע כעוורע היציקער נאָך
העצן קעגן מיינע שיינע שווימענדיקע זין און טעכטער אין קרישטאָלענעם
באַסיין. זאָל ער זיך, דער אייבערשטער,
אויסשוויצן און אויספּאַרען און צוריק בעשאָלעם גיין
איז זיין מעלוכע פון אַלטער טוירע און אייביקן טעראָר).

צוויי קליינע קאָהאָל-יידן מיט לאַנגע בערד שטייען אַפן פאָל און בעזעמען
אַ גרויסן גוטנייד. די בערד זיינען גרויס
ווי די בעזעמער, הייס
ווי די בעזעמער און פליען ווי די בעזעמער.
און אַ גוואַלדאָוונע גרויסער ייד מיט גאַנצע פיר באָדקיטלען אַף זיך,
מיט דריי האַנטעכער איבערן קאָפּ פּאַראַדעוועט
מאַיסע קויענגאָדל — מיט אַ צופרידענעם שטאָלצן ראַבאָנישן קרעכץ
אונטער דער גאַיוועדיקער באָרד.
פּראָמענאַד, פּראָמענאַד. די מענטשהייט אַף פּאַראַד: טרעמבעכס —
האַלב-פּוסטע גומענע זעק — מיט נאַרישן געפּעק — אַף פּיס
מיט געשוואָלענע אָדערן, ווי בלאָע געפלאָכטענע קיטקעס.

די באָד : אַ קאָלאָסאַלער קאָליזיי צעוואָרעמטע זיכרײַנעס און צעהיצטע רייד,
צעפּאַרעטע קרייוועשאַפט פון פרעמדקייט און צעקאָכטע באַרימערייַ
מיט גוואַלדאָוונע פּראָיעקטן און באַבעמאַיסעס אָף וואָס די וועלט שטייט. דאָ,
רײַדן אַלע ווי פון היץ. דאָ בלאָזט אַלץ אויף : פון אַ וואָרט אַ קוואָרט. דער ליגן
קלינגט בעסער נאַקעט, ווי אין געפּרעסטע הויזן. און קיינער קומט דאָך ניט
אַהער

זיין נעשאָמע לויזן, צי אויספּאַרען די גנידעס
פון זיינע מאָדנע מידעס. דאָ
אָפן הייכן פאָל, אין העכסטער היץ, פּרואווט יעדער איינער אויס
זיין כאָכמע, און דערלאַנגט אַ נאַקעטן
זיין וויץ, און אַוואַדע און אַוואַדע פּרואווט יעדערער זיין קאָל. פליען
פאַרפלאַמטע אַנעקדאָטן מיט צעשוויצטער לייכטקייט פון
אָפּגעפּאַרעטע בעזימבלעטלעך. אַ קליין, קיילעכיק וואורשטפאַבריקל זאָגט
די עמעסע טיירע. אַ באַיאָרטער ייד מאַכט זיך צו בלאָזן און דאַרשנט
וועגן „דיזן" און „דאַזן" אין הילכעס פּיריע־וועריביע. אַ גראָם־שטראָם ייד
פּראַוועט באַדכאָנעס און מאַכט פון „ביזנעס" — „ביזיאָנעס",
און אַ דרייגאָרנדיקער גאָנדער גאָרגלט זיך ווי א פאַרלאָרענער טאַלאַנט אַ כאַזן.
יעדער איינער ברענגט אַהער זיין פעקל נאַקעטקייט, זיין גאַנצן פעקל
הוילקייט — הוילער ווי
באַ זיך אין בעט. יעדער איינער קומט דאָ ווי באַפרייט, און פרייערהייט
ברענגט ער מיט מיט זיך זיין גאַנצן — זיין נאַקעטן טאַלאַנט,
זיין גאַנצן נאַקעטן פּאָרטרעט.
גיט יעדער איינער אָפּ קאָנצערט. הילכט די באָד
ווי אַן אָנגעטומלטער קאָליזיי מיט אָפּגעריסענע ניגונים פון שטיקער
קאָלערליי : פון וויגעלע, פון וואָגלוועג, פון בייסמעדרעש, ליבע, קאַמפן און
קאַזאַרמע : אַ צעהיצטער כאָר גוטמוטיקער כאַאָס פון
גאַסנלידער, גאַנאָווימלידער, קלעזמאָרימלידער, בעטלערלידער, סאָלדאַטן־און־
נאַפּקע לידער,
ציגיינערלידער, וואָלעכלעך, ראָמאַנסן און יאַילעס — אַ מעשונעדיק־
לעבעדיקער כאָר
מיט אַלע מאַילעס.

אָף דער אייבערשטער באַנק ראַכוועסדיק צעלייגט אין אַ מאַמעשן יאַם
וואַרעמע מילינעס
ליגן פון טאַינעג צעקרעכצטע יידן און קרעכצן טאַינעג־אָווערטורעס
אונטער מעכאַיעדיקער גלעטעניש פון בעדערס בעזימער. און די בעדערס —
די הייסע,
האָרעפּאַשנע פּאַרשטשיקעס מיט אויסגעבאַקטע פּענימער אונטער
אויסגעווייקטע, לעכערדיקע,

אויסגעדינטע שליאפעס, מיט ברייטע פלייצעס און מיט לאנגע, לייכטע
ארעמס שטייען ווי
קויהאנים בא דער וואוידע און „דוכענען" מיט די הייסע
פארטאנענע בעזימער איבער די הארטע נאקנס פון פאבריקאנטן, איבער די
ווייכע ביינער פון
שטאלצע שלימאזלס, איבער נערווייאישע רוקנס צעדרייטע פון
דערפאלגרייכע רומאטעס.
די קויהאנים „דוכענען" און גלעטן ווארעמער און גלעטן הייסער און גלעטן
גלאטער. און יידן ליגן
און יידן קרעכצן און יידן זינגען שווימענדיק
אין מאמעשן יאם ווארעמע מעכאיעדיקע מילינעס — ווי אין א זיכערן יאם
היילונג,
רעטונג און פארגעבונג — שווימען מיט לייכטן
זיגרייכן געמיט — טאם גאניידן.

(„אייצע, בייצע, לאמצעדרייצע! פעטער: עך נעמטס א פלייצע?" שווימט,
יידעלער, שווימט
אין ווארעמען יאם נאכעס!)

היים. היים. היצכוואליעס פליען—ווייך און דין ווי דורכזיכטיקע נאסע ליילעכער.
קיילעס פליען הילכיק הייך דורך טעמפע כוואליעס פארע —
ווי בלעכענע עכאס שלאגן זיך אפ אין פויקן־פארמעטענער הייסער סטעליע.
דא פליט אלץ. דא צעהיצן זיך און פליען די אומגעלומפערטסטע אילוזיעס
און אלץ
וואס האט ניט קיין באגריף פון פליגלען. דא פליען פערדלעך, דא פליען הינט,
דא פליען שפילהייזער צערודערטע רולעטן — היצכוואליעס פליען פון
גליקלעכע געוועטן. אקציעס פליען, שיכפאבריקן, מאשקעקראמען,
לאטערייען און
באנקנאטן, האלוואעס, דערפאלגן און באנקראטן. שיפן פליען, עראפלאנען,
לענדער פליען און מעלוכעס. ספוטניקס פליען. יידן פליען
צו דער לעוואנע. ווארעם. היים. פאנטאזיע. פארע. טרוים. היץ. לייכטע
אילוזיע
און שווערער שוויים: א באד יידן פליען דורך היימישע היצכוואליעס
צום סאמע,
סאמע אייבן, צום סאמע, סאמע שפיץ.

(העי, שלימאזל דו, שטיק שלאק: וואס ליגסטו איינגענורעט דארט
אין העכסטער היץ און געניצסט אויס דיינע קלאמפערשט גילדענע
אילוזיעס — ווי די שוויים־בלעזלעך וואס הענגען אף א האר
פון דער הייסער סטעליע איבער דיר און פלאצן ווי פוסטע
אויסגעקוקטע אויגן? וואס ליגסטו איינגעמארינירט אין פארע און פרודיעסט

דיין מאַזל דעם פֿאַרכאַלעשטן: די באַד קען אים שוין נים
מינטערן. פלי, שטיק שלאַק, ווי אַ זשאַקעי אַף אַ צעהיצטן פֿערד —
פֿונהינטן! פלי —
ווי אַן אָפּגעבריטער אין דער וואָלסטריט-באַד, פלי —
ווי אַ מאַראַוויכער-מאַכער צווישן די שטאַט-באַלעבאַטים אין דער שטאַט-באַד,
וואו ס׳פֿליען קאַריערעס אין גאָלדענע קאַסטנס מיט פּאַטריאָטישע פֿאָנען
איבער דיין קאָפּ. דו און דייניקע — פֿליט
צווישן הייכע באַהאַנגענע ווענט מיט באַגילדטע פּאָרטרעטן פֿון געניאַלע
גאַנאָווים,
מאָסרים און שפּיאָנען. פֿליט, פּירערלעך, פֿליט. פֿליט, נאָכשלעפּערס, פֿליט.
פֿליט,
כאַכאָמימלעך, פֿליט. פֿליט, קיבעצערס, קריכערלעך, פֿליט.
די הייסע בעזימער פֿליען אין די באַדיונגערישע רוימען ווי שווערע
צעפּאַרעטע פֿליגלען. פֿליט, נאַקעטע יונגען, פֿליט, געקאַשערטע
קעשענע-גאַנאָווים. און פֿליט אויך איר, נעבעך, איבערגעשראָקענע,
איבערגעפּאַרענע
מאַרק-יידן, קליינגעלט-יידן. פֿליט-מיט
אַף די רויכיקע עקן פֿון מאַזלבראָכעס פֿליגלדיקער נעוואוע. פֿליט,
יידעלעך, פֿליט און זאָל אייך זיין
צו רעפֿוע.).

שמייסט, ברידערלעך, שמייסט. פֿאַררייסט
די בעזימלעך, פֿאַררייסט ביז סטעליעס הייסער הייך
און שמייסט, שמייסט: שקאָשע: ס׳האַרץ איז האַרט,
נאָר דער הינטן איז נים צו פֿאַרזינדיקן נישקאָשע ווייך. סיוויסיי
האָבן די בעזימער
אייער האַרץ נאָך קיינמאָל נים דערגרייכט.

פֿאַרען יידן אוים אין צעהיצטער נאַקעטער באַגייסטערונג
קרעכצנדיקע ריפּן, וואָס ברעכן פֿון
די איינגעפּרעסענע רומאַטעס, פֿאַרען אוים
די פֿאַרהאַרטעוועטע אָדערן, פֿאַרהאַרטעוועטע
פּיאַטעס, נאָר די בעזימער נעמען נים דורך
דעם פֿאַרהאַרטעוועטן מאַרך.

פֿאַרעט זיך, יידעלעך, פֿאַרעט. שוויצט,
ברידערלעך, שוויצט. און גיט אַ זעץ אַ כוואַליע היץ און בריט-אָפּ —
איז אַ שעפֿל קאַלט וואַסער איבערן קאָפּ — און שוויצט ווייטער
שוויצט.

הײנט איז די באָד אַן עמעסער קולטורפּאַלאַץ (באַהיט דער אײבערשטער).
גאָר־גאָר
װי אין די באַרימטע בעדער פֿון אַלטגריכנלאַנד
װאו פּאָעזיע איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט און מויל צו מויל
און דיכטער האָבן דורך די נעכט געלײענט לידער מיטן פֿאָלק. מערניט הײנט
איז דער קולטורפּאַלאַץ מאָדערן, מיט אַלע גוטע זאַכן: ראַדיאָ (און די עמעסע
ראַדיאָ־פּאָעזיע!) טעלעװיזיע (און די רעכטע
טעלעװיזיע־פֿילאָזאָפֿיעס!) און זאָלן איבער זאָלן צו פֿאַרלירן נעכט בײַ אַ
קערטל מאַכן. דאָ
איז פֿאַר יעדערן אַ בינע, אַ שטענדער און אַן אַמעד. דאָ פּאַסט
יעדערן אַ קרױן, װי ס׳קען דאָ פּאַסן יעדערן —
אַ כאַמעט.

דורכגעשװיצט, אױסגעשװיצט און אױסגעפּאַרעט — װי באַם טאַטן אין
װײנגאָרטן צעלײגט —
ליגן רײען טאַנעבאַרעס—פֿון די העכסטע טאַלאַנטן: דימענט־ײדן, בערזע־ײדן,
לאָמבאַרד־ײדן, ברוכװאַרג־ײדן און הינטערקוליסן־שפּעקולאַנטן; גרויסע בוקים,
קלײנע בוקים — גרויסע, קלײנע פֿאַבריקאַנטן — קאַרפּנקעפּ
און הערינגקעפּ, און אונטערשטופּערס, אונטערזאָגערס און אונטערבאַמקערס
און קיבעצערס
װאָס לעבן אָפּן ציגאַרנרויך און ציגאַרנאַש פֿון די גרויסע העכט (לויט די
פּעמפּיקעס
זעען זײ אויך אויס „עכט"). און די באָד צעפּאַרעט און צעטרײסלט
זײער כוצפּעדיק־צעליאַרעמטן נאַקעטן געשמאַק. ליגט מען און מען קנאַקט
די בעסטע און די שענסטע טײרע: מען שפּילט־מיט, מען האַלדערט־מיט
מיט דער שװיצבאָד־טעלעװיזיע װאָס שיסט מיט צעליאַפּעטע, שונדישע,
מוזיקאַלישע װאונדן, שיסט װאולגאַרע קאַלטנס „ײדישע שטונדן",
שיסט און שיסט
מיט אַטאָמישע קאַנאָנען באַדיונג־קולטור: אַ צעפּליאַכעטע װאָקכאַנאַליע פֿון
בורלעסק־טעאַטראַלישן קאַלאַמבור. גאַיװעדיק־צופֿרידענע
מיט זײער נאַקעטער נעשאָמע און נאַקעטן גוזעס — לעבן זײ און לאַכן
װי גאָט אין אָדעס: די פּעמפּיקעס און פֿליכעס טאַנצן פֿון נאַקעטן נאַכעס,
װי ס׳טאַנצן די גראָבע צעקיצלטע פּיאַטעס — פֿון דעם גראַמענפּלעכטער,
מײסטערװיצלער און בורלעסק־מוידן (זאָל פֿעלן אַ האָר —
װי אונדזער סעקאַנד עװעניו טעאַטער). צעפּאַרעט מען דאָ פֿאַר „מוישען"
דעמזעלבן „רירנדיקן" ריקעדל און זײ צעהאָפּקען זיך — יעדער װי
ער שטײט און גײט. און די בינע איז — אױ װײ איז מיר —
אײנגאַנצן אױסגעדרײט מיט חעם באַלאַגאַנישן שױשפּיל־פּאָנעם צו דער װעלט...

(אָפּגעלייזט, אַראָפּגעפּאַטערט, אַ פּעקל צי אַ פּאַק
אַף מעדיסאָן, צי העסטער, דעם איילעם אָפּגעבאַרעט, איז אַ מעכאַיע
די ביינער אין באָד, די נעשאָמע אין טרעיאַטער
אויסגעפּאַרעט לייגט מען דאָ פּלענער ווי אַ קוינע אָפּצופּליקן. און דאָ
שטעלט מען אויף
„פּאַטריאָטישע" פּאַבריקן — ווי דאָ
אויכעט אין ייסראָעל. און ווי אין הונדערט „טאַקסעס" פּייפט מען דאָ
אַף קאָהאָל.)

„ראַק־נ־ראָל! ראַק־נ־ראָל! ראַק עראַונד די קלאַק!" פּליאַסקע,
קנאַק און פּליאַסקע די מוזיקאַלישע בעזימער—ווי אַפן העכסטן פּאָל. ראַק־נ־ראָל!
ציטערט, ציטערט, צאַפּלט, צאַנקט — פּאַרגייט זיך — ווי טרייסלענדיקע
טעלעוויזיע־מוידן כאַלעשן אַוועק מיט אַ מיליאָן באַביסאַקסערס
פון כיעסדיקן נאַכעס, און פּאַרגייען זיך אין פּאַרכאַפּנדיקן עראָטישן אָטעם פון
אַ זיידענער קאַדאָכעס־טאָרסאָראַמע (אוי, מאַמע! מאַמע!) — פּאַר אייך
פּאַר אייער איידעלן געשמאַק. פּליאַסקע! קנאַק! (ראַק־נ־ראָל —
מיט די צעליאַפּעטע, צעשליאָנדערטע, צעיוכעטע מוזיקאַלישע בעזימער —
ווי אַפן העכסטן סמאַליענדיקן פּאָל. אַ געיעג. אַ געוועט־געיעג: מע פּאָרט
און מען פּאָרט, מע פּאָרט און מע פּאָרט און מע פּאָרט און מע פּאָרט. קאַרס
אַף קאַרס
קאַרס אַף קאַרס, קאַרס אַף קאַרס: קאַר אַף קאַר זינגט, קאַר אַף קאַר
ווינקט, קאַר אַף קאַר שפּרינגט, ווי עס שפּרינגט —
קאָמפּלעקס אַף קאָמפּלעקס: איינס און איינס — אַ פּאָר. איז פּאָר און פּאָר
און יאָג און פּלי און פּאָר. און אַלצמיטאַנאַנדער איבער דער גאַנצער באָד
פּאָרט אַף איין און זעלביקן מאָטאָר: ס ע ק ס.
און איבער אַלע לידער — איין ליד. און איבער אַלע ווערטער — איין וואָרט —
לאַנד־באַרימט און קאַר־באַרימט און באָד־באַרימט — אַן איינזילביק וואָרט
וואָס טרובעט ווי אַ לאָזונג דורך אַלע מאָטאָרדיקע טרובעס, טרובעט איבער
אַלע היימען, טרובעט איבער אַלע שולן, טרובעט איבער אַלע גאַסן,
טרובעט איבער
אַלע פּאַרקן, איבער אַלע שיינקייטן פון לאַנד אַמעריקע: אַ באָד צעטרובעטע,
צעקאָכטע ליידנשאַפּט קאָכט אַריבער און
אַריבער. קאָכט און שפּרינגט און זינגט ווי אַ שיקערער, צעוואַליעטער,
פּאַרגרעבטער געהענעם.

ציען זיך רייען נאָך רייען ווייכע קאַנאַפּעס אַף קאָנווייערס — אַ מיליאָן
אַף אַ מיליאָן — אָנגעשטאָפּט מיט מאַסנמאָס מיגרען און נעוראַסטעניע,
מיט מאָטאָרישער
געשפּאַנטקייט און היסטעריע און רייד און רייד און רייד און ריידעריי
און מיט איינגערעדטער איינרעדעניש אַז אַריינריידנדיק דאָס צערודערט
לעבן אין

די קאַנאַפּעס וועט אַלץ, וועט אַלץ שוין זיין פאַרביי. און צעטראָגענע,
קלאָמפּערשט רואיקע פּסיכאָאַנאַליטיקער יאָגן־נאָך
די קאַנאַפּעס אַף קאָנווייערס און פרעגן־אויס און טאַפּן־אויס און גראָבן־אויס
די רייצנדיקע מאַיסעס אין די רייד וואָס די קאַנאַפּעס פּלאַצן־אויס.
און דער הויפּט פּראָפּעסאָר פון גרעסטן מעשוגאָימהויז, אַפן דאַך פון באָד,
שטייט און האַלט אַן אויג אַף די אַנאַליטיקער אַליין און היט זיין טראָט:
דער דאַך
און די גאַנצע באָד זאָל אונטער אים זיך ניט צעפאַלן אַף פּיצעפּיצינקע
ברענענדיקע נערוון: אַ באָד
טראַגיש־צעטאַנצטע קאַטאַקליזן. איין קאָמפּלעקס אין צווייטן איינגעביסן.
און יינגלשע פאַנטאַזיע פלאַטערט ניט מער ווי אין די צייטן פון
קינדעריש־אומשולדיקן קלוימערשט מענערישן אַנאָניזם.
קאָמאַנדעווען קינדער־מיידלעך פראַנק און פריי אין לייב־געפּאַסטע דאָנגאַרים.
העלדעווען יינגלעך איבער די גאַסן פון שטאָט און מען שיסט, און מען שיסט,
און מען וואַקסט — שיסנדיק.

הוליעט, הוליעט הוילקייט אַף צעהיצטע קוילע־קוילעס פון
סעקס־סוקסעס. און די באָד מענטשן איז גוט ווי די וועלט — פון קאָפּ ביז
די פיס, פון דער אַזויגערופענער נעשאָמע ביזן געזעס.

די באָד — אַמעריקע נאַקעט. אַמעריקע הויל (זע נאָר צי שטעקט ניט
אין בעזים אַ פּיסטויל). טראַם־טאַ־ראַ־ראַם! אַ מיקלאַנדזשעלאָ־מיראַזש
פון מיין נאַקעטן שטאָט.

אַי־אַי־אַי — אַ וועלטעלע, אַ וועלט: סאַכאַקל האָט די באָד זי איינגעטיילט
אַף העלפט: סינגלפליצע — דאָבלפליצע: עלעהיי אַ שישי־ייד, אַ מאַפטיר־
ייד און גלאַט אַ
ייד. איבער אַ מאַפטיר־ייד
שטייען שאָענווייז צוויי ברייטע אויסגעבאַקטע בעדערס — צוויי דערדינטע
פאַרשטשיקעס און מיט צוויי ווייכע וואַרעמע בעזימער לייגן קלאַפּטער
אינדערלענג און אינדערברייט
פון דער באַלעבאַטישער טעריטאָריע. און די צוויי בעדער גאָרגלען זיך און
זינגען־צו
מאַיסע פריילעכע קאַפּליע צום ברייטן יידנס נאַכעסדיקן קרעכץ וואָס
קלינגט־אָפּ
סיסו־וועסימכעדיק אין דער הייסער סטעליע. און איבער דעם ייד —
איבער דעם רעב גלאַט־אַ ייד — איבער אים שטייט נעבעך א י י ן
דאַרער אויסגעפּאַרעטער פאַרשטשיק אָן אַ קאָל, מיט אַ דאַר, ריטלדיק בעזימל
און בעזימט לעבלעך, און בעזימט פויל, אָן טאָם, און בעזימט שטום.

און אַז יענער מאָנט: „נו?‟ מאַכט ער: „מאַכאַמויצע!‟ די וועלט יאָ,
די וועלט, ברידער,
איז איינגעטיילט אַף העלפֿט: **סינגלפֿלייצע — דאָבלפֿלייצע.**

(און איך — איך קריג מיר מאַיסע מענטש אַ פֿולע פּאָרציע פֿאָרע. און
איך קריג עס
פֿריי. און מיך פֿאַרעט ניט אַן איינונאַיינציקער, ניט צוויי, ניט דריי —
מיך שמייסן פֿאַרשטשיקעס
פֿון אַלע זייטן: מיך שמייסן גראַדואירטע
אַף פּראָפֿעסיאָנעלער אַמעראַצעס און איינגעשמועסטע אַמאַטאָרישע
פֿאַרטאַטשעס. נאָך גוט וואָס מיין לאַנגער טיפֿער אָטעם קען פֿאַרנעמען די
העכסטע
היץ, און מיין צאַרטע הויט און קרוכלע ביינער קענען אויסהאַלטן די טרוקענע
עגאָאיסטישע שמיץ. נאָך גוט דאָס אויך.)

אַי! אַי־אַי־אַי! — אַ—אַ—אַ—אַ—אַ—אַי! דאַוואַי, דאַוואַי, בעזימל
דערלאַנג, דערלאַנג! יידן האָבן ליב אַז אַ בעזים זינגט
באָם בעדער אין די הענט. און איך — איך ווייס ניט פֿון
קיין כאָכמעס: וואָס ווייס אַ פֿאַרשטשיק, וואָס? שטיי איך אַפֿן פּאָל
אַ נאַקעטער, אַ נאַסער: אַ קאָלוויץ־הערקולעס, אויסגעווייקט און
אויסגעשוויצט: זעץ, שמייס
און גיס קאַלט וואַסער. פּאָכע איך
דעם ברענעדיקן בעזימל אין האַנט, און שמייס און גלעט
ביזן ביין: ביז איך הער מיינע יידן אין הייסן נאַכעס זיך פֿאַרגיין.

ב.

אוים באָד. אוים טעאַטער: ס׳האָט איינס
דאָס אַנדערע געפֿאַטערט.
דיירעס, דאָר נאָך דאָר, דיירעס דרייען זיך אַוועק פֿון אונז ווי לויזע רעדער
אַרונטער פֿון די אַקסן: די יונגוואַרג דאַרף שוין ניט די באָד.
און אַוואַדע דאַרף עס ניט ס׳יידישע טעאַטער. איז וואָס איז דאָ צו ריידן שוין
וועגן מיין ליד? דער וועג
צו די רייצנדיקע אויסגעפּוצטע פּוסטקעס פֿון בראָדוויי איז אַ לייכטער און
אַ גלאַטער. אַ באָד אַ לייטישע איז נאָך דאַפֿקע דאָ (אין סעינט דזשאָרדזש
האָטעל) נאָר ניט
פֿאַר מיינע ביינער. ס׳איז פֿאַר לאָנג איילענד, וועסטשעסטער, בעווערלי,
קאַרמעל. און ניט עס
קאַשערט, ניט עס רייניקט. נאָר מיר גייט ניט אין באַוויינען די אַלטע באָד
פֿון סעקאַנד עוועניו, מיט דער שטיינעריקער פּאַרע, מיט דער היימיש־וואַרעמער

קיילעס־פאַרקלונגענער כמאַרע, מיט די מיניאַנים יידן וואָס מאַכן דורכנאַכט
אַ קערטל און יידן וואָס נודיען אָפּ נעכט אַריינצולייזן פאַר
אַן איבערגעזאַלצענעם וויץ אָדער אַן איבערגעקייטן גלייכווערטל, ווי איך
בענק ניט נאָך
די יידן וואָס לעבן אַל כעזשבן האָנאָר און — לעבן
אַף וואָס די וועלט שטייט. איך זאָג דאָס נאָר דערפאַר וואָס מיט דער באָד
איז אַלץ אַראָפּ פון מאַרק: מיין שפּיל, מיין וואָרט, מיין ליד, און סעקאָנד
עווענױ זעט אויס
ווי דאָ וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געוואוינט קיין ייד.

פון מענדעלעס ביכער־בויד און טונעיאַדעווקער בלאָטעס ביז בידערמאַנס
ביכערקראָם
אַף אַן אונטערגאַנג־גאָס פון יידישן נויאָרק איז אַ הימל לידער פון
בלויע, בלאַנקענדיקע בלעטער נאָטן און
אַן אָפּגעלעבטער, אָפּגעלאָזענער בעסיילעם־טראַקט.

דער זיידע איז אַרויסגעפאָרן „נאַשפּיץ" — אַף זיין איינציקער
דאַרער קליאַטשע — „נאַשפּיץ" — אָן
דעם עמעסן נאַשפּיץ־געשפּאַן. נאָר פון דעם וואָס דער זיידע האָט פאַר זיך
אין וועג געזען האָט ער זיך אונטערגעזונגען און די דאַרע, הונגעריקע
קליאַטשע האָט
אים אונטערגעטאַנצט. די קליאַטשע טאַנצט ניט מער: ווי פון האַרטן
האָלץ איז
איר יעדער אייווער: אַז איין
קעלערדיקע ביכערקראָם ווי די צווייטע איז אַן אָפּענער,
כאָרעווער קייווער. יאַנקעוויטשעס שיימעסקעלער איז דער לעצטער
אויסגעריבענער קייווערזיגל פון נויאָרקער ביכערהאַנדל. מייזלס
פאַרזונקענער ביכערלאַגער
אַף קרומער, קאַנאַוועדיקער גרענד איז אַן איינגעפאַלענער פּוסטער מאָנומענט
פון אַלטע ביכערטאָוולען. און בידערמאַנס איז דער לעצטער ראָסטיקער שלאָס
אַפן לייענערס פאַרזשאַווערטן כוש. סטאָדאָלסקי און זיין ווייב פּוצן נאָך
בידערמאַנס שויפענצטער. נאָר בלויז אַלטע אויסגעלייענטע אויגן כאַפּן נאָך
אַ קוק אַמאָל
אַף די געציילטע נייע ביכער. און בלאָנדזשען אַמאָל אַריין
אין די שויפענצטער יונגע אויגן — קוקן זיי
ווי אין אַן אַלטער פרעמדער וועלט אַריין וואָס זעט זיי אויס טשיקאַווע.
האָט נאָך די „ראָיאַל" געלעבט — פלעגט נאָך יונגוואַרג זיך אַריינכאַפּן,
נאָך אַ בראָדוויי
טעאַטערשפּיל, צוליב קוריאָז. און איצט, היינט זעט מען ניט אַף אַ רעפּוע דאָ
אַ יונגע נאָז (נאָר זעט נאָר, אָט קומט־אָן
מיין יונגער דאָר פון יונגן לאַנד! וואָסזשע ווין איך? וואָסזשע ברעך איך זיך

די הענט? אוי! — מיין ביטערסטע אילוזיע: דער סאַברע, דאָ אַפּילע, אינדערפֿרעמד,
ווייל מיך ניט קענען. דערקענט, צי ניט דערקענט — ער דאַרף מיך ניט).
און דער דאָר דער עלטערער קומען וועט אַהער נאָך וואָס?
אַף זיין כורבן מיט די אויגן גלאָצן? — ווי אַן אומשולדיקער מאַלכאַמאָוועס וואָס האָט אַלץ
שוין אָפּגעטאָן און קוקט אַריין, פֿאַרבייגייענדיק, אַפֿן כורבן — וואָס איז געשען
לויט זיין ראָצן. און פֿון אייבן, אַ שטאָק העכער, קומט אַ קאָל —
אַן אייגענער באַקאַנטער קאָל: קיינער וויל שוין ניט, קיינער דאַרף שוין ניט
קיין לידער. און דער לעצטער דאָר דיכטער עסט שוין
וואו עס מאַכט זיך — ניט אין „שאָלעמס", ניט אין „איראָפּע", ניט אין „ראַיאַל".
און דער לעצטער דאָר דיכטער טאַנצט שוין ניט מער
אַף זיין אייגענעם שרייבערס-באַל (די „ראַיאַל!" די „ראַיאַל!" פֿאַרשפּאַרט געשטאַנען
יאָר נאָך יאָר — אַ ליידיקע, פֿאַרלאָזטע שטאָל: פֿאַרפּאַפּט, פֿאַרקלעפּט
מיט בורלעסק-אַפֿישן. און שיקורים הינטערן וואַנט
שאָקלען זיך און פּ... ביז אַ ייד אַ שניידער האָט די שטאָל אַרומגעריייניקט
און אין אַלע פֿענצטער אויסגעהאַנגען און אָנגעלייגט פּעק הויזן. און ער דרייט זיך דאָרט
מיט דרייצן פּאַקערקעס צווישן דיירעס שוישפּילער און דיכטער. און די ביכערקראָם
אַנטקעגן אַ פּעני וועט פֿון אים ניט לייזן: דער הויזן-ייד
איז ניט קיין אַמאָליקער גרינער פֿאַנטאַזיאָר. ער איז דיר אַ הויזנקאָמערסאַנט און הערט
די דיירעס שוישפּילער און דיכטער ווי די וואַנט — ווי סע פֿירט זיך
אַ הויזנפֿאַבריקאַנטל אין אַמעריקע, ווי סע פּאַסט
פֿאַר אַ מאָדערנעם שניידער אין נויאָרק).

(„שאָלעמס" — איבערגעפּאַקט
מיט הייסן רויך, מיט הייסע רייד און הייסינקע גוטמוטיקע רעכילעס. „איראָפּע" רודערט זיך
מיט סימבאָליזם און טראַדיציע, פֿרייער פֿערז און אינזיכיזם.
אין פּולע ביכערקראָמען ברעכן זיך די פּאָליצעס און יידן פֿונעם גאַנצן לאַנד
באַשטעלן גאַנצע קאַסטנס ביכער. און יידן שפּיגלען זיך
אין די צעהאַנגענע פּאָרטרעטן אַף די ווענט און אויסגעשטעלט אין אַלע
שויפֿענצטער פֿון ביכערקראָמען — פֿון שאָלעמאַלייכעמען, פֿון פּערעצן, פֿון מענדעלען,
ראָזענפֿעלדן, אַשן, פֿון גאָלדפֿאַדן און גאָרדין, באָוושאָווער און עדעלשטאַט
און פֿרוג. און די גאַס רעדט בערגלסאָן און נאָמבערג, ראַבאָי און
מיישעלייב, און די גאַס רעדט היינע, זאָלאַ, פּושקין און טאָלסטאָי,
און די גאַס רעדט

„קריג און פרידן״, „די וועבער״ און „די רויבער״, און די גאַס רעדט
מיט צוואַנציק ריידנדיקע בינעס פון צוואַנציק יידישע טעאַטערס,
און די גאַס רעדט
בלאָקס „צוועלף״, מאַרקישעס „קופּע״, כאַריקס „מינסקער בלאָטעס״
און די גאַס רעדט
מיט קלובנפולע רעציטאַציעס פון „אַ געזינט זאַלבע אַכט״ און
„הוליעט, הוליעט . . .״
„איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע״ און „דאָקטער גראָן״, „דער גאַסנפּויקער״ און
„דער אַרעסטאַנט״ און די גאַס רעדט „דע פּראָפּונדיס״ — „דע פּראָפּונדיס״
און הומאָריסטן און
סאַטיריקער פּירן אין באָד
פּירערס, קריטיקערס און ליריקער — אין „קיבעצער״ און „קונדס״.
ענטין און מאַרמער און רייזען טיילן דיכטער אַטעסטאַטן. דעקלאַמאַטערס
דעקלאַמירן
באָווּשאָווערן, פּערעצן, ראָזענפעלדן, עדלשטאַטן. ווינטשעווסקי וועקט
און אָלגין פּליט
אין „וועלט פון גרזאַנגען״ און מיישעלייבס „גאַסנפּויקער״ דזשימדזשעט אין
די טאַצן: מיינע לידער, אַלע מיינע לידער גייען
איבער די איסטסאַיד און בראָנקסער און בראָנזווילער גאַסן און איבער
די גאַסן פון
קליידערמאַרק. און היינט? — היינט קענען נאָך קאַלטמוטיקע קולטורפירער
מיט אָפּטימיסטישן האָניק פון קליימערשטן אויסזיכט זיך באַלעקן, נאָר ס׳איז
ווי דער שניידער אין
געוועזענער „ראָיאַל״, וואָס רייניקט קלאָמפּערשט — נאָר ס׳בלייבן, ס׳בלייבן
אַלע פלעקן (די קליאַטשע לעבט, נאָר דער וואָגן איז
געבליבן שטעקן).

פון דעם אַלעמען, אוי, וויי, געבליבן איז די באָד, די שטינקענדיקע
באָד אַף הונדערטפינפאונזעכציק — די געלע גוילעמבאָד
די צענשטאָקיקע, געפּאַקט מיט אַלטע איינגעפאַלענע פּענדערס—ווי האַלב-פולע
זעק — פּענדערס מיט גראַבליע-הענט וואָס פאָרקען זיך אין אַלטע פאַרכעס,
ווי אינטעליגענטע אַפּן — אינטעליגענט גענוג צו מיינען אַז זיי ווייסן וואו
זייער מאַרך איז (אוי, ווי איך נייטיק זיך,
אין אַ לייטישער באָד! נאָר די באָד אַליין איז
אין דער יערידע).

אוי, ווי דאָר נאָך דאָר עלטערט זיך די באָד. וויי, ווי זי זעט אויס, ווי די צייט
האָט די פוסטע סעקאָנד עוועניו באָד צעפּאַטערט. און ניט קיין שענער
פּאָנעם האָט

דער פּוסטער, פאַרקלאַפּטער יידישער טעאַטער — נאָך
אַן אָפּגעקראַכענער סקעלעט פון נאָך אַ גרויסער, פאַרוואָרלאָזטער שטאָל —
ווי די באָד,

ווי קאַפּע „ראָיאַל”: אַ טויטער טעאַטער, אַ טויטע באָד,
אַ טויטער סימכעזאָל.

דער טעאַטער און די באָד — צוויי כאָרעווע מאַוזאָלייען קוקן זיך איבער
מיט אויסגעהאַקטע אויגן. די באַדגייערס, ווי די צושויערס—מיינע געשוואָרענע
טעאַטער-פּאַטריאָטן — זיינען אַף בראָדווי פאַרפלייגן און דאָ איז שוין
קיין לעבעדיקער נעפעש ניט פאַרבליבן וואָס זאָל זיך לאָזן איבער
סעקאָנד עוועניו נישטערן
די פאַרשימלטע קאַנאַוועס: אָפּזוכן די שליסלען די פאַרוואָרפענע.
שטייט דער טעאַטער אַנטקעגן דער באָד, באַ ביידן די פענצטער
אויסגעזעצט: צעלעכערטע אויגן קוקן, צעלעכערטע
אויערן הערן די פּוסטקעס אייגענע לעצטע רייד: **וואָס, וואָס**
וועט דאָ ווערן? ווי לאַנג, ווילאַנג דאַרף אונטערגאַנג געווערן? וואַרטן,
וואַרטן; ווער
וועט זיין ערשט, און ווער וועט זיין
לעצט?

צוויי כורוועס: צוויי הייכע, צעבראָכענע, צעקאַליעטשעטע בעטלער
מיט פּוסטע טאָרבעס קוקן זיך איבערן איבער וועג מיט די בלינדע
אונטערגעהאַקטע
אויגן, קוקן אַף די טויטע טעג אָן
פאַרבייגייער, אָן
נעדאָוועס, און שטייען ווי איינגעקאָוועט, איינגעוואָרצלט מיט זייערע
פּאַראַליזירטע
הילצערנע פיס און וואַרטן אומגעדולדיק — ווי אומהיילבאַרע כעלאָאים וואַרטן
אַפן מאַלכאַמאָוועס — וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן אַף
אַ דערלייזנדיקער סרייפע (און זאָל עס דורכגיין כאָטש אַ שאָטן פון
אַ פאַרברענטן טעאַטער-פּאַטריאָט)!

ווי די באָד — אַ פאַרהאַקטע, פאַרשפּאַרטע קאַלטע טאַהאַרע-שטוב
פול מיט טויט,
אַזוי איז פול מיט טויטע שאָטנס, טויטע מאַסקעס און טויטע סילועטן
מיין טויט טעאַטער
קעגנאיבער. די פאַרלאָזענע פאַרהאַנגען רייסן זיך דורך די ווינטיקע
פענצטער — צעשאָסענע,
צעפּאַסעוועטע, צעשמאָרעטע טאַכריכים: צוויי קאָהאָלשע קוואָרים
קוקן זיך איבער

דורך זייערע אויסגעזעצטע פוסטע פענצטער, וואָס זעען שוין ניט —
ניט זייער גאָלדענע
עפּאָכע, ניט די נאָך פאַרבליבענע פאַרבייגייער פון דער גלאָררייכער
טעאַטער־מישפּאָכע, ניט דאָס קוים זשיפּענדיק יידיש לעבן וואָס האָט זיי געלאָזט
אַף העפקער. און איך דאַרף, אוי, ווי איך באַדאַרף ערשט
מיין טעאַטער און, אוי, ווי כ׳נייטיק זיך
אין אַ לייטישער באָד: פאַר מיין גאַנץ בעדפאָרד
מיט איר מעשונעדיקער, פאַרביסענער נעטורע קאַרטע מיט די מיעסע מידעס,
רישעסדיקן רייסן זיך
מיט די סורדוטן און קאַשקעטן וואָס פאַרבאַלאַגאַנעווען מיינע כיינעוודיקע
יינגלעך און מיינע שיינע טראַדיציע־סוזשעטן. איך דאַרף, אוי, ווי איך באַדאַרף
אַ באָד: פאַר מיינע קאָמערץ־ און קאָוועד־יידן, טעמפּע טעמפּל־יידן
פון מעדיסאָן און פּאַרק עוועניו. איך דאַרף אַ באָד
פאַר מיינע רעדאַקציעס יידן פון פּריז און פּרעמיע־טראַנזאַקציעס,
פאַר מיינע דיכטער —
אָפּגעקראָכענע און גלאַטינקע, גלאַנציקע און גליטשיקע,
פאַר מיינע פּאָליטיקער און קריטיקער. אַ באָד
פאַר מיינע קאַמצאָנישע קליינגעלט־אינטעליגענטן וואָס קוואָפּען זיך צו לעבן אַף
פּאָעטישע פּראָצענטן — אָן אַריינגעלייגטן קערן. און אַ באָד
פאַר מיינע אַרומיקע קאָלעגן וועמענס לידער־אָפּשאַץ איז מיזערן
און זיי האָפן נאָר
איר זאָלט זיי גאָרנישט פרעגן.

איין סימען לעבן איז נאָך דאָ אַף סעקאָנד עוועניו — דער טויט. דער טויט איז
אויפגעקומען פונקט אַנטקעגן און זיינע געשעפטן בליען אַ רונדן יאָר:
הינטער קרישטאָלענע שויפענצטער בליט אַ גראַנדיעזער גאָרטן אַף
אַ דריי־בינע — אַ נאָכמאַכעכץ פון מיין אַמאָליקן טעאַטער — אַ מאַיאָנטעק מיט
מירמלנע מאַצייוועס און מאָנומענטן. און זיי וואַקסן דאָ
אין רייען, ווי די רייען רויזן אַרום זיי. און די רויזן שמעקן זיס
און לעבעדיק, און די געשעפטן שמעקן זיס
און לעבעדיק, און די מוזיק
וואָס גיסט און פליסט מיט גאַניידנדיקער ענדלאָזיקייט
פון די לירישע אָרגלען שמעקט זיס
און לעבעדיק, און קלינגט מיט צופרידענער וועלט פון די גאָלדענע גליקן פון
דערפאָלגרייכע באַגרעבער. און די באַגרעבער טראָגן
אויסגעפוצטן שטאָלץ אַף זיך, מיט רויזן אין די לאַצן — עפּעס גאָר ווי די
פאַרוואַלטערס פון
מיין אַמאָליקן, דערפאָלגרייכן טעאַטער.

עס שטאַרבן אויס, עס גייען אויס
די שוישפּילער, פּאָעטן און פאַרשטשיקעס. עס בלאַנקט, עס בלאַנקט
דורך קרישטאָלענע שויפענצטער דער טויטנזאַל

מיט פּראַכט און גלאַנץ
און שטאָלץ פון אייביקייט און אייביקן דערפאָלג.

סעקאָנד עוועניו — פּראַכט און גלאַנץ
פון גאָרדין-גאָלדפאַדן עפּאָכע און דיכטערס שעפּעדיקע טישקאַסטנס
אָנגעזונגענע מיט מאַזל-בראָכע.
סעקאָנד עוועניו — אַ קאַלטע באָד. אַ קאַלטע, פּוסטע באָד
מיט אַן אַראָפּגעריסענעם דאַך. די באָד שפּרייט אַ טויטע קעלט
איבער סעקאָנד עוועניו — די פּאַטאַלע קעלט
פון אַ פּוסטער קוואורע-שטוב. די קעלט רוקט זיך, רוקט זיך ווי
אַ פאַרפראָרענער נעפּל, רירט זיך ווי אַ שווערע טויטנקריע, שטיל ווי דער
גנייווישער טויט און זיכער ווי
דער טויט — קריכט
צו יעדן סעקאָנד עוועניו אַדרעס, וואו ער וויים וואויל עס וואַרט אַף אים
אַ מעם.
און קלאַפּט נאָך אין אַ לעבעדיקן מעם אַן אָדער וויים ער אָבער אַז ס׳איז
אָדער-אָדער:

אויב ניט היינט איז
מאָרגן. גייט ער געגורט
אַף זיין מאָרד-שעליכעס און האַרגעט-אוים — ווי ער האָט שוין פריער
אויסגעהאַרגעט —
גאַנצע טרופּעס אין טעאַטערס און „דאָס ליבע פּובליקום”, קאַפּייען דיכטער —
איבער בערג מאַסקעס, קאָסטיומען און ביכער. דער נעפּל נייגט ניט אָפּ
פון זיין מאַרשרוט: איז אַ טעאַטער, אַ קאַפיי, אַן אַמאַטאָרנשפּיל,
אַ לידערבוך — אַלץ איז גוט.

סעקאָנד עוועניו — אַ ליידיקע פאַרווילדעטע אַלייע
צווישן איינגעפאַלענע מאַציייוועס אַף אַן אַלטן בעסיילעם וואו קיינער
קומט שוין ניט
אַף קייווער־אָוועס. און טויבן, גוטמוטיקע טויבן אַף
צעפאַלענע קאַרניזן דאַכטן דיר
ווי אַליין דערשראָקענע וואָרנענדיקע סאָוועס. און מיין אילוזיע גיט זיך
נאָך אַלץ ניט
אונטער, איז אַלץ נאָך איינגעשפּאַרט: פון אַלע מיינע בילדער וואָס האָבן דאָ
די הימלען דעקאָרירט וויל איך געפינען כאָטש
אַן איינונאייינציק בילד — כאָטש לעזיקאָרן — פון מיינע באַגייסטערטע זינגער
פון יענע יאָרן; עטלעכע האַלב-לעבעדיקע נאָך אַפּישן פון
דער באָבע יאַכנע, מירעלע עפראָם, דער גרינער מיליאָנער און
בראָנקס עקספּרעס.

כ'וויל אויפכאַפּן אַ קעסלער-קאָל, אַן אַדלער-טאָן, אַ דעקלאַמאַטאָר-קנאַק
(האָט קיינער
קיינער דאָ ניט איינגעהיט אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון
דעם גאָלדענעם אַמאָל, אַ גילגל כאָטש
פון אַ טעאַטער-לידל?) צי עפּשער, עפּשער גאָר וועט פון אַ קעלער דאָ
אַרויסוואַקסן דאָס שאַרפע שעפּטשען פון פּאָטערלעך-געטרייען סופליאָר
(נאַרישער,
נאַאיווער פאַנטאַזיאָר): אַלץ איז איינגעפּאַקט שטום
אין שטומען נעפּל אַרום און אַרום: ווי קען גאָר
אַ ראָזנפעלדס בילד און אַ קעסלערס קאָל און אַן אַדלערס טאָן לעבן אין
אַ טויטער באָד? און מירעלע ווי קען אויסהאַלטן
אַף אַ טויטער וואַנט?

(און איך בין וואו? וואו בין איך? אַז ז י י זיינען ניטאָ — ווי קען זיין דאָ
מ י י ן פּאָרטרעט? קוקט סעקאָנד עוועניו אַף מיר מיט אירע טויטע פענצטער
פונדערווייטן — פענצטער פון אַ פּאָלק — אָן אַן איינציקן פּאָעט.)

אָפּגעשניטן — אַלע רעלסן וואָס האָבן יעדן אָוונט געפירט באַנען יידן
פון אַלע עקן שטאָט צו סעקאָנד עוועניו טעאַטערס. אָפּגעשניטן —
אַלע גאַסן וואָס האָבן זיך פון אומעטום געצויגן פולע מיט
גאַרנדיקע צושויער צו די באַלויכטענע, צעשפּילטע בינעס. פאַרשוואונדן איז,
פאַרשוואונדן איז פון סעקאָנד עוועניו דער ריידנדיקער אַראָמאַט
פון די אַנטראַקטן אינדרויסן פון טעאַטערס, און סעקאָנד עוועניו
וואָס איז אַליין געווען אַ לעבעדיקע בינע פון העלדן, סצענעס און אַקטן, איז
אַף אייביק שוין אַרונטער פון דער סצענע.
ווי דער איינגעבאַקענער געשמאַקער רייעך פון טויזנט אויוונס ברויט
פאַר די גרינע אַפּעטיטן — האָט סעקאָנד עוועניו געשמעקט
מיט סטיל און ריטעם פון שוישפּיל און פּאָעזיע, און היינט איז סעקאָנד עוועניו
אַ טעמע בלויז
פאַר קינעס: עיכאָ יאָשוואָ וואָדאָד: מיין שטאָט,
מיין ליבע שטאָט געזאַנג פאַרוואַנדלט אין
אַ טויטער באָד.

ווי די אַלטע באָד — איז אויך נויאָרק שוין אַלט: אַ קאָלאָסאַלער
פאַררויכערטער ברודנער קראַך — באַלויכטן מיט עדיסאָנס הימל ליכט.
די באַלעבאַטישע באָד קראַצט זיך כוצפּעדיק און קריכט און שפּרייט
איר שטינקענדיקע פאַרע היפּש, גאָר היפּש
איבער איר פּעריפעריע: האָט זי אויך פאַררויכערט די קיבעצאַרניעס,
די קאַפּייען, און אָט איז זי דאָ מיט איר געשמעק און געשמאַק
אין דער פּאָעזיע פון די אָפּגעקראָכענע קאַפּעטעריעס אַף סעקאָנד עוועניו

און איסטבראָדווײ (ווער עס קען ניט גרויס ווערן מיט זײַן טאַלאַנט צו זינגען —
ווערט גרויס
מיט זײַן טאַלאַנט צו קרײַען). און די געלע גײלעמבאָד
מיט אירע באַלטפּילע־דיכטער הערט ניט אויף זײַען מעשיכישן טשאַד,
בעשוטפעס מיט די פּרימיטיווע סאַטמאַרער, מיט זײערע שטיק
מיך צו שלעפּן אין
מיקווע, אין מיקווע צוריק.

און די מעשוירערים, אוי די מעשוירערים
אין שטײַפגעפּרעסטע פּליודערן פון סטיליסטישער הײנטוועלטיקײט,
אין האַליוואָודער רעקלעך און קראַוואַטן, מיט רײנגעגאָלטע פּענימער
און פּריש־פּרעזירטע הוילע קעפּ ווײקן זיך און ווײקן זיך
אין דער אַלטער ענגער מיקווע, און רעקלאַמירן עס
ווי דעם קוואַל פון דערלײזונג, ווי די וועלט און איר צוקונפט,
איר אינהאַלט און סטיל.

די מעשוירערים וואָס זינגען אַלײן דאָס געוויין
פון אײנגעשטומטע לידער און אָפּגעפרעמדטן פאָלק וואָס זינגט ניט מער,
זײַנען אַלײן אַ צערודערט דאָרהאַפּלאָגעלע, וואָס האַלט זיך נאָך
אַף גוטע פעטערס קעכלען זײער מאָגעלע אַף קנישעלעך און פּריזעלעך
וואָס דינען נאָך
ווי קאַלטע קאָמפּרעסן און הײסע פּריפּאַרקעס. נאָר אַלעוואַי, אַלעוואַי
זאָל איך ליגן זאָגן : דער מעכאַבל וואָס אָרודעוועט אַף סעקאָנד עוועניו
איז שטאַרקער.

קראַנקע גאַסנלאָמפּן זשמורען מיט קאַרגן, קאָפּטשנדיקן, טשאַדנדיקן ליכט —
ווי גרויסע
האַלב־אויסגערונענע אויגן — ווי דער הימל מאַמע־ליכט זאָל זײַן בערײגעז
אַף זײ און אַף דער גאַס. און קום איך
אַף דער גאַס דאָ מײניקע מענאַכעמאָוול זײַן — געפין איך קײנעם ניט
דאָ זיצן שיווע. איך געפין בלויז שיוועקעסטלעך לײדיקע,
דאָ און דאָרט אַ טרער, פאַרזשאַווערטע דרײגראָשנדיקע פּריזן —
פּרוטע־פּרעמיעס
פון שטײנרײכע לאָקשנפאַבריקאַנטן און אַן אָפּגעבליאַקעוועט גאַסנשילדל
פון ווערווײסוואַו פאַרשטעקטן פּערעץ־סקווער.

סעקאָנד עוועניו, ווי איסטבראָדווײ, האָט געהאַט טאַם
פון טויזנט טאַמען — פאַר דײַן זײדן, טאַטע־מאַמען און פאַר דיר אַלײן.
די גאַס האָט געשמעקט —
כאָטש אײניקע געבײדעס האָבן אונטערגעשטונקען. און כאָטש
יידישע דיכטער האָבן אויך דאָ

קיין האָניק ניט געלעקט, איז אָבער דער הימל שטערן געלעגן אַפן טיש
ווען זיי האָבן גאַנצע טעג און נעכט קאַווע מיט לידער געטרונקען אין **שאָלעמס,**
איירָאָפּע, ראַיאַל צי זינדאָרעסט: קאַפּייען אויפגעלייגטע דיכטערישע געסט
באַ טישן לאַטקעס און ליריק און ווײַן אין לעבעדיקן, זינגענדיקן זיין פון
יידיש לעבן — אינעווייניק און אינדרויסן: די גאַס האָט געשמעקט
מיט דערלייזנדיקער פרייד פון קומענדיקע לידער אין רויש
פון דיכטערישע רעוואָלטן, מיט נייע אַנגאַזשמעס, מיט נייע
פּרעמיערעס, מיט נייע ריכטונגען און יונגע ביכער, מיט יאַנאָווסקים
„בריווקאַסטן"
און מיניקעס „יאַנטעוובלעטער", מיט פאַרלאַג „יידיש" און מיט די
„שריפטן", מיטן „אינדזל",
„אונדזער בוך" און מיט דער „פעדער", מיטן „אָנהייב", „פּאָעזיע" און
„אויפקום",
מיט „באָם פייער" און „אינזיך"; געשמעקט מיט פולע
דרוקערייען יידיש פון פרישצאַפּלדיקע זאַצמאַשינעס פון יונג, יונג, יונג
ליטעראַרישער יידיש אַמעריקע. היינט, ברידער, היינט איז די גאַס
אַ נויטע לאָמוס (זייט מאַזקיר יידן,
זייט מאַזקיר נעשאָמעס).

אוי, ווי ס'איז ניטאָ דאָ וואָס
צו זען. ווײַ,
ווי ס'איז ניטאָ דאָ וואָס
צו הערן.
און קומסטו נאָך אַהער — קומסטו נאָר איינינקער אַליין
אַף קיווועראָוועס: דיין האַרץ
און דיינע אויגן קומען בלויז אויסטיילן נעדאָוועס
צו די טויטע אַדרעסן מיט ווילדפרעמדע שילדן אַף דיינע געוועזענע קוואָרים.
און ווי דו שטייסט דאָ אין געהאַקטע וואונדן אין גליווערדיקן קלעם
און פרעפּלסט אויס
בעלאַכאַש אַ האַזקאָרע, וואָלסט דיינע אייגענע קוואָרים דאָ
וועלן צעשטערן: אַף אַלע איבעריקע טעג כאָטש פאַרמיידן דעם כילעלהאַשעם.

סעקאַנד עוועניו גויסעט, גייט־אויס, גייט־איין (אָן מיר — וואָס
פאַר אַ לעבן קאָן
דאָ זיין?).

ווי בעניאָמין דער דריטער אין באַד פאַרע איך
מיין נאַאיווע פאַנטאַזיע. געוואַלד: וואו זיינען די יידן פון

אַמעריקע, אייראָפּע, מיטלאַזיע? וואו איז סענדערל? סענדערל, וואו ביסטו?
סענדערל: איך בין איינינקער אַליין. אַפילו די שאָטנס פון
נעכטיקער לעבעדיקער נאַכט ווילן שוין אַהער
מיט מיר ניט גיין. וועל איך שוין גיין און גיין אַזוי
ביז עק שטאָט. און ווען איך וועל דערגיין צום לעצטן הויז
וועט דער סאַכאַקל זיין: אַ נ אַ ר
פ ו ן ב אָ ד אַ ר ו י ס. גיי איך, און גיי נאָך אַלץ
מיט אַ שווערד אין האַנט. נאָר ניטאָ שוין מער מיט וועמען זיך
צו שלאָגן (אין אַ נאַכט אָן שאָטנס — קען עס ווען ניט איז נאָך טאָגן?
און ניטאָ, ניטאָ
צו וועמען קומען זיך באַקלאָגן). גיי איך
מיט מיין ליד אַף דער נאַכטס באַראָט — אַ זינגענדיק-פאַרגייענדיקער יידישער
דאָן קיכאָט.

דער קאַפּיטאַן

(צו פּאַלקאָווניק גלענס פלי אַרום דער ערד)

איך סאַלוטיר דיך, קאַפּיטאַן.
האָסט גאַגאַרינען דעריאָגט און וועסט טיטאָוון אויך
דעריאָגן.
אין דיין קרייזן
אַרום דער ערד איז דיזעלביקע העלדישקייט
פאַראַן, און ווי זיי וועסטו
צו דער לעוואָנעס הימלדיקע הייכן זיך
דערטראָגן. ווער פריער און
ווער שפּעטער
אַף דער לעוואָנע וועט מיט אַן אָרקעסטער
איינפלאַנצן זיין פאָן. און דיך, ווי זיי,
וועל איך אויך דעמאָלט אין דער מענטשהייטס נאָמען
סאַלוטירן. נאָר וויסן וויל איך
וואָס דו מיינסט דאָרטן צו טאָן
מיט דיין דערפלי, מיט דיין דערגרייך און וואָס גוטס
דו ברענגסט אַהין צופירן. ברענגסט פאַבריקן נוקלעאַרע
מאַכינאַציעס, קלייטן איבער קלייטן
נוטראַניש געווער,
אַטאָמישע ראַקעטן, אַטאָמישע טאַנקעס און קאַסטנפול
אַטאָמישע דיפּלאָמאַטיע: מיט איין ריר
אין איין פלינקן פייערפלי
פון דער לעוואָנע ביז דער ערד מיטן נייסטן
וואונדערטויט
די לעבעדיקע וועלט באַלייכטן אין
איר לעצטער רעגע — איידער מיט דער נייער וועלט זיך
איבערבעטן?

איך און דו, קאַפּיטאַן, אָטעמען,
ווי מע זאָגט,
דיזעלביקע לופט, און בײדע זינגען מיר
פון זעלביקן אײצער לידער. נאָר אַזױפּיל, אױ, אַזױפּיל
וואָס דיר איז ליב — איז מיר דערווידער: פאַר אַ יונגן יונג
ביסטו אַזוי אַלט
און ווילסט זיך גאָרניט בײטן: די וועלט נעמט־אָן
אַ נײ געשטאַלט — און דו ווילסט בלײבן ווי
אין אַלטע צײטן.

אָט פּליסטו, ווי זײ,
אין אַ ספּערנשיף אַן אָנגעלאָדענער מיט אַלערלײ
געניאַלע מעטאַלטעלים. און ווען מען פליט
אין אַזאַ נײעם וועג, ווי גרויס
דאָס פליען און דערפליען זאָל ניט זײן,
איז דאָס אָבער ווי דער וואונדער פון
אַ מענטשנס קאָפּ: ווי ס׳קען קוקן, ווי
ס׳קען לאַכן, ווי
ס׳קען רײדן. נאָר דערהײפּט איז, קאַפּיטאַן —
וואָס מען האַלט אין אים.

אַלעפבייס

זי לערנט זיך דעם אַלעפבייס.
דער גרעסטער עמעס, ווי דער אַלעפבייס, איז שוואַרץ אַף ווייס. זי לערנט זיך
שוואַרץ אַף ווייס: שוואַרץ אַף ווייס. זי ווייס דאָך פריער נאָך
פון דעם אַלעפבייס: איר טאַטע
אַף אַ טויטנבוים אין וואַלד איז שוואַרץ אַף ווייס. איר ברודער
אַף אַ טויטנבעט אין קאַרצער איז
שוואַרץ אַף ווייס. איר וועלט איז
שוואַרץ אַף ווייס — מיט אַ רויטן הינטערגרונט. זי ווייס:
די זייטן פון דעם לערנביכל זיינען ווייס — ווי די ליבע פון ווייסע שכיינים.
די ווערטער אין דעם לערנביכל זיינען שוואַרץ — ווי איר פאָלק
אין איר ווייסן לאַנד אַמעריקע.
זי שטייט אינדרויסן פון אַ ווייסער לערנשול מיט שוואַרצן שריפט, באַהיט,
באַוואַכט
פון אַ ווייסן מאַלעך מיט קאָלבעס און קייטן און דינאַמיט. און אַ געלער
געלערנטער (ציוויליזירטער) קעלעוו — אַ שטאָלצער שטאַט-הונט,
ווי אַ שטאַטס-גובערנאַטער — אינטעליגענט
ווי דער ווייסער מאַלעך — היט און באַהיט
די ווייסע שול מיט שוואַרצן שריפט איבערן טיר: **ניט פֿאַר דיר! ניט.**
אַ שורע אינעם לערנביכל אונטערשטרייכט: **פֿאַר אַלע גלייך! פֿאַר אַלע**
גלייך (**נאָר ניט פֿאַר אייך**)! און כאָטש
זי לערנט ערשט דעם אַלעפבייס, קען זי שוין מיט אַנגסט
באַנעמען אַז
די גוטע ווערטער, ווי די שלעכטע, זיינען
שוואַרץ,
ווי ס'איז איר פאָלק — כאָטש איין שורע קען דיר זאָגן אַלדאָסגוטס,
און אַ צווייטע אַלדאָסבייז. ווי זי ווייס
אַז דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע — פון מאָזעס'עס צען געבאָט
ביז טשעינגענג-געזעץ, ווי פון גליק און אומגליק, ביז אַלץ, אַלץ איז
שוואַרץ אַף ווייס. און דערפאַר ווייס זי שוין
אַז איר ערשטער, גרויסער, יאָנטעוודיקער אַלעפבייס-טאָג

קען צווישן שוואַרץ און ווייס ווערן רויט
פון איר אייגן בלוט. נאָר זי שטייט און לערנט זיך דעם אַלעפּבייס, כאַטש זי זעט
פאַר אירע פיס פליסט דער טייך
וואַרעם און רויט — פון עמעט טילס יונג בלוט.

אַזוי ווי זי
האָט עמעט טיל
זיין אַלעפּבייס געלערנט. און אַזוי
האָט ער זיך אויך געשפּילט
מיט טויטגעפאַר פון אומשולדיקן שוואַרץ אַף ווייס
אין לערנביכל. און אַזוי ווי זי
האָט ער געמיינט
אַז דאָס שוואַרץ אַף ווייס גייט-אויף פאַר אים אַזוי נאַטירלעך ווי
די זון
און די לעוואָנע מיט די שטערן גייען-אויף פאַר אים
אין הימל. האָט די זון טאַקע,
און די לעוואָנע מיט די שטערן זיך מיט אים
דערטרונקען אין דעם מיסיסיפּי. און ווען זיי קוקן אַרויס
פונעם טייך
קוקט אויך עמעט טילס פּאָנעם אַרויס צווישן זיי.

אָקספֿאָרד, מיסיסיפּי

אוניווערסיטעט־שטאָט : שטאָט
מיט אָנגעזאַמלטן וועלט וויסן. שטאָט
מיט אייביקער וועלט כאָכמע. שטאָט
מיט אַ מיליאָן ביכער געניאַליטעט : **שטאָט פֿון שטעט : אַ שטאָט מענטשן**
(געוואַלד !—

און אַלע זיי,
אַלע זיי נאָך אַלץ
אין גאָטס געשטאַלט !) : באַנדיטישע
ערעוואַוו (מענטש :
קוק און שטוין : אַ שטאָט האַס־העלדן — אַ בילנדיקער
באַנדע. מערדערישער
מאַב. העפקערישער
האַמוין) : באַאַרטע בויאַנעס, באַלערנטע
באָלוואַנעס — דיפּלאָמירטע — אויסשטודירטע
כוליגאַנעס. און די טעכטער, די שעקספּירישע קאַלעדזש־טעכטער —
די זיסע טעכטער,
די צאַרטע טעכטער, די ליבע, יונגע ליבנדיקע
טעכטער טראָגן זיך
מיט בליענדיקן בלומענשטאָלץ פֿון מיסיסיפּיס באַרימטע, איידעלע
מאַגנאָליעס — און קווישען
קוילערישע קוויטשערייען : אַ גראַדואירטער קאַלעדזש־כאָר —
אין ווייסן זייד און בלויע בלומען אויסגעפּוצטע מיידל־כאַיעס. און אָט דאָ
שטייט ז י — די שוואַרצע מאַמע פֿון
דער מענטשהייט. —
שוואַרץ
ווי איר צאַר
אינמיטן ווילדער ווייסער וועלט
מיט איר קינד אַף די הענט : שוואַרץ
ווי איר פּינצטערע פֿאַרוואַלדיקטע, פֿאַרגוואַלדיקטע
פֿאַרגאַנגענהייט
מיט איר אַנדערהאַלבניאָריקער מאָרגנדיקער
מענטשהייט אַף די הענט, שטייט זי, שטייט—
ווי זי וואָלט דאָ הענגען אַף
איר טליענדיקער טליע (וואָס דער „לאָרד" אַליין
האָט איינגעפּלאַנצט און אויסגעהאָדעוועט און אָנגעצווייגט
און אָנגעגרינט . . .) שטייט זי ווי
אַ קלוגע שטיינערנע ריוועריִשע פּיגור
צווישן אָקספֿאָרדס צערעוועטן כייזעקכאָר אין ריינע, ווייסע, פּאַראַדנע
העמדער, ווייס
ווי מיסיסיפּיס ווייסער נאָמען, ווייסע, ווייסע

גראַדואיר-העמדער — ווייס און אויסגעפּרעסט
ווי אַקספּאָרדס הונדערטפּערצניאָריקע דיפּלאָמעס: יעדער איינער רייסט זיך
זיין איר טאַליען (מיט דער מאָרגנדיקער מענטשהייט אַף
די הענט). יעדער איינער רייסט זיך זיין
פון ווילדן כייזעקכאַר דער דיריגענט: טויזנט איבער טויזנט
דאָרעמדיקע איידללייט
אין פרישגעפּרעסטע ווייסע העמדער פורעמען פיר פעסטע פוריעדיקע
פעלדזנוועגט וואָס שפּייען
שוועבלדיקן שוים פון ראַסנהאַס, און די ווענט גייען, גייען,
גייען אַף איר,
גייען און גייען און גייען אַף איר: הענגט זי
אינדערלופטן
מיט דער מאָרגנדיקער מענטשהייט אַף
די הענט.

פלאַמפּייער — ווי
די דאָרעמזון
איבער איר ברענענדיקן קאָפּ — ברענען אירע
צווויי פאַקלדיקע אויגן — ברענען מיט פייער ווי זי זאָל ערשט
פון געהענעם אַרויס, און ווי אין געהענעם צוריק
מען שטויסט זי באַלד אַריין: טויזנט
דאָרעמדיקע דאַמען אויסגעפּוצט
אין זומערדיקע זיידנס מיט צעיאַכמערטע קאָלירן ווי שיקערע שפּילקאַסטנס
פון אַמעריקעס מוזיקאַלישע קולטורקרעטשמעס: טויזנט איידעלע
דאָרעמדיקע אַלאַבאַסטער-דאַמען
מיט רייצנדיק-געמאַליעוועטע ליבע-לעכצנדיקע ליפּן
שפּייען, שפּייען,
שפּייען איר
אין פּאָנעם.
דאָס שפּייעכץ שיפּעט און שפּרינגט-אָפּ
פון איר ברענענדיקן
שוואַרצן
שטאָלענעם געשטאַלט — ווען דער קאַלטער סאָם
שלאָגט זיך אָן אין איר
פייער — טויזנט דוירעס אַלט.

האָבן אַמעריקעס טייכן און יאַמען אין דער רעגע זיך אין בלוט
פאַרוואַנדלט? איז אין אַלע אַלאַבאַסטער-היימען געוואָרן סאַם
פון אַלע טעפּ האָניק און אַלע פּעק
איבערזיסן
צוקערקאַנדל? און זיינען איבערן לאַנד שוואַרץ געוואָרן
אַלע פּייערלעכע פּאָנען — ווען זיי האָבן דערזען דער מאַמעס שוואַרץ
פאַרשפּיגן
ברענענדיק פּאָנעם?

איז פון דער זון איר האַרץ
אַרויסגעפאַלן און די זון איז מיטאַמאָל
שטיק כיישעך — אַ קאַלטער, שוואַרצער מוירעדיקער
מעטעאָר?
זיינען פון אָרבית איבער די שטאַטן אַראָפּגעפאַלן אַלע אירע
אַסטראָנאַטן? איז דאָס ווייסהויז
שוואַרץ געוואָרן
ווי די פענצטערלאָזע כורווע פון דעם מענטש
וועמען זיין הימלאַנד האָט
אין פּאָנעם אָנגעשפּיגן? האָבן די וועלדער
זיך אָנגעצונדן פון די פלאַמען אין האַרץ פון שוואַרצן פאָלק
אין פּאָנעם אָנגעשפּיגענעם?

גרויסע, געלערזאַמע
אייביקייט. אייביקייט אין די געפּאַקטע
געביידעס ווייזהייט: פאַרשמיד,
פאַרשלים פון זיי
דיין מיליאָן בענדער און זאָל דאָס ווערן אָן אייביקע לעגענדע צו
דערמאָנען ווי
זיי האָבן דיך אין דיין היינטקאָסמישער דערהייבנקייט באַשפּיגן — ווען אַ לאַנד
שפּייט אַ מענטשן אָן
שפּייט אַ מאַמען און
איר קינד אָן
אין פּאָנעם.

ערשטער מאַי

(צו זיין 75סטן יובילײ)

אַלט בין איך
ווידער דאָ, ווי אַלע יאָר — נאָר גרעסער : מיט יעדן יאָר דער וועג אַהער
ווערט בעסער אַלץ
און בעסער.

יאָר־איין, יאָר־אויס לאָז איך זיך אַרויס
מיט מיין גאַנצן הימל פלאַטערדיקע פאָנען איבער אַלע מיינע
פעלקער, איבער אַלע מיינע
שטעט און לענדער. יאָר־איין, יאָר־אויס
גיי איך אַזוי באַגעגענען מיינע איבעריקע טעג אין יאָר, און אַזוי
גיי איך אויך באַגעגענען די איבעריקע יאָרן פון
מיין ערשטן יאָרהונדערט. און ווייסן ווייס איך אַז
ביז איך וועל אָנקומען צו דער שוועל פון ציפער אַטדער רונדער
וועט שוין מיין הימל זיין דער נייער דאַך
איבער גאָרער וועלט.

זעט ווי שיין איך בין
אינמיטן אַ יאָרהונדערט רויך און פייער. זעט ווי יונג איך בין
צו מיינע פינפאונזיבעציק.
איך בין געקומען און אַלע איבעריקע טעג נאָראַיעט
מיין ליכטיקייט, מיין אויסזיכט און
מיין גליק.

ווי די זון גייט־אויף אַף אַ מאַסט איבערן יאַם
בין איך אויפגעגאַנגען אַף אַ טליע אין שיקאַגע. און פון דעמאָלט אָן
הענגט מען מיך — און איך גיי אַלץ אויף — הענגענדיק
אַף טליעס איבער טליעס באַם פּאַטאָמעק און
באַם רהיין, באַם גאַנגעס און
אַרכיפּעלאַגאָ.

נאָר אָט זעט איר דאָך — איך קום אַראָפּ
פון אַלע מײַנע טליעס און צעשײַן זיך
אָט אַזוי
אַז מײַנע טליעס נעמען בליִען מיט דער גאַנצער שײנקייט פון
דער גאַנצער ערד אין מאַי. און הײַנט, ווען גאַגאַרין פליט
אױף זײַנע טרוים-ראַקעטן און לענדער זײַנען לויטער בינעס מיט
מאַיסייעוו-באַלעטן, הײַנט,
קען איך ווידעראַמאָל זאָגן נעוויעס אַז צו מײַן ערשטן
יאָרהונדערט
וועל איך שוין האָבן אָפּגעזונגען מײַן לעצטן העספּעד
נאָך אַלע מײַנע טליעס.

יורי גאַגאַרין

ער איז אַרויפגעפלייגן אין די הימלען און צוריק
אַראָפּגעשפּרונגען
אין אַ פרייליכן ייִדענעם פּאַראַשוט: אַ פליענדיקער מענטש
אין אַ פריילעך־פליענדיקן הימלהוט — אַראָפּגעשפּרונגען פון די הימלען
און זיך צעזונגען
אַ גאָר־גאָר ניי פליענדיק ליד צו זיין לאַנד.
זיינע הימלהעלע טרערן זיינען געפאַלן ווי דערפרייטע שטערן וואָס זיינען
מיט אים אַרונטער

זען פונוואַנען ס׳איז
דער מענטש געקומען.

דער האָריזאָנט אַרום אים האָט אים אַרומגענומען
ווי אַ רעגנבויגן־באַנד — וואָס ער האָט פון די הימלען מיטגעבראַכט —
אַן ערשטע מאַטאָנע פון די רוימען צו
דעם ערשטן גאַסט פון ערשטן הימלפליענדיקן לאַנד.

צום ערשטן מאָל
האָט זיך אַ מענטש צעזעגנט מיט דער ערד — און צוריקגעקומען!
אַוועקגעפלייגן ביז אַהין
וואו ביז אַהער
האָט זיין פאַנטאַזיע בלויז
געוואַגט צו פליען: זיין לאַנד שיקט,
איז אַ הימלאַנד־ליד פאַרצייגן און אַוועקגעלאָזט זיך קרייזן
אַרום זיין אייגענעם פּלאַנעט
אין די רוימען זינגענדיק זיינע נייסטע לידער, רעציטירנדיק אין די רוימען
זיין ליבסטן פּאָעט.

הערן די הימלען צום ערשטן מאָל
פּושקינען און מאַיאַקאָווסקין און פליענדיקע מעלאָדיעס
פון רוסישע ראָמאַנסן פון ערשטן קאָסמאָנאָט — וואָס פליט איינינקער אליין
אין די הימלען — אָן מאַלאָכים, אָן קונצן, אָן
אַ סימען גאָט — פליט און זינגט
אָף די פריילעכע פליגלען פון זיין פאָטערלאַנד. און זיין פאָלק—זיין פאָלק וויינט
פאַר פרייד. און די
וואָס ווייסן ניט פון דעם — קענען די טרערן ניט
פאַרשטיין (איך האָב אויך
היינט גאַנצפרי געוויינט. און מיין ווייב, און מיינע גוטע פריינט: אַזאַ טאָג איז
היינט

וואָס מיט אַלע טענץ איבער די שטעט, מיט אַלע לידער, אַלע כאָרן און אָרקעסטערס
איבערן לאַנד
קען די הימלפרייד פון דער ערד ניט פאַראייביקט ווערן — אָן טרערן).

אַרום אים האָט גערעדט די מענטשהייט פון דער העכסטער כּאַכמע.
און די געציילטע, די בייזע נאַראָנים וואו ניט וואו זיינען אויך
אין דער רעגע
אַ קאַפּעלע קליגער געוואָרן: אַ שפּאָגלנייע וועלט איז
די רעגע געבאָרן.

אין דער רעגע האָט יעדער איינער זיין אַלטן נאָמען
פאַרלאָרן (מענטש — ווי רופט מען דיך?).
און סיי מע רופט אים סמיט, סיי סימאָנאָוו, סיי קאָהען, סיי זאָרין —
האָט יעדערער
געענטפערט: מיין נאָמען איז
גאַגאַרין.

און יורי גאַגאַרין
האָט אין אַלעמענס נאָמען גערעדט. יורי גאַגאַרין —
זשול ווערנס און איינשטיינס און מאַיאַקאָווסקים פליענדיקער פּאָעט:
פּראָסט און
פּאַשעט —
ווי זיין היינטיקער דיכטער — האָט יורי גערעדט:
מיין טאַטע איז
דער ערשטער אַף דער ערד
מיט זיין גאַנצן לאַנד שטעט און איך, זיין זון,
בין דער ערשטער אין די הימלען מיט מיין פּאַרטיי־בילעט.
נאָך מיין טאַטעס ערשטער
מענטש־דערהייבנדיקער טאַט — איז שוין מיר ניט אָנגעקומען שווער צו ווערן
דער מענטשהייטס ערשטער אַסטראָנאַט (ווי גאָט אַליין
האָט פאַרייניקט טאָג און נאַכט — האָט אַליין מיין טאַטע
הימל און ערד צונויפגעבראַכט).

יורי גאַגאַרין: זשול ווערן און איינשטיין
האָבן דיך פאָרויסגעזען. זייער טרוים
און לענינס פּלאַן — און ס'איז געשען.

מאַיאַקאָווסקי

(עמעצער האָט אָפּגעפּרעגט מאַיאַקאָווסקיס מייסטערישן אייפּן פון באַהאַנדלען שפּראַך)

מאַיאַקאָווסקי מעג.
ווי פּיקאַסאָ, וויטמאַן, נערודע און שאַגאַל. מאַיאַקאָווסקי מעג
אַלץ: אַ קאָל וואָס בליצט
מיט קינסטלערישע קיילעקיילעם פון שעפערישן באַפעל. אַ קאָל וואָס האָט
אַלע אַלטע צוקערדיקע סיראָפּ-טייכן אויפגערודערט —
אויב ניט אָפּגעשטעלט. אַ קאָל
וואָס דיריגירט דעם אָרקעסטער פון נייע טעג, דיריגירט דעם נייעם אָרקעסטער
פון אַלטן פאָלק, און זיין ליד פאַרהאַקט
דעם אַלטן וועג — מאַיאַקאָווסקי מעג.

די איינציקע זון וואָס קוקט אונדז
אין די אויגן — די באַרמהאַרציקע, די אייגענע
מעכאַיעדיקע זון וואָס גייט מיט אונדז
טאָג איין-טאָג אויס
און גייט און גייט דאַכט זיך גלאַט אַזוי
פאַרביי
גאָר דעם וועלט-געליאַרעם, גאָר דעם גרויליקן
געברויז — די זאָרגלאָז-קרייזנדיקע זון —
דאָס גלאַט אַזוי זיך קוקנדיק אויג פון דער וועלט — האָט ער איבערגערעדט
און זי איז געוואָרן אַ
גלייכער שותּף צום
פּאָעט. און די זון שפּאַנט
אינאיינעם מיט אים
איבערן לאַנד און איבערן קיילעך און די וועלט בלענדט
מיט זוניקער היספּאַילעס
אין שטעט און דערפער און פאַרלייכט אַלע ווינקעלעך
און אַלע זייטן אַף אַלע, אַלע צייטן.

מאַיאַקאָווסקי מעג. דער מענטש
וועמען די זון פאָלגט און גייט מיט אים זיין וועג איבער
דער וועלט — איז אַליין דער וועג. וואָרעם גרעסער איז
דער וואונדער היינט
צו קערעווען די זון — ווי אין די לעגענדאַרישע טעג פון
יעשוע בען נון.

היינט
זיצן זייביידע אין אַקולאָווא אפן פושקין-באַרג
און באַשמועסן זייער וועג און זייער שוטפעס ביז אהער.
עפּאָכעס — פאַרוואָלקנטע, צעבלוטיקטע
און העלדישע
טראָגן זיך אין לויטערקייט — עפּאָכעס ווי
צעהימלטע עקראַנען טראָגן זיך
איבער זיי. און זיי קוקן-דורך
די עפּאָכעס און ריידן צו
לענינען, און ריידן צום
פאָלק, און ריידן צו
דער וועלט, און קוועלן-אָן
פון זייער שוטפעס. היינט —
היינט זידט רואיקער
דער סאַמאָוואַר. קען מען לייכטער זיך
אַראָפּריידן דאָס האַרץ. און ס׳גלאָז טיי
בריט ניט אָפּ דעם גומען. און דער צוביים
שטעלט זיך ניט אין האַלדז. קוקן זיי נאָך
די ספּוטניקס אין די הימלען און די ספּוטניקס אַף
דער ערד. און קוקן אַריין צי ביידע זיינען דאָ
ווי זיי דאַרפן זיין
אין לעבן און
אין ליד. און פון דעם פושקין-באַרג זיי דיריגירן — ווי דאָס לעבן האָט
געלערנט לענינען
דאָס פאָלק צו פירן.

צענעמט מאַיאַקאָווסקי דעם אַלטן אוניווערז פאַר דער זון אין די אויגן
און שטעלט אים איבער —
ווי אַף פלאַנקאָמיסיעס באַפעל — און פאַר אים
און פאַר דער זון שטייט-אויף זיין נייע,
זיין אייגענע וועלט.

אַ שוטעף צו דער זון מעג אַלץ, מעג אַלץ — נאָר ניט
איבערשניידן זיך אַליין דעם האַלדז (וועט די געשיכטע טאַקע זיך
פאַנאַנדערקלייבן, און בלייבן וועט דאָס איר באַקאַנט אַז אַלע
זעלבסטמאָרדן און מאָרדן — פון יעסענינען ביז מאַרקישן —
איז נאָך אַלץ די אַרבעט פון
אַן אַלטער, אַלטער האַנט).

און עס לויפט, עס לויפט דער וועג — דורך פֿאָלקס
גרויליקער געפֿאַר, דורך פֿאַררעטערס גזאַר — עס לויפט, עס לויפט דער וועג,
ווי פֿון דעם סמאָלני — לויפט ער פֿון
דעם פּושקין־באַרג. און ווי לענין —
מאַיאַקאָווסקי מעג.

מאַיאַקאָווסקי מעג. ער האָט געבראַכט
אַ שורע ווי אַ ווירע — אַ רעגנבויגנדיקע אויסגעגלייכטע
ליניע — אויסגעהאַמערט אַף דער זון — פֿון כראָם און שטאָל,
וואָס מעסט די צוקונפֿט (ווער קען שוין ניט, אָ, יאָ, ווער
קען שוין ניט
היינט שפּילן אַף דער אַלטער לירע? אַנו, פּרובירט אָבער
אַזוי אַ שפּיל טאָן אַף
אַ זעג — אַז ס'זאָל אַ וועלט מיט נייע אויערן זיך
פֿאַנאַנדערעפֿענען
שוין פֿאַרן מאָרגנדיקן
ליד! אַנו? — מאַיאַקאָווסקי מעג).

קובאַס קאָל

ער רעדט. און זיינע רייד ריידן זיך איבער
דורך געטרייע בערג און טאָלן פון פאַרטרויטער סיעראַ מאַעסטראַ. ער רעדט
און באַרג נאָך באַרג און טאָל נאָך טאָל ריידן־איבער זיינע רייד
מיט קובאַס קאָל. קובאַס קאָל הילכט
דורך די לאַנגע פוסטע הונגעריקע יאָרן פון אירע ברודערלעכע בערג. קובאַס קאָל
שפּילט
ביטערע הונגערלידער אַף אויסגעשיילטע צוקערשטעקנס (אויסגעפּוסטעוועט
פון אַ לעצטן לעק צוקער): הונדערט יאָר הונגערלידער שפּילט
אַף אויסגעהוילטע צוקערשטעקנס (אויסגענאָגט
ביזן לעצטן לעק האַניקטאַם פון קובאַס האַניקדיקער ערד), שפּילט הונדערט יאָר
פאַרשעמטע הוילקייט
אַף קובאַס שעמעוודיקע האַניקטעכטער
אין נאַקעטע טוריסטן־בעטן. און אַט און אַט —

אַט שפּילט עס שוין, אַט שפּילט עס שוין
אַף שפּינדלדיקן שטענדיק שוין
דורך אירע מאַמעדיקע סיעראַ מאַעסטראַ טאָלן: קובאַס קאָל
קייקלט פאַנאַנדער
פולע טאָלן ברודערלעכע בסורעס פון וואַקסנדיקער מאַזלבראָכע אין שטייגנדיקע
סטוינגן צוקער און שטייגנדיקע
שטאָקן הוימען: קובאַס קאָל
טראָגט פולע טאָלן טאָל נאָך טאָל טרייסטנדיקע רייד און לידער
אַף יונגע צוקערשטעקנס (פאַרביי, פאַרביי אַמעריקעס
צוקער־באַצויבערטע ווערענדעס), שפּילט דורך וויסטע
קרייווועשע
מידבאָרדיקע פוסטקייט ביז די טרוקענע
דאָרשטיקע פעלדער, דורך טרוקענע
דאָרשטיקע בערג,
פון סיעראַ מאַעסטראַ ביז די טרוקענע, דאָרשטיקע
געדולדיק־וואַרטנדיקע הימלהייכע אַנדעס. קובאַ שפּילט.

קובאַ שפּילט אַף יונגע זוניקע צוקערשטעקנס
דאָס זיס ליד פון באַפרייטע צוקערפעלדער.

דער מישפּעט

אַט זיצט ער — דער מערדער פון מיין פאָלק
און קוקט אַף מיר
מיט היטלערס מעשונעדיק-צעגלאָצטע אויגן טויט: צעגלאָצטע טויטנטירן
פון גאַזקאַמערס, פון גרוילקאַמערס און יאָגנדיקע באַנען טויט.
און עפנט ער (אָ, ווי ער וואַגט נאָך עפענען)
זיין מויל — עפענען זיך אַלע מיינע לעבעדיקע
מאַסנקוואָרים
פאַר זיך אַליין, אַליין פאַר זיך
געגראָבענע.

אַט זיצט ער
און מיט גאַיוועדיקער כוצפּע פון מאָדערנעם מערדער פון
די פעלקער קוקט ער מיר גלייך אין
די אויגן. אַט רעדט ער
און די רייד זיינען מיין מיליאָן קינדער וואָס ער שליידערט און
שמעטערט — און ער שמייכלט מיטן פייגער-פאַרצעף
פון אַלע מיינע פאַררעטערס.

אַט זיצט ער — דער,
וואָס האָט מיר אויסגעקוילעט זעקס מיליאָן — דער,
וואָס קוילעט-אויס אַ פאָלק און רעדט
אין גוטן טאָן — דער,
וואָס איז אַרויס די וועלט צעשטערן — דער,
פון העכסטער הייכקולטור און הערלעכסטע
מאַניערן — דער,
פון נעכטיקן בערלין און היינטיקן באָן. אַט זיצט ער
און קוקט מיר אין די אויגן. און קוקן קוקט ער
מאָדנע: זאָל דאָס זיין (ווי קען דאָס זיין?)
אַז ניט ער איז דאָ
דער ריכטער, ניט ער איז
פּראָקוראָר — נאָר אַ ייד עפּעס, אַ ייד פון ווילנע, צי
פון גראָדנע זיצט
און מישפּעט **א י ם** — דעם איבערמענטש
איבער דער מענטשהייט גאָר?

איך — דאָס אויג פון דער צוקונפט — בין
דער ריכטער. איך — די וועלטוואונד פון נעכטן — בין
היינט דער פּראָקוראָר. איך רוף,

איך רוף די גאַנצע קייווערדיקע ערד, ווי אַן אײדעס, און זי קומט, זי קומט:
זי קייקלט זיך אַריין אין יערושאַלאַימער געריכט
מיט אַלע מיינע שייטערהויפֿנס און בעסאַלמענס
פֿון באַרצעלאָנע ביז באַרבעידאָס, פֿון קעשענעוו ביז קאַטאָוויץ.
זי קייקלט זיך פֿאַרפּוצט
אין אַלע אירע ניט פֿאַרענדערלעכע פֿיר סעזאָנען — פֿאַרענדערט דורך
מיין בלוט. אָט קייקלען זיך
אירע ווינטערדיקע וועלדער — וועלדער פֿאַרטיזאַנער־ביימער
אָנגעפּעלצט אין ווייסע פּעלצן. אָט רירן זיך
אַלע אירע פֿעלדזן — דער וועלטס אויסגעשטרעקטע קוימענס
פֿון אַלע מיינע גאַזאייוונס. אָט קייקלען זיך
אַלע אירע פֿעלדער שניי — מיינע אייגענע, מיינע גאַנצע
פֿעלדער רויטער שניי מיט בערג פֿאַרברענטע מייסים.
אָט גייען, גייען אירע גאָרע גרינע גראָזן — אויסגעווייקט
אין טרערנדיקן טוי
פֿון מיינע קינדערס נעכטן שרעק. אָט קומט די לעוואָנע
מיט פֿאַראייביקטן פּאָנעם פֿון כאַנע סענעש — מיטן זעלביקן
איינגעזיגלטן שמייכל פֿון זאַיאַס לעצטן לעבעדיקן קוק פֿון איר טליע.
אָט קומט די זון —
דער גייענדיקער ברענענדיקער קאָפּ
פֿון מיין אונטערגעצונדענעם טאַטן אין באַבי יאַר. אָט קומען אַלע מיינע
טייכן בלוט און הימלען גזאַר. אָט קומען אַלע מיינע
יאַמען צאַר
און וועלדער צאָרן. אָט קומען אַלע מיינע געטאָס גרויל. אָט קומט
מיין טויט פֿאָלק — אָדאָם נאַקעט, מוטער הויל —
אָן
אַן
אָרן.

אָט גייען מיינע בערג שיך, גייען און רויכערן זיך
פֿון די בראַנדוואונדן אַף מיינע אונטערגעצונדענע וועגן. גייען און זוכן
מיינע פֿיס
אין מאַסנקוואָרים איבער גאָר דער ערד. און די ערד,
דער קיילעך ערד,
קייקלט זיך און קייקלט זיך מיט מיינע אָפֿענע קוואָרים
אין אייכמאַנס שטייג אַריין און צעעפֿנט זיך
אַף טויזנט טויערן און טירן און עס לאָזן זיך אַרויס
אַלע מיינע לענדער אײדעס. אָט קומען זיי
מיט אַלע מיינע אויסגעקוילעטע קאַפּעליעס כאַסענע־קלעזמאָרים—טעראָריזירטע
אונטערפֿירערס
צו מיינע ברענענדיקע טויטנכופּעס.

אָט קומט די וועלט אַליין אַריין
אין אייכמאַנס שטייג. זי קוקט
מיט קאַלטע בליקן פֿון
אַ ווייטן קאָרעוו, וואָס איז גאָרנישט, גאָרנישט אָרעוו, קוקט
און קרימט זיך קלײמערשט, שטעלט־אָן די אויערן און ציילט די איידעס,
און ווי בעאיים די שכיטעס — זי מאַכט אויך איצט אַ שווייג.

און איך, — איך קוק אַף דער וועלט
דורך אַנאַס בוידעמפֿענצטער אין טויט־צעשראָקענעם
אַמסטערדאַם. די שטאָט טויטשרעק איז
שוין מער ניטאָ. נאָר אַנאַס טויטנפֿענצטער—ער איז אַלץ נאָך, ער איז אַלץ נאָך
דאָ.

(וואָס נעמט די וועלט דאָס פֿענצטער ניט
אַרויס? די וועלט — די קאַלטע קאַנאַליע — וויל נאָך אַלץ ניט
אויסקומען
אָן איר אַלטן אַמסטערדאַמער פֿענצטער אין
איר אַלטער הויז: צווישן לענדער טויט זיצט זי
און לייענט שעקספּירן און שטודירט אַלץ נאָך איין איר הויפּטראָלע
פֿון אייביקן טאַליען.)

איך קוק אַף דער וועלט
דורך אַנאַס פֿענצטער: אָן אַנאַס אויגן
וואָס וואָלט איך געקענט איצט זען? אָן אַנאַס אויגן — וואָס טויג מיר שוין
מיין ריע? אָן אַנאַס אויגן קען דאָס ערגסטע מיט
דער וועלט געשען: האָט געקענט דאָך זיין
ניט זעקס מיליאָן, נאָר אַכט און צען,
און עלף און צוועלף מיליאָן פֿאַרברענט. האָט געקענט דאָך זיין
פֿערצן, אַכצן מיליאָן טליעס (אָט גייען, גייען מיינע טליעס
דורך אייכמאַנס געזיכערטער גלעזערנער
שטייג). האָט געקענט דאָך זיין
קיין איינציקער ניט מער: קיין איינציקער, אַ לעצטער — פֿאַר אַ לעצטן
העספּעד, פֿאַר אַ לעצטן
קאַדעש, אָן איינציקער, אַ לעצטער —
פֿאַר אַ לעצטער, לעצטער יידישער
טרער:
אַז ביז די שענסטע הייפֿן שפּרייטן זיך
מיינע קוואָרים; אַז ביז די העכסטע שוועלן גרייכן
מיינע טליעס, און אַז אין די שענצטע הייכן שטייען נאָך און רויכערן זיך נאָך
מיינע גאַזאייוונס, און אַז אין זייער אויפֿגייענדיקן גאַזנרויך

איבער זייערע וועראַנדעס הער איך נאָך היינט דאָס זים לידעלע
פון דער גרויסמוטיקער אַלטער באַנדע: „מע האָט דיך
פיינט! מען האָט דיך
פיינט!״

איך קוק אַף דער וועלט דורך די וואונדער-אויגן
פון קינדער וואָס היטלערהינט
האָבן צעריסן. איך קוק אַף דער וועלט מיט די ריינסטע אויגן
פון מיינע נאַקעטע יונגע טעכטער
וואָס זיינען פון ריינקייט אויסגעגאַנגען
ווען היטלערס מענטשנהינט האָבן זיך אין זיי אַריינגעביסן.

איך קוק אַף דער וועלט
מיט איציק וויטנבערגס אויגן — מיט פאָלקס טרוים אין טרויער ווי די שכינע
איבער אים — ווען ער גייט פאַרן פאָלק
זיין לעצטן גאַנג צו זיין לעצטן
טויער
אין ווילנער געטאָ — און זיינע אויגן מעסטן ניט
די לעצטע שפּאַנען לעבעדיקע ערד
אונטער זיינע לעצטע לעבעדיקע טריט.

איך קוק אַף דער וועלט דורך דעם באַרג באַרמענען-ברילן
אין מאַידאַנעק: און אַז איך זע די וועלט
דורך אַ מיליאָן גלאַנצנדיקע
באַרמענען-ברילן וואָס גלאַנצן
מיט בליאַסקנדיקע בליקן פון בערג גלעזערנעם טויט — הער איך אַלץ נאָך ווי
אַ היטלערישע מענטשהייט זאָל
אַף מיין פאָלק היסטעריש בילן, און בילנדיק
וואָלט עס אַלץ נאָך גאַזאייוונס געבויט.

איך קוק אַף דער וועלט דורך די וואַרשעווער וואַסערקאַנאַלן
ווי די נאָבעלע געוואָגטע צוקונפט בראָדיעט
דורך שטיקנדיקע, שטינקענדיקע שטראָמען פון פאַרשטונקענער
פאַרגאַנגענהייט. מיט מיין האַרץ אין בראָך
און מיט באַלייכטנדיקע בראָכעס קוק איך
ווי דורך גאַנצע שטעט קאַנאַלן שטראָמענדיקן שמוץ רייסט זיך דורך און קומט
— באַלאָדן מיט זויבערן געפּעק — די גרויסע
לויכטנדיקע צייט, און מיט איר יונג בלוט וואַשט זי אָפּ, ווישט-אָפּ
יעדן עקלדיקן פלעק.

איך קוק אַף דער וועלט
דורך אַנאַס פענצטער אַף אייביק אַ פאַרלאָפּענער
מיט אירע בליענדיקע טרוימענטערען, וואָס פינקלען איינגעוואַקסענע
אין די צעשראָקענע שויבן — ווי אין הימל די
איינגעוואַקסענע שטערן.

איך קוק אַף דער וועלט ווי אַ מענטש
וואָס אין אויג זיינס — מיט בלוט פאַרלאָפן — קוקט
פון אייביק אָן
אין רויך און פייער פון
דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט, און איין אויג —
מיט פרייד פאַרפלאַמט — לויכט און קוקט
אין אויסגעזוניקטער, אויסגעלייזטער
ווייט. איך בין
די וואונדיקסטע וואונד פון דער וועלט. מיין וואונד איז
מיין אויג
מיט לויטערסטער ריע — קען איך ניט נאָר אין האַקנקרייץ
נאָר אויך אין דעם ציילעם דערקענען
אַ טליע.

קוק איך אין דער גלעזערנער שטייג אַריין
און שטוין: דער טאָך און דער טאַן — כאַטש נעם און טו אים אָן
אַ מאַרטירער-קרוין! נאָר ווי דו זאָלסט
די וועלט אין שטייג דאָ ניט זען, — גלייב יאָ, גלייב ניט, — נאָר ווידער שפּילט,
שפּילט-אויף אין מאַסנקוואָרים-אינדערמיט
אַליץ נאָך און ווידער נאָך אַ ווידערגעבורט-באַלאַדע: אַ שפּאַגלנייע
יעבעזקליאַדע
אַף די טויטע ביינער. און די ביינער
פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין אינסטרומענטן און שטעלן זיך אַליין צונויף
אין אַן אָרקעסטער: פון יעדן ביין
צעהאַקטן און פאַרברענטן
פורעמט זיך אוים אַ נייע מוזיקאַלישע קיילע, און דער אָרקעסטער שפּילט,
לעאיילע אולעאיילע.

קדיש

י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש...

פּאָנעם על פּאָנעם מיט אייב לינקאָלן, פּאָנעם על פּאָנעם מיט
דעם נעגערשן מאַרטירערפאָלק
זאָגט אַ ראָוו קאַדיש. איך בין ניט
קיין קאַדיש־זאָגער. נאָר די מאַמעס איבער דער וועלט האָבן היינט ביטער
געוויינט און באַוויינט די פיר קליינע שוואַרצע מיידעלעך —
האָב איך אַף דעם ראָווס קאַדיש געענטפערט: אָמן! און געהערט האָב איך
ניט דעם ראָוו אַליין, ניט דעם ראָוו אַליין: געהערט האָב איך
איבער דער וועלט
אַ מיליאָן מיינע יעסיימים זאָגן קאַדיש: אונטער וויינענדיקע וואָלקנס —
ווי אַלטע, אויסגעוויינטע טאַליסים — אַ מיליאָן מיינע יעסיימים זאָגן
קאַדיש.
דער ראָוו האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרצן קיטל אין דעם שוואַרצן טאָג און גייט
אין שוואַרצן מאַרש דורך שוואַרצער אייביקייט
מיטן נעגערשן פאָלק: דעם ראָווס קעהילע היינט
איז אינגאַנצן שוואַרץ. שוואַרץ זיינען
די זינגענדיקע טפילעס וואָס דאָס פאָלק דאָ זינגט.
און די טפילעס הילכן היינט
ווי די שוואַרצע לידער, און די לידער הילכן היינט
ווי מיין גאַנץ פאָלק מיטן באַרדיטשעווער, מיט ראָבסאָנען, געבירטיגן,
זאָל זאָגן קאַדיש נאָך די פיר נעגער מיידעלעך
וואָס זונטיקדיקע ווייסע מענטשן האָבן אין שוואַרצן זונטיק אויפגעריסן
אין אַ שוואַרצער קירך פון אַ ווייסער, ווייסער שטאָט.

י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש...

אַ פאָלק — אַ פאַרשוואַרצט פאָלק אין אַ טאַכריכים־ווייסער שטאָט.
ווער עס גייט מיט מיר און ווער עס גייט מיט גאָט. נאָר אַלע
גייען זיי איין וועג און אַלע האָבן זיי
איין פּלאַן: דער וועג, דער וועג — דער דערלייזנדיקער וועג
צום קאַפּיטאַן
וואָס זיצט און וואַרט זיי זאָלן קומען און נאָכזאָגן און נאָכזינגען
זיין רוף און זיין מאָנען וואָס עס זאָגן־צו די באַנערס און
די פאָנען פון
דרייהונדערט אָדער הונדערטוויזנט יאָר.

איך זאָג **אָמן** — איז דער קאַדיש דאָך דערזעלביקער
וואָס אין גאָלעס באָוול, דערזעלביקער וואָס באַ די שייטערס
אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, דערזעלביקער
פֿון גיירוש דייטשלאַנד, גיירוש ענגלאַנד, דערזעלביקער
וואָס אין ביאַליקס שכיטע־שטאָט, דערזעלביקער
וואָס איך הער אין אוישוויץ, אָף פּאָנאַר, אין וואַרשעווער
געטאָ און באַבי יאַר. דערזעלביקער קאַדיש
וואָס איך האָב נאָך מיין מאַמען, יינגלווייז געזאָגט.
דערזעלביקער קאַדיש וואָס שוואַרצע שטורעמס דורך שוואַרצע
וועלדער טראָגן איבער שוואַרצן גערהענעם פֿון דער וועלט.

ראָבסאָן זאָגט דעם באַרדיטשעווער קאַדיש ברייגעזלעך־מאָנענדיק
מיטן באַרדיטשעווערס קאָל. און איך זאָג
לייווי ייצכאָקס קאַדיש אָנקלאָגנדיק איראָפּע און מיין לאַנד, אָנקלאָגנדיק
גאָט אליין
מיטן קאָל פֿון מיינע זעקס מיליאָן פֿאַר מיינע גאַזאייוונס
ווי פֿאַר די לינטשוועלדער פֿון דאָרעם — אַלץ איין קאַדיש,
אַלץ איין קלאָג, דערזעלביקער
וואָס פּערעץ און רייזען און מאַרקיש האָבן געזאָגט. זאָג איך **אָמן!**
און דאָ זאָג איך
דעם זעלביקן קאַדיש מיט מיין פֿאָלק
און מיט די פֿעלקער פֿון דער גאָרער וועלט. **י ת ג ד ל**
ו י ת ק ד ש — אַלץ דער זעלביקער האַרצרייסנדיקער, הימלשרייענדיקער
קאַדיש, וואָס הילכט דורך די קוואורע־קוימענס
פֿון היטלערס קרעמאַטאָריעס, ווי דער קאַדיש וואָס הילכט
מיט הירש גליקס קאָל און מיט זיין פּאַראָל.

י ת ג ד ל
ו י ת ק ד ש: געגרויסט און געהייליקט זאָל דיין נאָמען זיין
אָף אייביק, „אָ קאַפּיטאַן, מיין קאַפּיטאַן”.

י ת ג ד ל
ו י ת ק ד ש: געגרויסט און געהייליקט זאָל אייער נאָמען זיין
אָף אייביק, בוקער ט. וואַשינגטאָן, פֿרעד דאָגלעס און
דזשאָן בראַון.

זיי ווייסן, וועלט, ווייסע וועלט: ווען איך
וויין — וויין איך ניט
אליין, ווי אין **מ י י ן** געוויין קלאָגט
דעם נעגערשן פֿאָלקס געוויין! — אָמן.
אָ מ ן .

דער פרעזידענט

(דזשאָן פ. קענעדי)

די לינקאָלן-קויל פליט נאָך אַלץ אַרום איבער אַמעריקע.

היטלערס יאָרשים שיסן מיט דום-דום קוילן איבער אַמעריקע.
פליען קוילן סווישטשענדיקער טויט דורך נעגערישע אומרואיקע פענצטער
וואָס קוקן אַף אַמעריקע מיט דרייהונדערט יאָר טויטשרעק. פליען קוילן
דורך טיר און טויער פון יידישע טעמפּלען, פליען קוילן
דורך נעגערישע געבעטהייזער און רייסן-אויף קאַליבאַנס זונטיקדיקע קינדער
וואָס קומען בעטן גאָט אַף שיך, אַף שפּילצייג, אַף אַ מאַטאַנע דער מאַמען.

היט זיך, האַלט אַן אויג, אַמעריקע.

פון די פינצטערע פענצטער פון דער פינצטערער שטאָט דאַלאַס
האָבן פינצטערע קוילן געצילט און געטראָפן
אין קאָפּ פונעם פאָלק. האָט דאָס האַרץ פונעם פאָלק
זיך צעוויינט אַף איר מענטשלעכסטן קאָל — האָבן די פעלקער פון דער וועלט
מיטגעוויינט אַלע מיטאַמאָל.

אַ קרומקעפּיקע קויל האָט צעקרימט
פון גאַנצן פאָלק זיין זינגענדיק מויל : די קויל האָט פאַרקרימט
אַ לאַנד פרייד אין אַ לאַנד גרויל.

דאָס איז דיזעלבע קויל — די לינקאָלן-קויל פון די קופּערקעפּ
וואָס פליט אַרום און זוכט דיין האַרץ, אַמעריקע, זוכט דיין טרוים,
אַמעריקע.

ווי וואָלט וויטמאַן האָט באַוויינט לינקאָלן דעם קאַפּיטאַן, ווי די וועלט
האָט רוזוועלטן באַוויינט,
איז אין אונדזער היינטיקן געוויין אויך די פייערלעכע טרער
איבער יענע צוויי העלדן פאַראַן.

ניט לינקאָלן, ניט רוזוועלט
האָבן אויפגעטאָן די גרויסע זאַך אינגאַנצן, און אויך ניט
ער. נאָר זעט איר ווי די קופּערקעפּ
באַ די מאַרטירערס לעוואַיעס טאַנצן, פרעגט איר : אויב ניט זיי —
דערוויל — איז
ווער ?

ווער
קען דאָ באַפרייען ווען — ביז דעם גרויסן, גרויסן טאָג ? ווער קען דאָ
היינט דאָס פאָלק
מיט עפּעס וואָס דערפרייען — ווי די דריי
פאַראייביקטע נעמען — ביז די גרעסטע
שאָ
פון דער געשיכטע שלאָגט ?

פון מיין ברויט
האָט ער ניט פאַרזוכט. מיט מיר אין איין כיידער ניט
געגאַנגען. מיין שוואוע — מיין שוואוע דער וועלט שוועסטער און ברידער
האָט ער ניט
געשוואָרן: וויל ער מיינע רייד ניט
פאַרגעסן, און ער רעדט וועגן זיי
מיט צאָרן. נאָר באַ איין שאָלעמטיש מיט מיר איז ער
געזעסן.

• • •

זיבן לאַנגע ווייסע פערד אין לאַנגן שוואַרצן
געשפּאַן פירן דעם מערדערישן סאָד
פון אַמעריקע מיין לאַנד.

זיבן לאַנגע ווייסע פערד אין לאַנגן שוואַרצן
געשפּאַן פירן די טראַגעדיע פון אַמעריקע
מיין לאַנד.

זיבן לאַנגע, ווייסע פערד אין לאַנגן שוואַרצן
געשפּאַן פירן דעם שווערן געפּלעפטן איינגעשטומטן אָטעם פון
דעם גאַנצן פאָלק — דעם גאַנצן אָטעם פון
מיין לאַנד.

זיבן
לאַנגע
ווייסע
פערד
אין לאַנגן שוואַרצן געשפּאַן פירן — פירן — פירן
דעם גאַנצן טרויער פון
מיין לאַנד.

און דער איינזאַמער פּערד אַן דעם העלד אין זיין זאָטל, דער איינזאַמער
פּערד
טראָגט מיט טרויעריקע טריט זיין טרויער אין זאָטל. און שוואַרץ
ווי ער איז און שוואַרץ ווי זיין שפּאַן, איז ווי ער זאָל נאָכגיין
דער שוואַרצער, דער איינזאַמער
לינקאָלן־באַן — די איינזאַמע באַן, ווי פּאָרוים זאָל זי גיין
נאָך אַלץ אַפּן וועג, נאָך אַלץ אַפּן וועג צום בעסיילעם אין ספּרינגפּילד
(די קופּערקעפּ גראָבן־אויף, דערשיסן און
באַגראָבן יעדן טאָג
דעם קאַפּיטאַן,
און ווי פּרייע און בראַווע פּאַטריאָטישע מערדער לאָזן זיי ניט אָפּשטעלן
דעם קאַפּיטאַנס הונדעריאָריקע לעוואַיע).

• • •

און די שטאָט — די שטאָט פון מאָרד, די שטאָט פון טאַנצנדיקן
טויט — אַז וואויל איז איר: די שטאָט פון טאַנצנדיקן טויט האָט אַ גרויסן
גרויסן נאָמען איצט, און איז וועלטבאַרימט.
און דער שטאָט פון טויט, די דאָרעמשטאַטן טויט—האַפּקענדיקער,
יאַנטעוודיקער
טויט. אַז וואויל איז זיי:
מענטשן אַף די גאַסן גייען מיטן מאַלכאַמאָוועס באַ דער זייט.
אין היימען טויט. אַף שליאַכן טויט. טייכן טויט און וועלדער טויט
און קירכן טויט. קלויסטערס קוילערישער טויט.
אַף טייכן שווימען שוואַרצע מייסים מיט אָפּענע פּענעמער צום הימל.
די וועלדער פון דאָרעם זיינען דורכויס יאָנטעוו־וועלדער! לויטער, לויטער
קריסטמעס־ביימער, באַהאַנגענע
מיט צאַצקעס און מאַטאָנעס און
מיט מייסים, דעקאָרירט, אילומינירט מיט רויט־ווייס־בלויע לעקטערישע
לעמפּלעך און מיט רויט־ווייס־בלויע לעקטערישע ציילעמער: גאָט אַליין איז
דאָ דערביי, ווי גאָט אַליין איז אין די קירכעס באַ זונטיקדיקע
קינדערשכיטעס, וואו מען באַזויפט די זיגן
מיט רויטן, רויטן, הייסן ווייַן . . .
און ביז דער אייביק־געדולדיקער קאַליבאַן וועט אונטערהאַקן
די לעצטע טליע און איבערקערן זייער לעצטן כליאָב
בלוטיקן ווייַן
איז דאָ ניט זיכער מיטן לעבן
דער קאַפּיטאַן.

(היט זיך, האַלט אַן אויג,
אַמעריקע: דאַלאַס איז
מאָדערנער סדאָם. איר באַלייכטונג איז פלאַמען

סרייפעדיקע סינע. סדאָם פּייפּט
אָף דער מעלוכע: סדאָם
מאַכט זיך אייגענע געזעצן. סדאָם
גייט זונטיק אין גאָטס הויז זיך בענטשן; סדאָם
מאַכט זיך אייגענע געצן — געצן אין היטלערס
געשטאַלט.)

• • •

די גאַנצע פרייד פון פאָלק האָט יענעם פריילעכן פריטיק געלויכטן אָף
דעם מאַרטירערס יונגן פּאָנעם, האָט די גאַנצע וועלט געזען
אָף הונדערטמיליאָן טעלעוויזיאָרן ווי די פרייד איז
איבערן לאַנד געפאָרן. האָבן די קופּערקעפּ די פרייד דערשאָסן.

דאָס פאָלק האָט זיך איינגעשלאָסן אין שווייגן, ווי אַ שווייגנדיקער
וואַלד
וואָס שווייגט
זיך איינצוהערן אין פינקלענדיקן טרויער פון
די שטערן און זיין ווייבס לעוואָנעדיקן, שווייגנדיקן טרויער
צווישן זיי
די ערשטע נאַכט איבער זיין קייווער. דאָס שווייגן פונעם פאָלק
דערהייבט זיך ביזן הימל און הענגט איבערן גאַנצן לאַנד
ווי אַ שווערער באַלויכטענער טרויעריקער דאַך.

זיבן
לאַנגע
ווייסע
פערד
אין לאַנגן שוואַרצן געשפּאַן פירן — פירן — פירן
דעם גאַנצן טרויער פון
מיין לאַנד.

זיבן — לאַנגע — ווייסע — פערד — אין — לאַנגן — שוואַרצן
געשפּאַן — פירן — פירן — פירן דעם גאַנצן גרויסן
לינקאָלן-טרויס פון מיין לאַנד.

מײַן שפּיגל

די מענטשהייט איז
מײַן שפּיגל. מוז מיר קלאָר זײַן ווי
איך דאַרף פֿאַר אים זיך שטעלן. און שטענדיק, שטענדיק קוק איך אײַן
מײַן שפּיגל. ווײַל שטענדיק, שטענדיק מוז איך זיך
אײַן אים געפֿעלן.

גרויס ווי
די וועלט איז
מײַן שפּיגל. און שטאַרק, אײביק שטאַרק ווי
דער יאַם איז
מײַן שפּיגל. און ווי דער יאַם — איז
זײַן זיכערזיגערישע גוואורע צעלויכטן. און ווי דער יאַם איז ער
אַקשאָנעסדיק קאַפּריזנע — און באַוואוסטזיניק —
אַ פּרימיטיווע מאַכט
וואָס ברענגט מאָדערנע צײַטן. ווי דער יאַם
וואָס ברענגט צונויף
מיט געניאַלער גוואורע פֿון קאָלירן, פֿאָרמען און
אוזאָרן די ווײַטסטע ווײַטן און אַלע
פֿאַרלאָפֿענע און אַלע
קומענדיקע
יאָרן. ווי דער יאַם —
מיט פֿרייד פֿון פֿרײַהייט צעשפּילט און צעשפּיגלט.

דער יאַם איז
מײַן שפּיגלס האַרץ. הער איך פֿון אים
אַלע לידער וואָס
איך גאַר. און זע איך אײַן
מײַן שפּיגל אַ כוואַליעדיקע
איבערקערעניש,
איז דאָס אַן אָרקעסטער נעוויאישע אָנצוהערעניש אַף אַלץ
וואָס איך דערוואַרט.

די מענטשהייט איז
מיין שפּיגל. און ווי קליין איך בין —
וואַקס איך אויס אין אים
העכער פון
העכסטן באַרג פּאַלקס
געברענטע צאָרעס. ווייל פון גאָר דער ווייזהייט —
ז י י ן
דורכזיכטיקע כאַכמע בלויז
וואָר איז.

און טוט די וועלט אים אַן מיליאַניקן
טויטנטרויער, קען זי מיין שפּיגל סיוווי ניט
פאַרדעקן. ווי ס׳קענען ניט
פאַרטונקלען מיר
זיין אומשטערבלעך ליכט
סיי פון פרעמדע, סיי פון אייגענע וואונדן די פלעקן.

די מענטשהייט איז
מיין שפּיגל. זוך איך,
נישטער איך, שטודיר איך
יעדע שאַטירונג, יעדע שפּירונג, יעדן
שטריך. און יעדן, יעדן טאָג —
ווי איך קום פאַרן אָפענעם הימל — קום איך פאַר
מיין שפּיגל. ווייל נאָר אין אים
דערקען איך זיך.

אַפריקע

אַפריקע ברענט — אַ וואַלד
ברענענדיקע טליעס. אַ וואַלד געלינטשטע נעגערס שטייען־אויף
טכיעס האַמייסים, גייען אַראָפּ
פון די ברענענדיקע טליע־ביימער
און לאָזן זיך אין גאַנג אַריין.

מיט באָרוועסע
צעברענטע פיס גייען זיי
דורך יאָהאַנעסבורג — אויף יאָהאַנעסבורג. אין זייער גאַנג קלאַגט
קייטנקלאַנג
פון טייוולס אינדזל, קייטנקלאַנג
פון דזשאַרדזשיעס טשעינגענג, קייטנקלאַנג
פון ענגלאַנדס שקלאַפנשיפן און קייטנקלאַנג
פון גוטער אַלטער שליסבורג.

מיט באָרוועסע
צעברענטע פיס גייען זיי
דורך קעיפּטאַון אויף קעיפּטאַון, דורך ליטל ראָק
אויף ליטל ראָק, דורך טשאַרלסטאָן און סקאָטסבאָראָ,
אויף טשאַרלסטאָן און סקאָטסבאָראָ, דורך קאָנגאָ אויף דער קאָנגאָ און
אויף האַרלעם און האַוואַי — מיט באָרוועסע,
מיט אָפּגעברענטע פיס פון ווײַסטן ווייסן וואַלד אַרויס
גייען זיי, זיי גייען צו
באַפרייאונג.

נעגערליבע איז שטאַרק ווי די ערד און פֿייערדיק
ווי נעגערלידער.
דער פֿייער פֿון נעגערלידער קען אָנצינדן די ערד
און באַפֿרייען אַלע ברידער. נעגערגאַנג איז פֿייערפֿעסט
ווי דזשאַרדזשיעס פֿעלדזנשטיין
וואָס אַמעריקעס אַפֿריקע אין טשעינגעינג-קייטן האָקט
מיט הייסן האַס
פֿון די פֿאַרפֿאָלגטע און פֿאַרמישפּעטע און גלייביקע —
ווי פֿאָרגי און בעס — די שפּיל, דער ספּעקטאַקל, די זינגענדיקע
האַס-ליברעטאָ פֿון דער ווייסינקער וועלטס
נעגער-געטאָ. אַפֿריקע!
דער טשעינגעינג-טאַליען ברענט די טריט
און סיימאָן לעגרים בייטש הערט אַלץ ניט אויף
שניידן פֿאַסן. אַפֿריקע! — דער שוואַרצער כאָר פֿאַרזינגט די וועלט
מיט רירנדיקן וואַלד-רעזאָנאַנס פֿון קלאָגלידער פֿון אַנדערסאָן-קאָנטראַלטעס
און פֿרייהייטלידער פֿון בסורעדיקע ראָבסאָן-באַסן. **אַ פֿ ר י ק ע!**

דער טויטער בוים

אונטער מיין פענצטער שטייט
אַ נאַקעטער
בוים. אינמיטן אַלע מעקויעמגעוואָרענע מאַיקע האָפענונגען — נאַקעט,
עלנט,
איינער אַליין.
אַלע ערשט פאַרפוצטע און יונגע
גרינע יאָרן, און ער —
ווי אַ ווייטער מעכוטן — שטייט אַלץ אין זיין ווינטערדיקער
גראָער קאָרע. און די קאָרע פילט ער ווי
אַ בלעך אַף זיך,
וואָס לאָזט שוין ניט דורך אַ טראָפּן זומערזאַפט, ווי ער פילט
די ביימער און
די גראָזן אַף אים
קוקן — צו וואָס
האָט מען אים דאָ באַדאַרפט.

ער קוקט מיר אין פענצטער
מיט אַלע זיינע
שטאַרע בליקן — ווי אַלע זיסע זומערדיקע
גליקן זאָלן זיין
אין מיינע הענט.

ווי גרויס ער איז —
אַזוי טויט איז ער: אַ האַרמידערדיקער,
שטייענדיקער
באַרמענען
מיט הונדערט דאַרע דערנער אַף אַרויף פאַרריסן —
אַ ווילדע דראָטענע סקולפּטורע
מיט הונדערט צעטריקנטע אָרעמס — דראָטענע הענט און
דראָטענע פינגער
אין לעצטן אָנשטרענג פון געבעט
פאַר נאָך אַ גרינעם פרילינגדיקן ביסן.

אַלע ביימער אַרום אים
האָט ווי דורך נאַכט די ערד אין איר מאַאיקן גרין
באַקליידט. און ער,
אַף דערזעלביקער ערד, אין זעלביקן מאַי,
צווישן זיינע לעבעדיקע שכיינים שטייט — אַ גראָער,
אַ בלעכענער
מוירעדיקער מעס. מיט זיי

דורכגעמאַכט דעם ווינטער, די שניישטורעמס, די פרעסט, נאָר מיט אים אײנעם איז
יענעם אינדערפרי, ווי מיט זיי, ניט געשען
דער גרויסער, גרינער נעס.

און איך קוק אַף אים
יעדן באַגינען, און הער ניט אויף
זוארטן, טאָמער, עפּשער וועט
אַ פאַרשפּעטיקטע מאַי־נאַכט פאָרט זיך דערקלײבן צום
בוים דעם פאַרדאַרטן — וואָס שטייט דאָ ווי
אַ פאַרשעמטער, שטומער אָרעמאַן
וואָס לאָזט זיך ניט מעיאַעש זיין אַז פאַר אים איז אַלצנאָך
ערגעצוואו פאַראַן אַ הײפל
גרינס — וואָס קען נאָך אים, דעם אַלטן, אָפּגעלעבטן
אָרעמאַן
אויסקלײדן עפּעס ווי פאַרן זומער פון קאָפּ ביז
די פיס.
מאָדנע
פילט זיך דאָ דער בוים, מאָדנע פרעמד — צווישן לעבעדיקע —
אײנאַלײן אַ טויטער, מאָדנע און
פאַרשעמט — אײנאַלײן
דער אײנציקער אָן אַ נייער, פרישער, זומערדיקער
גרינער העמד.

די ערד, זע איך, האָרעוועט
ניט שווער
אַף איר גאַנצער מאָזלבראָכע. נאָר דאָ, אַרום דעם בוים,
זע איך אָנגעשטרענגטן
ווילן: איך זע ווי די ערד
זויגט און זויגט און זויגט די טרוקענע וואָרצלען פון
דעם בוים און וויל מיט אַלע קייכעס נאָר
אַף אים ווי עס איז צעשפּילן
די גרינע סימפאָניע פון נייעם מאַי — ווי אַ מייסטער וויל
נאָך אויסשפּילן אַ קאָמפּאָזיציע
אַף אַ צעטריקנטער האַרף.

ביז אין אײנעם — אין
אַ לעצטן שוין — באַגינען פון
דעם וואונדערכיידעש מאַי
האָבן די דאַרע דערנער אָנגעהייבן גרינען — טויזנט איבער
טויזנט שפּראָצן — ווי די נאַכט וואָלט אַפן בוים אָנגעטאָן
אַלע אירע גרינע שטערן.

מאָריס ראָזנפעלד

(צו זיין הונדערטיאָריקן געבוירנטאָג)

ער יאַם ברענט
און קעסלגאַרדן קאָכט
מיט צעוויטיקטע, צעטראָגענע
טרייסטנדיקע טרוימען פון
אַ יאָרהונדערט גרינע אימיגראַנטן. און דו זינגסט
מיט דיין אומרואיקן פייער אַרויס
דעם טרויער פון פערציקטויזנט אימיגראַנטנשיפן און דעם צאַר
וואָס איז איינגעזעסן אין די שטרענגע, קאַלטע קעסלגאַרדנס
האַכנאָסעסאָרכימדיקע ווענט. דער יאַם ברענט.

דער יאַם ברענט. קעסלגאַרדן
קאָכט: אַ מ ע ר י ק ע: צעיאַכמערטער, אומגליקלעכער
מאַזלדיקער יאַריד. און דו, דאַנק גאָט, דו ביסט דאָ מיט
דיין ליד. און דיין ליד
זינגט אַריבער דעם יאַם. און דיין ליד
זינגט אַריבער דעם קאָך. דיין ליד איז אַליין
אונדזער ברענענדיקער יאַם. דיין ליד איז דאָס ליד פון אונדזער גליק
און אונדזער בראָך.

פערציקטויזנט שטעפערס אין פאַרטויבנדיקע טויטנשעפער
אַף אַן איינציקן קוואַרטאַל
שטעפּן-אויס „שיסנדיק"
מיט צעליאַרעמטע שניידמאַשינעס זייער צערודערטן טרוים
אין דיין הייסן,
אומרואיקן ליד.

פערציקטויזנט פרעסערס
ברענען-איין
מיט ברענענדיקע ביגלאייזנס זייער טרוים
אין זשאַקעטן, מאַנטלען און רעק וואָס גייען מיטן טרוים, אין דיין ליד,
איבערן לאַנד אַוועק, איבער דער וועלט אַוועק.
טראָגן פערציקטויזנט שטעט איבער דער וועלט
אין בוזעמקעשענעס
דעם שניידערישן טרוים אין דיין ליד אַף אַלע טעג, אַף אַלע יאָרן, דעם טרוים
וואָס אין דיין ליד איז ער
גרעסער נאָך און שענער נאָך
געוואָרן.

אַ שאָפּ מאַטאָרן. אַ שאָפּ מאַטאָרן וויינט, אַ שאָפּ מאַטאָרן
זינגט: אַ שאָפּ הערצער צערודערט,
צעבראָכן,
זידן מיט זודיקן זאַט
פון צאַר און צאָרן פון הונדערטשאַאיקע, צעהייקערטע
יידן מיט זודיקן זאַט
אין האַרץ פון הארצלאָזער, מאָדנער, מעשוגענער
גאָלדענער שטאָט — צווישן טויטלעכן לויער פון
פאַסטקעס מיקראָבן, פאַסטקעס מיט פייער — און כיעסדיקן צויבער פון
דיין מאַי — אין דער ברוטאַלער אַלטער גרינער דראַמע פון
אַמעריקעס שניידעריי.

וויין, וויין
מיין טרערן־מיליאָנער. אין דיין געוויין
האָט זיך גאַנץ אַמעריקע געהערט. אָפּן אייזן טרערט נאָך אַלץ,
טרערט נאָך אַלץ און ברענט נאָך אַלץ
דיין בלוטיקע טרער, און הערט ניט אויף
צו זידן און צו קאָכן
באַ יעדן פּרעסער אָפּן אייזן, און קוקט נאָך אַלץ און קוקט
ווי אַ פייערדיק אויג
וואָס מאַכט זיך ניט צו — אַן אויג פון די סוועטשאָפּ־הארוגים — גייט־נאָך און
גייט־נאָך די
„טיראַנען" און גיט זיי ניט, גיט ניט
קיין רו. און אין יעדער
קליידערפאַבריק, און אין יעדן מאָטאָר און אין יעדער מאַשין און אין יעדער טרער
זינגסטו.

אין אַלע דיינע לידער ברענט
דער ווייסער סאַם
פון דער רויטער שניידער־מאַגייפע און היילט זיך ניט
היילט זיך ניט אויס.
אין אַלע דיינע לידער פלאַמט
די טרייענגל־סרייפע און לעשט זיך ניט, לעשט זיך ניט
אויס.

אַ שטאָט מאַגייפעס, אַ קראַך
סרייפעס. און דו,
דער לייב
שטייסט אין די פלאַמען און וואָרנסט. און דיינע רייד
ווינען סאַרפנדיקע
שטיקער סרייפע, ווי די ברענענדיקע רייד

פון די בייזע מאַטאָרן אין
די שעפּער. און דיינע רייד זיינען רויע טליענדיקע דימענטן
אין דער טראַגישער, שניידערישער
פּאַנאָראַמע
דו ביסט די מאַכט — ביסט **ד ע ר ל י י ב.**
דו ביסט די קראַפט — **ד ע ר ל אַ ט ו ט י ם. אַ ן ד י ר**
האָט דער מאַי
„מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט"
נים די ווערט קיין דריי פּרוטעס.

און אַזוי ווי דער מאַי איז פּאָרט
געקומען,
און מיט זיין „צויבער און פּראַכט" איבער דער וועלט זיך
פּאַרנומען, וועט די וועלט
מיט אַלע אירע יאָרן זינגען
דיין ליד
מיטן שניידערישן טרוים אין איר, זינגען
ווי באַפרייטע
פריילעכע
שניידערישע מאַטאָרן.

דאָס באַנצעטל

אַט — און ער דאַרף שוין ניט
זיין באַנצעטל
אָפּצוהיטן באַנען וואָס לויפן פון
זיין לאָנגאיילענד שטעטל אין נויאָרק אריין — די ליאַרעמדיקע
פייער־פאַבריק
וואָס בראַזגעט־אוים טאָגטעגלעך לעבן אָף אַ מיליאָן
מוזיקאַלישע מאַשינעס, אַ מיליאָן
מוזיקאַלישע מויערן — אַ מיליאָן
דראַמאַטישע בינעס מיט אַכט מיליאָן מענטשן פון אייזן,
אַכט מיליאָן זשומענדיקע זשעניען און עפּיגאָנען —
די פאַרפּלאָמטע פייער־פאַבריק וועט זיך שוין באַגיין
אָן אים.

אַט — און די רעלסן
פון די לאָנגאיילענדער באַנען
וועלן אין לויפעניש פאַרלירן דעם בלויען בליאַסק
פון זיינע אויגן
וואָס זיינען אָף זיי דורכגעלאָפן הונדערט יאָר
דורכזיכטיקע זעאונגען — פון דאַנען ביז
עק וועלט — אין דער איינער שאַ־רייזע
פון לאָנגביטש ביז נויאָרק.
און דער קאָנדוקטער זעט אַז ווייטער זאָל מען שוין
ניט פאָרן. און סיזוי, ער,
וועט שוין ניט פאָרן ווייטער ווייל די באַן, די לעצטע באַן דאָ
בייט ער, ווייל פאָרן פאָרט ער שוין
אָף זיין לעצטן בילעט. און צי זעט איר יאָ,
צי זעט איר ניט — ער הערט־אויף פאָרן
אין סאַמע אינדערמיט.
און פון היינט־אָן וועלן די לאָנגאיילענד באַנען
פאָרן שוין
אָן אַ יידישן פּאַעט.

אומשטערבלעכקייט

זיבן צענדליק יאָר גיי איך אַרום און זינג, גיי איך אַרום און
זינג. ווער איז
צו מיר גליַיך? געבאָרן בין איך
אַן אָרעמאַן אַ ייִד. און גייִן
גיי איך אַוועק
שטייִן רייַך: איך זינג
און אַלע הערן. און מייַנע לידער וועלן לאַנג, אָ, לאַנג,
אָ, ווי לענגער פון
מיר אַליין געוווּרן.
איז עפּעס מאָדנע גוט וואָס ווען דו וועסט שוין ניט זייַן
וועלן דייַנע לידער אַלץ נאָך, אַלץ נאָך זינגען
אויף יעדן לעבעדיקן מענטשנס מאַרשרוט. איז עפּעס אַזוי מאָדנע
גוט, וואָס ווען דו וועסט שוין ניט זייַן
וועט אין לעבן לאַנג, נאָך לאַנג, אָ, ווי לאַנג זייַן דער טאַם
פון דעם זאַלץ און האָניק פון
דייַן בלוט. אָ, ווי גוט.

פאַליע ראַבינאָוויטש איז אויך געקומען אויף
דער וועלט אַ באָרוועסער, אַזוי ווי
איך. נאָר פאַר אים איז שוין געשטאַנען גרייט
אַן עקיפּאַזש מיט פיר פּאָר פערד און אַ גאָלדענע
פּאָר שיך. און מיר איז, נעבעך, אויסגעקומען איבער גאָרער וועלט צו רייטן אויף
אַ שאַרפן רוקנבייַנערדיקן דאַרן פערד
אַן אַ זאָטל... וועל איך זיך אָבער סייַוויסיי מיט אים ניט
בייַטן.
ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסן, גאָלדגראַבנדיקן
רידל און איך, מיר האָט מען מיטגעגעבן אַ פּראָסטן, הילצערנעם
פידל.

זיבן צענדליק יאָר גיי איך אַרום און זינג, גיי איך אַרום און
זינג. ווער איז צו מיר גליַיך? געבאָרן אַ קאַבצן אין
זיבן פּאָלעס — ס׳גאַנצע לעבן בײַ פּאַליע ראַבינאָוויטש אין
גאָלעס, — גיי איך אַוועק
שטייִן רייַך.

איבערזעצונגען

מאַאָ טסע טונג

לענגסטאָן היוז

פּאַבלאָ נערודע

מאַיקל גאָלד

נאַזים היקמעט

ניקאָלאַס גווילין

וואָלטער לאָוענפעלז

אָלגע קאַבראַל

איבערזעצונגען

מאָ טסע טונג

לאַנגער מאַרש

די רויטע אַרמיי
שרעקט זיך ניט
פאַר די שוועריקייטן
פון אַ לאַנגן און שווערן וועג.
אַ טויזנט בערג
און צען טויזנט טייכן
מיינט בלויז גאָרנישט.

די וואוליענג-בערג דרייען זיך און שפּאַנען און פאַלן
און די קייט אומונג-בערג ליגט ברייט און ריזיק
מיט גוואַלדיק שווערע שטעגן.

די וואַסערן פון דעם דזשינשאַ טייך
שלאָגן זיך אָפּ אין וואַלקאַנס-גרייכנדיקן פעלדז
וואַרעם.
די אייזערנע קייט פון דער דאַדו בריק
שטרעקט זיך איבערן טהאָם
קאַלט.

מער פון אַלץ האָב איך ליב דעם שניי
וואָס שפּרייט זיך אַ טויזנט לי
איבער די מין בערג.

די גאַנצע אַרמיי קומט אַרויס גאַנץ
מיט אַ געלעכטער.

ל ע נ ג ס ט אָ ן   ה י ו ז

דער נעגער רעדט וועגן טייכן

איך האָב געזען טייכן:
איך האָב געזען טייכן אַלט ווי די וועלט און עלטער פון דעם פלוס
פון מענטשנס בלוט אין מענטשנס אָדערן.

מיין נעשאָמע איז געוואָרן טיף ווי די טייכן.

איך האָב זיך געבאָדן אין טייכן פון באָוול ווען באַגינענס זיינען יונג געווען.
איך האָב געבויט מיין בודע באַ דער קאָנגאָ און דאָס האָט מיך איינגעוויגט
אין שלאָף.
איך האָב געקוקט אַפן טייך נילוס און אויפגעבויט די פּיראַמידן איבער אים.

איך האָב געהערט דעם מיסיסיפּי זינגען ווען אייב לינקאָלן
האָט זיך מיט אים אַוועקגעלאָזט קיין ניו אָרליענס. און איך האָב געזען
דעם טייכס ברודנעם בוזעם פאַרוואַנדלען זיך דורכוים אין גאָלד
אין צייט פון זונפאַרגאַנג.

איך האָב געזען טייכן:
פאַרצייטיקע, טונקעלע טייכן.

מיין נעשאָמע איז טיף געוואָרן ווי די טייכן.

מעשענע שפייטעפ

רייניק די שפּייטעפּ, באָי!
דעטראָיט,
שיקאַגע,
אַטלאַנטיק סיטי,
פּאַלם ביטש.
רייניק די שפּייטעפּ.
די היץ אין האָטעלקיכן
און דער רויך אין האָטעל לאַבים
און די סליונע אין האָטעל שפּייטעפּ:
טייל פון מיין לעבן.

העי, יונג!
אַ ניקל,
אַ דאַים,
אַ דאָלער,
צוויי דאָלער אַ טאָג.
העי, באָי!

אַ ניקל,
אַ דאַים,
אַ דאָלער,
צוויי דאָלער
קויפט שיכעלעך פּאַר דער בעיבי.
באַצאָלט דירעגעלט.
דזשין אַף שאַבעס.
קירך אַף זונטיק.
מ י י ן ג אָ ט!

בעיבים און דזשין און קירך
און פרויען און זונטיק
אַלץ פּאַרמישט מיט דאַימס און
דאָלערס און ריינע שפּייטעפּ
און דירעגעלט צאָלן.
ה ע י, י ו נ ג.

אַ צעבלישטשעטע מעשענע שיסל איז שיין פּאַרן לאָרד.
צעלויכטענער צעשייערטער מעש ווי די צימבלס
פון מיילעך דאָווידס טענצערינס,
ווי די וויינבעכערס פון קיניג שלוימע.
ה ע י, ב אָ י!

אַ ציכטיקן שפּייטאָפּ אַף דעם באַשעפערס אַלטאַר דערלאַנג!
אַ ריינעם פינקלדיקן שפּאָגל אויסגעשייערטן שפּייטאָפּ —
דאָס, כאָטש, קען איך זיך פּאַרגינען.
אַ ה ע ר ג י י, ב אָ י!

די פרייהייט־באַן

האַרבסט, 1947, האָט אַמעריקע אויפגעבויט אַ ספּעציעלע באַן, מיט גרויסע, גאָלדענע אָדלערס אַף די ווייסע וואַגאָנעס מיט רויטע און בלויע שטרייפן, און זיך אַרויסגעלאָזט אַף אַ יאָרס רייזע איבערן לאַנד. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן **פרייהייט־באַן**, ווייל אַף איר זיינען געווען אויסגעשטעלט אַן אייצער פון איבער הונדערט אָריגינעלע דאָקומענטן פון דער עטאַבלירונג און אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע און די הייכע אידעאַלן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, אַן אונטערשייד פון קאָליר און ראַסע. אין משך פון יאָר האָט די באַן געזאָלט מאַכן פיר רייזעס איבערן לאַנד און באַזוכן דריי הונדערט שטעט. די אַנפירערס פון דעם פּראָיעקט האָבן געהאַט צוגעזאָגט אַז זיי וועלן פאַרבייפאָרן יעדע שטאָט וואָס וועט באַשטיין אַף סעגרעגאַציע אַרום דער באַן.

דער פּראָיעקט פון דער "פרייהייט־באַן" האָט באַגייסטערט דעם באַרימטן נעגערישן דיכטער לענגסטאָן היוז אָנצושרייבן די פּאָעמע. ער פאַרפעלט אָבער ניט אויסצודריקן זיין צווייפל אין דער דורכפירונג פון די הייכע אידעאַלן, סיי מעצאַד די פעדעראַלע אַנפירער, סיי מעצאַד די דאָרעמדיקע שטעט — וואו דזשים קראָו איז העכסטע מאָס פון מענטשלעכקייט און דעמאָקראַטיע.

איך האָב געלייענט אין די בלעטער וועגן
דער פרייהייט־באַן.
איך האָב געהערט אַף דער ראַדיאָ וועגן דער
פרייהייט־באַן.
איך בין געגאַנגען צום וואָקזאַל און געזען די
פרייהייט־באַן.
מיין גאָט, איך האָב געוואַרט אַף דער
פרייהייט־באַן.
אין דאָרעמדיקן דיקסי זע איך בלויז איין באַן —
די וואָס האָט אַ דזשים קראָו קאַר פאַרזאָרגט פאַר מיר.
איך האָף עס איז ניטאָ קיין דזשים קראָו אַף דער פרייהייט־באַן.
קיין הינטערשטער אַריינגאַנג צו דער פרייהייט־באַן.
קיין שילד **פאַר שוואַרצע** אַף דער פרייהייט־באַן.
ניט **בלויז פאַר ווייסע** אַף דער פרייהייט־באַן.

איכ'ל מיר ריכטיק באַקוקן די
פרייהייט־באַן.
ווער איז דער מאַשיניסט אַף דער פרייהייט־באַן?
קען אַ קוילשוואַרצער מאַן פירן די פרייהייט־באַן?

אָדער בין איך נאָך אַלץ אַ פּאַרטער אַף דער פרייהייט־באַן?
זיינען פאַראַן שטימקאַסטנס אַף דער פרייהייט־באַן?
קענען מיינע מענטשן שטימען אַף דער פרייהייט־באַן?
ווען ס'וועט אָנקומען אין מיסיסיפּי, וועט מען קלאָר געבן צו פאַרשטיין
אַז אַף דער פרייהייט־באַן האָט יעדער מענטש אַ רעכט אַרויפצוגיין?

זאָל מיר ווער דערציילן וועגן אָטדער
פרייהייט־באַן!

די בוירמינגהעם וואַקזאַלן זיינען צעטיילט **ש ו ו אַ ר ץ** און **ו ו י י ס**.
די ווייסע גייען אין צענטער, די שוואַרצע אַף דער זייט.
אַפילע אַ סעגרעגירטע ריי איז בא זיי פאַראַן.
איז דאָס דער וועג אַרויפצוגיין אַף דער פרייהייט־באַן?

איך דאַרף דערגיין וועגן דער־אַ
פרייהייט־באַן!

ווען מיינע קינדער פרעגן מיך, טאַטע, פאַרוואָס זיינען פאַראַן
דזשים קראָו וואָקזאַלן פאַר דער פרייהייט־באַן?
וואָס זאָל איך זאָגן מיינע קינדער?... זאָג **ד ו** מיר. סיווויסיי —
פרייהייט איז ניט פרייהייט ווען אַ מענטש איז ניט פריי.

נאָר עפּשער וועלן זיי דאָס קלאָר מאַכן אַף דער
פרייהייט־באַן.

ווען מיין אַלטע באָבע אין אַטלאַנטע, שוואַרץ און דרייאונאַכציק,
וועט זיך שטעלן אין דער ריי צו זען די פרייהייט־באַן,
וועט ניט אַ ווייסער מאַן אַ רעווע טאָן: **העי, דו—צוריק!**
אַ נעגער האָט ניט קיין אייסעק אַף דער פרייהייט־בריק!

אָבער מענטש, איך האָב געמיינט דאָס איז די
פרייהייט־באַן!

איין אייניקלס נאָמען איז געווען דזשימי. געפאַלן אין אַנזיאָ.
אינדערעמעסן — אַף טויט. ניט קיין שפּיל געווען. און דאָ —
די פרייהייט וואָס זיי פירן אַף דער פרייהייט־באַן,
איז דאָס אינדערעמעסן — אָדער איז עס ווידער נאָר אַ שפּיל אַזאַ?

דזשימי וויל וויסן וועגן דער־אַ
פרייהייט־באַן.

וועט זיין פרייהייט־באַן אָנקומען ווי סע באַדאַרף —
צעלויכטן אין דער זון פאַר ווייס און שוואַרץ?

אָן אָפּשטעל אַף סטאַנציעס מיט שוואַרץ און ווייס געפּלאָג,
בלויז זיך אָפּשטעלן אין פּעלד אינמיטן העלן טאָג.
זיך אָפּשטעלן אַף לאַנדשאַפטן אין אָפענער לופט, ווייס און מילד
וואו ס'איז קיינמאָל ניט געווען קיין דזשים קראָו שילד,
קיין קאַבאָלעס פאָנעס-קאָמיטעט פאַר פּאָליטיקער וואָס קומען זיך רימען,
קיין ליליע-ווייסע שטאָט-טאַטעס פאַר וועמען נעגערס קענען ניט שטימען.
און קיין סימען פון קאָליר-שילד וועט דאָ ניט זיין —
וואָרעם די פרייהייט-באַן וועט זיין דיינס און מיינס!

דעמאָלט וועלן די געפאַלענע זעלנער פון זייערע קוואָרים אין אַנזיאָ עפּשער זאָגן:
פאַר דעם-אָ, פאַר דעם זיינען מיר געגאַנגען
זיך שלאָגן!

דער שוואַרצער מענטש און דער ווייסער וועלן זאָגן:

וואָס, עפּשער ניט פיין?
אינדערהיים האָבן מיר אַ באַן
וואָס איז דיינס און מיינס!

דעמאָלט וועל איך שרייען:
רום און קאָוועד צו
דער פרייהייט-באַן!

כ'וועל הילכיק רופן:
בלאָז דיין סירענע
פרייהייט-באַן!

דאַנק גאָט אַלמעכטיקן!
אָט איז זי דאָ די
פרייהייט-באַן.

קומט מיט אונדז אַף אונדזער פרייהייט-באַן!

פּאַבלאָ נערודאַ

ARS POETICA: 1950

„די גרויסע פרייד”

איך שרייב ניט צו זיין פאַרקאַרצערט אין נאָך ביכער
און ניט פאַר קאַיסנדיקע נייע נעזער פון פיינשמעקער-מאַרק,
נאָר פאַר דעם פּאַשעטן איינוואוינער וואָס פאָדערט
וואַסער און לעוואָנע, עלעמענטן פון אַ ניט-בייטנדיקער אָרדענונג,
שולעס, ברויט און וויין, גיטאַרעס און געצייג.
איך שרייב פאַר געוויינלעכע מענטשן, כאָטש זיי קענען עפּשער ניט
לייענען מיינע לידער מיט זייערע דאָרפישע אויגן.
די צייט וועט קומען ווען אַ שורע, די לופט
וואָס האָט מיין לעבן אַ טרייסל געטאָן, וועט זייערע אויערן דערגרייכן,
און דעמאָלט וועט דער פּויער אויפהייבן זיינע אויגן,
שפּאַלטנדיק פעלדזן וועט א שמייכל טאָן דער מאַינער,
דער רעלסנשליסער וועט זיך אַ וויש טאָן דעם שטערן,
דער פישער וועט מער נאָך מערקן דעם בליאַסק
פון אַ פיש וואָס וועט צאַפּלענדיק ברענען זיינע הענט,
דער מאַשיניסט, ריין, ערשט-געוואַשן, שמעקנדיק
מיט פרישן רייעך פון זייף וועט אַריינקוקן אין מיינע לידער,
און, עפּשער, וועלן זיי זאָגן: „ער איז געווען אַ כאַווער”.
דאָס איז מיר גענוג; דאָס איז די קרוין וואָס איך וויל.

געזאַנג צו אַ ציבעלע

ציבעלע,
צעלויכטענע פלאַש,
בלעטל באַ בלעטל
איז דיין שיינקייט געפורעמט,
קרישטאַלענע שאַלעכצער האָבן דיין דיך פאַרגרעסערט
און אין דעם וואונדער פון דער שווארצער ערד
אויפגעשוואָנגערט האָט דיין בויך מיט טוי.
אונטער דער ערד
איז דער נעס געשען.
און ווען דיין האָמעטנער אומדערפאַרענער שפּראָץ
האָט זיך ערשט באַוויזן,
און ווי שווערדן
האָבן דיינע בלעטער זיך אַריינגעשטאָכן אין דער בייט,
האָט די ערד צונויפגענומען איר גאַנצע קראַפט
און שטאַלץ אַרויסגעשטעלט דיין דורכזיכטיקע נאַקעטקייט.
און, ווי דער פרעמדער יאַם אין אַפּראָדיט
אויפהייבנדיק אירע בריסט
האָט צוויי מאָל נאָכגעמאַכט די מאַגנאָליע,
אַזוי האָט די ערד
געמאַכט דיך,
ציבעלע,
דורכגעלויכטענער פּלאַנעט,
באַשערט צו גליען,
אַ שטענדיקער שטערנקנויל,
גלאָבאַלע וואַסער-רויז,
אַפן טיש
פון די אָרעמעלייט.

ברייטהאַרציק
צענעמסטו דיין קנויל פרישקייט
אין דיין פולער פאַרטיקייט
אין זידנדיקן טאָפּ;
און דיין יעדער קרישטאַלענער שניצל
אין דער גאַרנדיקער ווארעמקייט פון אייל
ווערט אַ פעדערדיקער גאָלדענער רינגל.

איך וויל אויך געדענקען דיין איינפּלום
אין דערמעגלעכן די ליבע צו סאַלאַטן,
און אַפילו דעם הימל
וואָס גיט דיר די צאַרטע פאָרמע פון האָגל,
פּראָקלאַמירט דיין געהאַקטע דורכזיכטיקייט
אַף די העמיספערעס פון אַ פּאָמידאָר.
נאָר ווייל דאָס אָרעם פאָלק
קען זיך דיך פאַרגינען,
מיט אַ טראָפּן אייל
און באַשפּרינקלט מיט אַ ביסל זאַלץ,
שטופּסטו אַף דעם הונגער
פון שווערן אַרבעטער אַף זיין האַרעפּאַשנעם וועג.

שטערן פון דער אָרעמשאַפט,
וואונדער-שאַפנדיקע מאַמינקע,
איינגעוויקלט
אין דעליקאַטן פּאַפּיר,
וואַקסטו אַרויס פון דער ערד
אייביק, אויסגערונדיקט, אַן עכטער
הימלשער אַפּצווייג.
און מיטן האַקן
פון דעם האַקמעסער,
אַן פאַרביטערונג
אַן איינזאַמע טרער
קוואַלט־אויף.
אַן צאַר
האָסטו אונדז געמאַכט צו וויינען.
וועגן אַלץ וואָס עקזיסטירט, ציבעלע, האָב איך געזונגען,
נאָר פאַר מיר ביסטו
אַסאַך שענער פון אַ פויגל
מיט בלענדנדיקע פעדערן;
אין מיינע אויגן
הימלשע ספערע, פּלאַטינענער בעכער,
סטאַטישער טאַנץ
פון אַ שניי־באַקרוינטער ווינטבלום.

און אין דיין קרישטאָלענער נאַטור
וואוינט דער אַראָמאַט פון דער ערד.

מ אַ י ק ל ג אָ ל ד

פרילינג אין בראָנקס

די קוילערס

אַ מאַמע פירט איר קינד אין וועגעלע איבערן גאַס.
ער טראָגט די סטאַילישע צוויי פּיסטוילן און קאָובאָי פּוטליאַר,
וואָס שפּילצייג־פאַבריקאַנטן מאַכן עס דאָ האַיאָר אַזוי צאַצקעדיק.
דאָס קינד שיסט און שיסט אַף זיין שטאָלצער מאַמען.
קיינער איז ניט איבעראַשט וואָס אַ קינד שיסט זיין מאַמען.
ער שיסט אַף הינט, אַף פרעמדע מענטשן, אָטאָמאָבילן און אַפן הימל.
אַלע קינדער שיסן איצט אין זייער שפּיל פון קידנעפּן און מערדערייען.
זיי לייענען קאָמישע ביכלעך און לערנען זיך שיסן, סאַדיזם און שיסן.
די זון פון עמעס ווערט זעלטן געזען סיי פון דערוואַקסענע, סיי פון קינד.
מיליאָנען היישעריק־ליגנס פאַרפינצטערן אונדזער הימל:
טעלעוויזיע און צייטונגען, קינאָ און ראַדיאָ און קאָמישע ביכלעך.
די מאַראַוואַנאַ־פּעדלערס לויערן באַ יעדער שול אין בראָנקס
און דרייען מיט די מיילער ווי פּיפּיקע אַדווערטאַיזערס
גערן אָנצושטעקן פאַר אַ דאָלער:
דאָס איז פרייע אונטערנעמונג.
דער מאָרד פון עמעס און אומשולד.
דאָס איז גרוים־קאָמערץ.
מיין האַרץ גייט־אויס, ווען איך זע
ווי דאָס קינד שיסט אַ מאַמען אין קאָרייע.

בראָנקס עקספּרעס

באָטש קיי־גומי אַנאָנסן שפּרייטן אַ סאַך ליכטיקע האָפענונג
און גרויסע, געזונטע בלאָנדינקעס ווייזן טריאומפירנדיקע ציין פון די ציגאַרעט־אַפּישן,
ליידט אַלציינס די מענטשהייט אין די סאָבווייס.
די טאַטעס און מאַמעס פון נויאָרק

ווערן דאָ געשטופּט און געשאָלטן ווי שאָף אין די שלאַכטהויפן,
קראַנק, אָדער געזונט, שטאַרק, אָדער שוואַך, אָדער נאַריש —
אַלע אַלע ווערן אויסגעמישט אין איין טייג פון עקספּלואַטירטן פלייש
פון פיס, הענט, הינטנס און נעשאָמעס,
קנעפּלעך, גומי, רעיאָן און סאָבוויי שפּייעכץ און שמוץ
רעוו און קוויטש פון געמאַטערטע סאָבוויי מעטאַלן
און אומעטיקע סאָבוויי־פּענעמער וואָס גיבן זיך אונטער:
גאָט וויל, מיר זאָלן ליידן אין די סאָבווייס
אונטער די אָפּטימיסטישע שרייענדיקע אַנאָנסן
וואָס פּעדלען מיט צענערליי צוגעפּראַוועטן בראָנפן.
דאָס לעבן איז דערשטיקט און אין צאַר
פאַר אַ שטאָט מיט אַרבעטער וואָס פאָרן
צו זייער טעגלעכער אַרבעט:
טראָקלייט אין אייזנהאַוער־זשאַקעטקעס,
יידישע, איטאַליענישע, פּאָרטאָריקאַנישע נאָדלאַרבעטער
לייענען צייטונגען וואָס פריידיקן אַטאָמבאָמבע־קריג.
נידעריק באַצאָלטע אָפיסלייט אין נעטע בלויע גאַרניטערס פאָרקען זיך
בא ווערטערשפּיל
און קרוכלע, יונגע סטענאָגראַפיסטקעס מיט זיידענע פיס
דרייען זיך אַרום פון דערווירקלעכקייט אין אַ בראַוון העמינגוועי ראָמאַן,
אַ האַפּן־האָרעפּאַשניק דרעמלט טונקל אין זיינע דאָנגאַרים,
עלעקטריקער, לערער, דינסטן און בוכהאַלטערם —
קיינער פון זיי איז אַ שלאַנקער, עלעגאַנטער העמינגוועי העלד.
פאַרכאַפּט אין אַ טונעל פון זייערע ברויט־באַדערפענישן,
לייענען זיי מעשוגאַאַס־צייטונגען וואָס פריידיקן קריג
אין קראַנקן, גרינעם סאָבוויי־ליכט —
דאָס צאַנקענדיק ליכט פון אַ פאַרפעסטעטער סיסטעם —
נאָר בלייב ניט שטיין האַלבוועג מיט דער סאָבווייס כיישעכדיקן אומעט:
דאָס איז די מוטערטראַכט.
זיי זיינען די פּראָדוצירערס.
נויטווענדיקייט איז די מוטער פון געשיכטע.
בלויז דורך נויטווענדיקייט
וועט דער נייער הימל און ערד געבאָרן ווערן,
ניט געמאַכט פון טוריסטן, פּאַראַזיטן אָדער מאָסרים,
נאָר פון פּראָדוצירערס אין פינצטערע סאָבווייס
וואָס פאָרן צו דער נויטיקער שטיקל אַרבעט וואָס זיי האָבן פאַר זיך.

אָדע צו אַ לענדלאָרד

נויאָרק איז מיינס.
נויאָרק איז מיין דאָרף.
יעדע גאַס קען מיין צאַר און פרייד.
מיינע ליבע שלאָפן אין אָטדי בעסיילעמס.
מיינע קינדער ריידן מיט אַ בראָנקס אַקצענט.
לענדלאָרד מיט די ווייסע אויגנוויעס און פעטן נערוועזן מויל,
דו קענסט מיך גאָרניט וואַרפן פון מיין היים.
איך בין געבאָרן איבער אַ טראַקטיר אַף דער בויערי
און צייטונגען פאַרקויפט אַף דער גאַס פון די פאַרשאָלטענע.
איך האָב געאַרבעט אין קאַנטאָרן, אין פאַבריקן און אַף לאַסטוועגענער.
איך האָב געזייט קוקורוזע, אַרבעס און רויזן באַם ראַריטען בעי
און געגראָבן קלעמס פאַר טעגלעכער וועטשערע דאָרט.
כ'האָב אויך געוואוינט באַם קוני-איילענד ביטש
וואו וואָלט וויטמאַן האָט אַמאָל געזונגען האָמערן
פאַר די דערשטוינטע יאַמפייגל פון ברוקלין.
לענדלאָרד פון די פיל קאַפּיטאַליסטישע שרעקן און מאַניעס,
ביסט באַלעבאָס פון די הימלקראַצערס, פאַבריקן און טענעמענטהייזער,
נאָר דו קענסט ניט זיין באַלעבאָס איבער וואָלט וויטמאַן אָדער זיין פאָלק.
ביסט באַלעבאָס איבער באַנקן, נאָר דו קענסט ניט זיין מיין באַלעבאָס.
איך האָב מאַרשירט אין אַ סאַך פּיקעטליינס קעגן דיר,
געהאַלטן רעדעס אין אַלע פינף טיילן פון דער שטאָט,
געשריבן פּיעסן, לידער און אויסגעשרייען פון מיין האַרץ.
אויב איך בין אָרעם, ווייס איך פאַרוואָס איך האָב דאָס אויסדערוויילט:
אָרעמקייט איז מיין מיליטערישער מעדאַל פאַר בראַווקייט:
עס זאָגט, איך בין געווען איבערגעבן צו מיין פאָלק,
צו מיין מאַמען, צו מיין טאַטן, מיינע ברידער און דער אָרעמשאַפט.
איך קען די נעשאָמע פון נויאָרק.
מיין פאָלק איז געקומען אַף לינקאָלנס רוף,
כאָטש אַלע געלטזעק און פּאָליטיקאַנערס זיינען געווען קופּערקעפּ.
מיין פאָלק איז געשטאַנען מיט רוזוועלטן,
כאָטש די פאַרשקלאַפערישע באַלעבאַטים האָבן אים געשאָלטן און געזידלט.
איך בין געווען מיט מיין פאָלק אין דעם הונגער פון נייַנצנדרייסיק.
זיי האָבן דעמאָלט זייער גרוים העלדישקייט באַוויזן.
זיי האָבן זיך אויפגעהויבן ווי געטראַמפּלטער גראָז.
זאָל זיך דיר קיינמאָל ניט דאַכטן אַז דו האָסט זיי אַף זיכער אָפּגענאַרט
אָדער אונטערדריקט.

מיר קריגן אַלעמאָל פאַרשטאַרקונגען.
איצט קומען־אָן די פּאָרטאָריקאַנער צו אונדזער הילף.

נאַזים היקמעט

אַנגינאַ פּעקטאָריס

אויב האַלב פון מיין האַרץ איז דאָ, דאָקטאָר,
איז אָבער די אַנדערע העלפט אין כינע
מיט דער אַרמיי וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום געלן טייך.
און דערצו נאָך יעדן אינדערפרי, דאָקטאָר,
יעדן אינדערפרי באַגינען
ווערט מיין האַרץ דערשאָסן אין גריכנלאַנד.

און כּוץ דעם, ווען די אַרעסטאַנטן שלאָפן איין,
ווען די לעצטע טריט גייען אַוועק פון לאַזאַרעט,
לאָזט זיך ערשט מיין האַרץ אַוועק, דאָקטאָר,
עס לאָזט זיך אַוועק צו אַ קליין הילצערן הייזל אין סטאַמבול.
און נאָך וואָס: צען יאָר צייט, דאָקטאָר,
האָב איך גאָרנישט געהאַט אין מיינע הענט צו געבן מיין פאָלק,
מער גאָרנישט ווי אַן עפּל,
אַ רויטן עפּל — מיין האַרץ.

איך קוק אַף דער נאַכט דורך די גראַטעס,
און כאָטש די אַלע ווענט ליגן שווער אַף מיין ברוסט,
שלאָגט מיין האַרץ מיטן סאַמע ווייטסטן שטערן.
ס'איז פון די אַלע זאַכן, דאָקטאָר,
און ניט פון אַרטעריאָ סקלעראָז,
אָדער ניקאָטין, אָדער סאַם
אַז איך לייד אַף אַנגינאַ פּעקטאָרים.

לאָז ניט וואָלקנס אַנדערע דערמאָרדן

דאָס בין איך וואָס קלאַפּט אין דיין טיר — איך
דאָ אַזוי ווי אַלעמאָל בײַ אַלע דיינע טירן.
אויב דו קענסט מיך ניט זען ווער ניט אומרואיק —
קיינער קען ניט. איך בין אַ קליין מיידעלע וואָס איז טויט.
איך בין דאָ געווען אַ טוצן יאָר צוריק — געדענקסט?
דער טויט האָט מיך געפּאַקט אין הירָאָשימאַ.
איך בין בלויז אַן אייפּעלע — קוים זיבן יאָר אַלט.
אָבער טויטע קינדער וואַקסן דאָך ניט מער.
אַפֿריער האָבן מיינע האָר זיך אָנגעצונדן.
מיינע הענט זיינען אײַנגאַנצן פֿאַרברענט ווי מיינע אויגן.
מיין לייב האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ הויפֿן אַש.
דער ווינט האָט מיך אַרייַנגעבלאָזן אין אַ וואָלקן אין הימל.
ווילן וויל איך גאָרנישט פֿון דיר
פֿאַר מיר אַליין, קיינער קען מיך ניט איינשלעפֿערן מיט אַ ליד.
דאָס אייפּעלע וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן ווי אַ בייגעלע פּאַפּיר
וועט ניט קענען פֿאַרזוכן דיינע צוקערקעס, מיסטער.
איך קלאַפּ אין דיין טיר — הער מיך, הער —
און זאָג־צו געבן מיר נאָר איין מאַטאָנע —
אַז דו וועסט מער ניט מאָרדן קיין קינדער
וואָס קומען בעטן צוקערקעס בײַ דיין טיר.

טויט יינגל אַפֿן סקווער

אַ טויט יינגל ליגט.
אַ ניינצניאָריק יינגל
מיט דער זון דורכן טאָג
לעבן די שטערן באַנאַכט
אַפֿן בעיאַציט סקווער אין סטאַמבול.

אַ טויט יינגל ליגט
אין איין האַנט זיין לערנבוך
אין דער צווייטער זיין טרוים — אונטערגעהאַקט נאָך פֿאַרן אָנהייב —
אין אַפּריל פֿון יאָר ניינצנזעכציק
אַפֿן בעיאַציט סקווער אין סטאַמבול.

אַ טויט יינגל ליגט
דערשאָסן.
די קוילנוואונד בליט אַף זיין שטערן ווי אַ רויטע רויז
אַפֿן בעיאַציט סקווער אין סטאַמבול.

אַ טויט יינגל וועט ליגן
טראָפּנס פֿון זיין בלוט וועלן טריפֿן צו דער ערד
ביז מיין פֿאָלק וועט קומען באַוואָפֿנט זינגענדיק פֿרייהייטלידער
צו פֿאַרנעמען דעם גרויסן סקווער.

עס רעגנט

עס רעגנט
שרעקנדיק
מורמלענדיק
ווי רייד פון פאַררעט.

עס רעגנט
ווי אַ פאַררעטערס נאַקעטע ווייסע פיס
לויפן איבער דער פייכטער טונקעלער ערד.

עס רעגנט.
אין סערעז אַפּן מאַרק
פאַר דער טיר פון אַ קופּערשמידס שאַפּ
הענגט מיין בעדרעדין*) אויף אַ בוים.

עס רעגנט.
ס'איז שפּעט אין אַ שטערנלאָזער נאַכט.
ווערנדיק אויסגעווייקט אין רעגן
וויגט זיך אין רעגנדיקן ווינט דאָס נאַקעטע לייב פון מיין שיק
אויף אַ בלעטערלאָזן צווייג.

עס רעגנט.
דער מאַרק אין סערעז איז שטום.
דער מאַרק אין סערעז איז בלינד.
אין דער לופט איז פאַרשאָלטענער טרויער פון שטום און בלינד.
דער מאַרק פון סערעז האָט מיט זיינע הענט פאַרשטעלט זיין פּנים.

עס רעגנט.

---

*) שיק בעדרעדין — אָנפירער פון פאָלקס-אויפשטאַנד אין 14טן יאָרהונדערט.

ניקאָלאַס גווילען

גוטמאָרגן, פידעל

רייזנדער אין וועג, ביים־איבער עראָפּלאַנען איצט אַ טרוים צו טאָן!
יע, מיין הער . . . יאָ, סעניאָר.
געבאָרן אין קובאַ, ווייט אַוועק, אין שאָטן פון אַ פּאַלמענוואַלד.
יע, אין וועג. איך לאָז זיך אין וועג אריין.
צוקער? יע, סעניאָר.
צוקער אין סאַמע מיטן יאַם.
אינמיטן יאַם? אַ יאַם מיט צוקער, יאָ?
אַ יאַם.
טאַבאַק?
יאָ, סעניאָר.
רויכער דיר אין סאַמע מיטן יאַם.
קענסט טאַנצן אַ רומבאַ?
ניין, סעניאָר.
איך קען ניט.
רעדסט ניט קיין ענגליש?
ניין, סעניאָר.
קיינמאָל ניט געקענט.
רייזנדער אין וועג, ביים־איבער עראָפּלאַנען איצט אַ טרוים צו טאָן!
דערנאָך טרערן. ליידן.
דערנאָך לעבן און זיין סאָף.
דערנאָך בלוט און בארימט.
און דאָ בין איך.
היינט איז שוין מאָרגן.
מיסטער וואוד, מיסטער טעפּט,
אַ גלאַטן שליטוועגס.
מיסטער לינטש, אַ גלאַטן שליטוועגס.
מיסטער קראָודער, אַ גלאַטן שליטוועגס.
מיסטער הערטער, אַ גלאַטן שליטוועגס.
מיסטער נאַכט און מיסטער שאָטן, אַ גלאַטן שליטוועגס אייך!
איר קענט זיך גיין, ווילזלטירן,
איך וויל אייך קיינמאָל מער ניט זען.
ס'איז פריי, האָב איך אַרבעט צו טאָן.
ס'איז שפּעט איצט, באַווייזט זיך דער באַגינען.
דער טייך פליסט צווישן שטיינער.
גוטמאָרגן, פידעל.

גוטמאָרגן פֿאָן ; גוטמאָרגן פּאַנצער.
פּאַלמענבוים, באַגראָבענער פֿייל פֿון בויגן, גוטמאָרגן.
גוטמאָרגן דיר, באָרדיקער מעדאַל־פּראָפֿיל, מעכטיקער און בראָנדזענער,
מיט נעקאָמעדיקן צוקערמעסער אין רעכטער האַנט.
גוטמאָרגן, פֿעסטער פֿעלדז, פֿייערדיקע כוואַליע פֿון די סיעראַ מאַעסטראַ בערג.
גוטמאָרגן מיין האַנט, מיין לעפֿל, מיין זופּ,
גוטמאָרגן מיין שאַפּ, מיין היים און מיין טרוים.
גוטמאָרגן מיין רייז, מיין קאָרן, קוקורוזע, מיינע קליידער און מיינע שיך.
גוטמאָרגן מיין פֿעלד און מיין בוך, מיין זון און מיין בלוט אָן אַ באַלעבאָס.
גוטמאָרגן מיין לאַנד אין זונטיקדיקער גאַרדעראָבע.
גוטמאָרגן מיסטער און מיסעס.
גוטמאָרגן פּויער אין די בערג וואָס דו ווערסט ערשט געבאָרן אין לעבן.
גוטמאָרגן דיר ייִנגל אין גאַס צעלויכטן און צעזונגען מיטן באַגינען.
באַוואָפֿנטער אַרבעטער, גוטמאָרגן.
גוטמאָרגן ביקס.
גוטמאָרגן טראַקטער.
צוקער — גוטמאָרגן.
פּאָעטן — גוטמאָרגן.
פּאַראַדן — גוטמאָרגן.
לאָזונגען — גוטמאָרגן.
גוטמאָרגן שלאַנקע מיידלעך ווי באַשיידענע צוקערקאַניעס.
לידער, באַנערס, גוטמאָרגן.
גוטמאָרגן, אָ, לאַנד פֿון מיינע אָדערן.
קאָרן פֿעסט אין מיינע פֿויסטן, גלאָק
פֿון זיג . . .
דאָס לאַנד שמעקט מיט אָקערשטיקן
רעגן. אַ נעגערקאָפּ און אַ בלאָנדער קאָפּ
גייען דעמזעלבן וועג צוזאַמען,
באַקרוינט מיט איין ברודערלעכן לאָרבערקראַנץ.
די לופֿט איז גרין. אַ שפּאַטפֿויגל זינגט
אַפֿן העכסטן באַרג פֿון סיעראַ מאַעסטראַ.
גוטמאָרגן, פֿידעל.

ו ו אַ ל ט ע ר ל אָ ו ע נ פ ע ל ז

אַ ליד צו פאַרשלעפּערן אַן אָרעם קינד

(לויטן שפּאַנישן פון וויקטאָריאַנאַ קרעמער)

(און אַ מאַמע פאַרוויגט זינגענדיק
אַ הונגעריק קינד . . .)

מלאָכים זײַנען אַפּדערוואַך אינדערלופטן
מיט שווערדן . . .
דער שאָטן פון אַן אָקס
ברומט הינטער ביימער.

מאַמע, איך האָב מיירע
פאַר דער לופט.

קוק אויף די שטערן.
זיי געהערן ניט צו קיינעם —
אַפילו ניט צום גאָלד,
אַפילו ניט צום מעיאָר.

מאַמע, איך וויל אַ שטערן
וואָס רעדט.

די קליינע „לאַפּקעס" פון דעם „גרויסן בער"
פּרובירן נאָכגיין
די ווײַסע פוסטריט וואָס די לעוואָנע שפּרייט.

מאַמע, איך וויל אַ בער
וואָס טאַנצט, אַ פעסל
פול מיט מעל,
אַ וואָלענע קאָלדרע
פאַרן טייכל.

פֿאַראַן פֿינף קליינע שטערן
וואָס טיקטאַקן די צייט אָן אַן אָפּשטעל.

מאַמע, מיר איז קאַלט,
איך ציטער אַזש.

דער פֿראָסט גייט־אויף
ווי פֿרישער ברויט.
דאָס פֿרימאָרגנליכט באַקט־צו
דעם שניי, ווי צוויבאַק,
און די לופֿט איז קרוכלע
ווי בעיקאָן.

מאַמע, איך קען דיך ניט הערן,
איך בין הונגעריק.

אַ, שלאָף, שלאָף מיין גאָלד . . .
עס קומט, עס קומט אַ ווינט אַהער
וואָס גיט אַכטונג אָף קינדער
וואָס זיינען הונגעריק.

אָלגע קאַבראַל

אין דזשאָרדזשיע־מיסיסיפּי

פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין דזשאָרדזשיע.
פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין מיסיסיפּי.

באַם ליכט פון ברענענדיקע ציילעמס
אַ טורעמדיקער שוואַרצער שאָטן
וויגט זיך אין אוראַגאַנישע ווינטן —
שטרעקט זיך איבערן לאַנד:
דער דערטרונקענער עמעט טיל.
דער קערפּער פון ווילי מעקגי.
שטויבשטורעם דרייט זיך, שטיקט —
שוועבלרויך פון הענקערישע הוליאַנקעס.
נאַכטרייטערס רעוועניש צערודערט אַזש
דעם מאַרך באַ די וועלף,
דונער פון פאַרזשאַווערטע אַלטע קאַנאָנען
ווערזעט שוועבלשטיקער פון דעם קייווער —
גרייט פאַר אַטאָמישע שפּיצן,
צעבלאָזענער שטויב פון געוועזענע אַרמייען.
און די מאָדנע פאָן וואָס פלאַטערט?

פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין דזשאָרדזשיע.
פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין מיסיסיפּי.

גראָב־שפּייענדיקע ווייבער קומען אין קלויסטער
קוויטשען זידלערייען
פאַר די אויגן פון אַ שוואַרצער מאַדאָנע.
קינדער ווי גרויסאויגיקע קראָליקעס
דריקן פעסט זייער אַלעפּביים,
שפּרינגען דורך וואָיענדיקע שירענגעס
שיידים צונויפגעפּליאַסקעט פון בלוט און פלייש

מיט מוטערלעכע בריסט אַף זיך,
און זיי טרעטן אַריין אין די בלעטער פון היסטאָריע
דורכן שולהויף-טויער.
בראַווע באַטאַליאָנען באַוואָפנט
מיט סאָדעפּלעשער און שאַרבנמעסערס
באַפאַלן די געבויגענע קעפּ
פון די וואָס שטייען אַף די קני און טוען טפילע
פאַר דער פאָן פון דעם לאַנד.

פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין דזשאָרדזשיע.
פאָנען אַף האַלבמאַסט אין טרויער אין מיסיסיפּי.

יאָר פון טעלסטאַר — און פון אַלטער שאַנדפאָן —
פאָן פון אַפריקעס שקלאַפנלאַגערן
פאַרוואַנדלט אין צעקרימטע ציילעמס
וואָס פלאַטערן אַף איידל-געפּאַטשקעטע ווערענדעס :
גובערנאַטאָר אַף אַפּאָקאַליפּטישן פערד,
גענעראַל אין נאַפּאָלעאָנישן פאַפירענעם הוט,
רייטנדיק דורכן גליטשיקן שטורעם,
פירן פאָרויס צו פּיקסקיל און אוישוויץ.
נאָר די אַרמייען איינזיצערס און קירך-אַסיפעס
מיט זייערע העלדן פון איינזאַמען געראַנגל
באַ לויטער ווייסע שטימקאַסטנס
און לויטער ווייסע דיפּלאָמע-זאַלן
קומען-אָן מיט זייערע קינדער-לעגיאָנען
און מיט לידער פון פרייהייט-פאָרערס
און נייע שלאַכטבאַנערס.

פּאָרטאָריקאַנער

אייער שפּראַך שראָטלט
קלאַנגענשאָט פון זון
אין ליכטלאָזע טונעלן פון לאַנגע סאָבוויי־טפּיסעם.
אייערע קינדערס אויגן — פלוימען
געקליבן אין פורפורנע סעדער,
מיט דער בליאונג נאָך אױף זיי.
און אייערע פעדערן — טראָפּישע.
גיין, גייט איר פלינקע, קליינע סטאַיעס,
אייערע שמאָלע ביינער אויסגעפוצט
אין אַזוינע דינע רעגנבויגנס.
דורכן טאָג ווערן אייערע שאָען געקוועטשט
אין דעם ווייִנפרעס פון שוויצפאַבריקן,
באַנאַכט קומט איר צוריק
אין די פאַררוקטע לעכער פון צייט־צעפלאַצטע טענעמענטס,
אין קעמערלעך איבער די קלעפּיקע פאַרענטשעס,
צו זויערע סערענאַדעס פון שטיגן וואָס סקריפּען
דורך קאַלענדאַרן פון אָנסאָפיקער אָרעמקייט,
צו דער צעשפּאָלטענער וואַנע אין קאָרידאָר — וואָס איז ניט אייערס,
צום וואַסערקראַן פון אַ שלאַק טריקעניש היינטפרי געטראָפן.
נאָר קוים דערהיים, ווערט נעט די זון דאָ צוגעקערט,
דער לאָמפּ אַרומגעווישט און אָפּגעשייערט, און אַ גיטאַרע
אױף דער וואַנט שפּילט זיך צו פאַר זיך אַ שטילן הימען,
און באַלד הילכט אַ געלעכטער און וואַשט־אָפּ שיין און ריין דעם גאַנצן טאָג.

פּיעסטאַס קומען זייער אָפט צו אייך,
ווייל איר באַשטייט אױף בליען,
ווי אַ פרעמדע פלאַנץ, פאַרוואָגלט,
עקספּלאָדירט איר פאַרלאָרענע זונען פון אַן אָפּגעקראָכענעם פענצטער.
און אַזוי אַ אין די זונטיקס
קומען אייערע קליינע מיידעלעך אַרויס
ווי נייגעבאָרענע שמעטערלינגען,
אַלע אין העלע טראָפּישע קאָלירן אָדער ווי באַשיידענע צאַפּליעס ;
און אייערע קליינע פרוכפּערדיקע פרויען
שעמעוודיק, אין זאַפרען און אין צימערינג,
און אייערע רירעוודיקע מענער אין מושקאַט,

וויאָלעט ווי יאַמפּעכערס און גראַציעז ווי זיי, אַקוראַטנע,
אויסגעפּרעסט, כאָטש דאָס פּרייז-קוויטל איז נאָך דאָ
אַפֿן לאַפּעל, אונטער דער לאָמבאַרד-גאַרדיניע,
און אַ פֿאָדעם איז פֿון דעם נאָך ניט באַצאָלט.

ווער האָט געגאַנוועט אייער הימל?
ווער האָט צוגעשלעפּט די ערד פֿון אונטער אייערע ברוינע ביימער-פֿיס?
ווער האָט אייך פֿאַרטריבן פֿון פּאַפּוגאַי-גרינע בערג
אין די קאַלטע שטעט פֿון דעם קאַלטן צאָפֿן
מיט זייערע סלאָמס, וואָס וואַרטן
מיט זייערע שוויצפֿאַבריקן, וואַרטן
מיט זייערע טפּיסעס?
ווער האָט אייך אַוועקגעבייטשט מיט בייטשן פֿון צוקערשטעקנס
צו וואוינען אַף האַרצוויטיק-גאַס,
דער לעצטער אַדרעס פֿון פֿריערדיקע אימיגראַנטן?
וואָרעם איצט זייט **איר** דאָס, איצט איז עס **אייער** גייִרל:
ספּיקס! —
יע — דערזעלבער אַלטער בייטשנקנאַל,
דיזעלבע אַלטע האַרצווייטיק-גאַס.
נאָר אין די קאַלטע נעכט, ציטערנדיק
צווישן די זויערע שטיינערנע ווענט
טרוימט איר וועגן אַ ווייסער ציג צוגעבונדן צום באַגינען,
פֿון דער זון ווי אַ רויטער האָן
וואָס קרייעט פֿון דאָרף צו דאָרף,
פֿון דעם ציגנמילך פֿון דער ווייסער ציג צעשטעלט אין פֿולע קאַלאַבאַשעס —
נאָר איר כאַפּט זיך אויף אין אַ פֿרעמד לאַנד, וויינענדיק,
ווייל דאָס איז אַלץ געווען אַ כאַלעם,
די ווייסע ציג איז שוין לאַנג, לאַנג ניטאָ
און די שטעטלעך צעפּוילטע כאַלופּעס אַף די זייטן פֿון די גרינע בערג
קאָרטשען זיך אין זייערע טויטנפֿאַסטקעס איבער די ביטער-שמייכלענדיקע
אַלעאַנדערס;
די פֿענצטער זיינען דורכגעשאָסענע אויגנלעכער,
די דעכער שוין לאַנג צעפֿרעסן פֿון ראַצן,
און די טרערן פֿון די פֿרויען זיינען טרוקן ווי די ליידיקע טעפּ.
אַי! ניטאָ נאָך וואָס צוריקצופֿאָרן!
כאָטש דאָס האַרץ איז דאָרט, מוז די היים זיין —
דאָ.

איז אָט, טייערע קאָמפּאַנעראָס, זייט איר דאָ:
זיך דורכצושלאָגן צווישן אונדז, פאַרוואָרצלען זיך, און טרוימען.
סאַלוד צום בראַוון האַרץ וואָס איר ברענגט אונדז —
וואָס פאַרגעסט ניט קיינמאָל קויפן בלומען
מיט פרייטיקס אַרומגעשאָרענע סכירעס;
סאַלוד צו אייער זון-אינדזלס מאַטאָנע,
די אויסגעוואָרצלטע אייצרעס פון אייער לאַנד — **איר**, ליידנדיקע,
פריילעכע, געשיקטע, דעמערדיקע,
מוזיקאַלישע — **איר אַליין**.

סאַן־פֿראַנציסקאָ

פֿרימאָרגן קומט־אָן נייגעריק, באַשמעקנדיק די
אַש־קאַנען.
פון האַיד סטריט אַ קליין הינטל
האָפּסלט
אַרום זיין רינשטאָק־אוניווערז
נאָז צו נאָז מיטן טומאַן,
פֿאַרשווינדט
און שפּרינגט אַריין אין הינטערגעסל פֿון זיינע טרוימען.
פֿרימאָרגן קומט לאַנגזאַם אָן אין האַפן:
דאָס בעקען פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע שיפן, טומאַנטרובעס
בלאָזן, שלעפּשיפן מעקען, מעוועס
יאָמערן, ריטשען, שרייען — טייוולאָנישע
קוילעס פֿון אַלקאַטראַז.
יאַמגראָז — לאַנגע קאַלטע שליימיקע וואַסערשלאַנגען
דרייען זיך און שטרעקן זיך אין שטייגנדיקן אָנפֿלוס פֿון אויליקע כוואַליעס,
כאַפּן־אַרום און לאָזן־אָפּ די שוואַרצע נאַסע קופּעס מאָכיקע באַלקנס.
דער טומאַן — אַ שיף וואָס שלייכט פּאַוואָליע זיך אַריין אין האַפן,
דער טומאַן זעגלט זיך אַריין — אַ שיף,
אַ שווייגנדיקע שיף אָן מאַטאָרן, אָן לאָמפּן, אָן מאַנשאַפט, אָן פּאַסאַזשירן,
אַ גרויע שיף העכער פֿון אַ שטאָט
הענגט איבערן בעי.
הייב־אויף דיינע אָרעמס, אָ, גאָלדנגעיט,
און לאָז אַריין די העכסטע שיף פֿון אַלע.
סאַלוטירט, איר האַפן־סירענעס!
אַ שיף איז אַריין אין פּאָרט.
האַפן־האָרעפּאַשניקעס, ברענגט אַהער
די קרוקעס און זייט גרייט אַ נעם טאָן
מאָסע.
ס׳איז פֿרימאָרגן. אָרבעטסטאָג.
פֿרישע פּראַכט איז דאָ.

עמבאַרקאַדעראָ: איך סאַלוטיר דיינע גייסטער.
ווייז מיר ווי ס'איז געשען:
די קרימינאַלניקעס, די כאַפּערס, צעבלוטיקטע מאַטראָסן
וואָס קיינער האָט לעבעדיק מער שוין ניט געזען;
דער באַרבאַרי קאָוסט, די טליעס, די שלעגערס,
די שלאַכטפּראָנטן פֿון דיין צעבלוטיקטן
וואַסערפראָנט;
די צעקיילטע, די צעביילטע, געשטראַנדעטע, געבראָכענע,
די שיקערע, פֿאַרשאַלטענע, דערטרונקענע,
די סקעבס, די שטעכלדראָט-פּירס,
די מאַרשירנדיקע גרויע, אויסגעטראָטענע, פֿאַרבלוטיקטע ברוקשטיינער;
ווייז מיר אַ „שעיפּאָפּ" אין געהענעם
פֿון אונטערלעקערס שפּיקעס און סקעבס.
וואַבלי-שטאָט.
יוניאָן-שטאָט.
יאַמפּאָרט-שטאָט.

אין אַלע פּאַרקן די אַלטע אַנאַרכיסטן
זיצן שוין אַף פּענסיע, זיצן איצט שטיל,
הענט — אָפּגענוצטע געשיכטע, אויסגעשפּרייט
אַף אויסגעריבענע קני —
הערן זיך צו צו פֿאַרלאָרענע פּאַראַדן:
פּריסקאָ איז אַ יוניאָן-שטאָט,
אַ יוניאָן-שטאָט,
אַ יוניאָן-שטאָט.
פּריסקאָ איז אַ יוניאָן-שטאָט.
איז שלאָגט די באָסעס אָפּ!
און אין אַלע פּאַרקן די אַלטע מאַטראָסן
וואָס לאָזן זיך איבערן ים ניט מער,
פֿון העקדעש-האָטעלן אַרויס,
רויכערן זייערע טרומיען, און ציען זיך
ווי איינגעשטילטע שיפֿן
צו אַן אומזעבאַרן האַפֿן —
זיצן שוין אַף פּענסיע, זיצן איצט שטיל.
אין אַלע פּאַרקן די טויבן הייבן זיך אויף
צו קראַכן מיט זייערע ברוסטן קעגן שמעטערנדיקן ליכט
אין אַ פֿאַרפּלייץ פֿון פֿעדערן, בלומען, בלויקייט
און ווייס, ווייס, ווייס.
דער טאָג שיילט זיך אַרויס פֿון זיינע שלייערן — ווייס!
אָ, וואָס פֿאַרא בלויקייט אין דעם בעי,

וואס פארא וואסערפאלן הייזער קייקלען זיך אראפ,
באַרגאראפ אראפפעלדז א מאסע ווייס —
ווייספענצטערדיקע פעלדזן ניאגארן אראפ צום בלויען בעי.
און אומעטום זיינען ברוסטיקע בערג,
און אומעטום זיינען בערג כוואליעס,
און שיפן זיינען מענטשן, הייזער זיינען זעגלען
און פעלדזן און יאמהינט און דאלפינפיש שפילן
ארום דער שטאטס אונטערדעק.
איז די ערד דא פאראנקערט?
זיינען די ווילדע פעלדזן צוגעשמידט?
כ'האב מיירע אטדי גאנצע פערציק־דעקיקע לוקסוס־שיף,
אטדי זונדעק־שטאט מיט פאסאזשירן,
פאבריק־קוימענס, שפייזמערק, מיט דער בערזע
קען נאך לויז ווערן, זיך אפרייסן פון אירע אנקערס
אין א שטורעמדיקן טאג און זיך אוועקלאזן מיטן יאם —
ווייל די שטאט נאר זי שטופט, נאר זי שלעפט די קאנאטן און קייטן,
די ערד איז אומרואיק און מען קען עס ניט געטרויען.

די ערד איז אומרואיק אונטער די וואקלדיקע, ביינערדיקע,
בלאטערדיקע ברוכווארגהויפן, בעסאלמענס, אלטמאדישע
שטיבער, אלטמאדישע קארניזן, אלטמאדישע קווארעקאסטנס,
האפקעדיקע רייען פייערפאסטקעס — ווי אויסגעהאקטע ציין
פון כאלופע־סלאמס
מיט וואקלדיקע שטיגן וואס בלויז א מויז קען קלעטערן,
מיט געזונקענע באלקאנען וואו בלויז א קאץ
וואגט זיצן אף דער זון.
אט איז א הארלעם אונטער א בלויען הימל
געבויט פון פארשמאלצענע איבערגעניצעוועטע ברעטלעך
פון שיקאגער שלאכטהייזער־סלאמס
און אנגסטיקע הייכע שוויצקאסטנס פון קעפיטאל היל
הינטערגאסן, וואס זעען דא אוים פרעמד אין דער ריינער מאירעוודיקער ליכט,
מיד און מאט, איינער אפן צווייטנס פלייצעס,
לאמע שפארן זיך אן אף לאמע —
ווי א פאראד פון בעטלערס,
און פענעמער פלאטערן בא פארגעסענע בוידעמפענצטער,
און צעוואונדיקטע וואזאנעס פון צעפוילטע פענצטער־קעסטלעך
שפריצן מיט רויטער האפענונג און שרייען: „איך בלוטיק!
איך לעב! איך לעב! איך בלוטיק! איך לעב! איך בלי!"
הייך זיינען די קלויסטערשפיצן.

האַלעלויעס פליען ווי מאַגייפעס פון זייערע גלאָקנטורעמס.
אַף יעדן דאַכשפּיץ זיצט אַ פליגלדיקע טפילע אין פעדערן.
נאָר אַלע פייגל לויזגעלאָזט פון דעם בוזעם
פון גוטן סעינט פרענסים
קענען ניט אויסהיילן די שטאָט פון אירע בעטלערישע מאַקעס,
אירע שיקורים, פימפס און נאַפקעס.
יאַמפאָרט-שטאָט.
מאַטראָסן-שטאָט.
צעלאָזענע שטאָט.

אַ צוזאַמענפאָר איז דאָ —
וואוילטעטיקע ברודערשאַפט בורילעס
פאַראַדירן אין צערעמאָניאַלע בעטליילעכער, ווייסע
קלענישע קישנציכלעך
מיט מעסערשניט-אויגנלעכער איבערן קאָפ:
נאָבעלע ריטערס פון הימלדיקן קונקל-מונקל
וואָס פאַלן אַריין אין וועלכן בעט עס לאָזט זיך.
פאַר דעם צוזאַמענפאָר קומען־אָן דעמזעלבן טאָג
צירקוועגענער מיט זיבן טויזנט „נאַכטפייגעלעך",
אין די באַריקאַדן — פון נאָרט ביטש
ביזן סיטי האָל — שטייט מען און מען וואַרט אין רייען,
און מען וואַרט אין די הינטערגעסלעך.
די שטאָט איז לוסטיק.
קיינער איז ניט פליכעוואַטע, קיינער איז
ניט פוזאַטע, באַשפּאַקולנט, קיינער איז
קיינערניט — יעדער איינער איז אַ קנאַקער,
אַ הויפּט־שישקע פון גוטברודערשאַפט
געקרוינט באַ דעם גראַנדוויזיר פון בעטגעוואַנט.
דזשאַן פאָסטער דאַלעס קומט־אָן מיט פרעזידענטישן עראָפלאַן
אין אַ דיפּפריז.
זיי איילן אים אַוועק צום קאָו פעלעס שוין עטוואָס אָפּגעטאַיעט,
ער לייגט אַוועק אַ בלוויפנדיקע דראָשע
וואָס ער דערלאַנגט מיט פראָסטצעביסענע באַקן,
די בורילעס פרעגלען זיך, די דעלעגאַטן
דרייען זיך אין אַ ווירוואַר,
דער פאָרזיצער זעצט מיט זיין האַמער:
ברידער בורילעס!
אַפן טאָגאָרדענונג — קומט:
אַ גוירלישאָו —
סטריפּטיז!

בורילעם — ריטערס, גראַנדוויזירן —
שמענדריקעס, יאַקלס — אַלע פּירן —
פּאַראַדן — מאַסקאַראַדן —
פליאַסקעדריגעס, מאַרמעדיוקן, יאַלדן,
קאַלערליי באַרימערס, בראַזגנדיקע באַלבערס —
די גאַנצע כעוורע ז'דאַ
מיט זייערע טרובעס
בראַנקס טשירס,
פייקלמיידלעך
און אייזלאויערן!
נאָר קיינער קוקט ניט,
קיינעם אַרט ניט,
די פלוידערזעק-באַסונעס זיינען שוין אַוועק,
די זויערע רויזן שוין פאַרקערט אין רינשטאָק —
אַ נייער פּאַראַד קומט אָן:
צוויי קוואורעקאַסטנס אַף טראָקס.
הינטער זיי גייען-נאָך
מענטשן אין טרויער, שוואַרצע אַרעמבענדער.
שטילקייט. קרעפּ. פאַרשטיקטע פייקלעך.
קינדער; בלומען.
פרויען. קראַנצן.
באַנערס. מענער.
שטילער ריר.
לאַנגזאַמער טאַקט.
שווייגנדיקע מאַרשירער — שווייגנדיקער מאַרש
צוויי מייל די לענג.
פעסטער טראַט
פון אַרבעטשיך, פאַשעטע
פּראַצעסיע פון שווייגנדיקע,
אומעטיקע, שווערע אַרבעט-שיך.

גיס, גיס, אומאויפהערלעכער טייך,
באַגראָבט אייערע טויטע
שווייגנדיק, שווייגנדיקע אַרבעטמענטשן!
יעדן יאָר געדענקט
בלוטיקן דאַנערשטיק,
יעדן יאָר אין דעם טאָג
פּאַראַדירן די העימאַרקעט-ברידער מיט צעבראָכענע נאַקנס

דורך מאַרקעט סטריט הינטער דער יוניאָנס טויטע.
פריסקאָ איז אַ יוניאָן־שטאָט,
אַ יוניאָן־שטאָט,
אַ יוניאָן־שטאָט,
פריסקאָ איז אַ יוניאָן־שטאָט,
איז שלאָגט די באָסעם אָפּ !

פאַרטיק מיטן טאָג אַרבעט.
פראַכט אָנגעלאָדן און פאַרפאַקט.
אַף די פירס אַלץ אַף אָן אָרט.
אַלע שיפן אין פאָרט.
אין טשאַינעטאַן צינדן זיך אָן די פאַפירענע לאַמטערנס ;
געפאַרבט אין געל, רויט און בלוי ;
אַ קוואַרטאַל שוויצפאַבריקן ווערט אַ גאַניידן גליקן.
די לאָמפן אין פענצטער בליצן־אויף
אַרויף און אַראָפ
איבערן אוניוועַרז,
די ליכטער
אייבן,
אונטן,
די ליכטער שווימען,
די לייטערס
ליכטמאַסע, בריקן
פון שטערן שפיגלען זיך אין טויכנדיקן
גאָרנישט. פענצטער.
אַלע די באַוואוינטע פענצטער
דאָרט אייבן.
דריק דאָס קנעפל.
די קאָסמישע דינאַמאָ
זשומט.
שפריי די בערג מיט שטערנשטויב — יעדער שטויבעלע
אַ זון
וואָס ברענט ביזן ענד, אַ ברענענדיקע
זעל.
איך בין פאַרשיקערט צווישן שטערנשטעט,
איך פאַל און פאַל אָן שרעק
פון די שאַרפע, נאַסע, ווינטיקע פעלדזן

ווי אַ קאַלטע ווייסע מעווע.
ניטאָ קיין גרונט.
ניטאָ קיין סאָף.
אָן אַן אָפּשטעל.
נאָך וועלטן
פּ
אַ
ל
ן
ליכטער —
אַ ל ק אַ ט ר אַ ז !
דאָס ביסטו !
באַפֿאַל מיך מיט דיין פּלייצליכט !
זוך מיך מיט נאָכשפּיר-קוילן !
באַזואַך די וואַכטורעמס !
עלעקטריזיר די שטעכלדראָט-צאַמען.
צילעווע די מאַשינביקסן !
דעפּעש ! דרינגענד — צום פּענטאַגאָן !
ניטדערקענטער מאָדנער עפּעס גענען איבער אַלקאַטראַז.

אָ, ניין, אַלקאַטראַז.
נעם אַוועק דיינע ראַדאַר-נעצן, דיינע וועלף-באַנדעס,
דיינע העליש-הינטישע סירענעס, היסטערישע טיקערטעיפּס —
ס'איז בלויז מיין נעשאָמע וואָס כאַפּט זיך דאָ דורך,
אַן אומשעדלעכע מעווע.
ביסט געזיכערט, פעסטונג.
איך קען דיך ניט צעטרייסלען
אָדער שמעטערן דיינע מיטלאַלטערלעכע פעלדזן.
מענטשנפּאַסקטע
צווישן הולטאַיסקע יאַכטעס,
טייוולס אינדזל
צווישן עקסקורסיע שיפן.
ס'איז בעסער ווען דער טומאַן איז דאָ,
ווען דער טומאַן דעקט דיך צו מיט אַ קאַלטן גרויען ליילעך
ווי אַ באַרמענען אין מייסימשטוב —
ס'איז בעסער ווען דו ביסט אויסגעמעקט
פון די טוריסטן-טעלעסקאָפּן.

נאָר אין טומאַניקע נעכט פאַרפאָלגט מיך אָן אויפהער
אין וועלדער שלאָף דיין טומאַן־טרובע,
וואָיעט דורך קאָשמאַרזומפּן, טרוימשטעט.
פּעסטונג, וועמען שפּירסטו־נאָך?
וואָס זוכסטו?
איך מיין דיין טומאַנטרובע זאָגט: קריג. קריג. קריג.
די טויטע אין דעם פּרעזידיאָ
האָבן זייער אייגענע ווייסע שטאָט
פון ציילעמער, אָבער אָן לאָמפּן.
דיין טומאַנטרובע קלאָגט
די גאַנצע נאַכט. די שטאָט
שלאָפט.

הייב־אויף דיינע אָרעמס, אָ גאָלדנגעיט,
און לאָז די העכסטע שיף פון אַלע אַריין צו דיר אין פּאָרט.

איך בין געגאַנגען זען וואָלט וויטמאַן

מיין שטאָט האָט געצן פון זשאַווער און בלעך,
מיין שטאָט האָט געטער פון כוצפּעדיקן נעאָן,
מיין שטאָט האָט גענעראַלן באַקליידט אין בראָנדזנגרין
אַף אירע מידבאָרגרויע סקווערן,
נאָר אין מיין שטאָט שטייט ניט קיין סטאַטוע פון
וואָלט וויטמאַן.
איך האָב אַלעמען געפרעגט:
וואו וואוינט זיין מאָנומענט?
איך האָב געפאָרשט אין יעדן פּאָנעם:
וואו קען איך אים ברענגען אַ בלום?
נאָר אַלע שטראָמענדיקע מאַסן האָבן בלויז פאַרבייגעאיילט,
און קיינער ווייס ניט.
מערניט איינער אַ מענטש זאָגט: ערגעץ
האָב איך געהערט אַז ער שטייט
אַפן אָפּענעם שליאַך. ערגעץ
גאָר, גאָר ווייט —
אָבער דאָ געפינען וועסט אים ניט.
און אַזוי איז געווען. איך האָב אומזיסט געזוכט אין יעדן פּאַרק און סקווער.
און מיט פאַרדראָס האָב איך געטראַכט:
וואָלט, מענטש פון שטורעמס, פאַרוואָס האָבן זיי דיך ניט אויפגעשטעלט
אין פּאָרט

צו גריסן די שיפן פון דער וועלט?
פאַרוואָס זאָלסטו און דיין טייערע ליבערטאַד צוזאַמען
ניט אַרויסקוקן איבערן יאַם?
אָדער כאָטש אַף עפּעס אַ סקווער, געשטופּט און געשטויסן פון ניטפאַרגינערישע
וואָלקנקראַצערם.

וואָלסטו זיך ניט געפילט דאָ ווי אַ פרעמדער
אין דער שטאָט פון דיין געבורט
ווען נאָר פייגעלעך זאָלן קומען צו דיר צוגאַסט
און זיך באַהאַלטן פון דעם רעגן אונטער דיין עפּישער באָרד,
און קיינער כוץ טויבן זאָלן קומען
צושאָקלען מיט זייערע באַוועגלעכע קעפּ צו דיינע ווייזע שריפטן?
קענסט טראַכטן אַ וויקעלע פון קיי־גומי איז מאָדנער קאָוועד
וואָס אַ נאַכלעסיקער פאַרבייגייער האָט אַ וואָרף געטאָן — איינער וואָס
האָט אַפילע דיך באַם נאָמען ניט געקענט.
יאָ, דו וואָלסט זיך עפּשער פילן איינזאַם.

אומבדאַנקבאַרע שטאָט. אַ דיכטער איז אַמאָל געגאַנגען איבער דיינע גאַסן,
געזען שיינקייט אין דיינע שטיינער און קאַנאַוועס, זיי באַלויכטן,

גענאָטעמט זיין גלייבן איבער דיינע פּערים, ברוכוואָרגהויפּן און
מענטשנברוכוואָרג,
איבער דיינע פּילשפּראַכיקע מאַסן וואָס זיינען אים אַזוי געזאַנגפֿול.
דיינע טייכן: ער האָט זיי געטראָגן שטאָלץ אין זיינע הענט.
דער רויך פֿון דיינע פֿאַבריקן: אַ ווינט פֿאַר זיין פֿליענדיקער באָרד.
ביין פֿון דיין געביין. דיין זון, דיין דיכטער
פֿון וועמען דו זאָגסט זיך אָפּ,
מאַנהעטן.

דאָך, האָב איך געמאַכט אַ רייזע צו אַ גרינעם סקווער
אין אַ ווייסער שטאָט מיט ליכטער וואָס באַליידיקן ניט —
און דאָרט, אין אַ טאָליקן פּאַרק
מיט אַ לאַנגער עוועניו מיטן נאָמען ו ו י ט מ אַ ן
(וואָס די שטאָט איז שטאָלץ צו טראָגן)
סאָפּקאָלסאָף געפֿין איך דיך, ו ו אָ ל ט ,
אונטערן אָפֿענעם הימל,
אַ גיגאַנט אין אַן אַלטמאָדישן קוועיקער הוט.
און דאָס פֿאָלק איז דאָרט אין זיינע פּילקאָלירטע זומערקליידער —
לויכטנדיקע מאַסן, גלייך ווי זיי שטראָמען אייביק דורך דיינע לידער;
דאָס גראָז באַ דיינע פֿיס וואַקסט גרין דורך די סעזאָנען
און דאָס פֿאָלק קומט מיט בלומען אין זייערע הענט
און מורמלענדיק זאָגן זיי אַריין אין זיך די ווערטער
פֿון דיין פּעדעסטאַל;
און די שולקינדער זיינען דאָ, ווי גירליאַנדעס,
מיט פֿענעמער פֿרישער פֿון גירליאַנדעס.
און די לעקטאָרן פֿרעפּלען זיך געלערזאַם
און דו שמייכלסט אונטער דער באָרד: סאָפּקאָלסאָף דערהיים.
און דאָס פֿאָלק זיצט אַף דער זון און איך צווישן זיי
שאָקל־צו און שמייכל־צו, דורכגענומען פֿון דער גאַנצער ליבשאַפֿט
וואָס שטראָמט שטענדיק פֿון דיין טויט, מעכטיק האַרץ,
און דיינע בלויע אויגן קוקן אַרוים איבער יאָרהונדערטן.
איך זע דאָס אַלץ, איך בין געווען דאָרט
(ווי אַ ניטגעבעטענער גאַסט, ווי אַ שאָטן וואָס קען ניט אָנרירן)
אין דער שטאָט וואָס דאַרף ערשט קומען, אין גרייטנדיקן מאַנהעטן
וואו דיכטער שטייען העכער פֿון גענעראַלן
און לידער האָבן מער ווערט פֿון זייערע אוגערקעס.
עפּשער אין איינזאַמער איינציקער דאָרט, אַ פֿאַרכאָלעמטער, און אַנדערזייט
פֿון אַלע איבעריקע, פֿאַרטיפֿט אין טראַכטנדיקע זומערייען
וועט פֿרואוון זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ טאָם
דאָס לעבן וואָלט געהאַט
אין היינטיקע צייטן.

די קינדער

(צו די פיר טויזנט קינדער פון דעם „קינדערטראַנספּאָרטע"
פון דראַנסי קיין אושוויץ, 1942)

'ענעם פרימאָרגן
האָבן שוין ניט געזאָלט זיין מער קיין פרימאָרגנס:
באַגינען איז געקומען מיטן אויסזען פון אַ בלייכער בלאַטע,
און די קינדער זיינען אַוועק צו אַ פּיקניק.
די קינדער! — קליינע פּאַסאַזשירן
וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן פעסט איינס אָן אַנדערן — מאַכנעס
שיפּברוך־קינדהייט — שוין מער ניט קיין קינדער,
וואָס קענען לאַכן אָדער שפּרינגען.

וואו זיינען די מאַרגאַריטקע־אויגן?
וואו זיינען די פלינקע גלידער,
די פריילעכע האָר פאַרוואָרפן אַף אַרויף —
ריינער ווי דער ווינט?
זייערע אויגן זיינען ווי זומפּוואַסער
וואו לעוואָנעס זיינען דערשטיקט
און אַלצדינג איז דערטרונקען,
זייערע צאַרטע סקעלעטן
זיינען אָנגעטאָן אין פּיבערס וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן
פון מייסים אין אַ פעסט־שפּיטאָל,
און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שווייגן,
און צו גיין אין טרויער:
טרוקענע פּיצלעך קינדער — פאַרוועלקטע יינגלעך און מיידלעך,
קינדער פון דער געלער לאַטע —
צאַר איז געווען זייער געטרייער שפּילכאַווער
און שוידער האָט זיי געפירט בא דער האַנט
אין שפּילן קאַמער־קאַמער־הויז דורך קאָשמאַרנלאַנד.

אַף איינזאַמע זייטיקע רעלסן
וואו ס'איז אוים מאָרגנס
איז די פּיקניקבאַן געשטאַנען גרייט פאַר דעם סורפּריז:
אַ לאַנגע, לאַנגע באַן פוסטע פראַכטוואַגאָנעס,
פאַר פאַרדעכטיקטער סביירע אין וועג צו אומבאַקאַנטע מעקיימעס:

פירנדיק זייף. פירנדיק שמאַלץ. פירנדיק לאָמפּ-אַבאַזשורן.
פירנדיק פאַרפאַראָרענע קליינע באַרמענעס.
פירנדיק בריוועלעך פונדערהיים. פירנדיק שפּילעכלעך.
פירנדיק מאַטאַנעס פאַר אַלע גוטע ייִנגלעך און מיידלעך.

האַלב אין שרעק, האַלב אין צוטרוי
האָבן די קינדער געהערט די מעגאַפאָנען
זיי אַריינגנאַרן אין די וואַגאָנען:
באַם סאָף פון דער רייזע האָבן שמעטערלינגען געבליט,
די רעלסן האָבן געפירט צו אַ היימישן, פריילעכן
מישפּאָכע-פּיקניק.

אַפּדערבאַן — צו קינדהייט!
אַפּדערבאַן — פון יאָמטעוודיקן פּיקניקצוג! —

און מיטאַמאָל זיינען די זעלנער פון „טויטנשאַרבן" געקומען.
צען פוס הייך, מיט קלעפּ און באַיאָנעטן
האָבן זיי צונויפגעטריבן די אויסגעמאָרעטע מילבן:
שנעלער! שנעלער! **לויפט, שעפּעלעך,** לויפט!

געטריבן און פאַרמישפּעט,
שפּירנדיק דעם וואונדיקן ווינט פון שלאַכטהייזער אינדערווייט
האָבן די קינדער געקלאַפּט אין די פאַרהאַקנדיקע טויערן,
זייערע פייניקערס געריסן באַ די אָרעמס.
אַריינגעשליידערט אין אַ פינצטערניש
האָבן זיי דערפילט זיך ווי אין שטייגן,
אין אַ פּאַסטקע, אָן אַן אויסוועג.
זייערע אויגן האָבן גענומען גלאָצן,
זייערע ביינער האָבן גענומען שרייען,
זייער פלייש האָט זיך צעשמאָלצן אין אַ פליסיקייט —
אַ ציטערנדיקע קאָסמישע צעל שרעק.
און פאַרגוואַלדיקנדיק בראַמסן האָבן די מעגאַפאָנען שפּאָטנדיק
אויסגעשפּילט מיט דער קאַפּעליע **קינדערלידער,**
געזונגען מיט אייזערנע ליפּן פון טייוואָלים אין אַן אייזערנעם באַרג.
דער שלאָס פון טאָג האָט זיך פאַרהאַקט
מיטן טעראָרקלאַנג פון אַן איינגעפאַלענער שאַכט,
די טויערן האָבן גאַלאָפּירט צו באַהאַלטן
זייער קליינע, ראַכמאָנעסדיקע הילפלאָזיקייט.

אייזערנע שיפּעניש.
אייזערנע הוסטעניש.
אייזערנע גרעפּצעניש.
אייזערנע פּייפּעניש.
אייזערנע רעווּעניש.
אייזערנע האַווקעניש.

און די קאַרבנשעפּעלעך זיינען אין זייערע שלאַכטשטייגן געווען.
די קאַסטנס האָט מען פאַרזיגלט ווי אומקום־פּעקלעך —
נ י ט צ ו ע פ ע נ ע ן ב י ז ———

און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם
מיט אַ סקרוכיקן קרעכץ און אַ שלעפּ און אַ כורבנליאַרעם
און מיט אַ טרויעריקן שאַרפן
ראַסטיקן קוויטש
פון דער אייזערנער מאַכשייפע פאַרשלאָסן אין דער מאַכשייפעם אייוון
האָט די באַן
אָנגעהייבן
קריכן . . .

האָט זיך אָנגעהייבן די רייזע צו אַ ווייטן לאַנד.
האָט דער פּיקניק אין געהענעם זיך אָנגעהייבן —
אַוועק, אַוועק דורך פעלדער פריש ווי קינדהייט.
אַ טאָג, אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג
אָדער ליכטיאָרן — זיינען זייגערס דאָ,
זיינען ציפערבלעטער דאָ וואָס זאָלן קענען מעסטן די מיילן
פון טויטלעכן פּיין?
אַטאָדאָ פאַרשווינדן די קליינע גופים
דורכן שפּאַלט אין דער אייביקייט.
אַטאָדאָ איז עס וואו די העלישע באַן רודערט און רודערט
אַף אייביק און אייביק און אייביק —
אַ „פליענדיקער האָלענדער" פון פּראַכטוואַגאָנען
מיט אַ פּראַכט אויגן אָן אויגנלעדלעך,
מיט אַ פּראַכט גופימלאָזע וויגעשרייען.

אין אַ קאָנטאָר אין אַ העסלעכער הייל
אין קאָרידאָר פון אַ סקלאַד אין געהענעם
האָט עמעצער געטאַשט עפּעס פּאַפּירן,
האָט עמעצער געטונקט אין טינט אַ שטעמפּל:
אָ פּ פּ אַ ל !
א ו י ס !
צום ביינערבאַרג!

עמעצער האָט געלאָזט אין גאַנג געלאַדענע באַנען מיט מאַרך־סטרוזשקעס,
מיט קנוילן פֿלייש, מיט צענומענע ביינער
איבער געשיכטעס צעדרייטע רעלסענע וועגן.
דער טויט איז אַ מאַן מיט אַ צוקנדיק אויג און ריינע נעגל
וואָס האָט געשריבן קינסטלערישע באַפֿעלן פֿון אומקום אויף פּראַכטצעטלען.

די באַן גייט. אַ ג ל י ק ל ע כ ע   ר י י ז ע —
ווען עס דונערט אַוועק צום געהענעם.
ווער קענען זיי בעטן? וועלכע מלאָכים
האָבן זיי אויסגעהיט פֿון בייז?
וואָס פֿאַר אַ מעשוגעדיקער שעד פֿון מעשוגאַס
האָט זיי איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס?
פֿאַרגעסן פֿון דער זון און דער לעוואָנע,
פֿון די שטערן, מענטש און גאָט —

ליולינקע
און אַ גוטע נאַכט.
אייער רייזע וועט זיך ענדיקן
מיין גאָלד,
מיין פּראַכט,
אָרום דעם לעצטן רעלסנבויג.
אַלץ וועט זיין ווי מע דאַרף.
טאַטע־מאַמע דערוואַרטן אייך
אין אַש און רויך וואָס וויינען מיט עמעסע מענטשלעכע טרערן.

די באַן רודערט, רודערט
דורך ניטאַנטדעקטער נאַכט.
איר טעמפּע סירענע יאָמערט
איבער די וועלדער און פֿעלדער.
און ווער וועט זיי איצט באַפֿרייענטן?
וועט וועט זיי נעמען בא דער האַנט?
ס׳איז שטרענג פֿאַרבאָטן רעגנטראָפּנס
אַריינפֿליסן דורך שפּעלטעלעך
און זיך אויסמישן מיט זייערע ריינע טרערן.
ס׳איז פֿאַרבאָטן זונשטראַלן
אַריינדרינגען אין זייער נאַכט
און אָנרירן די קאָנטראַבאַנדע פֿון זייערע צניעסדיקע פּענימער.
אויף געלעגערס פֿון טינעף —

ווער וועט צושליסן דאָס פֿאַרפֿראָרן אויג?
ווער וועט אויסגלייכן די אויסגעדרייטע האַנט?
זיינען זיי וואַך?
שלאָפֿן זיי?
וויינען זיי?

די העלישע באַן שטעלט זיך אָפּ.
די קינדער טוען ניט קיין פּיפּס.
יעדער איינער איז אַליין אין זיין וואַנזין,
איינגעשלאָסן אין דעם אָרן פֿון זיין הויט,
יעדעס קינד איז סאָפּקאָלסאָף פֿאַרוויגט
אין שפּינגעוועב פֿון זיינע אייגענע ביינער.

הינערפּלעט. יעדער איינער וואָרט, פֿאַרוואונדערט,
ווען דער טויט ברעכט־אויף דעם זיגל
און די טויערן ווערן צעפּראַלט,
און די שיקזאַלן פֿאַרגייען
און די קינדער זעען פֿאַר זיך
די „פּיקניק־וועלדער״
פֿון הייכע שוואַרצע קוימענס.

דאָ איז דער סאָף פֿון דעם הימל.
דאָ איז דאָס פּלאַץ פֿון די שאַרבנס.
אונדזער ציוויליזאַציעס קרייציקונג
פֿון זעקס מיליאָן קריסטוסן.

דער טראַנספּאָרט פֿון פֿיר טויזנט יידישע קינדער פֿון דראַנסי, פֿראַנקרייך, צו די גאַזאַייוונס אין אוישוויץ איז פֿאָרגעקומען אָפּן באַפֿעל פֿון אַדאָלף אייכמאַן, און איז דורכגעפֿירט געוואָרן סאָף אָגוסט און אָנהייב סעפּטעמבער. פּראָפֿעסאָר זשאָרזש וועלער, פֿון סאָרבאָן אוניווערסיטעט, האָט דעם 9טן מאַי 1961 איידעס געזאָגט בא דעם אייכמאַן־מישפּעט אין ירושלאַים וועגן אָטער שוידערלעכער אויסמאָרדונג פֿון די אומשולדיקע קינדער. וועלערס איידעסזאָגן האָט אָנגערעגט דיזאָזיקע פּאָעמע.

ביאָגראַפֿישע שטריכן

(טיילווייז געדרוקט אין דער "יוניווערסאַל דזשואיש ענסאַיקלאָפּידיאַ" אין 1942 און דערגאַנצט ביז 1964).

קורץ, אַרן שמועל:

יידישער דיכטער, געבוירן אין אַסווע, וויטעבסק, רוסלאַנד, אין 1891.

באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג אונטער דער השגחה פֿון זיין זיידן, אַ ליובאַוויטשער כאָסיד, און אויך געלערנט לייענען רוסיש, דייטש און ענגליש אין די פֿריִע קינדער־יאָרן. צו דרייצן יאָר, נאָך זיין מאַמעס טויט, האָט ער אָנגעהויבן זיינע וואַנדערונגען אַלס לערניינגל פּאַרוקמאַכער פֿאַר די פֿאַרשיידענע טעאַטערס און צירקן אין די גרויסע שטעט פֿון רוסלאַנד. פֿינף יאָר שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים, וואו זיין טאַטע האָט אים באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור. אין יאָר 1911 האָט ער אימיגרירט קיין אַמעריקע.

זיינע ערשטע לידער זיינען דערשינען אין די **יידישע וועלט** (פֿילאַדעלפֿיע, 1916). דאָרט האָט ער געדרוקט אַרום הונדערט לידער אונטערן פּסעוודאָנים **אַזראַעל**. צוזאַמען מיט אַנדערע שרייבער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל, **דער צווייג** (1919), זיך באַטייליקט אין זשורנאַל **"באַם פּייער"**, אַרויסגעגעבן פֿון זישע ווייספּער אין פֿילאַדעלפֿיע אַרום 1920־1, און אין **קורצס נאָטיצן** (1922), וואו ער האָט געדרוקט אַרטיקלען וועגן דער אינזיך באַוועגונג, וועגן פּערעץ מאַרקישן און אַנדערע. ער האָט זיך באַטייליקט אין ה. גודלמאַנס זשורנאַל **פּאָעזיע**, אין דער **נייע וועלט**, אין ש. ד. זעצערס **דאָס וואָרט**, און אין **ביכערוועלט** (1922).

ער איז געווען איינער פֿון די גרינדער און זיך באַטייליקט אין זשורנאַל **"1925"** און **"1926"**, און געשריבן אָפֿט פֿאַר **אונדזער בוך**.

ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין די רייען פֿון די יידיש־פּראָלעטאַרישע דיכטער, האָט זיך קורץ באַטייליקט אין **דער פֿרייהייט**, **מאָרגן־פֿרייהייט**, **דער האַמער**, **סיגנאַל**, **יידישע קולטור**, **דער קאַמף** (טאָראָנטאָ), **זאַמלונגען**, **סאָוועטיש היימלאַנד**, אין די צייטונגען פֿון "ראַשיען וואָר־רעליף" בעשאַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, און אין דער צייטשריפֿט פֿון דער פֿאַריערס יוניאָן.

ער האָט געדרוקט פֿיל עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור בעכלאַל און בעפֿראַט וועגן דער פּראָלעטאַרישער יידישער ליטעראַטור.

קורצעס לידער זיינען רעטאָריש פּלאַקאַטמיקע, מאָלע וועגאַדעש מיט קרעפּטיקע איםאַזשן. זיין אומאויפֿהערלעכע טעמע איז גרויסשטאָט (נויאָרק), וואו אַרבייטער אין זייער אָרעמשאַפֿט זיינען געמאָלן אין דראַמאַטישן קאָנטראַסט צו די הימלקראַצערס און אַשירעס פֿון דער מעטראָפּאָליע. קורץ איז געווען (אין 1942) איינער פֿון די סאַמע אָנגעזעענסטע יידישע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן אין אַמעריקע. זיינע ביכער לידער זיינען: **כאַאָס** (פֿילאַדעלפֿיע, 1920); **פֿיגאַראָ** (נויאָרק, 1924); **פּלאַקאַטן** (נויאָרק, 1927); **די גאָלדענע שטאָט** (נויאָרק, 1935); **נאָ פּאַסאַראַן** (נויאָרק, 1938); **מוישע אַלגין** (נויאָרק, 1940); **מאַרק שאַגאַל** (נויאָרק, 1947); **מאַרק שאַגאַל** (אויף ענגליש: איבערזעצט פֿון **ס. פּ. ראָדענס**, רעווידירט און רעדאַקטירט פֿון **אָלגע קאַבראַל**, לאָנג ביטש, לאָנג־איילענד, 1961); **אַ פּליטע** "מאַרק שאַגאַל" (פֿאָלקוועיס רעקאָרדס, 1964).

איבערזעצונגען פֿון קורצעס לידער אויף ענגליש זיינען געדרוקט געוואָרן אין **ניו־קאָרענטס**, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מאָרים יו. שאַפּעס.

אין די יאָרן 1957־1964 האָט קורץ אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט דאָס פֿערטליאָרשריפֿט **פֿאַר פּאָעזיע הייַנטיקע לידער**.

אַרן שמועל קורץ האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון אונדז מאַי דעם 30טן, 1964 און זיין קייווער געפֿינט זיך אויפֿן לאָנג־איילענד נייעם מאָנטעפֿיאָרע בעסיילעם.

שלוסוואָרט

„כאַווער, דאָס איז ניט קיין בוך,
ווער עס רירט עס אָן,
רירט אָן אַ מענטשן״....)*

אַרן קורץ איז געווען אַ ליכטיקער מענטש. מענטשן פלעגן זאָגן, אַז „ווען ער קומט אַריין אין אַ הויז, ווערט אין הויז ליכטיק מיט יאָנטעוו״. קורץ איז געווען „איינער פון די סאַמע שעפערישסטע מענטשן מיט וועמען כ׳האָב געהאַט דעם טאַינעג און פאַרגעניגן צו פאַרברענגען״, האָט געזאָגט דער דיכטער וואַלטער לאָוענפעלז. קורצס טיפע און פריידיקע פאַר־בינדונג מיטן לעבן האָט אַרומגענומען אַלץ מיט אַנאַנדער, אַפילע די צאָרעס און ליידן פונעם לעבן, און ער פלעגט אָפט באַמערקן, אַז די טראַדיציאָנעלע „הונדערט און צוואַנציק״ וועלן אים ניט סטאַיען צו דערגרייכן אַלץ וואָס ער פלאַנירט צו טאָן מיט זיין שאַפן.

וועגן שאַפן פלעגט קורץ זאָגן אַז ער האַלט ערשט באַם סאַמע אָנהייב פון זיין רייף ווערן אַלס דיכטער. ער האָט דיכטעריש געלעבט און זיך מאַקריוו געווען צו גרייכן פערפעקציע אין זיין שאַפן. קורץ איז ניט געווען קיין עסטעט. באַם סאַמע אָנהייב פון זיין שאַפן האָט ער באַשטימט אַז זיינע לידער און פאָעמעס דאַרפן זיין אַ געצייג אין דעם קאַמף צו דערגרייכן אַ שענערע און בעסערע צוקונפט פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט.

אָף קיין איין רעגע אין זיין גאַנצן לעבנגאַנג האָט קורץ ניט געצווייפלט אין אַ ליכטיקער צוקונפט און אין נייע און גרויסע ניצכיינעס וואָס פירן דערצו.

דער שטראָם פון זיין שעפערישער יעצירע, ווי אַ קלאָרער, פרישער, אייביקער קוואַל, האָט אָן אויפהער געפלייצט מיט פיל קינסטלערישע שאַפונ־גען, אַפילע דורך די טעג פון זיין טראַגישער קראַנקייט, זייענדיק אַליין אין שאָטן פון טויט, האָט ער דאָך אָנגעשריבן די פרעכטיקע עלעגיע וועגן דער דערמאָרדונג פון פרעזידענט קענעדי. שפּעטער ווען זיינע קייכעס האָבן זיך גענומען אויסלאָזן און ער האָט געקעמפט פאַר זיין סאַמע עקזיסטענץ קעדיי צו קענען לעבן און שאַפן, האָט ער אָנגעשריבן דאָס ליד „קאַדיש״, געווידמעט די פיר נעגער שולקינדער וועלכע זיינען געהאַרגעט געוואָרן פון אַ באָמבע אין אַן אַלאַבאַמער קלויסטער. אין זיין טעגלעכן געראַנגל מיט זיינע אייגענע ווייטיקן און ליידן בעטאָך זיין אייגענעם אומגליק, האָט ער ניט פאַרגעסן די ליידן און אומגליקן אָף דער וועלט.

*Walt Whitman. Poem: "So Long!" **(Leaves of Grass).**

ער האָט אויך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זײַנע לידער אַפילו דאַן ווען ער האָט שוין קיין פען ניט געקאָנט האַלטן אין האַנט. אַ וואָך איידער זײַן לעבן האָט זיך פאַרענדיקט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שיינעם פרילינג פרימאָרגן — אין אַ זונטיק — מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און מיט אַ פרישן קאָל, ווי אין די גוטע צײַטן, און געבעטן מ׳זאָל טאָן מיט אים אַ „חסד של אמת" (כעסעד שעל עמעס) — אַרויסגעבן זײַנע געקליבענע לידער; דאָס געוועטעניש פון זײַן פרוכטבאַרן לעבן. וועגן דעם פלעגט ער אָפט טראַכטן, אַפילו איידער די קראַנקייט איז אים באַפאַלן. איך האָב קורצן דאַן צוגעזאָגט, אַז אַ שיינער באַנד לידער וועט זיכער דערשײַנען, מיט וועלכן ער וואָלט געקאָנט שטאָלצירן.

אָבער וואו הייבט מען אָן? וואו געפינט מען די מיטלען דערצו? און ווער וועט נעמען אַף זיך דעם אָל פון אָפקלײַבן די לידער? אין דער וועלט פון דער יידישער פּאָעזיע איז קורץ געווען אַ יחיד במינו (יאָכיד בעמינאָי)—אַן איינצלנער אין זײַן געביט. ווער קען אָנגעטרויט ווערן מיטן אָפקלײַבן די לידער, ווי קורץ וואָלט עס אַליין געטאָן פאַר אַזאַ אויסגאַבע?

אין יענעם פרימאָרגן — און אויך שפּעטער — האָט שוין מער קיין צײַט ניט געסטאַיעט צו דיסקוטירן וועגן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. קורץ איז מיד געוואָרן און האָט אײַנגעדרעמלט, אָנדייטנדיק אָבער וועגן דער גרויסער שיינקייט פון דעם פרילינג-פרימאָרגן מיט אַזוי פיל באַוואונדערונג און פרייד.

זײַן לעצטע באַמערקונג איז געווען, אַז ער איז זיכער, אַז אויב איך וועל נאָר אָנהייבן די אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ באַנד לידער, וועל איך שוין געפינען פיל פריינט וואָס וועלן מיר העלפן אין דעם. דאָס פאָלק, זײַנע לייענער — זיי האָבן אַלע מאָל געהאָלפן קורצן אַרויסגעבן זײַנע ביכער — אָטדי זעלביקע — כאָטש ווייניקער איצט אין צאָל — וועלן דאָס דערמעגלעכן. און ער האָט קיין טאָעס ניט געמאַכט.

ווען דער דיכטער שין לעוו (באַוואוסט אויך אַלס מאָלער אונטערן נאָמען לעוו-לאַנדאַו), אַ נאָענטער כאַווער פון קורצן אין מעשעך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט זיך דערוואוסט וועגן קורצס לעצטן וואונטש, האָט ער צונויפגערופן אַ זיצונג פון פריינט און פּאָעטן פון זשורנאַל „היינטיקע לידער" און ס׳איז פאָרמירט געוואָרן דער **אַרן קורץ בוך־קאָמיטעט.** עס זײַנען געשאַפן געוואָרן אַבאָנענטן פאַרן בוך דורך אייניקע עפנטלעכע האַזקאָרע אונטערנעמונגען.

גלייכצײַטיק האָט דער עסייאיסט און קריטיקער **אוראָם ביק** זיך אונטערגענומען צו לייענען און אָפּקלײַבן פון די געדרוקטע לידער פון קסאַוו-יאַדן און צונויפקלײַבן אַ רעפּרעזענטאַטיוון באַנד לידער פון קורצס שאַפונגען.

אַרויסצוגעבן אַ יידיש בוך איז גלייכצײַטיק אי אַ וויטעקדיקע, אי אַ פריי-

דיקע געשעעניש. פריידיק דערפאר, ווייל אין קיין שום אנדער קולטור איז ניטא אזא ווארעמע באציאונג צווישן מעכאבער און זיינע לייענער. אבער שטרויכ־לונגען און שטערונגען פעלן אויך ניט. איר ווייסט דאס געוויס.

ווען עס איז שוין געזאמלט געווארן האלב פון די נויטיקע פאנדן, איז די ארבעט געקומען צו א שטילשטאנד. דאן איז די הילף געקומען ניט פון לייענער, נאר פון קינסטלער מאלער. באוואוסטע מאלער וועלכע האבן געקענט קורצן פון פריערדיקע יארן און מיט אים מיטגעליטן און מיטגעקעמפט צוזאמען, האבן בייגעשטייערט וויכטיקע קונסטבילדער צום פארקויף, צו דערמעגלעכן די דער־שיינונג פון אטדעם בוך. אין לאנג ביטש, לאנג־איילענד, וואו קורץ האט גע־לעבט די לעצטע יארן, און וואו מענטשן האבן צוליב שפראך שטער ניט געקענט קורצן דעם יידישן פאעט, נאר קורצן דעם מענטש, איז אפגעהאלטן געווארן אן אויספארקויף פון די קונסטבילדער און אלץ איז בליצשנעל אויספארקויפט געווארן אף א בעקאוועדיקן אויפן. צום אויספארקויף האבן אויך בייגע־שטייערט בילדער יונגע קינסטלער פון לאנג ביטש.

עס איז אומעגלעך אלעמען צו באדאנקען באזונדער, אבער אייניקע מוזן דאך דערמאנט ווערן:

לויב קומט צו דעם עסייאיסט און קריטיקער **אווראם ביק** פאר אפקלייבן און סיידערן דעם בוך און פאר זיין פארווארט און בעכלאל פאר זיין כאווערישן אינטערעס אין דער ארבעט.

צום פארזיצער פון בוך־קאמיטעט, דעם דיכטער־מאלער **שין לעוו־לאנדאו** פאר זיין ארגאניזירן און אנפירן דעם קאמיטעט בעלעוו וואנעפעש.

צום סעקרעטאר־קאסירער, כאווער **איציק פרידמאן**, פאר זיין זעלטענער איינגעשאפט אין ארויסווייזן פריינטשאפט און טאן אלע אומדאנקבארע ארבעטן לעטויוועס דער יידישער פראגרעסיווער קולטור און פארן בוך בעפראט.

צום דיכטער **בעניאמין קאץ**, וועלכער האט פלאנירט טעכניש דעם בוך און זיך אפגעגעבן מיטן זאץ־אויסשטעל און האשגאכע איבערן דרוק פון בוך, ס׳זאל אין אויסזען ווערט זיין דעם אינהאלט.

צום דיכטער **ש. בודין**, וואס האט מיט דערפאלגרייכער באמיאונג געקרא־גן די הילף פון די מאלער פאר דעם בילדער־אויספארקויף לעטויוועס דעם בוך.

צו די דיכטער **מארטין בירנבוים** און **יורי סול** פאר ארגאנזשירן און דורכפירן דעם האזקארע־אוונט.

צום דיכטער **נ. ד. קארמאן** און **ש. דאווידסאן** פאר ארגאנזשירן אן אנדענק־אוונט באם פילאדעלפיער איקוף־קלוב אין שייכעס מיט דער זאמלונג פון פאנדן פארן בוך. אויך די שרייבער און קולטור־טוער פון לאס־אנדזשעלעס און מיאמי פאר דורכפירן ענלעכע אונטערנעמונגען.

צו דעם מאָלער און דיכטער **מוישע קיש** פאַר צייכענען די הילע און בוכ־שטאַבן פון בוך.

צו די קינסטלער וועלכע האָבן זיך אַזוי גרייט און וואַרעם אָפּגערופן מיט געבן זייערע בילדער צושטייער, אין אַ גרעסערער מאָס ווי געוויינלעך, פאַרן אויספּאַרקויף.

צו אַלע אַנדערע מיטגלידער פונעם אַרן קורץ בוך־קאָמיטעט: דעם דיכ־טער **ל. דינסקי** און כאַווער **י. ראָזענבאַום** פאַר זייער געטריישאַפט צו דער אונטערנעמונג.

צום קינסטלער **וויליאַם גראָפּער** פאַר דערלויבן צו פאָטאָגראַפירן און רע־פּראָדוצירן זיינע מאָלערייען אַלס אילוסטראַציעס אין בוך.

צום באַוואוסטן ביבליאָגראַף **יעפים ישורין** פאַר צושטעלן און דערלויבן צו דרוקן די ביבליאָגראַפישע איינסן וועגן קורצס שאַפונגען אין דעם בוך.

צום דיכטער און קולטורטוער **י. לייזעראָוויטש** פאַר זיין האַסמאָדע אין לייענען אַזוי אויפמערקזאַם און פּאַכמענעריש די קאָרעקטורן פונעם בוך.

צו אַלע „ספּאָנסערס" און אַבאָנעמענטן וועמענס נעמען עס גייען אַריין אין בוך.

אָט, אַ דאַנק אייך אַלע איז דער בוך לידער געקומען אויף דער וועלט. מיין יאָשער קויכאַכעם און אָנערקענונג פאַר דערמעגלעכן די דערשיינונג פון בוך לידער וואָס איז אַ קאָוועד פאַר אונדז און אַ קאָוועד פאַרן אָנדענק פון אַרן קורץ.

—אָלגע קאַבראַל־קורץ

אַרן קורץ ביבליאָגראַפיע

וועגן אַרן קורץ אין ביכער

בראָנשטיין, יעכעזקל

1 פראַלעטפען. אימפרעסיעס פון א לייענער. **שיקאַגע, 1941, ז' 35.**

וויינפּער, ז.

2 צום יאָנטעוו פון דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט". **שרייבער און קינסטלער, נ"י, 1958, ז' 352.**

זשיטניצקי, ד"ר ל.

3 מאַכשאָוועס צום אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. **אַ האַלב יאָרהונדערט יידישע ליטעראַטור, בוענאָס־איירעס, 1952, ז' 73.**

טענענבוים, ש.

4 אינפאָרמאַציע וועגן מיכל ליכט. **דיכטער און דיירעס, נ"י, 1955, ז' 219.**

כאַנוקאָוו, ל.

5 אַ סימפאָניע פון בלוט. אַרן קורץ: „נאָ פּאַסאַראַן", **ליטעראַרישע עסייען איקוף־פאַרלאַג, נ"י, 1960, זז" 114־108.**

6 אַרן קורץ און מאַרק שאַגאַל. **ליטעראַרישע עסייען, איקוף־פאַרלאַג, נ"י, 1960, זז" 115־121.**

ליבמאַן, ייצכאָק

7 מיכל ליכט. בויער און שאַפער פון מיין דאָר, **צווייטער באַנד, נ"י, 1955, ז' 115.**

ליבערמאַן, כאַים

8 די נעשאָמע פון דער יידישער ליטעראַטור. **ביכער און שרייבער, נ"י, 1933, ז' 246.**

מייזיל, נאַכמען

9 דיירעס און טקופעס אין דער יידישער לי־טעראַטור. **נ"י, 1942, ז' 17.**

ראַנטש, ייצכאָק עלכאַנאַן

10 סאָציאַלער דיכטער. **אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. נ"י, 1945, זז" 160־161.**

11 דער נעגער אין אונדזער ליטעראַטור. **אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור, נ"י, 1945, ז' 241.**

וועגן אַרן קורץ אין צייטונגען און זשורנאַלן

אַ לעזער

12 מעליצעס און פלוידערייקעס אין דער יידישער דיכטונג פון אַמעריקע און אייראָפּע. „דעם באָפרייערס געבורטסטאָג", **פרייע אַרבעטער שטימע, נ"י, פעב. 3, 1950, זז" 5־6.**

אייבראַמס, וויליאַם

13 טעאָריעס אָף פּראַקטיס. **סיגנאַל, נ"י, דעצ. 1933, ז' 5.**

אַלמי, א.

14 אַ הויפן ציגל. ש. קורץ: „פיגאַראָ", **פּאָעמע. פ.א.ש., נ"י, מערץ 20, 1925.**

15 קאָלעגע רש"י. **פ.א.ש., נ"י, אָגוסט 14, 1936.**

16 די יידישע ליטעראַטור—אָף זיבן זייטן... **פ.א.ש., נ"י, יאַנ. 21, 1938, ז' 5.**

[באַטאַשאַנסקי, יאַקאָוו] שימעלע סאַראַקער

17 אָפן שפּיץ פען. **די פּרעסע, בוענאָס־איירעס.**

בודין, ש.

18 נאָכן טויט פון דיכטער אַרן קורץ. **יידישע קולטור, נ"י, יוני־יולי, 1964, ז' 24.**

בוכוואַלד, נ.

19 דער פערטער נומער „זאַמלונגען", **מאָרגן־פרייהייט, נ"י, פעב. 13, 1955.**

ביק, אווראַם

20 די אַמעריקאַנער געשיכטע אין דער היגער יידישער ליטעראַטור. **יידישע קולטור, נ"י, פעב. 1955, ז' 6.**

21 די סאָוועטיש־דייטשע מילכאָמע אין דער יידישער פּאָעזיע. **מאָרגן־פרייהייט, נ״י, יוני 22, 1955.**

22 די מאָטיוון פון מארטירערטום אין יאַמקי־פער. פון קאָל־נידריי ביז „נאָ־פּאַסאַראַן״, מ.פּ., **נ״י, סעפּט. 14, 1956.**

בירנבוים, מאַרטין

23 אַן ענטפער א. קורצן. מ.פּ., **גענויע דאַטע אומבאַקנט.**

ביילין, י ב.

24 „די גאָלדענע שטאָט״, **סיגנאַל, נ״י, נאָוו. 1935, זז״ 9־10.**

25 א. קורצס „גאָלדענע שטאָט״, **סיגנאַל, נ״י, יאַנ. 1936, זז״ 24־25.**

באָרנשטיין, יעכעזקל א. מ. [יאמב]

26 „פּלאַקאַטן״ פון אַרן קורץ. **ל. א. יידישער בולעטין, לאָס־אַנדזשעלעס, מאַי 18, 1928, ז׳ 3.**

גאָלד, ה.

27 פון פיגאַראָ ביז 35. אַרן קורץ: „די גאָל־דענע שטאָט״, **נ. י. וואָכנבלאַט, דעצ. 6, 1935, זז״ 14־15.**

28 וועגן צוויי פּאָעטן: לייוויק בערמאַן—ש. קורץ. **אונדזער בוך, נ״י, נאָוו.־דעצ. 1926, זז״ 371־373.**

גאָלד, וו.

29 „היינטיקע לידער״, רעד. אַרן קורץ. **פאָלקס־שטימע, ווארשע, יולי 10, 1957.**

גאָלדבערג, ב. צ.

30 אין די יידישע זשורנאַלן. **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ״י, נאָוו. 3, 1958.**

31 אין די זשורנאַלן. **טאָג־מ.זש., נ״י, מאַי 30, 1964.**

גלאַטשטיין, יאַקאָוו

32 אָפענער בריוו צו ש. קורץ. **נ״י, 1925, נ׳ 1.**

גלאַנץ, א. [לעיעלעס]

33 די נייע יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. **ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אָגוסט 15, 1924, ז׳ 2.**

גרין, בער

34 דער ערשטער מאַי אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע, **מ.פּ., נ״י, מאַי 1, 1955.**

35 אונדזערע ליטעראַטור־פּראָבלעמען. **יידישע קולטור, נ״י, מאַי 1960, ז׳ 27.**

36 נעגער־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע. **מ.פּ., נ״י, אָגוסט 18, 1963.**

37 אַרן קורץ—זיין שעפערישער גאַנג. דער באַוואוסטער יידישער דיכטער, וועלכער איז איצט געשטאָרבן. **מ.פּ., נ״י, יוני 2, 1964.**

38 דער שעפערישער גאַנג פון אַרן קורץ. (צום טויט פון באַוואוסטן יידיש־אַמעריקאַנער פּראָגרעסיוון דיכטער). **נייע פּרעסע, פּאַריז, יוני 7, 1964.**

39 דער גייסט און גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. **יידישע קולטור, נ״י, יוני־יולי, 1964, זז״ 4־5.**

40 אַרן קורץ—זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. **יידישע קולטור, נ״י, נ׳ 9, נאָוו. 1964, זז״ 35־39.**

ד[יימאַנדשטיין], ב.

41 „מאַרק שאַגאַל״ (פּאָעמע) פון אַרן קורץ. **ליטעראַרישע העפטן, טוזשונגאַ, מאַי־אָגוסט 1948, זז״ 29־31.**

ווינפּער, ז.

42 די לידער אין נײַנטן נומער „אין זיך״. **אָטעם, נ״י, נ׳ 1, סעפּט. 1923, ז׳ 5.**

43 פון „כאַאָס״ ביז דער „גאָלדענער שטאָט״. **דער אויפקום, נ״י, סעפּט.־אָקט. 1935, ז׳ 28.**

44 יאַנקעוו מילך. **יידישע קולטור, נ״י, אָגוסט־סעפּט. 1955, ז׳ 12.**

45 צום יאָנטעוו פון דער אַנטאָלאָגיע. **יידישע קולטור, נ״י, דעצ. 1955, ז׳ 27.**

וועלסק, נ. ע.

46 מיט דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידי־שן וואָרט״. **יידישע קולטור, נ״י, דעצ. 1955, ז׳ 32.**

כאַנוקאָוו, ל.

47 אַרן קורץ, דער דיכטער פון קרעפטיקן וואָרט. **מ.פּ., נ״י, מערץ 20, 1938.**

48 אַרן קורץ און מאַרק שאַגאַל. **אייניקייט, נ״י, דעצ. 1946, זז״ 23־24.**

קאַץ, מוישע

49 אַרן קורצס „מאַרק שאַגאַל״. **מ.פּ., נ״י, יוני 28, 1964.**

לאַפּין, ב.

50 אַלע כיידעש. **דער אויפקום, נ״י, אָקט, 1927, ז׳ 39.**

ליכט מיכל

51 בריוו פון ניו־יאָרק. **אָנזאָג, טאָראָנטאָ, קאַ־נאַדע, אָגוסט 25, 1925.**

לעבעדיגער, דער

52 א פלי און א כאַפּ. **קונדעס, נ״י, נאָוו. 17, 1922.**

53 אפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מ.זש., נ״י, דעצ. 8, 1957.**

54 אפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מ.זש., נ״י, סעפּט. 6, 1959.**

לעוו, שין

55 דער עפּאָס פון שפּאַנישן פאָלקס־מיט „נאָ־פּאַסאַראַן״־לידער. **דער אויפקום, נ״י, מערץ־אַפּריל, 1938, זז״ 53־58.**

56 אַרן קורץ—טרובאַדור פון זיין דאָר. **יידישע קולטור, נ״י, יוני־יולי, 1964, זז״ 22־23.**

מאַלקין, ד. ב.

57 אַרן קורץ: פלאַקאַטן. **ביכערוועלט, נ׳ 5, וואַרשע, אַגוסט 1, 1928. זז״ 34־36.**

מאַרק, ב.

58 אַמעריקע אין יידישן וואָרט. **יידישע שריפטן, וואַרשע, יאַנ. 1956, ז׳ 2.**

מילער, ל.

59 „האַמער״ בעלעטריסטיק 1934. **סיגנאַל, נ״י, מערץ 1935, ז׳ 23.**

מינקאָוו, נ. ב.

60 ש. קורץ. **1925, ערשטער נומער, נ״י, מערץ 1925, זז״ 11־25.**

61 **ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, 1935.**

62 א. קורץ, דער רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטאַרישער דיכטער. **נ.י. וואָכנבלאַט, מאַי 14, 1937, זז״ 12־13.**

63 טענדענצן און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. **צוקונפט, נ״י, דעצ. 1954, זז״ 519־520.**

מייזיל, נאַכמען

64 אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע. **יידישע קולטור, נ״י, דעצ. 1954, זז״ 17־18[פעב. 1955, ז׳ 7.**

מעסטל, יאַקאָוו

65 70 יאָר יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמעריקע. **יידישע קולטור, נ״י, מאַי 1953, ז׳ 45.**

מאַרמאָר, קאַלמען

66 ערשטע 50 יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. מ.פ., **נ״י, מאַי 25, 1947.**

נאַדיר, מוישע

67 ווען בליצן גייען איבער דער וועלט. **צו דער פייערונג לעקאָוועד דעם דערשיינען פון אַרן קורצס בוך לידער „די גאָלדענע שטאָט״, סיגנאַל, נ״י, דעצ. 1935, זז״ 26־27.**

ניגער, ש.

68 געלייענט און געשריבן. **דער טאָג, נ״י, יאַנ. 10, 1937.**

69 אונדזער לעבן—און אונדזער ליטעראַטור. **צוקונפט, נ״י, יאַנ. 1938, ז׳ 45; יאַנ. 1939, ז׳ 48.**

סיגאַל, י. י.

70 בריוו פון ניו־יאָרק. **קאַנאַדע, מאָנטרעאָל, דעצ. 1925, ז׳ 26.**

ס[יגאל], י. י.

71 ה. לייוויק אין איירָאפּע. **„קאַנאַדע״, מאָנט־רעאָל, דעצ. 1925, ז׳ 44.**

סלאָנים, יויעל

72 וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע. **יידישע קול־טור, נ״י, יאַנ. 1941, ז׳ 47.**

עפּשטיין, מיילעך

73 קולטור־נויטן. **סיגנאַל, נ״י, מערץ 1935, ז׳ 5.**

פּאָמעראַנץ, אַלעקסאַנדער

74 פּראָלעטפּען. **קיעוו, 1935, זז״ 237־238.**

75 אונטערן צייכן פון דער צייט. **סיגנאַל, נ״י, דעצ. 1935, זז״ 1־7.**

76 25 יאָר יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַ־טור. מ.פ., **נ״י, מאַי 25, 1947.**

פּאַרבער, יעראַכמיעל

77 דער קינסטלער אין אונדזער געזעלשאַפט־לעכן לעבן. **יידישע קולטור, נ״י, פעב. 1947, ז׳ 57.**

פרידמאַן, בעצאַלעל

78 די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין דעם יובילײ־נומער „מאָרגן־פרייהייט״, **דער האַמער, נ״י, יוני 1932, ז׳ 44.**

קופּערמאַן, כאַסיע

79 אַרן קורץ—זיין פּראָלעטאַרישע דיכטונג. **באָדן, באַנד 2, נומער 4, נ״י, ווינטער 1936, זז״ 61־64.**

ראַנטש, י. א.

80 דער „באָדן״ — אָן באָדן. **סיגנאַל, נ״י, מערץ 1936, ז׳ 26.**

רודענז, מ. פ.

81 ארן קורץ שאפט־איבער שאגאלס וועלט. יידישע קולטור, נ״י, יאנ. 1947, זז״ 49־51.

שולמאן, א.

82 אין צייכן פון שטעטל. אונדזער צייט, נ״י, נאוו. 1953, ז׳ 40.

שטערן, שאלעם

83 שיין און ווירדיק. וואכנבלאט, טאראנטא, אקט. 6, 1954.

84 דער שימל פון דער „צוקונפט״. מ.פ., נ״י, דעצ. 19, 1954.

85 דאס ליד. וואכנבלאט, טאראנטא, פעב. 20, 1958; פעב. 27, 1958.

86 טרערן אפן טויט פון דעם הויך־באגאבטן דיכטער ארן קורץ. וואכנבלאט, טאראנטא, יוני 18, 1964.

שקליארסקי, מוישע שמועל

87 קולטור־כראניק. ארן (שמועל) קורץ איז געווארן א זיבעציקער. קולטור און דערציאונג, נ״י, מאי 1961, ז׳ 18.

אונדזער ווארט, בוענאס־איירעס

88 ארן קורץ געשטארבן. יוני 23, 1964, ז׳ 7.

יידישע קולטור, ניו־יארק

89 ארן קורץ. נאוו. 1962, ז׳ 60.

יידישע שריפטן, (נומער 2120.1), ווארשע יאנ. 1965, ז׳ 15

90 „היינטיקע לידער״ וועגן ארן קורץ.

מארגן־פרייהייט, נ״י, יוני 1, 1964

91 ארן קורץ געשטארבן.

מארגן־פרייהייט, נ״י, יוני 30, 1964

92 ארן קורץ בוך־קאמיטעט געגרינדעט; אנדענק־אוונט ווערט צוגעגרייט.

מארגן־פרייהייט, נ״י, סעפט. 22, 1965

93 אנדענק פון ארן קורץ געערט בא אויפדעקונג פון דער מאציייווע.

סאוועטיש היימלאנד, מאסקווע, יולי־אויג. 1964

94 ערע זייער אנדענק.

פאלקס־שטימע, ווארשע, אקט. 14, 1965

95 אנטהילט א מאצייווע אפן קייווער פון ארן קורץ.

וועגן ארן קורץ אין זאמלונגען

ג[יצים], מ.

96 ארן קורץ. ליטעראַרישע זאמלונגען, שיקאגע, נומער 4, 1947, זז״ 334־335.

מייזיל, נאכמען

96א יידישע ליטעראטור אין אמעריקע פאר די לעצטע דרייסיק יאר. אין דינסט פון פאלק, אלמאנאך פון יידישן פאלקס־ארדן, נ״י, 1947, זז״ 302, 314.

97 ארן קורץ. אמעריקע אין יידישן ווארט. אנטאלאגיע. איקוף־פארלאג, נ״י, 1955, זז״ 516־520.

וועגן ארן קורץ אין לעקסיקאנען און ענציקלאפעדיעס

רייזען, זאלמען

98 ארן (שמועל) קורץ. לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאלאגיע. דריטער באנד, ווילנע, 1920, שפאלטן 616־618.

שטארקמאן, מוישע

99 יידישע ליטעראטור אין די פאראייניקטע שטאטן (1942־1955). פאעזיע. אלגעמיינע ענציקלאפעדיע, יידן ה. דובנאוו פאנד און ענציקלאפעדיע־קאמיטעט, נ״י, 1957, ז׳ 133.

וועגן ארן קורץ אין פרעמד־שפראכן

GREEN, BER

100 America in the Yiddish Mirror. Jewish Life, New York, Jan., 1956, p. 40.

LEFTWICH, JOSEPH

101 Aaron Kurtz. Anthology of Yiddish Poetry. Cambridge, Mass., 1939. pp. 362-364.

ROBACK, A. A.

102 Poets Young and Old. The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York, 1940, p. 294.

S[CHAPPES], M[ORRIS] U.

103 Aaron Kurtz Memorial Meeting. Jewish Currents, N.Y. Nov. 1964.

104 Kurtz and Sutzkever in Translation. Jewish Currents. N.Y. Dec. 1961.

THE NEW YORK TIMES

105 May 31, 1964. Aaron Kurtz, Poet and Yiddish Writer.

THE UNIVERSAL JEWISH ENCYCLOPEDIA.

106 Vol. 6, N.Y., 1943. p. 492.

צוגאָב־ביבליאָגראַפיע, געזאַמלט פון דער רעדאַקציע פון אַרן קורץ בוך „לידער"

אַראָנאָף, ראָוז
אין נאָמען פון וואַרשעווער עסטער באַלטיק קולטור־קלוב, וואו קורץ איז געווען אַ מיטגליד. **(העספּעד־רעדע באַם אָרן פונעם דיכטער), ה.ל., נ.י. נ׳ 26־27, 1964.**

בודין, ש.
ערד איבערן פּאָעט (לידער). **ה.ל. נ׳ 26־27.**

ביק, אַווראַם
און דער ניגן פון ווערטער־מאלער איז געבלי־בן . . . **(פון העספּעד־רעדע באַם אָרן פונעם דיכטער), ה.ל., נ״י, נ׳ 26־27, 1964.**

בליץ, בעצאַלעל
אַרן קורץ, וואָס האָט „גערעדט געזונט וועגן קראַנקע זאַכן", **בוענאָס־איירעס (איבער־געדרוקט אין ה.ל., נ׳ 26־27, נ״י, 1964.**

בירנבוים, מאַרטין
דיין ליד **(נאָך אַרן קורצן), ה.ל. נ׳ 26־27, נ״י, 1964.**

גאָלדבערג, יאָסל
דער זשורנאַל „הײנטיקע לידער" און דער דיכ־טער אַרן קורץ, **לאַנדסמאַנשאַפטן, בוענאָס־איי־רעס, איבערגעדרוקט אין ה.ל. נ׳ 24־25, נ״י, 1964.**

גאָלדבערג, יאָסל
דער קינסטלער־טריבון און דער דיכטער פון דעם שאַגאַלישן שיר־האַשירים. **בוענאָס־איירעס. (איבערגעדרוקט אין ה.ל., נ׳ 26־27, נ״י. 1964.**

גערשמאַן, י. (אישיקע)
ענטפער אָף צוויי בריוו פון „וואָכנבלאַט"־לייע־נער, **קאַנאַדער וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, מערץ 15, 1962.**

גרין, בער
העספּעד־רעדע באַם אָרן פונעם דיכטער, **ה.ל., נ״י, נ׳ 26־27, 1964.**

דינסקי, ל.
ער לעבט (ליד). **ה.ל. נ׳ 26־27.**

דייקסל, שין
וועגן מיין פריינט, כאַווער און קאָלעגע אַרן קורץ. **ה.ל. נ״י, נ׳ 26־27, 1964.**

לעוו, שין
„דער אייביקער געדענקטאָג", ליד **(דרייסיק־סטער מאַי־טאָג, ווען אַרן קורץ איז געשטאָרבן) הײנטיקע לידער, נ׳ 26־27, זז״ 25־26.**

לעוו, שין
העספּעד באַ אַרן קורצס לעװאָיע, **איבערגע־דרוקט אין הײנטיקע לידער, נ׳ 26־27, זז״ 4־5.**

מאָרגנשטערן, הערמאַן
ג) פּאַרוואָס עס פעלט באַ אונדז אַן אַרבעטער־סוויווע. **טאָג־מ.זש., נ״י, סעפּט. 30, 1960.**

רעוואָלט שפּרינגטג פון מערזשער, **טאָג־מ.זש., נ״י, מערץ 27, 1961.**

[איבערגעדרוקט מיט ענטפערס פון א. קורץ אין „הײנטיקע לידער", נומ׳ 15־16, נ״י, 1960.]

מילער, ל.
צום אייביקן גדענקען (ליד), **ה.ל. נ׳ 26־27. נ״י, 1964.**

סול, מ. א.
העספּעד־רעדע באַם אָרן פונעם דיכטער. **ה.ל., נ״י, נ׳ 26־27, 1964.**

ספאַרד, דאַוויד
אַ פּאָר ווערטער וועגן די „הײנטיקע לידער" **(צו זייער 3־יעריקן יוביל), יידישע שריפטן, וואַרשע, נ׳ 9 (160).**

פּאַרבער, יעראַכמיעל
אַרן קורץ—דער מענטש און דער קינסטלער **(רעדע געהאַלטן אָף קורץ געדענק־אָוונט אין לאָס־אַנדזשעלעס), ה.ל. נ׳ 26־27, נ״י, 1964.**

פּאָלקס־שטימע, וואַרשע, אַגוסט, 20, 1960
„הײנטיקע לידער"—אַ יובילאַר.

קורא, א.
וועגן א. קורץ און „הײנטיקע לידער", **יידישער קעמפער, נ״י, נאָוו. 30, 1962.**

שטיגליץ, ה. מ.
א) „פּראָלעטאַרישע פּאָעטן אַמאָל און הײנט". **טאָג־מ.זש., נ״י, סעפּט. 10, 1960.**

ב) „מיסטעריע מיט פאַרשוואונדענע פּראָלעטאַ־רישע פּאָעטן", **טאָג־מ.זש., נ״י, סעפּט. 28, 1960.**

שטערן, שאָלעם
דאָס פּאָעטישע געזאַנג וועגן „מאַרק שאַגאַל" **(פּלאַטע), הײנטיקע לידער, נ׳ 24־25, נ״י, 1964.**

CABRAL, OLGA
Three Poems. Heintike Lieder, No. 26-27, N.Y., 1964.
Kaddish (Poem). Jewish Currents, N.Y., May, 1965.

CHANUKOFF, FLORENCE
Memorial Day (May 30, 1964) Poem. Heintike Lieder, No. 26-27, N.Y., 1964.

GROPPER, WILLIAM
Eulogy. Heintike Lieder, No. 26-27. N.Y., 1964.

DOYLE, NANCY
Poetic Portrait of a Poetic Painter. Canadian Jewish Weekly, Toronto, Canada, November 16, 1961.

FELL YELLIN, SARA
A Poetic Interpretation of Chagall's Art. People's World. San Francisco, Calif., May 26, 1962.

LONG ISLAND NEWSDAY
June 2, 1964. Aaron Kurtz, Yiddish Author. (Obituary).
June 2, 1964. Aaron Kurtz Yiddish

LONG ISLAND PRESS
Poet. (Obituary).

LOWENFELS, WALTER
A Toast to the Author of the Bath. (Poem). Heintike Lieder, No. 26-27, New York, 1964.
Eulogy. Heintike Lieder, No. 26-27. New York, 1964.

ROMANO, EMANUEL
Eulogy. Heintike Lieder, No. 26-27. N.Y., 1964.

SCHAPPES, MORRIS U.
Eulogy. Heintike Lieder, No. 26-27. N.Y., 1964.

STEINBACH, A. ALAN
"Marc Chagall." Bulletin of N. Y. Board of Rabbis, New York. February-March, 1962.

לידער אין ענגליש פון אַרן קורץ

MY WINTER COAT ON THE BATTLEFIELD
Adapted from the Yiddish by S. Funaroff, in volume "Exile from a Future Time". Publ. by Dynamo, New York, 1943.

I AM AN ORPHAN
Monologue of a Jewish Orphan in the Soviet Union. Fifth Annual Conference, Jewish Council for Russian Relief, Inc., Hotel Astor, N.Y., May 12, 1946.

BEHOLD THE SEA
Written in English. Jewish Life, Jan., 1957.
(Another version appeared in "Poets of Today," anthology compiled by Walter Lowenfels, Published by International Publishers, New York, 1964.

Excerpt from Poem MARC CHAGALL
Translated by S. P. Rudens, translation revised and edited by Olga Cabral. Jewish Currents, July-August, 1958.

SIX BROTHERS GO TO WAR
Translator not listed. Jewish Currents, February, 1958.

MARC CHAGALL: A POEM
(Book-length volume).
Translated by S. P. Rudens, translation revised and edited by Olga Cabral. Publ. by French-American Gallery, Long Beach, N.Y., 1961.

THE TRIAL
Translated by the author and Olga Cabral. Jewish Currents, Jan., 1963.

MY TOMBSTONES
Translated by the author and Olga Cabral. Jewish Currents, Jan., 1943.

A MIILLION PAIRS OF SHOES
Translated by the author and Olga Cabral. Jewish Currents, April, 1965.
(Another version appeared in New Currents, Nov., 1944).

THE SUN IN THE DEATH CHAIR
Translated by the author. Jewish Currents, June, 1965.

באַזוך פון אַרן קורץ אין לאַטיין־אַמעריקע

גאָלדבערג, יאָסל
אַרן קורץ — דער שטאָל פון אונדזער קאָל. **דער וועג, בועגאָס־איירעס, מערץ 16, 1947.**

וויינשענקער, איציק
שאָלעם אַלייכעם, דיכטער אַרן קורץ. **אונדזער פריינט, מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, מערץ 23, 1947.**

בייקין, מענדל
אַרן קורץ —דער שטאָלצער ייד. **(צו זיין היינטיקן אויפטריט אין דער קעהילע), אונדזער פריינט, אורוגוויי, מערץ 25, 1949**

לאַנדאַ, י.
צווי פּאָעטן. **אונדזער שטימע, סאַן פּאַולאַ, בראַזיל, אַפּריל 10 און 17, 1947.**

מאַטיס, דאָוויד
אַרן קורץ קומט קיין אורוגוויי **(געשפּרעך מיטן באַרימטן דיכטער), אונדזער פריינט, אורוגוויי, פעב. 26, 1947.**

פּערער, ב.
אַרן קורץ דער גאַסט פון די בראַזיליאַנער יידן. **אונדזער שטימע, בראַזיל, מערץ 4, 1947.**

רעזניק, י.
אַרן קורץ דער פּראָלעטאַרישער דיכטער און קולטור־טרעגער. **(וואָרט געהאַלטן אַף דער ערשטער לעקציע פון אַרן קורץ אין פאָלק־צענטער).** קובאַנער יידיש וואָרט, קובאַ, מאַי **14, 1947.**

צווי קינסטלער — איין וועלט. קובאַנער יידיש **וואָרט, קובאַ, מאַי 24, 1947.**

שוואַרץ, מ.
סאַלוט כ׳ אַרן קורץ. **אונדזער פריינט, מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, מערץ 23, 1947.**

אַרן קורץ, ש. דאָווידאָוויטש און י. בעלער אויפגענומען אין דער בעוורע קאַדישע.
דער וועג, בועגאָס־איירעס, מערץ 3, 1947.

העם דיכטער אַרן קורץ — א האַרציקן באָרוך האַבאָ!
אונדזער שטימע, בראַזיל, מערץ 4, 1947.

אַרן קורץ אין דער שאָלעם־אַליכעם קינ־דער־שול.
(ווערט פּרעזענטירט מיט אָריגינעלער מאַטאַנע, אַ בילד אילוסטרירט און געשריבן אַפן באַזיס פונעם גאַסט־ליד „שפּאַניש וויגליד״, געמאַכט פון 5טן און 6טן גראַד.) קובאַ, מערץ 15, 1947.

דיכטער אַרן קורץ אין די יידיש וועלטלעכע שולן.
דער וועג, בועגאָס־איירעס, מערץ 23, 1947.

דער דיכטכער אַרן קורץ זעצט פאָר זיין טור איבער לאַטיין־אַמעריקע.
דער וועג, בועגאָס־איירעס, מערץ 24, 1947.

פאָלקס־באַנקעט פאָר א. קורץ.
אונדזער פריינט, מאָנטעווידעאָ, מערץ 27, 1947.

געזעגענונגס־באַנקעט פון ״אונדזער פריינט״ אין מוישע ריכטער הויז.
מערץ 29, 1947.

אַרן קורץ אין סאַן פּאולאָ.
אונדזער שטימע, בראַזיל, אַפּריל 10, 1947.

דיכטער אַרן קורץ באַזוכט רעדאַקציע ״אונדזער שטימע״.
(לענגערער שמועס), אונדזער שטימע, בראַזיל, אַפּריל 17, 1947.

CONFERENCIO DO JORNALISTA E POETA AARON KURTZ. "Nossa Voz", Quinta-feira 17 de Abril 1947.

ספאָנסערס

אַ גרופּע קינסטלער פון
לאָנג ביטש, נויאָרק
איציק אוונער
מאיער אַלפּערט
איוואַ אַלעקסאַנדער, ל.א., קאַליפאָרניע
עלים אַלפּערט, ראַקוויל, קאָנעקטיקוט
ב. איצקאָוויץ
עלאַ באַראַן
(יאָסל) דזשאָו באַראַן, עלסינאָר, קאַל.
דזשאָן מאַרי באַרטאַן
שאַיע און עטל בודין
מאַרטין בירנבוים
כאַיע און בעני בענעוויץ, מיאַמי, פלאָרידע
מאַרים בעקער
יאָסל בראָונשטיין, פילאַדעלפיע
דאַרע און מענדל גאַדיק, פילאַדעלפיע
הערי און סאַראַ גאַטליב
כאַנע און מיכל גאַרט, מיאַמי ביטש
ראָוז און הערי גודעלמאַן
לענאַ גור
ש. גלאַזמאַן
סאָניע און ראָוז געלוואַן
צירל און יאָסל גערשענזאָן
וויליאַם גראַפּער
בער גרין
ש. גרין, וויִיט פליינס, נ.י.
גרייטער מיאַמי בענעוואָלענט סאָסייעטי
ש. און כאַיע דאַווידזאָן, פילאַדעלפיע
עטל דייווידסאָן
ראָוז און דען דאַנציג, מיאַמי, פלאָרידע
צייטל און יאַנקל דראַשקין
ל. דינסקי
סיליע און ש. דייקסעל
א. דזשענאָווסקי
אין ליכטיקן אָנדענק פון
מוישע האַלטמאַן, רוט האַלטמאַן
מוישע האַלטמאַן לייען־קרייז
רעאוואָון האָד
ווינאַקור, פילאַדעלפיע
סאָל ווילסאָן
פ. ווערבין
ב. וועלער
שלוימע ווינער

אין ליכטיקן אָנדענק פון
ש. וועסטלמאַן
זישע ווײַנפּער לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
עסטער און זאַכאַריע זאַקאַראַיע
מיריאַם טאַבאַק, פילאַדעלפיע
פּעני טיקנער
י. טשאַרנער
יידישער קלוטור קלוב, סאַן־פראַנציסקאָ
יידישער קולטור קלוב, פּעטאַלומאַ, קאַל.
סאַרע יעלין
מ. יאַמניק
י. און ר. לייזעראָוויטש
אין ליכטיקן אָנדענק פון
ייסראַעל לינקען,
ייסראַעל לינקען לייען־קרייז, מיאַמי
עמאַ לאַזאַרוס קלוב, מיאַמי ביטש
אין ליכטיקן אָנדענק פון
נאָרמאַן לין, גאַסי לין
שין לעוו־לאַנדאַו
פלאָרענס כאַנוקאָוו
י. לוסקין
י. מ. ליכט
אייזיק און איטקע מאַלינסקי, ל.א.
ענאַ מאַנים
בראָניע און כאַיעם נאַגאַשינער,
שראַב אוק, נ.י.
יאָסל נודעלמאַן
אַלעקס נעמצאָוו, לייקוואָוד, נ.דזש.
מישע נעמזער
ס. נ. סאַמאַראָוו, לאָס־אַנדזשעלעס
איסאַק סאַיער
מאָזעס סאַיער
ראַפאַעל סאַיער
מילדרעט סידאַראָוו
דזשאָו און העלען סילווער
יורי סול
ראָוז און סאַל סילווערבוירג
נייטן סערעס, סאַן־פראַנציסקאָ
דאַוויד סעלצער
ה. ב. סטעלער
בעני ספּיוואַק
ב. עפּלבוים לייען־קרייז, פילאַדעלפיע
עסטער וואַרשעווער באַלטיק קולטור קלוב
הערי עפּשטיין, פילאַדעלפיע

דאַוויד פּיטשערסקי, מיאַמי ביטש
מאַשע פּערלשטיין
באַשקע און איציק פרידמאַן
ליאָן פייגין
פיליפּ פינקל, מיאַמי, פלאָרידע
דזשעק פעלדמאַן, מעדיסאָן, וויסקאָנסין
י. פאַרבער, ל.א., קאַליפאָרניע
פראַנצבלוי, לאָס־אַנדזשעלעס
אירווינג קאַפּלאַן
נ. ד. קאַרמאַן, פילאַדעלפיע
מאַרטי און ען קוהר, פילאַדעלפיע
ה. קורץ
יאַנקל קורץ
נעט קורץ
סיי קורץ
ציליע קורץ
דאַוויד קיש
מוישע קיש

נעד קעס
הערשל און כאַסיע קאַרט, מיאַמי ביטש
אייזיק קעסלער, לאָס־אַנדזשעלעס
יאַנקל קראַנץ, לאָנג ביטש, נ.י.
דאָרע און מוישע ראָהינסקי, מיאַמי
אָסקאַר האָזען
אַרן ראָוונער
ייצכאָק ראָזענבוים
אַרן ראָמאַנעווסקי
ראָזענבערג, מיאַמי, פלאָרידע
בערנאַרד ראָסמאַן, סאַן־פראַנציסקאָ
מערי ריטשמאַן, לאָס־אַנדזשעלעס
עמאַנועל ראָמאַנאָ
כאַוויירים נ. שאַפּיראָ, ל.א.
יאָסל און איידע שאַכנאָוו, ל.א.
ריווקע שוכמאַן, פילאַדעלפיע
א. שוץ, מעלבורן, אַסטראַליע

אינהאַלט:

הילע און בוכשטאַבן—מוישע קיש

דאָס ליד איז געבליבן—אַווראָם ביק 5

פאַקסימיליע פון קורצס
האַנטשריפט

רעפּראָדוקציעס פון אויל-בילדער
פון וויליאַם גראָפּער
(ניט נומערירט)

באַנד איינס:

פונעם בוך „כאַאָס", 1920

צוויי שטעט 9
ראַטגערס סקווער 11

פונעם בוך „פּלאַקאַטן", 1927

די לעוואַיע 12
די לעוואַנע אין מיין הויזנקעשענע 14

פונעם בוך „די גאָלדענע שטאָט", 1935

צו דיר מיין שטאַט 18
הונגער אין גאַלדענע צעבערס 20
האַרלעם 22
איך—דיין קלאַס און דו—מיין
שטאַט 24
סאַבוויי 25
אַוטאָמאַט 33
טישן 38
גרויסער טאָג 49

פונעם בוך „נאָ פּאַסאַראַן", 1938

מיין ווינטערמאַנטל אפן שלאַכטפעלד 51
אַ שטאָט מיט נאַכט 54
מאַדריד 55
שפּאַניש וויגליד 57
מאַרעסטאַ 58
דער אַמבולאַנס-טרייבער 59
אַ בריוו פון אַ כירורג 60
וואַלענציע 62
כל-נדרי 63
מיגועל סערוואַנטעס 66
באַקסישע לאַנדשאַפט 68
"נאָ פּאַסאַראַן" 69

פונעם בוך „מוישע אָלגין", 1940

מוישע אַלגין 70

הייסע טושן 74
ווייסע לייַלעכער און רויטער מאַן 76
צוויי לידער פון אַ שמיד 77
שטיקער שטאָט 79
פּאָעט פון שוסטער-גאַס 80
פּערפעקציע 81
מיין מאַמע די קושינירקע 84
מאַמע 87
מיין יערושע 89
"די וועלט פון מאָרגן" 91
פרילינג 93
אַ ליד פון אַ פּאַסטעך 95
געליימטע גוילעמס 96
אַ גרוס 98
דער מענטש 100
גוט מאָרגן דיר, וועלט 103
די מוטער פון דער וועלט 105
די גוואַורע פון דער ערד 107

וויגלידער פון קיינעמסלאַנד:

ליד פון אַ פרעמדער מאַמען 111
ליד פון אַן אַרבעטער פרוי 111
ליד פון אַ פּאָגראָם-מאַמע 112
וויגליד פון אַ קריסטלעכער מאַמע 113
וויגליד פון אַן אינטעליגענטקע 113
וויגליד פון אַ שפּאַנישן וואָלונטירס
ווייב 114
וויגליד פון אַ בלינדער מאַמע 114
וויגליד פון דער מאַמע וואָס האָט
געבאָרן אַ קינד אין קיינעמסלאַנד 115
אַ טאַטעס וויגליד פון קיינעמסלאַנד 116
אַ דייטשישער בירגער האָט
דאָס וואָרט 117
געטאָ 118
אַ מיליאָן פאַר שיד 120
שפּאַנענדיקע ווענט 123
פאַרפלייצונג 126

באַנד צוויי:

פּען־פּאָרטרעט—מאָריס קאַלעם 129

די בריליאַנטענע טרער און דער פונק 131
לי־טסו־טע 135
מעקסיקע 136
מיזורי לאַנדשאַפט 138
בעריישיסדיקער מידבער 139
די וועלט אַף טיימס סקווער 141
GILBER BROTHERS 144
פּאַריז 148
דער שאָס 150
מאָריסווינטשעווסקי 154
לייב סאַברין 156
שאָלעמאַלייכעם, ברידער 158
ד״ר כאַים זשיטלאָווסקי 160
קאַלמען מאַרמאָר 162
שאָלעמאַלייכעמס קאַפּעליע 164
די זון אין טויטנשטול 185
יאַנקעוו שייפער 187
די סאָוועטישע פאָן שמועסט זיך דורך
מיט דער פאָן פון ייסראַעל 204
ברודערשאַפט 208
וואָלט וויטמאַן 210
מאַמע 216
קייטן קלינגען אין אַמעריקע 218
די שניידערישע קאַטערינקע 221
לעבן זאַל קאַלאַמבוס 232
איינונצוואַנציק מיליאָן 235
איך נעם אויף די וועלט 237
שאָלעם 239
ווייסע מאַלאָכים 243
די גאַגאַרינס 244
ביאָגראַפיע פון אַ הערינג 247

לידער פון מאַן און ווייב:

I אַ זילבערנע נאַכט 255
II דער שידער 256
III די באַלעבאָסטע 257
IV צוויי—זאַלבעדריט 258
V דועט 259
VI מיין ווייבס ערד 260
VII רויטע פּאַזימקעס 261
VIII שיין ווי די וועלט 262
IX מיינע צוויי געליבטע 263
X מיין ערשטע ליבע 264

די באָד 265
דער קאַפּיטאַן 287
אַלעפּביים 289
אָקספּאָרד, מיסיסיפּי 291
ערשטער מאַי 294
יורי גאַגאַרין 296
מאַיאַקאָווסקי 298
קובאַס קאָל 301
דער מישפּעט 302
קדיש (קאַדיש) 307
דער פּרעזידענט 309
מיין שפּיגל 313
אַפריקע 315
דער טויטער בוים 317
מאָריס ראָזענפעלד 319
דאָס באַנצעטל 322
אומשטערבלעכקייט 323

איבערזעצונגען

מאַאָ טסע טונג

לאַנגער מאַרש 327

לענגסטאָן היוז

דער נעגער רעדט וועגן טייכן 328
מעשענע טעפּ 329
די פרייהייט־באַן 330

פּאַבלאָ נערודאָ

"די גרויסע פרייד" 333
געזאַנג צו אַ ציבעלע 334

מאַיקל גאָלד

פרילינג אין בראָנקס 336
די קוילערס
בראָנקס עקספּרעס
אָדע צו אַ לענדלאָרד

נאַזים היקמעט

אַנגינאַ פּעקטאָריס 339
לאָז ניט די וואָלקנס אַנדערע
דערמאָרדן 340
טויט יינגל אַפן סקווער 341
עס רעגנט 342

ניקאָלאַס גווילען

גוטמאָרגן, פידעל 343

וואָלטער לאָוענפעלז

אַ ליד צו פאַרשלעפּערן אַ אָרעם קינד 345

אָלגע קאַבראַל

אין דזשאָרדזשיע־מיסיסיפּי 347
פּאָרטאָריקאַנער 349
סאַן־פראַנציסקאָ 352
איך בין געגאַנגען זען וואָלט וויטמאַן 360
די קינדער 362

ביאָגראַפישע שטריכן 367

שלוסוואָרט—אָלגע קאַבראַל־קורץ—369

ביבליאָגראַפיע—יעפים ישורין 373

ספּאָנסערס 381